UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 11 02 02 01 014 8

JUL 2 1986

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

HX
21
G43
1921
v.1
c.1
ROBA

Digitized by the Internet Archive
in 2010 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/geshikhefunsotsi01kaut

# געשיכטע פון סאָציאַליסטישען געדאַנק

פון

קאַרל קאַוטסקי, פאול לאפארג, עדוארד בערנשטיין, קארל הוגאָ, פראנץ מעהרינג, געאָרג פלעכאַנאָוו, ניקאָלאי לענין און אַנדערע

ערשטער באנד

פון

קארל קאַוטסקי

אידיש פון —

חיים קאַנטאָראָוויטש און דר. א. וואַטענבערג.

פאַרלאַג „קולטור"

ניו יאָרק.

HX
21
G43
1921
v.1

UNIVERSITY OF TORONTO
NOV 29 1967
5

Copyright, 1921,
by Jewish Culture Pub. Co.

# אריינפיר.

די מאָדערנע אַלוועלטליכע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין דער געשיכטע צוויי וואָרצלען. ביידע זיינען אַנטשטאַנען אויף איין און דעם זעלבען באָדען — אויף דעם באָדען פון דער עקזיס־טירענדער געזעלשאַפטליכער און ווירטשאַפטליכער אָרדנונג. ביי־דע האָבען זיי איין און דעם זעלבען ציל — אָבער ביידע זיינען פאַרשיידען לויט זייער עצם.

איינער פון די דאָזיגע וואָרצלען, דער קאָמוניסטי־שער אוטאָפּיזם, איז אַנטשטאַנען צווישען די העכערע קלאַסען. זיינע פאַרשטעהער געהערען צו דער גייסטיגער אַריסטאָ־קראַטיע פון דער געזעלשאַפט. דער צווייטער וואָרצעל פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע — דער גלייכהייטס קאָמו־ניזם, איז אַנטשטאַנען צווישען די נידעריגע קלאַסען, צווי־שען די וואָס זיינען נאָך ביז מיט עטליכע צענדליג יאָר צוריק געשטאַנען אויף די נידעריגסטע שטופען אין זייער גייסטיגער אַנטוויקלונג. דער אוטאָפּיזם איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער טיפער פאַרשטענדניש פון דער ווירקליכקייט מצד מאַנכע טיף געביל־דעטע מענשען, וועלכע זיינען פריי געוועזען פון דעם איינפלוס פון די אינטערעסען, פון זייער קלאַס. דער גלייכהייטס קאָמוניזם אָבער איז רוי און נאַיוו; אים האָט באַשאַפען ניט די סאָציאַלע שאַרפזיניגקייט, דער אומפּאַרטייאישער געפיל און דענקען, נאָר די דרינגענדע באַדערפנישען, דער קאַמף פאַר קלאַסען אינטערעסען.

דער בורזשואַזער פילאַנטראָפּישער קאָמוניזם הויבט זיך אָן מיט טאָמאַס מאָר.

דער גלייכהייטס קאָמוניזם פון דעם מאָדערנעם קעמפענדען פּראָלעטאַריאַט איז נאָך איננגער. זיינע ערשטע באַוועגונגען הוי־בען זיך ערשט אָן באַווייזען אין דער צייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציע פונ׳ם 17טען יאָרהונדערט.

ביידע אָבער, דער אוטאָפּיזם אזוי גוט ווי דער גלייכהייטס קאָ־מוניזם, האָבען זייערע פּאָרלויפער. דער שטאַטס אידעאל וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון פּלאַטאָנ'ען איז ניט געבליבען אָהן איינפלוס אויף די אוטאָפּיסטען, און דער גלייכהייטס קאָמוניזם טראָגט אין אָנהויב נאָך אויף זיך די סימנים פון דעם רעליגיעזען קאָמוניזם פון די קריסטליכע סעקטעס. דער איינפלוס איז יעדענפאַלס געוועזען ניט קיין זעהר טיפער. פּונקט ווי די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אונטערשיידט זיך פון דער אַלט־קלאַסישער און פעאָדאַלער, אזוי איז אויך דער נייער קאָמוניזם אינגאַנצען פאַרשיידען פון דעם פּלאַטאָנישען, אָדער פון דעם קאָמוניזם פון אַלטען און מיטעל־אַלטערליכען קריסטענטום. יעדערער פון זיי וואָרצעלט זיך אין זיין אייגענער צייט, און ציט פון איר זיין כח און זיינע צילען. די פאָרלויפער קאָנען פאַר אים ניט דינען מער ווי אלס שטיץ־פּונקט, וואָס שטיצט און פאַרשטאַרקט זיין געפיל פון אייגענער ווירדע, און אין וועלכע ער קאָן אָפּט, אויף פאַרשיידענע פּונקטען, לייכט געפינען ארגומענטען. זיי קאָנען האָבען א באַדייטענדע ווירקונג אויף זיין אויסערליכען אויסזעהן, אָבער זעהר א שוואַכע, אויף זיין אינערליכען וועזען.

כדי קלאָר צו פאַרשטעהן די אנטשטעהונג פון מאָדערנעם סאָציאַליזם איז פונדעסטוועגען נויטיג אין זינען צו האָבען זיינע פאָרלויפער, וואָס האָבען געהאַט א ווירקונג אויף אים, ד. ה. ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט, — דעם פּלאַטאָנישען און קריסטליכען קאָמוניזם.

די באַטראַכטונג פון די דאָזיגע פאָרלויפער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם איז פאַר אונז אויך וויכטיג נאָך פון א צווייטען, און וויכטיגערען שטאַנדפּונקט. די אינדיווידועלע באַזונדערהייטען פון א וועלכער עס איז ערשיינונג קאָנען מיר געפינען בלויז ווען מיר פאַרגלייכען זי מיט אַנדערע ענליכע ערשיינונגען. אזא סאָרט פאַרגלייך צווישען די פאַרשיידענע סאָרטען קאָמוניזם זיינען ניט זעלטען געמאַכט געוואָרען, אָבער מערסטענס, כדי צו דערגרייכען גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטען; ניט כדי צו אונטערשטרייכען אינדיווידועלע באַזודערהייטען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, נאָר כדי זיי צו פאַרטונקלען. דערביי ווערען אַלע ארטען

קאָמוניזם מיט איין מאָס געמאָסטען, און וואָס עס איז אמת פאר איינעם ווערט אָנגעווענדעט אויף אַלע אָהן אונטערשייד. די ראָזיגע מעטאָדע איז ניט נאָר אַ זעהר באַקוועמע, ווייל די שטרי־כען וואָס זיינען געמיינשאפטליך פאר אַלע ארטען קאָמוניזם זיינען בלויז אויסערליכע, נאָר זי איז טאַקי זעהר אַן אנגענעמע פאר די געגנער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: זי גיט זיי אַ מעג־ליכקייט ארויסצושטעלען אַלע דורכפאַלען פון די פריהערדיגע קאָ־מוניסטען, אַלס אומפארמיידליכע רעזולטאַטען פון די שטרעבונ־גען פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם.

כדי צו דערקענען די באַזונדערהייטען פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, איז זעהר וויכטיג אויסצופאָרשען די באַזונדערהייטען פון זיינע פאָרלויפער. זיין עקזיסטענץ בארעכטיגונג און זיינע שטרע־בונגען וועלען פאר אונז ערשיינען אין אַ גאַנץ נייער ליכט אויב מיר וועלען אויספאָרשען די באַדינגונגען אונטער וועלכע עס זיינען אנט־שטאַנען און אונטערגעגאַנגען זיינע פאָרלויפער. מיר וועלען דערביי מוזען באַרירען טיילווייז אויסער דער געשיכטע פון די קאָמוניס־טישע אידעען און שטרעמונגען אויך די אַלגעמיינע געשיכטע פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. אויב אונזער וועג וועט אַ דאַנק דעם ווערען שווערער און לענגער, וועט ער אָבער דערפאַר זיין פאר־שיידענאַרטיגער און וועט פאר אונז אַנטדעקען פיל ברייטערע האָ־ריזאָנטען. אונזער אינטערעס אין סימפאַטיע צו די העלדען פון גייסט און שווערד, וואָס האָבען אין דער פארגאַנגענהייט געקעמפט פאר דער אָפּשאַפונג פון יעדער עקספּלואַטאַציע און אונטערדרי־קונג, קאָנען דערפון בלויז וואַקסען, אויב מיר וועלען זיך באַקענען ניט נאָר מיט זייערע אידעאַלען און העלדישקייטען, נאָר אויך מיט דער סביבה פון זייער צייט.

ערשטע אפטיילונג.

# דער פלאטאנישער און אורקריסט־ליכער קאמוניזם

## ערשטער קאַפּיטעל.

# פּלאַטאָנס אידעאַלער שטאַט.

### 1. פּלאַטאָן און זיין צייט.

עס איז ניטאָ קיין גרעסערער טעות ווי די אַלגעמיין פאַרשפּרייטע מיינונג אַז דער קאָמוניזם געהט להיפּוך צו דער מענשליכער נאַטור און וועזען. פּונקט פאַרקערט, שוין ביים וויגעלע פון דער מענשהייט איז געשטאַנען דער קאָמוניזם, און ביז היינטיגען טאָג נאָך איז ער דער סאָציאַלער באַזיס פאַר אַ גרויסען טייל פעלקער אויף דעם ערד-קוגעל.

ניט נאָר איז ער ניט אין געגענזאַץ צו דעם געזעץ פון דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, נאָר ער איז טאַקי איינער פון די וויכטיגסטע וואַפען פון דעם מענשען אין דעם דאָזיגען קאַמף. בלויז דורך ענגע פאַרבינדונגען אין גרעסערע אָדער קלענערע געזעלשאַפטען, האָבען די נאַקעטע און אומבאַוואָפענטע מענשען פון דער פאַרגאַנגענהייט זיך געקאָנט באַשיצען געגען זייערע שרעקליכע שונאים אין דער ווילדערניש. דער פאַרצייטיגער מענש האָט געלעבט בלויז מיט דער געזעלשאַפט און אין איר; זיין פערזענליכקייט האָט נאָך ניט איבערגעריסען דעם פאָדים וואָס האָט אים מיט איר פאַרבונדען. פאַראייניגענדיג זיך אין געזעלשאַפטען, האָבען די מענשען געקאָנט ערווערבען פאַר זיך די נויטיגע לעבענס-מיטלען — געמיינשאַפטליך זיינען זיי אויף געיעג געגאַנגען, געמיינשאַפטליך פיש געכאַפּט, געמיינשאַפטליך געלעבט און אַלע צוזאַמען פאַרטיידיגט די אַלגעמיינע וואוינונג און די אַלגעמיינע ערד.

אָבער מיט דעם פאָרטשריט פון דער פּראָדוקציע ענדערט זיך

דאָס. די ערפאָלגען פון דער פראָדוקציע שאפען זייט ביי זייט מיט דעם אלגעמיינעם אייגענטום אויך א פריוואטען אייגענטום. אין אָנהויב איז דאָס פריוואטע אייגענטום בלויז באשרענקט אויף ווייניג זאכען פון פערזענליכען געברויך, וואָס זיינען אָפט טאקע פראָדוצירט געוואָרען פון זייער באזיצער גופא, ווי באצירונגען, געווער א. אז. וו. זאכען, וואָס זיינען אזוי ווי צונויפגעוואָקסען מיט זייער באזיצער; גאנץ אָפט פלעגט מען אזוינע זאכען מקבר זיין צוזאמען מיט דעם, צו וועמען זיי האָבען געהערט.

ביסלעכווייז איז פריוואט אייגענטום אלץ מער פארשפרייט געוואָרען און געקראָגען אלץ מער באדייטונג. עס האָט זיך אָנגעהויבען אויך פארשפרייטען אויף די מער וויכטיגע פראָדוקציאָנס מיטלען און אַם ענדע אפילו אויף די וויכטיגסטע פון זיי, אויף דעם הויפט פונדאמענט פון אונזער עקזיסטענץ — אויף לאנד. געיעג און פיהצוכט פאָדערען נאָך דעם געמיינשאפטליכען באזיץ פון דער ערד; גאנץ אנדערש איז דאָס אָבער מיט דער ערד־ארבייט. ביז דער אנטוויקלונג פון דער מאָדערנער גרויסער דאָרפס־ווירטשאפטליכער פראָדוקציע, איז די ערד־ארבייט אמבעסטענס געלונגען אונטער די פריוואטע ווירטשאפטען פון די באזונדערע משפחות. די פריוואטע ווירטשאפט נויטיגט זיך אָבער, פאר איר אנטוויקלונג, אין דעם פריוואטען באזיץ פון ערד. וואו די ערד־ארבייט אנטוויקעלט זיך און שטויסט ארויס די פריהערדיגע פראָדוקציאָנס פאָרמען, דאָרטען ווערט אלע מאָל שטארקער די באדערפעניש פון דעם פריוואטען באזיץ אויף ערד.

די אנטוויקלונג פון דער שטאָטישער אינדוסטריע און האנדעל מאכט נויטיג דעם פריוואטען באזיץ פון פראָדוקציאָנס־געצייג און פון די פראָדוקטען.

אָבער ניט נאָר ווערט דאָס פעלד פון פריוואט אייגענטום אלץ מער אויסגעברייטערט, נאָר עס באפרייט זיך אויך איינס נאָך איינס פון זיינע באגרענעצונגען, וועלכע ווערען אלץ מער אונטערדריקענד וואָס מער עס אנטוויקלען זיך די פראָדוקציאָנס מיטלען, וואָס מאכען נויטיג דעם פריוואט האנדעל און פריוואט אייגענטום זיך צו אנטוויקלען.

פון דעם ריין פּערזענליכען איינענטום, וואָס פלעגט נאָכ'ן טויט פון דעם באזיצער פארניכטעט ווערען אָדער איבערגעהן אין רשות פון דער געמיינדע, ווערט דאָס פארוואנדעלט אין אן איינענטום וואָס קאָן בירושה איבערגעהן צו אנדערע פריוואטע מענשען.

די אַמאָליגע גלייכהייט פארשווינדט. דאָס פריוואט איינענ־טום ווערט א סאָציאלער פאקטאָר, די געזעלשאפט ווערט צוטיילט אויף הערשענדע באזיצער און אָפּהענגיגע, וואָס באזיצען גאָר נישט. עס ווערט א נויטווענדיגקייט פאר יעדען צו באקומען פריוואט איינענטום, ענדליך ווערט דאָס שטרעבען צו באזיצען, א דאנק דער אנטשטעהונג פון געלט פארוואנדעלט אין א אומגעהייערער ליידענשאפט.

די באדערפעענישען פון נעברויכס-מיטלען זיינען אימער באַ־גרענעצטע. אזוי לאנג ווי רייכטום באשטעהט בלויז פון נעברויכס־מיטלען, וויל קיינער ניט האָבען מער ווי ער דארף פאר א באקוועמען און אנגענעמען לעבען. געלט אָבער קאָן קיינמאָל ניט זיין גענוג, ווייל געלט איז א סחורה פאר וועלכער מען קאָן קויפען אלע אנדערע סחורות, א סחורה וואָס ווערט קיינמאָל ניט קאליע, וואָס מען קאָן אלע מאָל געברויכען. מיט דער ערשיינונג פון געלט ווערט די הויפט לעבענס־אויפגאבע פון די באזיצענדע אָנצוקלייבען וואָס גרעסערע אוצרות, פיל גרעסער ווי די וואָס זיי דארפען פאר זייער נעברויך. דער אונטערשייד צווישען די אָרימע און רייכע קאָן אונטער אזעלכע אומשטאנדען ווערען אומגעהייער און זיי ווערען טאקי אזוי אומעטום וואו עס באווייזען זיך נאָר דערפאר די נויטיגע אומשטאנדען.

צוזאמען דערמיט ווערען פארענדערט אויך די נענענזייטיגע שייכות'ן פון די מענשען, עס ענדערט זיך זייער ארט לעבען און דענ־קען. פריהער איז די הויפט טוגענד פון מענשען געווען די איבער־געבענהייט צו דער געמיינדע — די זעלבסט־אויפאָפּערונג, איצט פארשווינדט די דאָזיגע טוגענד אלץ מער און מער. יעדען איינעם איז זיין העמד נעהענטער צום לייב. די געמיינדעס צו־פאלען זיך אויף קלאסען, וואָס פירען צווישען זיך א פארביטער־טען קאמף, אויף יחידים וואָס זאָרגען יעדער איינער נאָר פאר זיך, נאָר פאר די איינענע אינטערעסען, און זוכען וואָס ווענינער

צו געבען דער געמיינדע און וואָס מער פון איר ארויסבאקומען. דער באַנד וואָס האָט יעדען יחיד פארבונדען מיט דער געמיינדע, און האָט אויפגעהאַלטען איר גאַנצקייט, ווערט אַלץ שוואַכער, זי הויבט אָן אונטערגעהן, אָדער ווערט די רויב פון פאָלק, וואָס איז הינטערשטעליג געבליבען אין זיין אַנטוויקלונג, וואָס האָט אָבער נאָך פארהיט די קאָמוניסטישע טוגענד און קאָמוניסטישען כח.

דאָס איז די געשיכטע פון אַלע נאַציעס און שטאַטען אין אַלטערטום.

פיל שנעלער און באמערקבארער איז די דאָזיגע אַנטוויקלונג פאָרגעקומען אין  א ט ה ע ן.  די צייט צווישען דעם סוף פון די פערסישע מלחמות און דאָס באַזיגען פון  ג ר י כ ע נ ל א נ ד דורך פיליפּ מוקדן, פארנעמט אינגאַנצען אנדערטהאַלבען יאָרהונדערט (פון 479 ביז 338 פאר אונזער צייט־רעכענונג). שוין אין אָנהויב פון דער דאָזיגער צייט געפינען מיר (אפילו ניט רע־כענענדיג די שקלאַפען וואָס האָבען צו דער געמיינדע ניט גע־הערט) קלאַסען־אונטערשיידען און קלאַסען־היפּוכים, פּריווילעגיר־טע אַריסטאָקראַטען און רעכטלאָזע פאָלקס מאַסען, אָרימע און רייַ־כע. אָבער די דאָזיגע היפּוכים האָבען זיך נאָך אויף אַזוי ווייט ניט אַנטוויקעלט, אַז זיי זאָלען קאָנען פארטויבען ביי דער פרייער באַפעלקערונג דעם אַלגעמיינעם אינטערעס צו די מלוכה־ענינים. אין דעם לעצטען דריטעל פון דער דאָזיגער צייט איז אין אטהען, אויסער אַ סך שקלאַפען, געווען בלויז רייכע און אָרימע.

„אין דער פריהערדיגער צייט", רופט אויס דער גרויסער אָראַ־טאָר דעמאָסטענעס אין איינער פון זיינע רעדעס אין געריכט, „איז ניט געווען אַזוי ווי היינט, פריהער איז אַלץ וואָס האָט געהערט צום שטאַט געווען רייך און גלענצענד, אָבער צווישען די באַזונ־דערע בירגער האָט זיך קיינער אויסערליך ניט אונטערשיידט פון צוויטען. נאָך אפילו היינט קאָן יעדערער פון אייך מיט זיינע איינענע אויגען זיך איבערצייגען, אַז די וואוינונג פון פּעמיסטאָ־קאָל, מאַלטיאַדא און פון אַלע אַנדערע גרויסע מענער פון דער פאַרגאַנגענהייט, זיינען בשום אופן ניט געווען בעסער אָדער שענער פון די וואוינונגען פון זייערע איבעריגע מיטבירגער. דערפאר אָבער

זיינען די נעזעלשאפטליכע געביידעס און מאָנומענטען וואָס זיינען אין יענער צייט אויפגעשטעלט געוואָרען, אזוי ערהאבען און שעהן, אז עס וועט זיך שוין מער קיינמאָל ניט איינגעבען צו שאפען עטוואָס בעסערס. איך האָב דאָ אין זינען די פּראָפּילעען, ארסע־נאלען, קאָלאָנאדען, האפען־געביידעס, פירעען און אנדערע געזעל־שאפטליכע געביידעס פון אונזער שטאָט. איצט אָבער זיינען פּאראַן שטאטסמענער, וועמעס פּריוואטע וואוינונגען זיינען רייכער ווי פילע געזעלשאפטליכע געביידעס, און וועמעס גיטער זיינען גרעסער ווי אלע פעלדער פון די אלע ריכטער, וואָס זיינען דאָ איצט פארזאמעלט *). און אלץ וואָס עס ווערט איצט געבויט פאר'ן שטאָט איז אזוי אומ־באדייטענד און ארים, אז עס איז א שאנדע צו רעדען וועגען דעם".

די דאָזיגע ערשיינונג האָט מען געקאָנט באמערקען אין גאנ'ץ ג ר י כ ע נ ל א נ ד, אָבער שארפער ווי אומעטום האָט זיך דאָס אָנגעזעהן אין א ט ה ע ן, וואָס איז א דאנק די פּערסישע מלחמות געוואָרען דער מעכטיגסטער שטאָט אין גריכענלאנד, און וועלכער האָט געראַטעוועט די גריכישע פרייהייט פון פּערסיען בלויז כדי ארויפצולייגען אויף גריכענלאנד איר אייגענעם יאָך. כמעט די גאנצע באפעלקערונג פון די ברעגעס און אינזלען פון עגייאישען ים (ווי אויך פיל אנדערע שטעט און אינזלען וואָס האָבען זיך געפונען ניט ווייט פון ים), זיינען באזיגט געוואָרען און געדארפט צאָלען צינזען צו אטהען. צוזאמען מיט דער ארבייט פון די שקלאַ־פען און די רוחים פון דעם שנעל בליהענדען האנדעל, זיינען אויך דער מלחמה־רויב און די צינזען געוואָרען א שטענדיגער קוואל פון רוח פאר דער באפעלקערונג פון א ט ה ע ן, א מיטעל נאָך רייכער צו מאכען די רייכע און אָפּגעוואוינען פון ארבייט די אי־בעריגע פרייע מענשען, וועלכע פלעגען אויסגעהאלטען ווערען אויפ'ן חשבון פון די ריזיגע רעגירונגס הכנסות, און דורך דעם פאר־וואנדלען זיי אין א לומפען־פּראָלעטאריאט, צולאָזען און אָפּ־שוואכען די גאנצע באפעלקערונג. דאָס האָט נעמאכט אז אטהען זאָל פארהאסט ווערען איבער גאנ'ץ גריכענלאנד.

*) די געריכטען (דיסקאטעריען) אין אטהען זיינען באשטאנען פון געשוואוירענע ריכטער; יעדעס געריכט־הויז האָט געהאט פינף הונ־דערט געשוואוירענע ריכטער.

סוף כל סוף האָט צווישען דער אַלץ וואַקסענדער אַטהען פון איין זייט און די נאָך ניט באַזיגטע פּעלאָפּאָנעזישע שטאַטען וואָס זיינען געווען אונטער דער פירערשאַפט פון ס פּ אַ ר ט אַ, אויסגעבראָכען אַ ביטערער קאַמף אויף לעבען און טויט. דאָס איז אָבער ניט בלויז געווען אַ קאַמף קעגען דער העגעמאָניע פון אַטהען, נאָר אויך אַ קאַמף צווישען דעמאָקראַטיע און אַריסטאָקראַטיע. אַ ט ה ע ן איז געווען דער דעמאָקראַטישסטער שטאַט אין גריכענלאַנד, ס פּ אַ ר ט אַ איז געווען דער אַריסטאָקראַטישסטער. אין די אַלע שטאַטען, וועלכע אַטהען האָט באַזיגט, פּלעגען איבערהויפּט ליידען די אַריסטאָקראַטען; די אַטהענער פּלעגען זיי באַרויבען פריהער ווי אַלע אַנדערע שיכטען פון פאָלק. אין אַטהען גופא פּלעגט דאָס פאָלק, אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך געווען, אַרויפוואַרפען אַלע שטאַט התחיבות'ען אויף דער אַריסטאָקראַטיע און אויף די רייכע. דערפאַר איז די דאָזיגע שטאַט פאַרהאַסט געווען פון אַלע אַריסטראָקראַטען און רייכע. אין אַטהען גופא איז דער סאָציאַלער אונטערגאַנג, די היפּוכים צווישען אָרימע און רייכע, דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אַטהענער גבירים און אַריסטאָקראַטען פּלעגען „מאַכען חנ'דלאַך" און אַריין אין אָפּמאַכען מיט זייער נאַציאָנאַלען שונא, מיט ספּאַרטאַ. דער זיג פון ספּאַרטאַ האָט זיי אויסגעוויזען צו זיין דער בעסטער מיטעל ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דער מאַכט פון פאָלק. די אַנטיטיידענע שלאַכט צווישען אַטהען און ספּאַרטאַ, דער אַזוי־גערופענער פּעלאָפּאָנעזישער קריג, האָט זיך געצויגען כמעט 30 יאָהר (431—407), און האָט זיך פאַרענדיגט מיט דער פולשטענדיגער פאַרניכטונג פון אַטהענס מאַכט. אַטהען איז באַגרענעצט געוואָרען און איז געוואָרען אָפּהענגיג פון ספּאַרטאַ. די דעמאָקראַטיע האָט איר פּלאַץ פאַרלאָזען, איבערגענומען די הערשאַפט האָבען די קליינליכע נפשות פון ספּאַרטאַ.

אַזאַ לאַגע האָט געפאָדערט אויפמערקזאַמקייט, און האָט געצוואונגען צו פאַרטראַכטען זיך וועגען דער אויפבליהונג און אונטערגאַנג פון שטאַטען. די פראַגע וועגען דער בעסטער שטאַטס איינריכטונג האָט דעמאָלט אַלעמען באַשעפטיגט.

אין דער דאָזיגער היסטאָרישער סביבה איז אויפגעוואַקסען פּלאַטאָן.

פלאטאָן האָט קיינמאָל ניט פארלייקענט זיין אריסטאָקראַטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג אין אַטהען.

ער איז געבוירען געוואָרען עטוואָס שפּעטער ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פּעלאָפּאָנעזישער קריג *) אין אַן אַלטער אריסטאָקראַטישע משפּחה און האָט זיך זיין גאַנץ לעבען באַצויגען צו דער דעמאָקראַטיע ניט פריינדליך. באַנוצענדיג זיך מיט זיין גוטער מאַטעריעלער לאַגע, האָט ער זיך געקאָנט אינגאַנצען אָפּגעבען מיט זיין גייסטיגער זעלבסט־אַנטוויקלען, און האָט זעהר פריה אָנגעהויבען זיך אָפּגעבען מיט פּאָעזיע און פילאָזאָפיע. זיין באַקאַנטשאַפט מיט סאָקראַטעס׳ן, וואָס האָט זיך וואַרשיינליך אָנגעהויבען ווען פלאַטאָן איז נאָר 20 יאָהר אַלט געוועזן האָט אויף אים געהאַט אַן אַנטשיידענדע ווירקונג. זינט דער דאָזיגער באַקאַנטשאַפט גיט ער זיך אינגאַנצען אָפּ מיט פילאָזאָפיע, און ער ווערט דער אָנגעזעהענסטער תלמיד פון סאָקראַטעס׳ן. ער האָט אָבער אויסגעברייטערט דעם קרייז פון סאָקראַטעס׳עס אידעען דורך זעלבסטשטענדיגע אויספאָרשונגען**) און דורך אַ רייע רייזעס

*) דאָס יאָר פון זיין געבורט איז אומבאַוואוסט. עס קומט אָבער אויס צווישען די יאָרען 429 און 427 פאַר אונזער צייט־רעכענונג.

**) ספּעציעל אַ גרויסע ווירקונג האָט אויף פלאַטאָנ׳ען געמאַכט די לערע פון די פּיטאַגאָריסטען און אַ טיפערער שטודיום פון מאַטעמאַטיק. דאָ ווילען מיר זיך ערלויבען צו מאַכען די פאָלגענדע באַמערקונג: פּיטאַגאָראַס׳ן (געבאָרען אַרום דעם יאָר 600, געשט. אינ׳ם יאָר 510 פאַר אונזער צייט־רעכענונג) שטעלט מען אָפט אַרויס אַלס קאָמוניסט און גרינדער פון אַ קאָמוניסטישען פאַרבאַנד. „לויט די גייסטע ידועות״, זאָגט צעללער, איינער פון די בעסטע קענער פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, „האָבען די פּיטאַגאָריסטען פון די העכערע מדרגות געלעבט אין פאָלשטענדיגען קאָמוניזם, לויט אַ פּינקטליך רעגולירטער לעבענס־אָרדנונג, וואָס זיי האָבען גערעכענט אַלס געטליכע אינסטיטוציע; אַ היין לייווענטענע בגדים, שרייבט מען זיי צו אַ פאָלקאָמענע צוריקהאַלטונג פון בלוטיגע קרבנות, פון פליישיגע מאכלים, פון באָב און פון אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטען; צו די פּיטאַגאָריסטען שרייבט מען אַפילו צו הייראַטס־לאָזיגקייט״. „נאָר״, זעצט צעללער ווייטער פאָר: „גאָר די ערשטע עדות, וואָס פאַרדינען מער צוטרוי, ווייסען גאָרניט וועגען דעם קאָמוניזם״, און נאָכדעם, ביים סוף: „די דערציעהלונגען פון די שפּעטסטע שרייבער וועגען דעם קאָמוניזם פון די פּיטאַגאָריסטען, זיינען,

וואָס ער האָט אונטערגענומען נאָך דעם טויט פון זיין לערער. ער האָט דאן באזוכט מצרים, קירען, דרום איטאליע און סיציליע.

צוריק קומענדיג אין אטהען איז פלאַטאָן עפענטליך ארויסגעטראָטען אלס לערער. אָבער זיין טעטיגקייט אלס לערער האָט ער דערנאָך נאָך צוויי מאָל איבערגעריסען כדי צו מאכען לענגערע רייזעס אין סיציליע.

פלאַטאָן האָט געשאפען א גאנצע סיסטעם פון באזונדערע פּאָליטישע פּרינציפּען, וועגען וועלכע מיר וועלען שפּעטער רעדען, אים איז אָבער אפילו אין קאָפּ ניט געקומען מאכען א וועלכע עס איז פּראָבע דורכצופירען אין לעבען זיינע פּרינציפּען, דורך באטייליגען זיך אין פּאָליטישען לעבען.

דערפון דארף מען אָבער ניט שליסען, אז פלאַטאָן האָט ניט געוואָלט דורכפירען אין לעבען זיינע אידעען וועגען שטאַט און געזעלשאפט, אָדער אז ער האָט זיי באטראכט אלס פּשוט'ע פאנטאזיעס.

אינ'ם יאָר 368 איז געשטאָרבען דיאָניסעאוס דער עלטערער, דער טיראן פון סיראַקיוז. זיין זון דיאָניסעיאוס דער אינגערער האָט אמאָל ארויסגעוויזען פּילאָזאָפישע נייגונגען און האָט זיך גערעכענט פאר א רעפּאָרמאַטאָר, אַ זאַך, וואָס איז, ווייזט אויס, אריין פון דאן אָן אין דער מאָדע פאר אלע טראַן נאָכ־

---

אָהן ספק, פאַנאַטיש". (צעללער, די פּילאָזאָפּיע דער גריכען דריטע אויסגאַבע, לייפּציג 1869, ב. 1, ז. 270-274). אלעָנפאלס איז דער זאָגענאַנטער פּיטאַגאָרישער קאָמוניזם אַ שפּעטערדיגע ערפינדונג, פאר וועלכער דער פלאַטאָנישער קאָמוניזם האָט, ווארשיינליך, געדינט אלס ביישפּיל. מען קאָן באין אופן ניט זאָגען, אַז דער קאָמוניזם פון פלאַטאָנען איז אנטנומען פון פּיטאַגאָראס'ן.

אין די היסטאָרישע באשרייבונגען פון דעם גריכישען קאָמוניזם פארנעמט, געוועגליך, דער פּיטאַגאָרישער קאָמוניזם אַ פלאַץ זייט ביי זייט נעבען דעם פלאַטאָנישען. דאָס איז גענוג אָנצוצייגען אויף דעם פאַנטאַסטישען כאַראַקטער פון דעם ערשטען. עס איז כדאי צו לייענען וועגען דעם, אַ חוץ צעללער'ס, ר. פּעלמאן'ס, געשיכטע דעם אַנטיקען קאָממוניזמוס אונד סאָציאַליזמוס. מינכען 1893, ב. 1, ז. 53, און דרומאן, „די ארבייטער און קאָמוניסטען אין גריכענלאנד אונד ראָם, קעניגסבערג, 1880, ז. 19.

פּאָלגער. ד י אָ ן, א פריינד פון פּלאַטאָנ׳ען און דיאָניסעיאוס׳עס א שוואָגער, האָט געהאָפּט צו מאכען דעם לעצטען פאר אן אָנהענגער פון זיינע שטרעבונגען; מיט אָט דער האָפנונג אויף דער פאַר־ווירקליכונג פון זיינע פּאָליטישע אידעאלען איז פּלאַטאָן אוועק־געפאָרען אין ס י ר א ק י ו ז, האָפענדיג צו באוועגען דעם טיראַן צו דורכפירען די פּלענער, פאר וועמעס פארווירקליכונג ער האָט אין אַטהען גופא אפילו א פינגער אָן א פינגער ניט א קלאפּ געטאָן.

פארשטעהט זיך, אז ער האָט זיך ביטער אנטוישט. דיאָ־ניסעיאוס׳ן איז געפעלען געווארען וואָס פילאָסאָפען דרעהען זיך ארום זיין הויף און פארגרעסערען דערמיט זיין אייגענעם גלאנץ, ווי האָבען אים אָבער ניט געטאָרט שטערען, זיך איבערצוגעבען צו פארגעניגענס, וואָס פרויען, וויין און געזאנג, האָבען אים פאר־שאפט. ווען די פילאָזאָפען זיינען פאר אים געוואָרען אומ־באקוועם האָט „דער פילאָזאָף אויפ׳ן טראָן" געהייסען זיי פשוט ארויסוואַרפען, ד. ה. פארטרייבען זיי. ווען אָבער פּלאַטאָן איז טראָץ דעם געקומען אין עטליכע יאָר ארום נאָכאמאָל אין סיראַ־קיוז, איז ער אזוי פיינטליך באגעגענט געווארען, אז אים האָט זיך קוים איינגעגעבען צו ראַטעווען זיך מיט׳ן לעבען.

אָט אזוי האָט זיך געענדיגט די פּאָליטישע טעטיגקייט פון אונזער פילאָזאָף. זיין לערער־טעטיגקייט אָבער האָט ער פאָרט־געזעצט ביז זיין טויט, וועלכער איז געקומען אויפ׳ן 81טען יאָר פון זיין לעבען.

## 2. דאָס בוך וועגען שטאַט.

פון אלץ וואָס פּלאַטאָן האָט געשריבען אינטערעסירט אינז דאָ בלויז איין ווערק, ד י ע ר ש ט ע ס י ס ט ע מ א ט י ש־פ י ל אָ ז אָ פ י ש ע פ א ר ט י י ד י ג ו נ ג פ ו ן ק אָ־מ ו נ י ז ם, זיין בוך וועגען שטאַט, (פּאָליאטעיא) וואָס ער האָט אנגעשריבען ווארשיינליך קורץ פאר זיין ערשטער רייזע צום איינ־נערן דיאָניסעיאוס׳ן, ארום דעם יאָר 368.

די וויכטיגסטע טייל פון דעם דאָזיגען בוך איז פארנומען

מיט אן אויספאָרשונג וועגן דער בעסטער שטאַטליכער און גע־
זעלשאַפטליכער אָרדנונג.

אַז די עקזיסטירענדע פאָרמען פון שטאַט און געזעלשאַפט זיינען ניט צופרידענשטעלענד, אין דעם צווייפעלט ניט פּלאַטאָן.

דאָס פּריוואַטע אייגענטום, זאָגט ער, דער געזעגנזאַץ צווישען רייך און אָרעם, פירט צום אונטערגאַנג פון שטאַט. „פאַרהאַל־טען זיך דען ניט טוגענד און רייכטום איינס צו דאָס צווייטע, פונקט ווי זיי וואָלטען אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף צוויי שאָלען, אַזוי אַז איינע מוז אומבאַדינגט זיך אַראָפּלאָזען ווען די צווייטע הויבט זיך אויף?... פאָלגליך, אויב אין אַ שטאַט ווערען די רייכע און דאָס רייכטום געאַכט, ווערען ניט געאַכט די טוגענד־האַפטע און די טוגענד... אָט אַזאַ שטאַט שטעלט מיט זיך אום־פאַרמיידליך פאָר עפּעס אַזוי ווי צוויי באַזונדערע שטאַטען; איינעם שטעלען צוזאַמען די אָרעמע, דעם צווייטען — די רייכע, און די אַלע לעבען צוזאַמען, און מיהען זיך איינער דעם צווייטען צו שעדיגען *) און סוף כל סוף זיינען די (ד. ה. די הערשענדע רייכע) ניט אימשטאַנד צו פירען מלחמות, ווייל דערצו דאַרפען זיי זיך באַנוצען מיט דער מאַסע, וועלכע, אויב זי איז נאָר באַוואַ־פענט, קען פאַר זיי זיין געפערליכער ווי דער ערגסטער שונא, אָדער זיי מוזען זיך אַנטזאַגען פון דער הילף פון דער מאַסע, און דאַן געהן אויף די שלאַכט־פעלדער איז אַ זעהר קליינער צאָל; אויסער דעם ווילען די רייכע ניט צאָלען קיין שטייערען, ווייל זיי האָבען זעהר ליב געלט.“

די אָרעמע, די פּראָלעטאַריער, פאַרגלייכט פּלאַטאָן מיט דראָנען, וואָס באַווייזט קלאָר דעם אונטערשייד צווישען דעם אַמאָליגען און דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַ־ריאַט. אַמאָל זיינען די פרייע און באַזיצלאָזע מערסטענס געוועזען לומפּען־פּראָלעטאַריער. היינט לעבט די געזעלשאַפט אויפ'ן חשבון פון פּראָלעטאַריאַט, דאַן האָט דער פּראָלעטאַריאַט געלעבט אויפ'ן

*) ווי ס'ווייזט אויס, האָט ניט דיזראַעלי אויסגעטראַכט דעם אויס־דרוק וועגען צוויי נאַציעס, וואָס לעבען אין איין מלוכה; ער איז עלטער פון איהם מיט העכער צוויי טויזענט יאָר.

חשבון פון דער געזועלשאפט. זיי האָבען געלעבט פון עקספּלואַ־טירען דעם שטאַט און די רייכע, וועלכע האָבען זייערע רייכטימער באַקומען פון דער ארבייט פון שקלאַפען און פון צינזען פון די באַזיגטע פעלקער. אָבער, זעצט פאָר פּלאַטאָן, די צוויי פּיסינג ד ר אָ נ ע ן אונטערשיידען זיך פון די פּליגעלדיגע; ניט אַלע פון זיי זיינען אָהן גיפט, „פון גיפּטלאָזע ווערען בעטלער אויף דער עלטער, און די וואָס האָבען גיפט געבען מאַטעריאַל פאַר די נידעריגסטע מענשליכע שיכטען... זיי ווערען קעשענע־גנבים און זיינען גרייט פאַר אַלע שאַנד־טאַטען, (8טער בוך, 6טער און 7טער קאַפּיטעל).

א שטאַט וואָס באַשטעהט פון אַזוינע צוויי, צווישען זיך פיינדליכע שטאַטען, איז א פאַר'משפּט'ער צום אונטערגאַנג, אָהן אונטערשייד ווער עס זאָל דאָרט ניט הערשען, די רייכע (אָליגאַר־כיע) אָדער די אָרמע (דעמאָקראַטיע).

וואָס זשע פאַר א שטאַטליכע פאָרמע שלאָגט פּלאַטאָן פאָר אויפ'ן פּלאַץ פון „דער שלעכטער שטאַטליכער אָרדנונג״ ?

לויט זיין מיינונג קען בלויז דער קאָמוניזם פאַרניכטען די דיס־הארמאָניע.

פּלאַטאָן איז אָבער צופיל אַריסטאָקראַט צו פאַרלאַנגען, אַז די קלאַסען היפּוכים זאָלען באמת אָפּגעשאַפט ווערען. דער קאָמוניזם דאַרף אויפהאַלטען דעם שטאַט, ער דאַרף ווערען דער קאָנסערוואַטיווער עלעמענט, אָבער בלויז אין דער פאָרמע פ ו ן א ק אָ מ ו נ י ז ם פ ו ן ד י ה ע ר ש ע נ ד ע ק ל אַ ס ע ן. אויב דאָס פּריוואַט איינענטום ווערט אָפּגעשאַפט ביי די הער־שענדע קלאַסען, וועט דערמיט גופא אָפּגעשאַפט ווערען פאַר זיי דער פאַרלאַנג צו עקספּלואַטירען די אָרמע מאַסען. דאַן וועלען די הערשער שוין ניט מער זיין קיין וועלף, נאָר איבערגעגעבענע וואַך־הינט, וועמעס לעבענס אויפגאַבע עס וועט זיין פאַרטיידיגען דאָס פאָלק און פירען איהם אויף דעם בעסטען וועג.

פאַר די ארבייטענדע קלאַסען, פאַר די פּויערים און בעלי־מלאכות, אַזוי גוט ווי פאַר די קליינע און גרויסע סוחרים, ווערט דאָס פּריוואַט איינענטום אין פּלאַטאָנס שטאַט ניט אָפּגעשאַפט. און באמת וואָלט די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־איינענטום ביי די

דאָזיגע קלאַסען צו יענער צייט געהן להיפּוך צו די נויטען פון די דאַמאָלסדיגע פּראָדוקציאָנס אופנים. ווייל דער באַזיס פאַר דער גאַנצער פּראָדוקציע איז דאַן נאָך געווען דער קליין באַטריב אין ערד־ארבייט און האַנט־ווערקעריי. און דער קליין באַטריב פאַ־ דערט אומבאַדינגט דעם פּריוואַטען באַזיץ פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען. אמת, שוין דאַמאָלסט האָבען עקזיסטירט גרויסע ווירט־ שאַפטען, באַארבייט אָבער זיינען זיי געוואָרען פון שקלאַפען. די טעכניק פון דער ערד־ארבייט און האַנט־ווערקעריי האָט זיך נאָך אויף אַזוי פיעל ניט אַנטוויקעלט, אַז עס זאָל זיך פאָדערען אַ גע־ זעלשאַפטליכע פּראָדוקציע. וואו, עס איז ניט געווען קיין אוי־ סערליכער צוואַנג, וואָס זאָל צונויפטרייבען די אַרבייטער, דאָרט וואו זיי זיינען געווען פריי, האָט יעדער איינער געאַרבייט זעלבסט־ שטענדיג. אין פּלאַטאָנ׳ס צייטען איז אַ פאַרלאַנג אָפּצושאַפען פּריוואַט אייגענטום אויף די פּראָדוקצינס מיטלען געווען אומ־ דענקבאַר. דערפאַר האָט זיך זיין סאָציאַליזם אַזוי טיף אונטער־ שיידט פון דעם היינטיגען.

אין דעם פּלאַטאָנישען אידעאַלען שטאַט פּראָדוצירט דער הערשענדער קלאַס קיין זאַך ניט. ער ווערט אויפגעהאַלטען אויפ׳ן חשבון פון די אַרבייטענדע קלאַסען. זיין קאָמוניזם איז ניט קיין קאָמוניזם פון די פּראָדוקציאָנס מיט־ לען נאָר פון די פאַרברויכס מיטלען, פאַרשטעהענדיג דעם וואָרט אין ברייטסטען זין.

דער הערשענדער קלאַס, דאָס זיינען די וועכטער פון שטאַט. זיי קלייבט מען ספּעציעל פאַרזיכטיג אויס פון די בעסטע און טיכ־ טיגסטע. די קינדער פון די דאָזיגע וועכטער האָבען נאַטירליך מער געלעגענהייט אין דעם דאָזיגען קלאַס אריינגענומען צו ווערען, ווי אַלע איבעריגע קינדער פון שטאַט, ווייל דער עפּעל פאַלט ניט ווייט פון בוים. אויב אָבער אַ קינד פון אַ וועכטער איז ניט צוגע־ פאַסט פאַר דעם, ווערט עס אָהן רחמנות פון דעם דאָזיגען קלאַס אויסגעשלאָסען.

פאָלגליך, באַרוט די אַריסטאָקראַטיע אין דעם פּלאַטאָנישען שטאַט ניט אויף דעם ירושה פּרינציפּ.

די יוגענט וואָס ווערט באַשטימט פאַר דעם וועכטער־קלאַס,

קריגט אַ באַזונדערע זאָרגזאַמע ערציהונג, וואָס איז פון פּלאַטאָנ'ען מיט אַלע דעטאַלען באַשריבען געוואָרען. דאָ איז אָבער ניט דאָס פּלאַץ אויף די דאָזיגע דעטאַלען זיך אָפּשטעלען.

„אָבער אויסער דער דאָזיגער ערציהונג, זאָגט פּלאַטאָן ווייטער *), קאָנען קלוגע מענשען פּילייכט אויך זאָגען, אַז מען דאַרף פאַר זיי אויסבויען וואוינונגען און פאַרזאָרגען זיי בכלל מיט אַלע נויטיגע זאַכען, אַזוי אַז קיין זאַך זאָל ניט שטערען די וועכטער צו זיין די בעסטע, כדי זיי זאָלען קאָנען ביישטעהן יעדען נסיון צו שעדיגען די אַנדערע בירגער."

„זעהר ריכטיג", האָט ער געזאָגט (גלאַאוקאָן).

„הער־זשע זיך צו", האָב איך (סאָקראַטעס) געזאָגט, „דאַרפען זיי אפשר ניט לעבען לפי ערך אַזוי, כדי צו ווערען דאָס וואָס זיי דאַרפען זיין. ערשטענס, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגליך זאָל קיינער פון זיי קיין אייגענטום ניט האָבען; קיינער זאָל ניט האָבען קיין באַזונדער וואוינונג אָדער שפּייכלער, וואו יעדער איינער וואָס וויל נאָר זאָל ניט קענען אַריינגעהן. אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר אַ מוטיגען און דורכשניטליכען מלחמה־מענש דאַרפען זיי באַקומען אַלס שכר דערפאַר וואָס זיי היטען אָפּ דעם שטאַט. דאָס דאַרף זיי געגעבען ווערען פון די אַנדערע בירגער נאָך דער רייהע נאָך און אין אַזאַ מאָס, אַז עס זאָל זיי גאָר ניט פעלען, עס זאָל אָבער אויך גאָר ניט איבערבלייבען אויפ'ן צווייטען יאָהר. זיי דאַרפען לעבען און עסען, ווי זעלנער אויפ'ן וועג, געמיינשאַפטליך. גאָלד און זילבער, דאַרף מען זיי זאָגען, ווערט אימער דורך די געטער אַריינגעלעגט אין זייערע נשמות, אין דער פאָרמע פון דעם געטליכען פונק, און דערפאַר נויטיגען זיי זיך ניט אין קיין גאָלד און זילבער פון מענשען. זיי טאָרען ניט באַליידיגען דאָס געטליכע גאָלד דורך דעם, וואָס זיי וועלען קריגען אירדישע, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט, זעהר אָפּט ניט קיין זויבערע בייטען, אין דער צייט וואָס דאָס

*) אָדער, ריכטיגער, סאָקראַטעס. דאָס גאַנצע ווערק, ווי אַלע פּלאַטאָנישע חקירות בכלל, איז אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג, וואו סאָקראַטעס איז, פּונקט ווי ער איז אויך דאָ, די הויפּטפּערזאָן.

נאָלד פון זייערע נשמות איז ריין. ווי אליין, מוז מען אין שטאַט פאַרווערען צו האָבען צו טאָן מיט גאָלד און זילבער, אפילו זיך צורירען צו זיי, האָבען דאָס ביי זיך אין הויז אָדער אויסצירען דערמיט זייערע קליידער אָדער געשיר. אויב זיי זאָלען האָבען אייגען לאַנד, וואוינונגען און געלד, וועלען זיי דאַן זיין הויז־אייגענטימער און גוטס באַזיצער, און ניט קיין וועכטער, קיין שטרענגע הערשער און ניט קיין חברים פון אַלע אנדערע בירגער. זיי וועלען דאַן פאַרבראַכט זייער לעבען האַסענדיג און נאָכשפּי־רענדיג אַנדערע, זייענדיג אַליין געהאַסטע און נאָכגעשפּירט, מורא האָבענדיג פאַר'ן אינערליכען שונא פיל מער ווי פאַר'ן אויסער־ליכען, און דאַן וועלען זיי, און צוזאַמען מיט זיי דער גאַנצער שטאַט, אומפאַרמיידליך פאַרלאָרען נעגאַנגען. (3טער בוך, 22טער קאַפּיטעל.)

אָבער פּלאַטאָן פאָדערט פאַר זיינע „וועכטער" ניט בלויז גע־מיינשאַפטליכען אייגענטום. עס מוז באַזייטיגט ווערען אַלץ וואָס קאָן שאַפען ביי זיי פּריוואַטע אינטערעסען, אַלץ וואָס קאָן צווישען זיי ארויסרופען קריגערייען און אומאיינשטימיגקייט. דערפאַר פאָדערט ער, אַז עס זאָל פאַר זיי אויך אָפּגעשאַפען ווערען באַזונדערע פאַמיליעס, און איינגעפירט ווערען די געמיינ־שאַפטליכקייט פון פרויען און קינדער.

מיר זעהען, אלזאָ, אַז די פאָדערונג אָפּצושאַפען די פאַמיליע און די הייראַט איז נאָך ארויסגעשטעלט געוואָרען פון אַ פילאָסאָף אין אַלטערטום, און דערצו נאָך פון אַזאַ, וואָס ווערט איצט פון די אָפיציעלע אויפּהיטער פון מאָראַל און אָרדנונג אַזוי שטאַרק געלויבט פאַר זיין כמעט „קריסטליכער עטיק".

„מיט דעם אַלעם וואָס איז פריהער געזאָגט געוואָרען", זאָגט פּלאַטאָן דורך סאָקראַטעס'ען, איז נאָך מיין מיינונג פאַרבונדען די פאָלגענדע איינריכטונג."

„וועלכע?"

„אַז אַלע פרויען זאָלען געהערען צו אַלע מענער, און קיינע פון זיי זאָל ניט לעבען מיט וועמען עס איז באַזונדער. די קינדער דאַרפען אויך זיין געמיינשאַפטליכע, אַז דער פאָטער זאָל זיין קינד ניט קענען און דאָס קינד זיין פאָטער." (5טער בוך, 7טער קאַפּיטעל).

דאָס מיינט אָבער ניט, אז פּלאַטאָן האָט געוואָלט דערלאָזן צו אָרדנונגסלאָזע געשלעכטליכע פאַרהעלטנישען. זיי האָבען זיך געמוזט אונטערוואַרפען אונטער איין פּרינציפּ: אונטער דעם ג ע ש ל ע כ ט ל י כ ע ן א ו י ס ו ו א ל. פרויען מעגען געבוירען קינדער „פאַר'ן שטאַט" ווען זיי זיינען אין עלטער פון 20 ביז 40 יאָהר. מענער מאָגען „שאַפען פאַר'ן שטאַט" בלויז פון 30 ביז 55 יאָהר. ווער עס האָט, פאַר אָדער נאָך דער צייט קינדער, ווערט באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעכער. אזעלכע קינדער דאַרף מען באַזייטיגען דורך קינסטליכען פעלגעבורט אָדער פּשוט ארויס־וואַרפען אין גאַס. ערציהען זיי טאָר מען ניט. די מענשען אָבער וואָס זיינען אין די גרענעצען פון דעם באַשטימטען עלטער, דאַרף דער שטאַט ווי ווייט מעגליך אַזוי צונויפּפּאָרען, אַז די שטאַרק־סטע זאָלען מערסטענס לעבען מיט די שטאַארקסטע און די שוואַכ־סטע מיט די שוואַכסטע, כדי עס זאָל פון זיי ארויסקומען פּאָלקאָ־מענע קינדער. די קינדער פון די ערשטע דאַרף מען ערציהען, די קינדער אָבער פון די לעצטע דאַרף מען אַוועקוואַרפען. דאָס אַלעס (ד. ה. די רעגולירונג פון די געשלעכטליכע באַציהונגען) דאַרף אַלעמען זיין אומבאַקאַנט, אויסער די הערשער אליין, כדי צווישען די וועכטער זאָל וואָס ווענינער קריגערייַ זיין."

די אָבער, וואָס זיינען עלטער פון די באַשטימטע יאָהרען קאָנען זיך אויסמישען און זיך אויפקומען מיט וועמען זיי ווילען פון זייער עלטער.

„די ניי געבוירענע קינדער ווערען צוגענומען אין ספּעציעלע אנשטאַלטען, וואָס באַשטעהען פון מענער אָדער פרויען, אָדערביידע צוזאַמען, ווייל דער דאָזיגער אַמט איז גלייך צוגענגליך פאַר ביידע געשלעכטען."

„גוט."

„די קינדער פון די שטאַרקע מענשען וועלען זיי, רעכען איך, אָפּטראָגען אין אַן ערציהונגס־אנשטאַלט, צו ערציהערינס, וואָס זאָלען וואוינען אין א באַזונדערען טייל פון שטאָט, די קינדער אָבער פון די שוואַכע, אזוי גוט ווי געבוירענע קאַליקעס, וועלען זיי באַ־האַלטען ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטען און אומצוגענגליכען פּלאַץ."

„אזוי דאַרף טאַקע זיין, האָט ער געזאגט, כדי דער מין פון די
וועכטער זאָל פאַרבלייבען עדעל.״

„די דאָזיגע אויפזועהער וועלען זיך זאָרגען פאַר דער ערנע־
רונג פון די קינדער. אין דעם ערציהונגס אנשטאַלט וועלען זיי
ברענגען מוטערס, וועלכע האָבען אַ סך מילך, דערביי אָבער וועלען
זיי אכטונג געבען אז קיינע פון זיי זאָל ניט דערקענען איהר אייגען
קינד; און אויב עס וועלען קיין מוטערס ניט זיין, וועט מען קאָ־
נען אַנדערע זויגערינס קריגען.״ (5טער בוך, קאַפּיטעל 69.)

אונז קלינגט דאָס אַלץ זאָנדערבאַר און אָפּשטויסענד. די
גריכען פון פּלאַטאָנ'ס צייט האָבען דאַרויף געקוקט אַנדערש.
אמת, ביי זיי האָט געהערשט די מאָנאָגאַמיע, זיי האָבען אָבער
אַליין אָפּען צוגעגעבען, אז די הייראַט איז בלויז אַ אינסטיטוציע,
וואָס גאַראַנטירט צו די געזעצליכע קינדער די ירושה רעכט. די
הייראַטס בונדען פּלעגען געשלאָסען ווערען ניט דורך די געליבטע
נאָר דורך אָפּמאַכען צווישען די עלטסטע פון די משפחות, דערביי
האָט מען גענומען אין אנבאַטראַכט ניט די סימפּאַטיעס פון די וואָס
דאַרפען זיך דעריין באַטייליגען, נאָר זייער מאַטעריעלע לאַגע. אַ
יונגערמאַן האָט בכלל אין יענער צייט ניט געהאַט קיין געלעגענ־
הייט זיך צו באַקענען מיט אַ מיידעל פון אַ גוטער פאַמיליע ביז
זי איז צו אים ניט פאַרקנס'ט געוואָרען *).

---

*) מיר זעהען, ווי פאַלש עס איז ארויפצוואַרפען אויף דעם קאַפּי־
טאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן די שולד אין דעם, וואָס די היראַט איז
געוואָרען אַ פּשוט'ער געלט־אָפּמאַך. די מאָנאָגאַמיע, וואָס ווערט אָפּגעהיט
פונ'ם געזעץ, איז שטענדיג אזוי געווען. אַדרבא דער קאַפּיטאַליסטישער
פּראָדוקציאָנס־אופן האָט באַשאַפען אזעלכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע
די אינדיווידועלע געשלעכטס ליבע — דער ליידענשאַפטליכער פאַרלאַנג
צו געהערן נאָר איין געוויסער פּערזאָן פון דעם צווייטען געשלעכט —
איז געוואָרען אַן אַנערקענטער פאַקטאָר אינ'ם סאָציאַלען לעבען. דער־
פאַר טאַקע רעכענט די עטיק פון דער היינטיגער געזעלשאַפט די היראַט,
וואָס איז מער ניט ווי אַ געלט־אָפּמאַך, אַלס אוממאָראַליש. אָבער אַ דאַנק
דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן היט איין און פאַר־
שטאַרקט אפילו די וואָרצלען פון דעם היראַטס־אָפּמאַך, צושטערט ניט אַז
דער עטישער בליק אין דער היראַט דעם כאַראַקטער פון אַ געלט־אָפּמאַך,
ער פירט נאָר דערצו, אַז די מענשען זאָלען זוכען אַז דעם כאַראַקטער

צוזאמען מיט דער זאָרג וועגן דער פאַרמערונג פון באַזיץ האָט ביי דעם שליסען פון די הייראַטס קאָנטראַקטען אַ גרויסע ראָליע געשפּילט אויך די זאָרג פאַר אַ געזונטען צוקונפטיגען דור. אין ספּאַרטאַ, וואו די פאַרמעגענס פאַרהעלטנישען האָבען געשפּילט אַ קלענערע ראָליע, און וואו די וויכטיגסטע פראַגע איז געווען די פעהיגקייט פון דעם ספּאַרטאַנער פאַר מלחמה צוועקען, האָט דער געשלעכטליכער אויסוואַל געשפּילט זעהר אַ גרויסע ראָליע אין דעם שליסען פון די הייראַטס־קאָנטראַקטען. זיין באַדייטונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער מאַן פלעגט אָפט איבערגעבען זיין רעכט אויף דער פרוי צו אַ צווייטען, אַ שטאַרקערען, פון וועמען ער האָט געהאָפט עס זאָל אַ שטאַרקערער דור ארויסקומען. פּלוטאַרך האָט פאַרגלייכט די ספּאַרטאַנישע הייראַט צו אַ פּלאַץ וואו מען האָט געוועט פערד; דאָרט זאָרגט מען זיך נאָר צו שאַפען אַן עדעלע ראַסע.

דערפאַר איז אין פּלאַטאָנ'ס צייטען די פאָדערונג, אַז דער שטאַט זאָל רעגולירען דאָס צוזאַמענוואוינען פון מאַן און פרוי לויט דעם געשלעכטליכען אויסוואַל, געווען ניט אומנאַטירליך און ניט אָפּשטויסענד.

דאָס אָפּשאַפען פון דער פאַמיליע, דער געשלעכטליכער קאָ־מוניזם איז בלויז געווען דער רעזולטאַט פון דעם געברויכט קאָ־מוניזם. און באמת, דאָרט וואו אַלע פאַרגעניגענס דאַרפען זיין געמיינשאַפטליכע, וואָלט געווען זעהר ניט קאָנסעקווענט, אויסצו־שליסען אַ פאַרגעניגען אַזוי מעכטיג, אַזוי טיף ווירקענד אויף דער געזעלשאַפט, ווי דער געשלעכטליכער.

אָבער די אַלגעמיינהייט פון פרויען, דער געשלעכטליכער קאָ־מוניזם האָט ניט קיין געמיינשאַפטליכעס מיט דער פאָדערונג פון דער פאַרגעזעלשאַפטליכונג פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, וועלכע דער היינטיגער סאָציאַליזם שטעלט ארויס. אויב מען זאָל ניט פאַר־

צו באַהאַלטען, און דאָס פּאָרעל זאָל טאַבען דעם אָנשטעל, אַז דווקא ליבע צווינגט זיי זיך צוזאַמענקומען. די געגענ־דינערישע אָפּענהערציגקייט איז איצט געוואָרען אַ מין צבועות ר"ל. דאָס באַצימט זיך, געוועהנליך, צו די חויראַטען פון די רייכע.

רעכענען די פרויען צווישען די פראָדוקציאָנס מיטלען. אין איין פונקט קומט זיך דער פלאַטאָנישער קאָמוניזם און די מאָדערנע סאָציאַל דעמאָקראַטיע יאָ צונויף. ביידע פאָדערען אַז די פרוי זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען אויף אַ גלייכער שטופע מיט'ן מאַן, אַז פרויען זאָלען צוגעלאָזען ווערען צו אַלע אַמטען (אמת, בלויז אַלס וועכטער), פרויען דאַרפען אויך געהן אין קריג, אין פלאַטאָנ'ס שטאַט, און זיי מוזען באַקומען די זעלבע ערציהונג ווי די מענער.

„פון אַלע סאָרטען טעטיגקייטען אויף וועלכע דער שטאַט באַרוט, איז ניטאָ אפילו איינע וועלכע זאָל זיין צוגענגליך צו דער פרוי אַלס פרוי, אָדער צום מאַן אַלס מאַן; די איינגעבוירענע פעהיגקייטען זיינען פאַר ביידען גלייך פאַנאַנדערגעטיילט, און די פרוי, לויט איהר נאַטור, קען זיך באַטייליגען אין אַלע אונטער־נעמונגען אַזוי גוט ווי דער מאַן. די פרוי איז אָבער אין אַלע הינזיכטען שוואַכער ווי דער מאַן... טו זאָלען זשע די פרויען פון אונזערע וועכטער ניט שעמען זיך אויסטאָן (פאַר פיזישע אי־בונגען, פונקט ווי די מענער טוען דאָס). ווייל אַנשטאָט קליידער וועט זיי די טוגענד פאַרדעקען, זאָלען זיי זיך באַטייליגען אין די מלחמות, און אין רעגירען דאָס לאַנד, און זאָלען זיי קיין אַנדער זאַך ניט טאָן. האָבענדיג אָבער אין זינען דער פרוי'ס שוואַכקייט וועלען מיר איר אימער נעבען פיל לייכטערע אַרבייט." (5טער בוך, 4טער און 6טער קאַפּיטעל.)

דער באַזיס פאַר דער סאָציאַלער און פּאָליטישער גלייכהייט פון מאַן און פרוי, איז דער פרוי'ס באַפרייאונג פון אַלע הויז־אַרבייטען. אין דעם פלאַטאָנישען שטאַט ווערט דאָס דערגרייכט דורך דעם, וואָס אַט די אַרבייטען ווערען איבערגעגעבען צו די אַרבייטענדע קלאַסען. ביז וואַנען עס איז ניט מעגליך געווען צו טאָן, אַמוועניגסטענס די שווערסטע הויז אַרבייט, דורך מאַשינען, איז די עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי געווען אומדערגרייכבאַר.

הנם אָט די אַלע פלאַטאָנ'ס אידעען זיינען זעהר דרייסטע, האָט ער זיי אָבער ניט אויסגעטראַכט, זיי אַלע האָבען אַ רעאַלען באַזיס אונטער זיך. מיר האָבען דאָס שוין געזעהן אין באַצוג צו פלאַטאָנ'ס הויפּט אידעע, — דאָס איינפירען פון אַ סיסטעמאַטישען געשלעכטליכען אויסוואַל. וואָס עס האָט אים

באַאיינפלוסט אין דער הויפּט אידעע האָט אויך באַאיינפלוסט אַלע איבעריגע אידעען זיינע. באַאיינפלוסט איז ער געוואָרען פון ספּאַרטאַ, דעם אַריסטאָקראַטישען שטאַט אין גריכענלאַנד, וועלכער האָט אימער געהאַט די סימפּאַטיע פון דער אַטהענער אַריסטאָקראַטיע. די דאָזיגע סימפּאַטיעס זיינען געווען אַזוי שטאַרק *) אַז זיי האָבען באַדייטענד געהאָלפען דעם ספּאַרטאַנישען זיג איבער אַטהען אין דעם פּעלאָפּאָנעזישען קריג.

יעדענפאַלס האָבען דעם אַריסטאָקראַט פּלאַטאָנ'ס סימפּאַטיעס צו ספּאַרטאַ זיך ניט פאַרמינדערט אונטער דעם איינדרוק פון די אַנטי־דעמאָקראַטישע טענדענצען פון סאָקראַטעס'ען.

פיל פון די אמערסטענס אָנגעזעהענע תלמידים פון סאָקראַטעס'ן זיינען געווען זעהר פריינטליך צו ספּאַרטאַ. קסענאָפאָנט, דער געשוואָרענער פריינד פון ספּאַרטאַנישען קעניג, אַ ג ע ז י ל י י, האָט זיך באַטייליגט אין עטליכע ספּאַרטאַנישע מלחמות, און האָט זיך אפילו ניט געשעמט זיך צו באַטייליגען אין דער שלאַכט ביי הערואָנעא (399) קעגען זיינע אייגענע מיטבירגער — די אַטהענער. דאָס האָט געבראַכט מען זאָל איהם אַרויסטרייבען פון זיין געבוטס שטאָט. אַלקיוויאַד האָט זיך אין דער צייט פון דעם פּעלאָפּאָנעזישען קריג אויפגעפירט ניט פיל בעסער. זייענדיג אַן אַטהענישער אָנפירער, איז ער אריבערגעגאַנגען צו די ספּאַרטאַנער, און איז ביי זיי געוואָרען, אַזוי צוזאָגען דער הויפּט פון גענעראַל־שטאַב, ער האָט זיי אויסגעזאָגט אַלע שוואַכע פּונקטען פון די אַטהענער, און האָט פאַראורזאַכט אַ גאַנצע רייהע מפּלות פאַר זיינע פריהערדיגע מיטבירגער, מפּלות, וואָס האָבען פאַקטיש באַשטימט דעם אויסגאַנג פון דעם קריג, הגם ער האָט זיך געצויינגען אַ גאַניז לאַנגע צייט. ווען די אַטהענער זיינען באַזיגט געוואָרען און די שטאָט איז געוואָרען דאָס רויב פון די „דרייסיג טיראַנען", אַ באַנדע אַריסטאָקראַטישע לומפּען, וועלכע ספּאַרטאַ האָט אַרויפגעצוואונגען אויף אַטהען אַלס רעגענטען, איז אין

*) זיי פלעגען זיך אויסדריקען אין קאָנספּיראַציעס, אין פאַרראַטען צו דער מלוכה און אפילו אין חריגות פון די הויפּט־דעמאָקראַטען און קריגס־פירער.

דער שפּיצע פון דער ־אָזיגער באַנדע, וועלכע איז רייך געוואָרען דורך זייער פּאַרוויסטענדער אוממענשליכער רעגירונגס־פאָרמע, געשטאַנען קר י ט י א ס, אויך איינער פון סאָקראַטעס׳עס תלמידים.

כדי קלאָר צו פאַרשטעהן סאָקראַטעס׳עס פּראָצעס, מוז מען אויך אָט די אומשטאַנדען האָבען אין זינען.

האָבענדיג אין זינען וואָס איז אויבען געזאָגט געוואַרען, דאַרף מען זיך ניט וואונדערען, וואס אַלס באַזיס פאַר פּלאַטאָנ׳ס אי־דעאַלען שטאַט האָט געדינט ספּאַרטא. דאָס קען באַוויזען ווערען דורך אַ גאַנצער רייהע באַווייזען, אָבער ניט דאָ איז דאס אָרט פאַר דעם.

דערמיט וויל איך אָבער בשום אופן ניט זאָגען אַז פּלאַטאָן האָט פּשוט קאָפּירט די ספּאַרטאַנישע מלוכה אָרדנונג. ער איז געוועזען צופיל פילאָזאָף צו טאָן אַזאַ זאַך, און האָט צו קלאָר גע־זעהן די חסרונות פון ספּאַרטא, וועלכע האָבען שוין אין יענער צייט אָנגעהויבען אונטערגראָבען איהר גאַנצען פונדאַמענט. די מעכטיגקייט און דאָס רייכטום וואָס זי האָט באַקומען דורך דער פּעלאָפּאָנעזישער מלחמה, האָט איהר דעמאָראַליזירט פּונקט אַזוי שנעל, ווי עס איז פריהער דעמאָראַליזירט געוואַרען אַטהען, נאָך איר זיג אין די פּערסישע מלחמות, די רעשטלאַך פון אַלטען קאָ־מוניזם וואָס זיינען אין ספּאַרטאַ נאָך פאַרבליבען האָבען גאַנץ ווייניג איהר געקאָנט באַשיצען פון אונטערגאַנג, פּונקט אַזוי ווי די חורבות פון אַ ריטערליכען שלאָס קאָנען ביישטעהן אַנטקעגען מאָדערנער אַרטילעריע. זיי זיינען פאַרבליבען בלויז פאָרמאַלי־טעטען. אין פּלאַטאָנ׳ס צייטען איז זייער וויכטיגסטע באַדייטונג באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען באַוואויגען דעם פאָרשער און דענקער אָנצונעמען די קאָמוניסטישע אָרדנונג פאַר מעגליך און ווינשענסווערט, און אין דעם וואָס זיי האָבען דעם פאָרשער געגעבען אַ מעגליכקייט צו אַנטוויקלען פון אָט די סמנים אַן אויסגעהאַלטענע קאָמוניסטישע סיסטעם, וואָס אַיז אַין יענער צייט מעגליך געווען אַמוועניגסטענס אַלס אידעאַל.

נאַטירליך, בלויז אַלס אידעאַל. פּלאַטאָן איז געוועזען אַן אַריס־טאָקראַט, אָבער זיינע אַריסטאָקראַטישע איבערצייגונגען האָבען

זיך אויסגעדריקט בלויז אין זיין אנטיפּאַטיע צום פאָלק, אָבער בשום אופן ניט אין א צוטרויען צו זיינע קלאסען־געגנאָסען. ער האָט אין זיי געצווייפעלט ניט ווייניגער ווי אין דעם פאָלק. דער רויהער ספּאַרטאַנישער מיליטאַריזם און די אומפאַרשעמטע פאַרוויסטענדע ספּאַרטאַנישע ווירטשאַפט איז איהם ניט מער געפעלען ווי די אַטהענישע פאָלקס־הערשאַפט.

דערפאַר צוטיילט פּלאַטאָן אין זיין אידעאַלען שטאַט דעם העכסטען קלאַס, די וועכטער אין צוויי סוב־אָפּטיילונגען, אין קריגער און הערשער. בלויז די הערשער דאַרפען פאַרוואַלטען מיט דער רעגירונג, און זיי מוזען זיין פ י ל אָ ז אָ פ ע ן. די הערשאַפט פון דער קריגערישער אַריסטאָקראַטיע איז לויט פּלאַטאָנ׳ען געוועזען פונקט אזוי שעדליך ווי די הערשאַפט פון פאָלק, וואָס איז שוין אין זיין צייט באַמת באַשטאַנען מערסטענס, פון לומפּען־פּראָלעטאַריער. בלויז די הערשאַפט פון פילאָזאָפען קען אונז גאַראַנטירען א שכל׳דיגע הערשאַפט.

„איידער די פילאָזאָפען וועלען איבערנעמען די הערשענדע ראָליע אין שטאַט, וועלען די אומגליקען פון שטאַט און פון די בירגער ניט אויפהערען, און עס וועט ניט פאַרווירקליכט ווערען אונזער געשאַפענער פּלאַן.“ (6טער בוך, 13טער קאַפּיטעל; 5טער בוך, 14טער קאַפּיטעל *).

---

*) אַן איבערראַשענדע ענטדעקונג האָט געמאַכט דער מאָדערנסטער פאָרשער פונ׳ם פּלאַטאָנישען קאָמוניזם, דער שוין דערמאָנטער הער פּראָפעסאָר ראָבערט פּעלמאַן. דער פילאָזאָפישער אַבסאָלוטיזם, וואָס פּלאַטאָן האָט געפאָדערט, איז פאַרווירקליכט, לויט זיין מיינונג, אין דער דייטשער רעגירונג. „איז דען נים אָט די פאָדערונג פּשוט, ווי אַ מין נביא׳ישער רמז אויף אַן אַמת רעגירענדער מאָנאַרכיע, וואָס איז אמבעסטען פאַרווירקליכט אין דער דייטשער רעגירונג?“ נאָר ווער זיינען דאָס די הערשענדע פילאָזאָפען, וואָס זעהען העכער פון די קלאַסען־אינטערעסען פון די רייכע, פונקט ווי פון די אָרימע? דאָס זיינען „אונזערע מאָדערנע רעגירונגס־ און קהילת־באַאַמטע, די גייסטליכע, די לערער, די אָפיצירען א. אַז. וו. אַממערסטען מענשען, וואָס האָבען אַ צוטריט צו העכערע בילדונג, אַפילו אָהן אַ פאַרמעגען אָדער, לכל הפּחות, אָהן אַ גרויסען פאַרמעגען“ א. אז. וו. אָט מאַקע דאָס, ד. ה. די באַשאַפונג פון אַ סאָציאַלען שיכט, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאגע און האָט אַזעלכע איבערציינגונגען,

ווי אזוי זשע װעלען די פילאָזאָפען דערגרייכען די הערשאַפט אינ'ם שטאַט? ניט דורך באַטײליגען זיך אין די פּאָליטישע קאַמפען פון פאָלק, נאָר דורך איבערצייגען די טיראַנען. (6טער בוך, 14טער קאַפּיטעל.)

די ערפאַרונג וואָס פלאַטאָן האָט געהאַט זוכענדיג צו איבערצייגען אַ טיראַן אין דעם אמת פון זיינע אידעען, ווייסען מיר שוין.

זיין שיקזאַל איז געוועזן דער שיקזאַל פון אַלע אוטאָפּיסטען, וואָס זיינען נאָך איהם געקומען, ד. ה. פון די אַלע וואָס האָבען געשטרעבט צו דער איבערבויאונג פון שטאַט און געזעלשאַפט, ניט געפינענדיג אין זיי גופא די נויטיגע פאַקטאָרען פאַר אַזאַ איבערבוי. זיי האָבען געמוזט האָפען אויף אַן אַקט פון אַ גרויסמוטיגען פּאָליטישען אָדער פינאַנציעלען זעלבסטהערשער, אַ קעניג־פילאָזאָף, אָדער אַ מיליאָנער־פילאָזאָף.

אין פלאַטאָנ'ס צייטען איז אין די אַלע שטאַטען וואָס זיינען אים געוועזן באַקאַנט, ניט געוועזן קיין איין טייל פון דער באַפעלקערונג פון וועלכער מען זאָל געוועזן קאָנען ערוואַרטען די באַנייאונג פון שטאַט. אַלץ איז געוועזן צופוילט און צופרעסען, און די אידעע פון זעלבסטהערשאַפט אַלס איינציגער רעטונגס מיטעל

אַ סאָציאַלער שיכט, וואָס איז דאָ אין דער מאָדערנער רעגירונג און וועלכער איז ניט געוועזן אין דער אמאָליגער, האָט פלאַטאָן מיט זיין געניאַלער דורכזיכטיגקייט אַנערקענט פאַר דער הויפּט און גרונד־פראַגע פון דער גאַנצער פּאָליטיק" (געשיכטע דעס אַנטיקען קאָמוניזמוס אונד סאָציאַליזמוס, 1, ז. 224 א. וו.). דער בליק, לויט וועלכען די אלוועלטליכע ענטוויקלונג, אָנפאַנגענדיג פון מיטעל־אַלטער, האָט געהאַט נאָר איין ציל —צייגען דער וועלט די איבערראַשענדע גרויסקייט פון דער האָהענצאָלערן־דינאַסטיע און איר רעגירונג איז זעהר שכיח ביי די דייטשע פּראָפעסאָרען פון געשיכטע. נאָר אַריינקריכען צוליב אָט דעם ציל אין דעם גרויען אַלטערטום און אַרויסשטעלען פלאַטאָנ'ען אַלס אַ פאָרקעמפער פאַר דער הערשאַפט פון דעם פּרייסישען יונקערטום און ביוראָקראַטיע — דאָס האָט נאָך ביז דעם הער פּעלמאַן קיינער ניט געוואַגט צו טאָן.

פאַר דער מאָדערנער דייטשער היסטאָרישער וויסענשאַפט און איר פּובליקום איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ דייטשער געלערנטער קען מיט אַ פייערליכער מינע אַנטאָן אויף אַ גריכישען פילאָזאָף אַ קאַסקע און דערביי ניט אומקומען אין אַ שטורם פון שפּאָט און געלעכטער.

איז אַריינגעדרונגען אפילו אין די מחות פון רעפּובליקאַנער. קסע־נאָפאָנט, א חבר און תלמיד פון פּלאַטאָנען האָט אָנגעשריבען א פּאָליטישען ראָמאַן „קיראָפּעדיא" וואו עס ווערט באַזונגען דאָס גליק וואָס די הערשאַפט פון א גוט ערצויגענעם קעניג ברענגט.

גלייך נאָך פּלאַטאָנען האָבען די פילאָזאָפען אָנגעהויבען זעהן אין דער טיראַניי שוין ניט א מיטעל ווי צו קריגען די אויבער־מאַכט איבער'ן שטאַט, נאָר פשוט א מיטעל ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון די שווערע זאָרגען פון די מלוכה ענינים. די פונאַנדער־פאַלונג פון שטאַט קומט אויך פאָר אין דעם אַלגעמיינעם באַ־וואוסטזיין. די פילאָזאָפען פאַרנעמען זיך איצט ניט מער מיט'ן שטאַט, נאָר מיט זייער אייגענעם איך. זיי זוכען שוין איצט ניט קיין בעסטע שטאַטליכע אָרדנונג, נאָר א בעסטען וועג ווי אַזוי דער יחיד זאָל קאָנען גליקליך זיין.

אָט אַזוי אַנטוויקעלט זיך שטופּענווייז די אַטמאָספערע אין וועלכער עס איז אַנטשטאַנען דער קריסטענטום.

## צווייטער קאַפּיטעל.

# דער אַלט־קריסטליכער קאָמוניזם.

### 1. די וואָרצלען פון דעם אַלט־קריסטליכען קאָמוניזם.

מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט אז אַט דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס מיר האָבען פריער באַשריבען און אילוסטרירט דורך דעם צושטאַנד פון אַטהען, איז געווען דער גורל פון אַלע נאַציעס.

אויך דער הערשער פון דער וועלט — רוים, האָט אים ניט געקאָנט אויסמיידען. אין דער צייט ווען רוים האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט פון איהר אויסערליכער מאַכט, איז שוין די אי־נערליכע צופאַלענקייט אַוועק גאַנץ ווייט. די דאָזיגע מלוכה וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסען אַלע לענדער, וואָס האָבען אַרומ־גערינגעלט דעם מיטעל־לענדישען ים, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאָנגלאָמעראַט פון מלוכות וואָס זיינען אַלע געגאַנגען אויף איין און דעם זעלבען וועג; מאַנכע פון זיי, ווי די מלוכות וואָס זיינען געלעגען צו מזרח און דרום פון דעם מיטעל־לענדישען ים האָבען איר אַריבערגעיאָגט, אַנדערע, פון מערב און צפון זיינען אָפּגעשטאַנען פון איהר, אָבער אַלע האָבען שטאַרק געשטרעבט צו דערגרייכען די הויך אויף וועלכע די הויפּט־שטאָט איז געשטאַנען, און צוזאַמען מיט איהר צוקומען צו דער שטופע וואָס איז שוין אין גריכענלאַנד און אין אַנדערע מזרח לענדער דערגרייכט געוואָרען — די שטופע פון פאָלקאָמענער סאָציאַלער פונאַנדערפאַלונג.

מיר האָבען געזעהן ווי אַזוי דער אונטערגאַנג פון דער אַטהע־נישער פרייהייט איז פאַרגעקומען, און ווי אַזוי די רעפּובליק איז גרייט געוואָרען איבערצוגעהן אין אַ זעלבסטהערשאַפט. דאָס זעלבע

איז אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער, דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין רוים. אין דער צייט, צו וועלכער מען שרייבט צו די געבורט פון קריסטוס׳ן האָט די רוימישע רעפּובּ־ליק דורכגעמאַכט אירע לעצטע גסיסה מינוטען און עס האָבען זיך באוויזען די ערשטע סמנים פון צעזאַריזם.

די אריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע זיינען ביידע געווען שוואַך און ניט באַשטענדיג. דער קערן פון פאָלק, דאָס פרייע פויער־טום איז אין דעם רוימישען רייך אויסגעטריקענט געוואָרען, אין א סך פעלער זיינען זיי אינגאַנצען פארשוואונדען. די גרויס־קייט און רום פון שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרען אויף די חורבות פון פויערטום, די שטענדיגע מלחמות האָבען געבראַכט די פויערים צו פולשטענדיגער רואינע, אין דער צייט וואָס די גרויסע גוט־באַזיצער, וואָס האָבען זייערווירטשאַפט געפירט דורך שקלאַפען־ארבייט, האָבען דערפון גאַרניט געליטען. פּאַרקערט, די מלחמות האָבען נאָך צוגעשטעלט פאַר זיי אויסערגעוועהנליך ביליגע שקלאַ־פען. עס איז דערפאַר גאַר קיין וואונדער ניט וואָס די שקלאַפען ווירטשאַפט האָט זיך זעהר שנעל אַנטוויקעלט און ארויסגעשטופּט די פרייע ווירטשאַפט פונ׳ם פויער. דאָס פרייע געזונטע פויערטום איז צוגאַנגען ווי שניי פאַר דער זון; אין מאַנכע ערטער האָבען זיי זיך נאָך ווי עס איז געקאָנט דורכשלאָגען זייער וועג, אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין פראָלעטאַ־ריער, ד. ה. אין לומפּען־פּראָלעטאַריער, ווייל די נאָכפראַגע אויף לוין ארבייטער איז אין יענער צייט געווען זעהר קליין, און די רואינירטע פויערים האָבען פאַר זיך קיין שום ארבייט ניט גע־קענט געפינען. אין דער אינדוסטריע, פּונקט ווי אין דער ערד־ארבייט, האָט געהערשט די שקלאַפען ארבייט. די ערדלאָזע פויע־רים האָבען אַלע צונויפגעשטראָמט אין רוים וואו זיי האָבען צוזאַ־מען מיט די באַפרייטע שקלאַפען, געבילדעט די נידעריגסטע שיכטען פון דער באַפעלקערונג.

אָבער אַזוי לאַנג ווי די רעפּובּליק האָט נאָך עקזיסטירט איז נאָך די אָרעמקייט פון די מאַסען ניט געווען אַזוי שרעקליך. האָ־בענדיג אַלעס פארלאָרען איז זיי אָבער געבליבען זייער פּאָליטישע מאַכט, מיט וועלכער זיי האָבען אויסגעצייכענט גוט געוואוסט

ווי אזוי זיך צו באנוצען, עקספלואטירענדיג אויף פארשיידענע אופנים די רייכע און די באזיגטע נעגענדען וואס פלעגען דארפען צאָלען צינזען.

זייער פּאָליטישע מאכט האָט זיי געגעבען ניט נאָר ברוים און ספּעקטאקלען, נאָר אָפּט אויך פּראָדוקציאָנס מיטלען, — ערד־אייגענטום. אין די לעצטע עטליכע דורות פון דער עקזיסטענץ פון דער רוימישער רעפּובליק, זיינען פאָרגעקומען שטענדיגע פּראָבען צו שאפען א נייעם פויערטום, דורך דעם וואָס מען פלעגט די פּראָלעטאריער געבען שטיקער ערד. אָבער אָט די אַלע פּראָבען אָפּצושטעלען דעם גאנג פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג זיינען געווען אָהן אָן ערפאָלג. זיי פלעגען ניט קאָנען ביישטעהן געגען דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אויבערמאכט פון די גרויסע גוט־באזיצער, וועלכע האָבען אויף ווי וויים זיי האָבען נאָר געקאָנט געזוכט צו שטערען די דאָזיגע פּראָבען. אויב אָבער עס האָט גע־טראָפען אז אַזאַ פּראָבע האָט זיך יאָ אמאָל איינגעגעבען, האָבען די גרויסע גוט באזיצער גאנץ שנעל ארויסגעשטויסען די נייע פויערים און אויסגעקויפט זייער ערד. פון דער צווייטער זייט איז פאר די דאָזיגע פּראָבען געווען א גרויסע שווע־ריגקייט די פארדאָרבענהייט פון דעם לומפען פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט שוין בכלל ניט געוואלט ארבייטען, און האָט בעסער געוואָלט פארבלייבען אין דער פרייליכער הויפּט שטאָט, איידער זיך פארקלייבען ערגעץ אין א דאָרף, און דארפען פירען דאָרט א לעבען פון אָן אָרעמען פויער, וואָס איז פול מיט זאָרג און שווע־רער ארבייט. ניט זעלטען פלעגען די פּראָלעטאריער גופא שטע־רען די דורכפירונג פון די דאָזיגע סאָציאַלע רעפאָרמען, וואס פלעגען אונטערגענומען ווערען טאקע פאר זייער אייגענעם נוצען. גאנץ שנעל פלעגען זיי פטר׳ען די ערד וועלכע מען פלעגט זיי גע־בען, אָדער זיי פלעגען פארקויפען זייער פּאָליטישע מאכט צו די רייכע און גרויסע גוט־באזיצער, וועלכע פלעגען דאָס אָנווענדען אויף צו שטערען די דורכפירונג פון די דאָזיגע רעפארמען.

די וויכטיגסטע פון די אַלע פּראָבען פאר סאָציאַלע רעפאָרמען זיינען אָנגעהויבען און אָנגעפירט געוואָרען פון די צוויי ברידער ג ר א ק כ ו. טיווערי סעמפראנו גראקכו (געבוירען אין דעם יאָר

163, ערמאָרדעט פון זיינע אַריסטאָקראַטישע געגנער אין דעם יאָר 133 פ. ק.) און זיין מער אַנטשלאָסענער און ראַדיקאַלערער ברודער קאַיוס סימפּראָני גראַקכוּ (געבוירען אין'ם יאָר 153 פ. ק.), וועלכער האָט פאָרגעזעצט זיין ברודער'ס אַרבייט, און פונקט ווי זיין עלטערער ברודער געפאַלען אַלס אַ קרבן פון דער שנאה פון די אייגענטימער פון די לאַטיפונדיעס. די גראַקכען האָט מען באַ־צייכענט אַלס קאָמוניסטען, דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. זיי האָבען געשטרעבט ניט צו דער אָפּשאַפונג פון פּריוואַט אייגענטום נאָר צו דער שאַפונג פון נייע אייגענטימער, צו דער ווידער־אויפבויאונג פון אַ געזונטען פּויערטום, וואָס זאָל זיין אַ שטאַר־קערער פונדאַמענט פאַר'ן פּריוואַט אייגענטום.

זיי האָבען אין דעם געהאַנדעלט פולשטענדיג אין אַנקלאַנג מיט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון זייער צייט. אמת, אין יענער צייט האָבען ניט נאָר די גרויסע גוט־באַזיצער אַרויסגע־שטויסען די קליינע לאַנד־איינגענטימער, נאָר אויך די גרויסע פאַב־ריקאַנטען — די קליינע בעלי מלאכות. דאָס איז אָבער ניט געווען דער רעזולטאַט פון אַ בעסערער טעכנישער און עקאָנאָמישער צו־געפאַסטקייט פון די ערשטע, נאָר פּשוט אַ דאַנק דער אויסערגע־וויינליכער בילינקייט פון אַרבייטס קראַפט — פון די שקלאַפען.

די אומאויפהערליכע מלחמות פלעגען אַרויסוואַרפען אויפ'ן מאַרק אָהן אַ שיעור קריגס־געפאַנגענע, וואָס פלעגען פאַרקויפט ווערען פאַר שקלאַפען. אַ סך פון די רוימישע מלחמות זיינען טאַקי אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם וואָס די גרויסע גוט־באַזיצער האָבען זיך גענויטיגט אין בילינע שקלאַפען; דאָס איז פּשוט געווען אַ געיעג אויף שקלאַפען.

גרויסע מאַסען שקלאַפען האָבען זיך אָנגעזאַמעלט. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס זייערע פּרייזען זיינען שטאַרק געפאַלען. שוין אין אַטהען איז, אַ דאַנק די זעלבע באַדינגונגען, די שקלאַפעריי געווען גאַנץ שטאַרק אַנטוויקעלט. אַרום 300 יאָהר פאַר אונזער צייט רעכנונג איז אין אַטהען אויף 21,000 בירגער געווען 400,000 שקלאַפען. וועגען אַכילעסען ווערט דערציילט, אַלס באַווייז ווי אָרעם ער איז געווען, אַז ער האָט געהאַט בלויז 7 שקלאַפען. דאָס מיסברויכען פון שקלאַפען איז נאָך פיל ערגער

געווען אין רוים. דער רוימישער פּאָלקאָווניק ל ו ק ו ל (אין דער צווייטער העלפט פון ערשטען יאָהר הונדערט פון אונזער צייט רעכענונג) האָט פּארקויפט קריגס געפאנגענע פאר שקלאַפען, פאר דריי מארק (אין דייטשע געלט) א שטיק!

איצטער האָט זעהר געלוינט אויפצוקויפען גרויסע פאר־טיעס שקלאַפען. די רייכע רוימער האָבען געהאט טויזענטער פון זיי און פלעגען זיי צווינגען צו ארבייטען אלע געמיינ־זאַם. אַנשטאָט די קליינע אונטערנעמונג פלעגט מען שאַפען ריזיגע פלאַנטאַציעס און, ווי מען פלעגט זיי רופען, פאַבריקען. אָט דער נאָמען איז פאר די גרויסע רוימישע און גרי־כישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען ניט ריכטיג. די דאָזיגע אונטערנעמונגען האָבען געהאט אינגאַנצען גאָר אַן אַנדער כאַראַק־טער ווי די מאָדערנע מאַסטערסקאַיע אָדער פאַבריק, מען קאָן זיי ניט געגענשטעלען די קלענערע אונטערנעמונגען. די גרויסע אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען באַזירט געווען אויף שקלאַפען ארבייט, קאָן מען ניט פארגלייכען מיט פאַבריקען. אויב אָבער מען וויל דורכאויס זיי פארגלייכען מיט א מאָדערנער ער־שיינונג, קאָן מען זיי בלויז פארגלייכען מיט תפיסה־ארבייט.

קיינער וועט נאַטירליך ניט באַהויפּטען, אז די תפיסה־ארבייט שטעלט מיט זיך פאר א העכערע פּראָדוקציאָנס פאָרמע ווי די ארבייט פון פרייע בעלי מלאכות. די שקלאַפען ארבייט, אי־בערהויפּט אין דער אגריקולטור, איז געווען זעהר רוי און אומפּראָ־דוקטיוו.*) אין די גרויסע אונטערנעמונגען פלעגט יעדער באַזונדערער

*) מאַרקס אין „קאַפּיטאַל" אין דער באַמערקונג וועגען שקלאַפען־ארבייט, זאָגט: „דער ארבייטער אונטערשיידעט זיך דאָ, לויט דעם זעהר געלונגענעם אויסדרוק פון די אמאָליגע, נאָר ווי Instrumentum Vocale (געצייג, וואָס איז באַשאָנקען מיט דער פעהיגקייט צו ריידען) פון די לעבעדיגע ברואים אלס Instrumenta Semivocalia (געצייג, וואָס קענען נאָר האַלב אויסדריקען זייערע געפילען דורך קלאַנגען) און פון די שטומע טויטע ווערטער אלס Instrumenta Muta (שטומע געצייג). נאָר דערפאר פלייסט ער זיך אליין צו לאָזען פילען אי די לעבעדיגע ברואים, אי די טויטע געצייג, אז ער איז ניט ענליך צו זיי, אז ער איז אַ מענש. ער פירט זיך מיט זיי אויף שלעכט און

שקלאַף פּראָדוצירען פיל ווענינגער ווי אַ פרייער בעל מלאכה אין אַ קליינער אונטערנעמונג. אויב די פּראָדוקציע איז פונדעסטוועגען געוועז פאָרט ביליגער אין די גרויסע אונטערנעמונגען, איז דאָס געוועז דערפאר ווייל די שקלאפען האָבען כמעט ווי נאָרניט געקאָסט, און אויך דערפאר, ווייל צוליב די ביליגקייט און דעם איבערפלוס פון שקלאפען, האָט מען זיך ניט פיל געקימערט וועגען אָפּהיטען זיי, וועגען זייער עסען און קליידונג. מ'האָט זיך זעהר ווייניג גע־

פאַרניכטעט זיי Con amore דערמיט באַווייזט ער זיי כלומר'שט זיין אונטערשיד פון זיי און באפרידיגט ביז אַ געוויסען גראד דעם געפיהל פון זעלבסט־ווירדע. דערפאר ווערט דער געברויך פון די גרעבסטע און אומגעלומפּערסטע געצייג ביי אַזאַ פּראָדוקציאָנס אופן אַ מין עקאָנאָמישער פּרינציפּ, ווייל אָט די געצייג ווערען, צוליב זייער אומגעלומפּערטקייט זעהר זעלטען קאַליע אָדער פארניכטעט" (ק. מאַרקס, קאַפּיטאַל, 1 ב., צווייטע אויסגאבע, פּעטערבורג, 1899, ז. 150, אנמערקונג 17).

דערמיט קענען מען פארגלייכען די פאָלגענדע מיינונג, וואָס מיר האָבען געפונען אין די ‘‘Etudes sur l’economie politique (Paris 1837)’’ פון סיסמאָנדי'ן. ער גיט דאָרטען אַ גרויסען אויסצוג פון ש. קאָנט'ס ווערק וועגען שקלאַפעריי און אגב זאָגט ער: „היינטיגע שקלאפען אונזערע זיינען ניט פעהיג צו קיין אַרבייט, וואָס פאָדערט אינטעליגענץ, געשמאַק און אויפמערקזאמקייט. די שעהנע אַרבייטען פון רוימישען אַלטערטום זיינען, וואַרשיינליך, צוגעגרייט געוואָרען דורך מענשען, וואָס האָבען דערגרייכט זייער פּראָפעסיאָנעלע געשיקטקייט, בעת זיי זיינען נאָך געוועזען פרייע מענשען און וואָס זיינען געוואָרען שקלאַפען נאָר אַ דאַנק דער מלחמה. ווי נאָר די רוימער האָבען מנצח געוועזען אַלע אינדוסטריעלע נאַציעס, אזוי אַז שקלאַפען האָבען זיי געקענט קריגען נאָר ביי די באַרבאַרען, זיינען אַלע אינדוסטריעלע פאַכען און די קונסט זעהר נידעריג געזונקען און די רוימער אַליין זיינען געוואָרען באַרבאַרען.

„אָבער די שקלאַפעריי פארדאָרבט ניט נאָר די פאַרשקלאַפטע, נאָר אויך די פרייע, דערפאר ווייל זי אנטוויקעלט אַ פאַראַכטונג צו אינדוסטריעלער אַרבייט און ציט פון איר אַלץ מער אָפּ דעם פרייען מענשען. די לאַגע פון פּראָלעטאַריער אין דער רוימישער רעפּובליק, וועלכע ווערען אָפּגעהאַלטען פון יעדער מין אַרבייט, טיילווייז צוליב דער פאַראַכטונג צו איר, טיילווייז צוליב דער קאָנקורענץ פון די שקלאַפען, איז אַן אויסגעצייכענטער און שרעקענדער ביישפּיל, צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון געזונקענהייט און אַרימקייט די שקלאַפעריי וואַרפט אַריין יענעם שיכט פון פאָלק, וועלכע איז ניט קיין באַלעבאָס און ניט קיין פועל". (1 ב., ז. 382—393).

קימערט וועגען די קורצקיים פון דעם שקלאפ׳ס לעבען — עס זיינען געווען געגנוג אנדערע אוועקצושטעלען אויף זייערע פלעצער.

עס איז דעריבער קלאר אז דאס ארויסשטויסען פון די קליינע בעלי מלאכות דורך די גרויסע האט געמוזט אין רוים פארקומען א דאנק אנדערע אורזאכען, ווי די וואס רופען ארויס די זעלבע ערשיי־נונג אין אונזער צייט. די באדינגונגען פאר דער אנטוויקלונג פון פאלקאמענע פראדוקציאנס מעטאדען זיינען נאך ניט געווען. דערפאר אויב די גראקכען, זיינען, אלס פארשטעהער פון פראלעטא־ריאט, ניט געווען קיין קאמוניסטען, איז דאס גאנץ נאטירליך און אין אנקלאנג מיט די עקאנאמישע באדינגונגען פון זייער צייט.

דאס זעלבע קאן אויך געזאגט ווערען וועגען קאטילינען (געבוירען אינ׳ם יאר 108 פ. ק.), ער איז געווען דער אנפירער פון אן אויפשטאנד געגען די רוימישע רייכע לאנד־באזיצער. ווען אלע פארזוכען פון זיין פארטיי צו פארכאפען די פאליטישע מאכט האבען זיך ניט איינגעגעבען, איז ער מיט זיינע אנהענגער געווען געצוואונגען צו מאכען אן אפענעם אויפשטאנד. אין דעם דאזיגען קאמף איז ער און פיל פון זיינע אנהענגער געפאלען, ניט קאנענדיג ביישטעהן דעם פיל שטארקערען צווייטען צד. (62 יאר פ. ק.) אויך ער ווערט באצייכענט אלס קאמוניסט. (מאמסען רופט איהם אפילו „אנארכיסט”), עס איז אבער אויך ניט ריכטיג. קאטילין, פונקט אזוי ווי די גראקכען, האט בשום אופן ניט געשטרעבט צו דער אפשאפונג פון פריוואט אייגענטום און צו דער איינפיהרונג פון א קאמוניסטישער געזעלשאפטס ארדנונג. ער האט געוואלט פארכאפען די פאליטישע מאכט מיט דער הילף פון די „באזיצ־לאזע”, כדי זיי צו פארוואנדלען אין „באזיצענדע”.

ווען דאס פאליטישע לעבען איז אפגעשטארבען, האט דער געדאנק פון די פראלעטאריער און זייערע פריינד באקומען א נייע ווענדונג. די באזיצלאזע קלאסען זיינען מאראליש און פאלי־טיש געזונקען פונקט אזוי נידעריג ווי די באזיצענדע. די דעמא־קראטיע ווערט דאן אזוי שוואך פונקט ווי די אריסטאקראטיע. דער באדען ווערט פארטיג פאר א זעלבסטהערשער, פאר א הערשער איבער די געדונגענע חילות, און פאר דעם אנהויב פון א ביורא־קראטיע.

פארלירענדיג זיין פּאָליטישע מאכט, פארלירט דער דאמאָלס־דינער פּראָלעטאריער זיין איינציגען קוואל פון הכנסה. די אָרעמ־קייט פון די מאסען האָט אין רוים ארויסגערופען שוידערליכע, ביז דעמאָלט אומבאקאנטע ערשיינונגען. דער פּאופּעריזם, אָרעמ־קייט און דחקות פון די מאסען איז אין רוים געווארען די וויכטיגסטע סאָציאַלע פראגע, א פראגע וואָס האָט אַלץ שטרענגער געפאָדערט איהר פארענטפערונג, ווייל — די סאָציאַלע אנטוויק־לונג איז דאָך געגאנגען איהר וועג, די מיטעלסטע שיכטען זיינען אַלץ מער און מער פארשוואונדען, די רייכע זיינען אַלץ רייכער געווארען, און די צאָל פון די אָרעמע האָט געהאַלטען אין איין וואקסען.

אָבער ניט בלויז די דאָזיגע סאָציאַלע פראגע האָט באַשעפ־טיגט דער רוימישער געזאַלשאפט און דעם שטאַט. דער אונטער־גאנג פון דעם פרייען פויערטום, וואָס האָט געפירט צום צעזארים־טישען אבסאָלוטיזם, איז געוועזן בלויז דאָס פּאָרשפּיל צו דעם אונטערגאנג פון דער גאנצער געזעלשאַפט.

נאָך איידער די רוימישע געזעלשאַפט האָט זיך ארויסגעוויזען פאר פּאָליטיש אוממעכטיג, איז זי מיליטעריש דעמאָראַליזירט גע־וואָרען. מיט'ן פארשווינדען פון פויערטום זיינען אויך פאר־שוואונדען די קריגער און רעקרוטירטע סאָלדאַטען. זייער פּלאַץ האָ־בען פארנומען געדונגענע פרעמדע חילות, וואָס זיינען געווען אומבאַ־זינגבאר אין לאנד גופא, האָבען אָבער מיט גרויסע שוועריגקייטען זיך געקאָנט נעגענשטעלען די אויסערליכע פיינט, איבערהויפּט די גער־מאנען, וואָס זיינען געווארען דרייסטער פון טאָג צו טאָג, אין דער צייט ווען די רוימישע ארמעען זיינען געזונקען אַלץ טיפער און טיפער.

דער דאָזיגער אומשטאנד האָט געהאט גוואַלדיג וויכטיגע עקאָנאָמישע פּאָלגען. די אגרעסיווע מלחמות זיינען געווארען אַלץ וועניגער און זעלטענער, און די אומאויפהערליכע מלחמות, וואָס זיינען געפירט געוואָרען ביי די גרענעצען האָבען אַלע מער און מער אנגענומען א דעפענסיווען כאראקטער. דער רעזולטאַט פון די דאָזיגע מלחמות איז געווען, א פיל גרעסערער פארלוסט פון סאָלדאַט איידער א געווינס פון שקלאַף. דער אריינפיר פון נייע

שקלאַפן האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. אָבער ווען דער כסדרדיקער צופֿלוס פֿון שקלאַפֿן האָט אויפֿגעהערט, האָט געמוזט פֿאַלן דער גאַנצער פֿונדאַמענט פֿון דער דאַמאָלס־דיקער גרויס פּראָדוקציע, איבערהויפּט אין דער אַגריקולטור. אמת, שקלאַפֿערײַ בכלל איז ניט פֿאַרשוואונדן, דאָס איז אָבער שוין איצט געוואָרן ניט מער ווי אַ לוקסוס.

דאָס האָט אָבער פֿונדעסטוועגן ניט געמיינט קיין צוריק־קער צום פֿרייען פּויערטום און קליינע מלאכות. די אינדוסטריע איז פּונקט ווי פֿריִער מערסטנס פֿאַרבליבן אין די הענט פֿון שקלאַפֿן. דאָס אויפֿהערן פֿון דעם שקלאַפֿן צופֿלוס האָט בלויז אין זעלטענע פֿאַלן געפֿירט צו דער אָנשטעלונג פֿון אַ שטאַרקער פֿרייער קליין פּראָדוקציע. מערסטנס אָבער איז די אינדוסטריע געפֿאַלן און פֿאַרשוואונדן. ניט בעסער איז געווען די לאַגע אין דער דאָרפֿס־ווירטשאַפֿט. די פֿרייע פּויערים זײַנען געווען באַרויבט און פֿאַרניכטעט דורך דער שקלאַפֿן ווירטשאַפֿט, און אומעטום, אין דער רוימישער אימפּעריע, וואו די פֿרייע דאָרפֿס־ווירטשאַפֿט איז נאָר פֿאַרשוואונדן האָט זי זיך שוין מער ניט געקאָנט אײַנוואָרצלען צוריק. הגם די גרויסע אונטערנעמונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ ווייניקער צו באַצאָלן, איז אָבער די ערד אַרבייט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב פֿאַרבליבן און אַפֿילו זיך אויסגעברייטערט. נאָך אַלעמען, די גרויסע לאַנד באַזיצער האָבן פֿונדעסטוועגן פֿאָרט זיך געקאָנט מיט מער ער־פֿאָלג נעגנשטעלן די רויבערישע אַפּעטיטן פֿון די אימפּע־ראַטאָרישע באַאַמטע, און די פֿאַרוויסטונג וואָס די אומגליקלעכע מלחמות פֿלעגן ברענגען, און פֿון וועלכע עס פֿלעגן שטאַרק לײַדן די קליינע ערד באַזיצער.

סוף כל סוף איז אָבער געוואָרן אוממעגלעך אָנצוהאַלטן די גרויס פּראָדוקציע. עס הייבט זיך אָן אַנטוויקלען די סיסטעם פֿון צוטיילן די גרויסע גיטער אינגאַנצן אָדער טיילווײַז אויף קליינע טיילן, וועלכע ווערן פֿאַרדונגען פֿאַר געלט אָדער פֿאַר אַ באַ־שטימטער סומע אַרבייט. פֿאַרדונגען פֿלעגט דאָס ווערן מער־סטנס צו די אַזוי־גערופֿענע ק אָ ל אָ נ ע ן, וועלכע מען האָט אין די שפּעטערע יאָרן געזוכט וואָס שטאַרקער צוצובינדן צו

זייער ערד. זיי זיינען געווען די ערשטע פארלויפער פון לייב־אייגנטום פון מיטעל־אלטער.

די אורזאכע פאר צובינדן די קאלאנען צו דער ערד, איז געווען די שנעלע־פארקלענערונג פון די ארבייטס כחות אין דעם שטאט. מיט'ן אויסנאם פון עטליכע רייכע און א פארהעלטניסמעסיג קליינע צאל פרייע זעלבסטשטענדיגע ארבייטער, אין די נאך איבערנעבליבענע ארעמע דארפס ווירטשאפטען און האנט־ווערקעריי, איז די גאנצע באפעלקערונג באשטאנען פון לומפען־פראלעטאריער און שקלאפען. ניט האבענדיג באמת קיין פאמיליע און לעבענדיג צום גרעסטען טייל אונטער די ערגסטע אומשטאנדען, זיינען ניט די ערשטע און ניט די לעצטע געווען בכח צו שאפען א גענינענדען צואוואוקס פון דער באפעלקערונג. די אומצאליגע ניט איינגעגעבענע מלחמות האבען דעם דאזיגען מענשען־דעפיציט נאך פארגרעסערט. די באפעלקערונג איז גאנץ באדייטענד פארקלענערט געווארען. כדי צו האבען גענוג קאלאנען און סאלדאטען, זיינען די הערשענדע קלאסען פון רוים געוועזן געצוואונגען אריבערציהען קיין רוים פרעמדע און בארבארען. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז סוף כל סוף איז די גאנצע מיליטערישע און אינדוסטריעלע באפעלקערונג פון רוים באשטאנען איבערהויפט פון פרעמדע ארטפון מענשען פון פרעמדער אפשטאמונג.

אבער דאס איז אליין ניט גענוג געווען, כדי צו פארניכטיגען די שנעלע פארקלענערונג פון דער באפעלקערונג; זיי זיינען געווען געצוואונגען אויך אנקומען צו אליין מער רויע און אומקולטורעלע עלעמענטען.

די רוימישע קולטור האט געקאנט דערגרייכען די הויך אויף וועלכער זי איז געשטאנען בלויז א דאנק דעם וואס זי האט געהאט גענוג ארבייטס קראפט, וועלכע זי פלעגט פארשווענדען אהן רעכענונג. איז די שפע פון ארבייטס קראפט אויסגענאנגען, איז אויך די שפע פון פראדוקטען פארשוואונדען. די דארפס ווירטשאפט און די אינדוסטריע, זיינען געפאלען, זיינען געווארען אלץ רויער און בארבארישער. נאכדעם האט נאכגעפאלגט דאס פאלען פון דער קונסט און וויסענשאפט.

דער דאזיגער סאציאלער אונטערגאנג האט זיך געצויגען א

גאנץ לאנגע צייט. עטליכע יאָרהונדערט זיינען אוועק ביז רוים האָט זיך ארונטערגעלאָזען פון איהר שטאָלצער הויך, וואָס זי האָט פארנומען אין דער צייט פון אוגוסטוס און זיינע באלדיגע נאָכ־פאָלגער. דער שטויס צום אונטערגאנג איז נאָך געגעבען געוואָרען אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט פון אונזער צייט רעכענונג, די סמנים דערפון האָבען זיך שוין דאן אָנגעזעהן אין פיל שטריכען פונם רוימישען לעבען. מיט דעם דאָזיגען אונטערגאנג, און א דאנק אים, איז א נייער סאָציאלער כח אויסגעוואקסען, א כח וואָס האָט געראטעוועט אין דעם אלגעמיינעם אונטערגאנג אל'ז וואָס מען האָט נאָך געקאָנט ראטעווען און וואָס האָט נאָכדעם איבערגעגעבען די רעשטלאך פון דער רוימישער קולטור צו די גערמאנען, וואו עס איז אוועקגעלעגט געוואָרען דער פונדאמענט פאר א נייער העכערער קולטור. ד ע ר ד אָ ז י ג ע ר כ ח א י ז ג ע ו ו ע ן ד אָ ס ק ר י ס ט ע נ ט ו ם.

## 2. דער תמצית פון אלט־קריסטליכען קאָמוניזם.

פונקט ווי אין דער צייט פון דעם אונטערגאנג אין גריכענלאנד, אזוי אויך אין דער רוימישער אימפעריע, האָבען אלע דענקענדע מענשען און די וואָס האָבען מיטגעפיהלט מיט זייערע ליידענדע ברידער, זיך געפיהלט געצוואונגען צו זוכען עפעס אן אויסוועג פון דער שרעקליכער לאגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די געזעלשאפט.

די פראגע וועגען דעם דאָזיגען אויסוועג איז געלייזט געוואָ־רען אויף פארשיידענע אופנים. אויך דער פלאטאָנישער אידעאל איז דאָ אויפגעשטאנען תחית המתים, איצט אָבער האָט ער נאָך א קלענערען איינפלוס געקאָנט האָבען, ווי אין דער צייט פון זיין אנשטעהונג. אמת, דער נעאפלאטאָניסט פלאָטין (אין דריטען יאָרהונדערט פון אונזער צייטרעכענונג) האָט אויף אזוי פיל באזיגט די סימפאטיע פון די הערשענדע קלאסען, אפילו פון דעם אימפעראטאָר ג א ל י ע נ א און זיין פרוי ס א ל א נ י נ ו, אז ער האָט געקאָנט האָפען דורך זייער הילף צו גרינדען א שטאָט לויט'ן מוסטער פון דעם פלאטאָנישען אידעאלען שטאָט. אָבער דער דאָזיגער סאלאן־קאָמוניזם איז פשוט געווען ניט מעהר

ווי א צייט־פארטרייבט פאר די הויך־געשטעלטע לעדיג־געהער. אפילו קיין פראָבע פאר דער פארווירקליכונג פון דעם פלאן איז ניט געמאכט געוואָרען, אויסער באשטימען א נאָמען פאר אָט דער צוקונפטיגער קאָלאָניע, וואָס האָט געדארפט הייסען „פלאטאָנאָפאָלים" (ד. ה. פלאטאָן־שטאָט).

די שטאטליכע מאכט האָט אומעטום באגעגענט אומצוטרויען און גלייכגילטיגקייט. די פאנאנדערפאלונג פון דעם סאָציאלען אָרגאניזם איז געקומען צו אזא שטופע, אז פון א שטערבליכען אימפעראטאָר, האָט ער געמעגט ווי מעכטיג זיין, האָט מען ניט געקאָנט ערווארטען אז אים זאָל זיך איינגעבען א ניי לעבען אריינבלאָזען אין דער געזעלשאפט. בלויז אן איבערמענשליכער כח האָט אזא נס געקאָנט באווייזען.

ווער עס האָט אין נסים געגלויבט איז אריינגעפאלען אין א טיפען פעסימיזם אָדער האָט זיך געזוכט צו פארטויבען מיט אומזיניגע פארגעניגענס. אָבער פון די סימבאָליסטישע ענטוזיאסטען, וואָס זיינען אויף ביידע זאכען ניט פעהיג געווען, האָבען פיל אָנגעהויבען גלויבען אין נסים. אָפטער ווי אומעטום האָט דאָס פאסירט צווישען די ענטוזיאסטען פון די נידעריגערע פאָלקס־שיכטען. זיי האָבען שטארקער ווי אלע געפיהלט די נע־זעלשאפטליכע געזונקענהייט און האָבען אין דערזעלבער צייט ניט געהאט קיין מעגליכקייטען זיך צו פאר'שכור'ן דורך פארגעניגענס, און האָבען אויך ניט געהאט דעם געפיהל פון אויסניכטערונג, וואָס קומט נאָך דער שכרות, און וואָס פיהרט אָפט צום פעסימיזם. צווישען זיי איז טאַקי אין אָנהויב געשאפען געוואָרען דער גלויבען, אז באלד וועט פון הימעל ארונטערקומען א רעטער און וועט שאפען אן אידעאלע קעניגרייך, אין וועלכער עס וועלען ניט זיין קיין מלחמות און קיין ארעמקייט, וואו עס וועט הערשען פרידען און פרייד, און אלץ וועט זיין איבערגענוג. דער רעטער איז געווען דער געזאלבטער פון גאָט — קריסטוס *).

איז נאָר די מעגליכקייט פון א נס צוגעלאָזען געוואָרען, זיינען אלע גרענעצען פאר דער פאנטאזיע אָפגעשאפט געוואָרען, און

*) כריסטאָס — מיינט אין גריכיש געזאַלבטער.

יעדער איינער פון די גלויביגע האָט זיך שוין געקאָנט פאָרשטעלען די אָנקומענדע קעניגרייך וואָס שענער. ניט בלויז די געזעלשאפט, נאָר אויך די נאַטור האָט זיך געדארפט ענדערען, אלץ וואָס אין איהר איז שעדליך האָט געדארפט פארשווינדען, אלץ, מיט וואָס זי פארשאפט פארגעניגען האָט געדארפט אָהן א שיעור פארמערט ווערען און גליקליך מאכען דעם מענשען.*)

דאָס ערשטע קריסטליכע ווערק, אין וועלכע די דאָזיגע ער־ווארטונגען ווערען אויסגעדריקט, איז געווען די אזוי אָנגערופענע „אָפּענבארונגען פון יאָהאַן" (אָן אפּאקאליפּסע), וואָס איז וואר־שיינליך אָנגעשריבען געוואָרען גלייך נאָכ'ן טויט פון נירון, און וואָס האָט מודיע געווען אז קירצליך וועט זיך אָנהויבען א שרעק־ליכער קאמף צווישען נירונ'ען, וואָס וועט זיך צוריקקערען אלס אנטיכריסט, און צווישען קריסטוס'ען, וואָס דארף אויך באלד זיך צוריקקערען, א קאמף, אין וועלכען די גאנצע נאַטור וועט זיך באטייליגען. קריסטוס וועט פון דעם קאמף ארויס דער זיגער. ער וועט ווערען דער גרינדער פון א טויזענט־יאָהריגער קעניגרייך, וואו עס וועלען הערשען צוזאמען מיט אים אלע פרומע, און וואו דער טויט וועט קיין שליטה ניט האָבען. אָבער דאָס איז נאָך ווייניג, ווען די דאָזיגע קעניגרייך וועט זיך ענדיגען, וועט אנט־שטעהן א נייער הימעל און א נייע ערד, און אויף דער ערד א נייע ירושלים, דער וואוין־פּלאץ פון די גליקליכע.

די טויזענט־יאָריגע קעניגרייך איז דער צוקונפט שטאט פון די אלטע קריסטען. דערפון נעמט זיך דער נאָמען כ י ל י א ס ט י ש ע,**) מיט וועלכען מען באצייכענט די אלע סעקטען וואָס זיינען אין קריסטענטום אנטשטאנען, און וואָס האָבען שטארק מגזם געווען זייערע ערווארטונגען פון דער נייער געזעלשאפט.

שטיצענדיג זיך אויף דער אפּאָקאליפּסע, האָבען פילע פון די קריסטליכע לערער פון די ערשטע צייטען געהאט כיליאסטישע

*) אין זיין "Kritishe Geschichte des Chiliazmus" (פראַנקפורט, 1781), באַשרייבט קאָראָדי ניט נאָר געגנוי, נאָר ער קריטיקירט אַפילו די מאָדנע פארמערונג פון אָט די פאַנטאַזיעס!

**) כיליאַס — אויף גריכיש טויזענט.

האָפנונגען און מאַנכע פון זיי, ווי צ. ב. ש. כ י ר נ י ו (צווייטען י. ה.) און אפילו לאַקטאַנצי (אַרום 320 יאָר פון אונזער צ. ר.) באַשרייבען דעם קומענדען גן עדן אויף דער ערד מיט אַלע דעטאַלען, און אין די העלסטע און שטאַרקסטע פאַרבען. ערשט דאַן ווען די לעבענס באַדינגונגען פון קריסטענטום האָבען זיך אינגאַנצען געענדערט, ווען דאָס קריסטענטום האָט אויפגעהערט צו זיין בלויז די רעליגיע פון די אומגליקליכע און אונטערדריקטע פראָלעטאַריער, פון די שקלאַפען און זייערע פריינט, ווען זי איז אויך געוואָרען די רעליגיע פון די שטאַרקע און רייכע, ערשט דאַן הערט דער כיאַליאַזם אויף צו זיין דער ליבלינג פון דער אָפיציעלער קירכע, ווייל ער האָט שטענדיג געהאַט אין זיך אַ רעוואָלוציאָנערע נייגונג, איז שטענדיג געווען עפּעס אַזוי ווי אַ נבואה וועגען דעם אונטערגאַנג פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט.

אין דער צווייטער העלפט פון פערטען י. ה. און אין דער ערשטער העלפט פון פינפטען איז דער הייליגער אוגוסטין (געשט. 430) דער ערשטער אַרויסגעטראָטען אַלס אַנטשיידענדער געגנער פון דער דאָזיגער אומבאַקוועמער לערע, און האָט איר צושלאָגען דורך אַ גאַנצער רייע שטאַרק־קאָמפּליצירטע פּרושים און אויסטייטשונגען פון דער אַפּאָקאַליפּסע. פון דער צייט אָן הויבט מען אָן האַלטען דעם כיאַליאַזם פאַר אַן אַפּיקורסות. די אָפיציעלע קירכע האָט איבערגעטראָגען די אָנקומענדע קעניגרייך פון גליק פון דער ערד אויפ'ן הימעל.

די כיליאַסטישע ערוואַרטונגען זיינען פון די אַמערסטענס אָנגעזעהענע טענדענצען אין דעם אַלט־קריסטליכען גייסטיגען לעבען. אָנצונעמען אַז דאָס אַלטע קריסטענטום האָט געשעפּט די וויכטיגסטע טייל פון זיין שטאַרקייט אין כיאַליאַזם, וואָלט געווען פונקט אַזאַ טעות, ווי אָננעמען, אַז די מאָדערנע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז באַזירט אויף די צוזאָגען פון דעם „צוקונפטיגען שטאַט".

דאָס אַלטע קריסטענטום איז געוואָרען אומבאַזיגבאַר פאַר די הערשער פון יענער צייט דורך דעם וואָס עס איז געוואָרען אַ נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט פאַר דער גרויסער מאַסע פון דער באַפעלקערונג. צו זיין זיג האָט איהם געהאָלפען נים די פּרומע

טרוימען, נאָר זיין פּראַקטישער איינפלוס. דעם דאָזיגען פּראַק־טישען איינפלוס וועלען מיר איצט באַטראַכטען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען איז דער פּאופּעריזם געווען די וויכטיגסטע פראגע אין דער צייט פון דער אימפּעריע. אַלע פּראָבען, וואָס דער שטאַט האָט געמאַכט געגענצואווירקען איהם, האָבען זיך ניט איינגעגעבען. אַ סך פון די אימפּעראַ־טאָרען, און אויך פּריוואַטע מענשען, האָבען געפּרואווט לייזען די דאָזיגע פראגע דורך צדקה אנשטאַלטען. דאָס אַלץ איז אָבער געטאָן געוואָרען ניט אין קיין געגוגענדער מאָס דאָס זיינען בלויז געווען טראָפּענס אויף אַן אנגעברענטען שטיין, און דערצו נאָך איז די נייציגע רוימישע ביוראָקראַטיע געווען ווייט ניט קיין אִי־דעאַלע פאַרוואַלטערין פון אַזוינע אנשטאַלטען.

די פּעסימיסטען און די וואָס האָבען געזוכט בלויז פאַרגע־ניגענס, האָבען געגען פּאופּעריזם געטאָן דאָס זעלבע וואס זיי האָ־בען געטאָן געגען אַלע אַנדערע איבלען פון שטאַט און געזעל־שאַפט, ד. ה. — גאָר ניט. זיי האָבען דערקלערט, אַז די עקזיס־טענץ פון אַזוינע איבלען איז זעהר אַ טרויעריגע ערשיינונג, אָבער אַז דאָס זיינען אומפאַרמיידליכע ערשיינונגען, און דערפאַר דאַר־פען פילאָזאָפען געגען דעם ניט קעמפען.

גאַנץ אַנדערש אָבער האָבען געהאַנדעלט די ענטוזיאַסטען און די פּראָלעטאַריער, וואָס האָבען פון אָט די אַלע איבלען אַליין געליטען. זיי האָבען ניט געקענט אויף זיי קוקען רו־היג; זיי האָבען געמוזט שטרעבען צו מאַכען אַן ענדע צו זיי. די נויטבאַדערפטיגע האָט מען ניט געקאָנט העלפען מיט איבערטריבענע טרוימען וועגען אַ גליק וואָס דער משיח וועט ברענגען פון הימעל. דיזעלבע שיכטען אין וועלכע דער כיליאַזם איז אנטשטאַנען, זיינען אויך געווען דער באַזיס פאַר פיל ענערגישע פּראָבען בייצוקומען די עקזיסטירענדע אָרעמקייט. די דאָזיגע פּראָבען האָבען אָבער געמוזט האָבען אַ גאַנץ אַנדער כאַ־ראַקטער ווי די פּראָבען פון די גראַקכען. די לעצטע האָבען זיך געווענדט צום שטאַט, זיי האָבען געוואָלט, אַז דער פּראָלעטאַ־ריאַט זאָל פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט און זיך מיט איהר באַנוצען. איצט אָבער האָבען אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען אויפ־

געהערט און די שטאטליכע מאכט האט אנגעוואָרען איהר גאנצען קרעדיט. ניט דורך דער הילף פון שטאט, נאָר אויסער איהם, מיט דער הילף פון באזונדערע, אומאָפּהענגיגע אָרגאניזאציעס, האָבען די נייע סאָציאלע רעפאָרמער געוואָלט איבערבויען די געזעלשאפט.

נאָך וויכטיגער איז געווען א צווייטער אונטערשייד. די באַוועגונג פון די גראקכען איז געווען א האלב פויערשע; זי האָט זיך געשטיצט ניט בלויז אויף דעם שטאָטישען פּראָלעטאריאט, נאָר אויך אויף די פאראָרעמטע פויערים. זי האָט געוואָלט אויך די ערשטע פארוואנדלען אין פויערים. דער שטאָטישער פּראָלעטאריאט האָט נאָך דאן ניט אינגאנצען צוריסען זיין בונד מיט דעם פויערטום.

אין דער צייט פון דער אימפעריע האָט שוין אָבער די שטאָט און דאָרף קיין שייכות צווישען זיך ניט געהאט. די שטאָטישע און דאָרפישע באפעלקערונג האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אזוי ווי צוויי נאציעס, וואָס האָבען אויפגעהערט איינס דאָס צווייטע צו פארשטעהן. די קריסטליכע באוועגונג איז אין אָנהויב געווען אן אויסשליסליך שטאָטישע באוועגונג, אזוי אז די ווערטער פויער און געצענדינער זיינען געוואָרען כמעט איין באגריף.

אָט דאָ איז דער וואָרצעל פון דעם אונטערשייד צווישען די סאָציאלע רעפאָרמען פון די גראקכען און די סאָציאלע רעפאָרמען פון די קריסטען. די ערשטע האָבען געשטרעבט צו פארבייטען די פלאנטאציעס און פיה־צוכט ווירטשאפט אויף פויערשע ווירטשאפטען; זיי האָבען בארירט די עקזיסטירענדע פאנאנדער־טיילונג פון אייגענטום בלויז כדי צו מאכען א וועג פאר רעפאָרמען אין די פּראָדוקציאָנס מעטאָדען. נאָר טאקי א דאנק דעם האָבען זיי געמוזט אנערקענען דאָס פריוואט אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס מיטלען.

די ריכטונג פון דעם אלטען קריסטענטום איז אין אָנפאנג באשטימט געוואָרען דורך דעם שטאָטישען לומפען־פּראָלעטאריאט, וואָס איז שוין לאנג אָפּגעוואוינט געווען פון ארבייט. פאר די דאָזיגע עלעמענטען, איז די פּראָדוקציע געווען א גאנץ אומוויכטיגע זאך. זייער אידעאל זיינען געווען די פרייע פייגעלאך, וואָס זייהען ניט און שניידען ניט און זיינען פונדעסטוועגען זאט.

שטרעבענדיג צו אַ נייער פּאַרטיילונג פוּנ'ם אייגענטום, האָבען זיי געהאַט אין זינען ניט די פּ ר אָ ד וּ ק צ י אָ נ ס מ י ט ל ע ן, נאָר די ג ע ב ר וֹ י כ ס מ י ט ל ע ן. דער געברויכט קאָמוניזם בכלל איז ניט געווען קיין זעהר נייע זאַך פאַר דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט פון יענער צייט. אין די לעצטע יאָהרען פון דער רעפּובליק'ס עקזיסטענץ, איז די פּעריאָדישע געזעלשאַפטליכע ערנעהרונג פון גרויסע מאַסען אָרימע, און דאָס געבען זיי געברויכס־מיטלען, ניט געווען קיין זעלטענע ערשיינונג. דאָס איז נאָך אפילו פאָרגעקומען אין די גאָר ערשטע יאָהרען פון דער רעפּוב־ליק. וואָס, אלזאָ, האָט געקאָנט אויסקוקען מעהר נאַטירליך ווי צו מאַכען פון די דאָזיגע געשאַנקען אַ סיסטעם, צו אויסקעמפען אַ ווירקליכען קאָמוניזם פון די אַלע אַנווּזענדע געברויכס מיטלען, טיילווייז דורך אַ גלייכער צוטיילונג, און טיילווייז דורך אַ גע־מיינשאַפטליכען באַנוצען זיך מיט זיי!

ניט נאָר זיינען אַנטשטאַנען קאָמוניסטישען אידעען, אין דעם דאָזיגען גייסט, נאָר עס זיינען אויך גלייך אַנטשטאַנען קאָמוניס־טישע געמיינדען וואָס האָבען געזוכט די דאָזיגע אידעען אין לעבען צו פאַרווירקליכען. צום ערשטען האָבען זיי זיך באַוויזען אין די מזרח לענדער, וואָס זיינען אין זייער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אַוועק פיל ווייטער, איבערהויפּט אָבער צווישען די אידען, וועלכע האָבען געהאַט אַן אַפּאָקאַליפּטישע האָפנונג נאָך פאַר דער אַנט־שטעהונג פון קריסטענטום, און ביי וועמען סע האָט נאָך מיט ארום הונדערט יאָהר פאַר אונזער צייט רעכענונג שוין עקזיסטירט אַ געהיימע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע, — די א י ס י י ם.

„רייכקייט שפּילט ביי זיי קיין ראָליע ניט", זאָגט וועגען זיי יוסיפון. „פאַרקערט, זיי לויבען זעהר די געמיינשאַפטליכקייט פון אייגענטום. עס איז צווישען זיי ניטאָ אפילו איינער וואָס זאָל זיין רייכער ווי דער צווייטער. עס איז דאָ ביי זיי אַ געזעץ, לויט וועלכען אַלע, וואָס ווילען זיך אָנשליסען אַן זייער אָרדען, מוזען אַוועקגעבען זייער אייגענטום פאַר'ן אַלגעמיינעם נוצען. דערפאַר זעהט מען ביי זיי ניט קיין דחקות און ניט קיין רייכטום, אַלץ איז ביי זיי געמיינשאַפטליך אַזוי ווי ביי ברידער... זיי וואוינען ניט אַלע צוזאַמען אין דער זעלבער שטאָט, אָבער אומעטום אין אַלע

שטעט האָבען זיי באַזונדערע הייזער, און ווען מיטגלידער פון זייער אָרדען קומען צו זיי פון אַנדערע שטעט, טיילען זיי זיך מיט זיי מיט אַלץ וואָס זיי האָבען, און די גייגעקומענע קענען זיך באַנוצען מיט אַלץ, פּונקט ווי דאָס וואָלט זיין זייערע אייגענע זאַכען. ניט זייענדיג גאָר באַקענט איינער מיט'ן צווייטען, שטעלען זיי זיך דאָך אָפּ איינער ביים צווייטען און פירען זיך אויף פּונקט ווי זיי וואָלטען זיין בוזעם פריינט זייער גאַנצען לעבען. רייזענדיג נע־מען זיי מיט זיך מיט בלויז כלי זין צו פאַרטיידיגען זיך געגען גזלנים. אין יעדער שטאָט האָבען זיי אַ פאַרוואַלטער וואָס גיט אַרויס צו די רייזענדע קליידער און עסען... זיי האַנדלען ניט צווי־שען זיך, און אויב איינער גיט עפּעס דעם צווייטען, קריגט ער אָבער פון איהם דאָס אין וואָס ער נויטיגט זיך. אויב איינער איז אפילו ניט אימשטאַנד צו געבען עפּעס, מעג ער אָבער דרייסט בעטען ביי יעדען אַיינעם אַלץ אין וואָס ער נויטיגט זיך.*)

פּונקט אויף דעם זעלבען אופן זיינען אויך געווען אָרגאַני־זירט די ערשטע קריסטליכע געמיינדען. צי האָט דאָ געשפּילט אַ ראָליע די באַוואוסטזיניגע אימיטאַציע, און אויף וויפיל, איז נאָך ביז איצט ניט קלאָר. די ענליכקייט צווישען די ערשטע און די צווייטע האָט געקענט קומען פשוט אַ דאַנק די זעלבע באַדינגונגען אונטער וועלכעביידע זיינען אויסגעוואַקסען. אין איין הינזיכט אָבער האָבען די קריסטליכע געמיינדען שנעל איבערגעיאָגט די איסיים; זיי זיינען געווען אינטערנאַציאָנאַלע, אין איינקלאַנג מיט'ן אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער גרויסער רוימישער אימפּע־ריע, און דאָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיגע ווירקונג. די איסיים האָבען זיך פעסטגעהאַלטען אָן דעם יודאַאיזם. זיי זיינען פאַר־בליבען אַ קליינע סעקטע און האָבען קוים געהאַט, אין דער בעס־טער צייט, אַרום 4,000 מיטגלידער. דער קריסטענטום אָבער האָט באַזיגט די רוימישע אימפּעריע.

אין אָנפאַנג האָבען די קריסטען שטאַרק געשטרעבט צו איינ־פיהרען אַ פאָלשטענדיגען קאָמוניזם. יעזוס זאָגט צום רייכען יונ־גען מאַן, אין דעם עוואַנגעליום פון מתיה (19, 21): „אויב

*) יוסיפון — „אידישע מלחמות”, צווייטעס בוך, 8, 3, 4.

דו ווילסט ווערען פאָלקאָם, געה פארקויף דיין גוט און צוטייל דאָס צווישען די אָרימע."*) אין די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלען" ווערט באשריבען די ערשטע געמיינדע אין ירושלים אויפ'ן פאָלגענדען אופן: „קיינער האָט קיין זאך וואָס ער האָט פארמאָגט ניט אָנגערופען זיינס, אַלץ איז ביי זיי געווען געמיינשאפטליך... קיין נויטבאדערפטיגער איז צווישען זיי ניט געווען, ווייל אַלע וואָס האָבען פארמאָגט ערד און הייזער, פלעגען, פארקויפענדיג דאָס, ברענגען דאָס געלט און דאָס לעגען פאר די פיס פון די אַפּאָסטאָלען; און יעדערער האָט באקומען אַלץ אין וואָס ער האָט זיך גענויטיגט." ווי עס איז באוואוסט האָט גאָט באשטראָפט חנינה'ן און סאפירען מיט'ן טויט, דערפאר וואָס זיי האָבען געוואָלט פארבאהאַלטען א טייל געלט פון דער געמיינדע.**)

אין דער פראקטיק האָט דער דאָזיגער סאָרט קאָמוניזם נעקאָנט צוריקגעפיהרט ווערען צו דער פארוואנדלונג פון אַלע פראָדוקציאָנס־מיטלען אין געברויכס מיטלען, און צו זייער פאנאנדערטיילונג צווישען די אָרימע. ווען דאָס זאָל געווען פון אַלעמען אָנגענומען ווערען, דאן וואָלט אויפגעהערט יעדער סמן פון פראָדוקציע. ווי ווייניג די ערשטע קריסטען זאָלען אלס אָרימע פילאָזאָפען זיך ניט געווען זאָרגען וועגען דער פראָדוקציע, איז אָבער פאָרט אויף אזא פונדאמענט אוממעגליך געווען אויפצובויען א געזונטע גרויסע געזעלשאפט.

די דאמאָלסדיגע פראָדוקציאָנס באדינגונגען האָבען נויטיג געמאכט דעם פריוואט אייגענטום אויף די פראָדוקציאָנס מיטלען, אין די ערשטע קריסטען האָבען די דאָזיגע שטערונג ניט געקאָנט בייקומען ***). זיי האָבען דערפאר געמוזט זעהן ווי עס איז צו

*) פארגלייך, מאַרק, 10—12, און לוק, 12, 23, 18, 21.

**) עס איז אויך וויכטיגער דער פאָלגענדער פלאַץ אין די מעשים פון די אַפּאָסטאָלען, 2, 45—45.

***) די מאָנאַסטירען זיינען געווען אַן אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, די מאָנאַסטירען אָרגאַניזאַציע האָט ניט געקענט ווערען קיין שטענדיגע געזעלשאפטס־פאָרם. אָבער אפילו אין די מאָנאַסטירען האָט די הויפט־ראָלע געשפּילט די געמיינזאַמקייט פון געברויך, די פראָדוקציע איז געשטאַנען אויפ'ן צווייטען פלאַן. מיר וועלען נאָך וועגען דעם ריידען אויף אַן אנדער פלאַץ.

פאַרבינדען פריוואַט אייגענטום מיט קאָמוניזם. זיי האָבען אָבער דערביי ניט געקאָנט נאָכגעהן פּלאַטאָנען, וועלכער האָט דעם קאָמוניזם געמאַכט פאַר אַ פּריווילעגיע פון דער אַריסטאָקראַטיע, און איבערגעלאָזען פּריוואַט אייגענטום פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסען. איצט האָבען זיך טאַקע איבערהויפּט די לעצטע אין דעם קאָמונזם געוויטיגט.

די פאַרבינדונג פון קאָמוניזם און פריוואַט אייגענטום האָט דעם פאָלגענדען כאַראַקטער: אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען האָבען אַלע, ווי פריהער, געהאַט זייער פּריוואַטען רעכט. דער קאָמוניזם איז בלויז געווען אין ד ע ם  ג ע ב ר ו י ך פון די לעבענס-מיטלען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין דער טעאָריע איז אָט דער אונטערשייד ניט געווען עס איז נאָך דאַן בכלל ניט געווען אַזאַ שאַרפע צוטיילונג אין די עקאָנאָמישע באַגריפען. אָבער אין דער פּראַקטיק איז דאָס צוריקגעפירט געוואָרען טאַקע אָט צו די דאָזיגע צוטיילונגען, און בלויז דורך זייער הילף קאָן מען פאַרשטעהן דעם ווידערשפּרוך אין דער לערע פון דער קירכע, וועלכע ליובט זיכער שטאַרק אין איהרע ערשטע יאָהרען די געמיינשאַפטליכקייט פון אייגענטום, און קעמפּט שטאַרק גלייכצייטיג געגען יעדער סכנה וואָס שטעהט פאַר דעם פּריוואַטען אייגענטום.

די באַזיצענדע האָבען געדאַרפט פאַרהיטען פאַר זיך, און זיך באַנוצען מיט די פּראָדוקציאָנס מיטלען וואָס האָבען צו זיי געהערט, איבערהויפּט מיט דער ערד, אָבער אַלע געברויכס מיטלען, וואָס האָבען געהערט צו זיי, אָדער וואָס זיי האָבען אויף אַ וועלכען עס איז אופן באַקומען, ווי עסענוואַרג, קליידער, וואוינונגען, געלט א. אז. וו., האָבען געדאַרפט איבערגעגעבען ווערען צו דער קריסטליכע געמיינדע פאַר'ן געמיינשאַפטליכען נוצען. פאָלגליך איז די געמיינשאַפטליכקייט פון אייגענטום בלויז געווען די געמיינשאַפטליכקייט פון געברויך. דורך אַ ברודערליכען אָפּמאַך האָט יעדער קריסט געהאַט אַ רעכט אויפ'ן אייגענטום פון יעדען אַנדערען קריסט און בשעת הדחק, האָט ער געקאָנט פאָדערען, אַז די פאַרמעגליכע מיטגלידער פון דער געמיינדע זאָלען איהם פון זייער אייגענטום געבען אַזוי פיל, וויפיל עס איז פאַר איהם נויטיג כדי

צו צופרידענשטעלען זיינע נויטיגסטע באדירפנישען. יעדער קריסט האָט זיך געקאָנט באַנוצען מיט דעם אייגענטום פון זיינע מיט־ברידער, און די רייכע האָבען קיין רעכט ניט געהאַט אַנטזאָגען זייערע נויטבאדערפטיגע ברידער צו נוצען זייער האָב און גוטס. אזוי, צ. ב. ש., האָט א קריסט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין וואוינונג געקאָנט פאָדערען פון איינעם וואָס האָט געהאַט צוויי אָדער מער וואוינונגען, אז איינע זאָל זיין פאר אים, דער אייגענטימער פון די הייזער איז פונדעסטוועגען אויך ווייטער פארבליבען זייער אייגענטימער. אָבער א דאנק דעם געברויכס־קאָמוניזם איז ער געווען געצוואונגען אוועקצוגעבען זיי פאר דעם נוצען פון אנדערע.*)

געלט און לעבענסמיטלען, וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט אריבערפירען פון איין פלאַץ אויף א צווייטען, פלעגען צוזאמענגעבראכט ווערען אויף איין פלאַץ און ספּעציעלע באאמטע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אויף צוטיילען זיי צו די וואָס נויטיגען זיך.

דער פאָלשטענדיגער קאָמוניזם פון פריהען קריסטענטום איז געשטערט געוואָרען דורך דער טיילווייזער אנערקענונג פון פריוואטען אייגענטום. איהם איז אָבער באשערט געווען שפּעטער אריבערצוטראָגען נאָך שטארקערע שטערונגען.

באטראכטענדיג דעם פלאַטאָנישען קאָמוניזם האָבען מיר שוין געזעהן, אז דער געברויכס קאָמוניזם איז זעהר ענג פארבונדען מיט דער *אָפּשאַפונג פון דער פאמיליע און מאָנאָגאמיע*. דערגרייכען דאָס האָט מען געקאָנט אויף צוויי אופנים: אָדער איינפירען די געמיינשאפטליכקייט פון פרויען אָדער אינגאנצען זיך אנטזאגען פון סעקסועלען לעבען. פלאַטאָן האָט אויסגעקליבען דאָס ערשטע, די איסיים דאָס לעצטע. זיי האָבען נעפּערעדיגט דאָס אָפּהאַלטען זיך פון חתונה האָבען. דער קריסטענטום מיט זיינע ראדיקאל־קאָמוניסטישע טענדענצען פון דער ערשטער צייט האָט אויך געפּרואווט איינפירען הייראטס־

---

*) י. א. פאגעל: אַלטערטימער דער ערסטען און אַלטען קריסטענטום, האַמבורג 1780, ז. 47.

לאָזיגקייט. אָט די אלע פראַבען האָבען געטראָגען אן אסקעטישען כאראַקטער, וואָס איז אממערסטענס געווען אין איינקלאַנג מיט די פעסימיסטישע שטימונגען פון יענער צייט. עס האָבען אָבער אויך עקזיסטירט קריסטליכע סעקטען, וואָס האָבען געפּרעדיגט און פּראַקטיצירט מער לעבענספריידיגע פאָרמען פון אָפּשאַפען די פאַמיליע און הייראַט, ווי צ. ב. ש., אדאַמיטען און די גנאסטישע סעקטען פון צווייטען י. ה.

אין דעם יעוואַנגעליום פון מתיה (9, 29) זאָגט יעזוס: „און יעדער וואָס פאַרלאָזט זיין הויז אָדער זיינע ברידער און שוועסטער, אָדער זיין פאָטער און מוטער, אָדער זיין פרוי אָדער זיינע קינדער, אָדער זיין ערד, צוליב מיין נאָמען, וועט באַקומען הונדערט מאָל אזוי פיל, און וועט זיך פארדינען אן אייביג לעבען". אין דעם עוואַנגעליום פון לוקוס'ען שרייט יעזוס אויס: „אויב איינער וועט קומען צו מיר און וועט ניט אָנהויבען פיינט האָבען זיין פאָטער און מוטער, זיין פרוי און זיינע קינדער און זיינע ברידער און שוועסטער און דערצו זיין אייגען לעבען גופא — יענער קאָן מיין תלמיד ניט זיין." (14, 26).

די טענדענץ אָפּצושאַפען דאָס פאַמיליען לעבען איז געמיינ־שאַפטליך ביי אלע אלט־קריסטליכע געמיינדעס. דערפון שטאַמט דער מנהג אז אלע סעודות דארפען זיין געמיינשאפטליכע (פרגל. די מעשים פון די אַפּאָסטאָלען, 2, 46). די דאָזיגע ליבעס־סעודות זיינען ענליך צו די געזעלשאפטליכע סעודות פון די ספּאַרטאַנער און פון פּלאַטאָנישען שטאַט*). זיי זיינען געווען דער נאַ־טירליכער רעזולטאַט פון דעם קאָמוניזם פון די געברויכס־מיטלען.

דאָס קריסטענטום האָט אָבער פונדעסטוועגען ניט געקאָנט אָפּשאַפען די קליינע פּראָדוקציע און דעם פּריוואַטען איינענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און מיט זיי איז אומפארמיידליך פארבונדען די פאַמיליע, ניט בלויז אלס פאָרמע פון צוזאַמענ־

*) ווען מיר וואָלטען געקענט גלויבען דאומער'ן (Die Geheimniss des Cristlichen Alterthums, Hamburg, 1847) וואָלטען די דאָזיגע מאָל־צייטען זיך אַרויסגעצייגט ניט פאר מאָלצייטען פון ליבע, נאָר פּשוט מענשענפרעסעריי.

וואוינען פון מאַן און ווייב, פון עלטערען און קינדער, נאָר אויך אלס ווירטשאפטליכע איינהייט. אזוי ווי אָבער דאָס קריסטענטום האָט ניט געקאָנט געבען קיין נייע פּראָדוקציאָנס־אופנים, האָט זיך אים אויך ניט איינגעגעבען צו פאַרניכטען די פריהערדיגע פאָרמען פון דער פאמיליע, הגם זיי זיינען געווען גאַנץ שטאַרק אין געגענזאַץ צו דעם געברויכס־קאָמוניזם. דער כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט ווערט איבערהויפּט באַשטימט ניט דורך דעם אופן פון געברויך, נאָר פון דער פּראָדוקציע. די געוויינשטע אָפּ־שאַפונג פון דער הייראַט און פאמיליע, אזוי גוט ווי דער פולער קאָמוניזם בכלל איז געווען ניט אין איינקלאַנג מיט דער פאַר־שפּרייטונג פון קריסטענטום אין דער געזעלשאַפט. ער איז שטענ־דיג געווען אָנגעוויזען בלויז אויף אַ באַגרענצטער צאָל סעקטען און קאָרפּאָראַציעס. דערגרייכען אַן אלגעמיינע באַדייטונג האָט זיך איהם קיינמאָל ניט איינגעגעבען.

## 3. דער אונטערגאַנג פון אלט־קריסטליכען קאָמוניזם.

בלויז אַן אויסערגעוועהנליכער ענטוזיאַזם האָט געקאָנט שלום מאַכען צווישען דער פאמיליע און דעם געברויכס־ און גוץ־קאָמו־ניזם. אין די ערשטע קריסטליכע געמיינדען איז טאַקע אזאַ ענטו־זיאַזם געווען. אָבער וואָס מער די צאָל קריסטען איז געוואַקסען, אַלץ קלענער איז געוואָרען צווישען זיי די צאָל פון אויסערגעוועהנט־ליך באַגאַבטע נאַטורען, און די געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען פון דעם אונטערגעהענדען רוים האָבען געקאָנט אין געוועהנליכע, דורכשניטליכע מענשען אויפוועקען אַלץ, אויסער אַן אקטיווע אי־בערגעבענהייט צו עפּעס. אין דעם פּרט איז קיין שום קלאַס קיין אויסנאַם ניט געווען.

דערפאַר האָט אין די קריסטליכע געמיינדען די פאַמיליע גאַנץ שנעל ארויסגעשטויסען דעם געברויכס קאָמוניזם. די היימישע מאָלצייטען זיינען געוואָרען דער רעגעל, די געזעלשאַפטליכע סעודות האָבען זיך אַלץ מעהר אָנגעהויבן באַגרענעצען אויף ימים טובים. אין אָט דער דאָזיגער באַגרענעצטער פאָרמע זיינען זיי אָנגעהאַלטען געוואָרען אין די ערשטע יאָרהונדערטען פון קריסטענטום און נאָכ־

דעם זיינען זיי איננאנצען פארשוואונדען, זיי זיינען פארוואנדעלט געוואָרען אין מאָלצייטען וואָס די רייכע פלעגען פון צייט צו צייט פאראנשטאַלטען פאַר די אָרימע.

דעם ערשטען פּלאַץ האָט ווייטער פארנומען די זאָרג וועגען דער אייגענער פאמיליע. בלויז די זאכען וואָס זיינען פאַר איהר ניט נויטיג געווען האָבען געהערט צו דער קירכע. דאָס געמיינשאפטליכע באנוצען זיך מיט דעם אייגענטום פון אלע מיטגלידער איז באַשרענקט געוואָרען אויף דעם, וואָס יעדער מיטגליד האָט גע־דארפט אָפּגעבען זיין איבערפלוס אין דער געמיינשאפטליכע קאַסע. דעם איבערפלוס פון הכנסות, וואָס איז געווען מעהר ווי דאָס נויטיג־סטע, פאַר יעדען באַזונדערען מיטגליד, האָט געהערט צו דער קירכע. אָט די פאָרמע האָט אין א קורצער צייט אָרום אָנגענומען דער קריסטליכער קאָמוניזם אין דער פּראַקטיק.

היות אָבער ווי די סאָציאַלע באַדינגונגען פון דער צייט פון דער אימפעריע, וואָס האָבען אוממעגליך געמאַכט די פּאַקטישע איינ־פירונג פון קאָמוניזם, זיינען אבער געווען גינסטיג פאַר דער אנט־שטעהונג פון קאָמוניסטישע אידעען, האָבען זיך די קאָמוניסטישע טראַדיציעס פון קריסטענטום אויפגעהאַלטען נאָך א גאַנץ לאַנ־גער צייט. אַלע מאָל זיינען פון דאָס ניי אנטשטאַנען נייע קאָמו־ניסטישע סעקטען, און אפילו די קאַטוילישע קירכע וואָס האָט באַ־זיגט אַלע אנדערע ריכטונגען אין קריסטענטום, איז נאָך א לאַנ־גער צייט אין דער טעאָריע געווען קאָמוניסטיש.

די „קירכליכע פאָטערס" האָבען פונקט ווי פריהער געשטורעמט געגען רייכטום און אומגלייכהייט. „אומגליקליכע", שרייט אוים אין 4טען י. ה. דער הייליגער וואסיל צו די רייכע, „ווי אזוי וועט איהר זיך רעכטפּאַרטיגען געגען דעם אייביגען ריכטער?.... איהר וועט מיר זאָגען: בין איך דען ניט גערעכט, איבערלאָזענדיג פאַר זיך בלויז דאָס וואָס איז מיין אייגענטום? אָבער איך פרעג אייך, וואָס רופט איהר אָן אייער אייגענטום? ווער האָט דאָס אייך גע־געבען. איהר האַנדעלט פונקט ווי א מענש וואָס פארכאַפּט אין א טעאַטער אַלע ערטער כדי ניט צו דערלאָזען אַנדערע אריינקומען, צונעהמענדיג פאַר זיך דאָס וואָס עס געהערט באמת אַלעמען. ווי אזוי דען ווערען רייך די רייכע, אויב ניט דורך דעם וואָס זיי נעמען

צו זאַכען וואָס געהערען צו אַלעמען? ווען יעדער איינער וואָלט גענומען בלויז דאָס וואָס איהם איז נויטיג צום לעבען, און וואָלט דאָס איבעריגע פאַר אַנדערע איבערגעלאָזען, דאַן וואָלטען ניט זיין ניט קיין רייכע און ניט קיין אָרימע". נאָך אין 6טען י. ה. האָט גריגאָריוס דער גרויסער געשריבען: „ניט אָפּנעהמען ביים צווייטען זיין אייגענטום איז נאָך ווענינ; קיינער קען זיך ניט האַלטען פאַר אומשולדיג אַזוי לאַנג ווי ער באַהאַלט פאַר זיך גיטער, וואָס גאָט האָט באַשטימט פאַר אַלעמען. ווער עס גיט ניט דעם צווייטען דאָס וואָס ער פאַרמאָגט, יענער איז אַ מערדער און רוצח, ער האָט פאַר זיך איבערגעלאָזען דאָס, וואָס ס'וואָלט גע־קאָנט דינען פאַר דער אויפהאַלטונג פון די אָרימע, דערפאַר קען מען ווענען אַזעלכע זאָגען, אַז ער הרג'עט אַלע טאָג אַזוי פיל מענ־שען, וויפיל עס וואָלטען געקאָנט לעבען אויף דעם איבערפלוס פון זיין גוטס. טיילענדיג זיך מיט די אָרימע, גיבען מיר זיי ניט אונזער אייגענטום, נאָר דאָס וואָס עס געהערט צו זיי; ניט קיין צדקה גיבען מיר, נאָר מיר צאָלען אַ חוב.

איינע פון די באַדייטענדסטע באַשטעטיגונגען וועגען דעם קאָ־מוניסטישען כאַראַקטער פון אַלטען קריסטענטום געפינט זיך אין די ווערק פון היילינען יאָהאַן כריזאָסטאָם,—ד. ה. מיט'ן גאָלדענעם מויל —אַזוי פלעגט מען אים רופען פאַר זיין גרויסען רעדנער טאַלאַנט. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָר 347 אין אַנטיאָכיע און האָט זיך דערשלאָגען ביז צום אַמט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַט־ריאַרך. אָבער די דרייסטקייט, מיט וועלכע ער פלעגט בראַנדמאַר־קען די אוממאָראַליטעט פון דער הויפּט־שטאָט און איבערהויפּט פון קעניגליכען הויף, איז געווען די אורזאַך צוליב וועלכער דער קעניג אַ ר ק אַ ד י ע האָט איהם פאַרטריבען. ער איז געשטאָרבען אַלס אַ פאַרטריבענער, אין אַרמעניען אין'ם יאָר 407.

אין זיין עלפטער דרשה, וועגען די מעשים פון די אַפּאָסטאָלען, באַרירט דער דאָזיגער דרייסטער מענש די פראַגע וועגען קאָמו־ניזם. ער ציטירט די פאָלגענדע פראַזע פון די מעשים פון די אַפּאָס־טאָלען: „און אויף זיי אַלעמען האָט די גרויסע ברכה גערוהט, עס איז צווישען זיי ניט געווען קיין נויטבאַדערפטינגער". און דאָס האָט זיך גענומען דערפון, זעצט ער פאָר, וואָס „קיינער האָט קיין

זאך וואָס ער האָט פאַרמאָגט ניט אָנגערופען „זיינס", אַלץ איז ביי זיי געווען געמיינשאַפטליך".

„די ברכה האָט אויף זיי גערוהט, ווייל צווישען זיי זיינען ניט געווען קיין נויט־באַדערפטיגע, ד. ה. דערפאַר ווייל זיי האָבען אַזוי ווילינ געגעבען אַז ס'איז צווישען זיי אפילו קיין אָרימע לייט ניט פאַרבליבען. זיי האָבען ניט געגעבען בלויז איין טייל פון זייער גוטס און דאָס צווייטע פאַר זיך געלאָזען, און ניט ווי זייער אייגענ־טום האָבען זיי געגעבען. זיי האָבען אָפּגעשאַפט אומגלייכהייט און געלעבט בשפע; און געטאָן האָבען זיי דאָס אויף דעם לויבענס־ווירדיגסטען אופן. זיי האָבען ניט געוואגט צו געבען מתנות אין די הענט פון דעם נויט־באַדערפטיגען, אויך האָבען זיי דאָס ניט גע־שענקט מיט דער מינע פון גרויסמוטיגער גוטהאַרציגקייט, נאָר האָבען געבראַכט זייערע געשאַנקען צו די פיס פון די אַפּאָסטאָלען, און האָבען די לעצטע געמאַכט פאַר די באַלעבאַטים און צוטיילער פון זייערע געשאַנקען. אַלץ אין וואָס עמיצער האָט זיך גענויטיגט האָט ער גענומען פון די געמיינדע־רעזערוווען און ניט פון דעם פּריוואַטען אייגענטום פון אַ יחיד. די וואָס האָבען געגעבען האָבען אויף דעם אופן ניט געקענט דורכגעדרונגען ווערען פון גאוה".

„ווען מיר זאָלען איצט טאָן דאָס זעלבע, וואָלטען מיר אַלע, רייכע און אָרימע, פיעל גליקליכער געלעבט; און די אָרימע וואָלטען דערפון געוואונען ניט מעהר ווי די רייכע.... ווייל די וואָס גיבען ווערען ניט נאָר ניט אָרים, נאָר זיי מאַכען אויך רייך די אָרימע".

„לאָמיר זיך פאָרשטעלען די זאַך אַזוי: אַלע גיבען אַוועק זייער אייגענטום און געזעלשאַפטליכען באַזיץ. זאָל זיך וועגען דעם קיינער ניט זאָרגען, ניט די רייכע און ניט די אָרימע. וויפיל זשע דענקט איר וועט זיך אָנקלייבען געלט? איך רעכען, באַשטימען פּינקטליך איז, נאַטירליך, ניט מעגליך. ווען אָבער יעדער איינער וואָלט אַוועקגעגעבען זיין גאַנץ געלט, פעלדער, גיטער און הייזער (וועגען שקלאַפען וועל איך ניט רעדען, די ערשטע קריסטען האָבען וואַרשיינליך קיין שקלאַפען ניט געהאַט, ווייל מסתמא האָבען זיי זיי באַפרייט.) וואָלט זיך זיכער אויפגעקליבען אַ מיליאָן פונט גאָלד, און אפשר צוויי אָדער דריי מאָל אַזוי פיל. זאָגט נאָר איצט, ווי פיל אַן ערך מענשען וואוינען ביי אונז אין שטאָט (אין קאָנסטאַנ־

טינאַפּאַל)? וויפיל קריסטען זיינען דאָ? וועט ניט זיין א טויזענט? און וויפיל געצענדינער און אידען? וויפיל פונט גאָלד דאָ וואָלט זיך עס אויפגעקליבען! און וויפיל פון אונז זיינען אָרימע? איך דענק ניט אַז עס זאָל זיין מעהר ווי פופציג טויזענט. וויפיל וואָלט מען באדארפט כדי צו אויסהאַלטען זיי טעגליך? אויב זיי זאָלען עסען אַלע צוזאַמען, דארפען די אויסגאַבען ניט זיין זעהר קיין גרויסע. וואָס זשע וועלען מיר טאָן מיט אונזער ריזיגער קאַסע? דענקסטו, אַז זי וואָלט זיך געקענט אמאָל אויסליידיגען? און וואָלט דען אויף אונז, אין טויזענט מאָל מער, ניט ארונטערגעקומען גאָט׳ס ברכה? וועלען מיר דען ניט פארוואַנדלען די ערד אין א גן עדן? אויב ביי דריי אָדער פינף טויזענט (די ערשטע קריסטען) האָט דאָס געבראַכט אַזוינע גלענצענדע רעזולטאַטען, און קיינער פון זיי האָט קיין נויט ניט געליטען, אויף וויפיל מעהר דארף זיך דאָס איינגעבען אַזא גרויסער צאָהל ווי מיר זיינען? יעדער וואָס וועט צוקומען וועט דאָך עפּעס צוגעבען צו אונזער רייכטום!

„די פאנאַנדערשפּליטערונג פון אייגענטום איז אַן אומזיסטע ארבייט, און איז דעריבער די אורזאַך פון אָרעמקייט. לאָמיר נעהמען אַלס ביישפּיעל א פאַמיליע, וואָס באשטעהט פון א מאַן, פרוי און צעהן קינדער. די פרוי פארנעהמט זיך מיט וועבען און דער מאַן געהט פאַרדינען אין מאַרק. ווען וועט זייער הוצאה גרעסער זיין, ווען זיי וועלען לעבען צוזאַמען אָדער ווען זיי וועלען זיך אַלע פאנאַנדערגעהן? נאַטירליך, ווען זיי וועלען זיך פאַנאַנדערגעהן. אויב די צעהן קינדער וועלען לעבען אַלע באַזונדער, וועלען זיי דארפען צעהן הייזער, צעהן טישען, צעהן באדינער און אַזוי ווייטער. יעדע זאַך וועט זיך פאָדערען צעהן מאָל אַזוי פיל. ווי האַנדעלט מען דען מיט שקלאַפען? צווינגט מען דען זיי ניט צו עסען אַלע צוזאַמען כדי עס זאָל ווייניגער קאָסטען? צושפּליטערונג פיהרט שטענדיג צו פארשווענדונג, אייניגקייט — צו דער פארהיטונג פון גיטער. אַזוי לעבט מען איצט אין די מאָנאַסטירען און אַזוי האָבען אמאָל אַלע גלויביגע געלעבט. ווער איז דאַן פון הונגער געשטאָרבען? ווער האָט זיך דען ניט אָנגעזעטיגט? און פונדעסטוועגען האָבען מענשען מורא פאַ אָט דעם צושטאַנד ערגער ווי פאַר אריינשפּרינגען אין ים. ווען מיר זאָלען נאָר א פּראָבע מאַכען,

און דרייסט זיך נעהמען פאר אַט דער ארבייט! וויפיל ברכות דאָס וואָלט געקענט ברענגען! אויב דאן ווען די צאָהל גלויביגע איז אזוי קליין געווען — איינגאנצען א דריי, פינף טויזענט, ווען די גאַנצע וועלט האָט זיך צו אונז באצויגען פיינטליך, און ווען מיר האָבען אין ערגעץ קיין טרייסט ניט געקענט זוכען, אויב דאַן האָבען אונזערע פאָרגענגער אזוי אנטשידען זיך גענומען פאַר דער דאָזיגער ארבייט — וויפיל מעהר זיכערהייט אין אונזער ארבייט דארפען מיר האָבען היינט ווען מיר האָבען, מיט גאָט'ס הילף, גלויביגע אומעטום! ווער וואָלט נאָך דאַן געוואָלט פארבלייבען א געצענ־דינער? איך רעכען אַז קיינער ניט. מיר וואָלטען צו אונז צוגע־צויגען אַלעמען, און אַלע וואָלטען זיך צו אונז באַצויגען פריינטליך.

און דער „גאָלד־מוילינגער" פארענדיגט זיינע באטראכטונגען מיט אַ פאָרשלאַג זיך נעהמען פארווירקליכען זיינע פלענער.

דאָס איז אַ ניכטערע און עקאָנאָמישע דרשה און אזוי פריי פון יעדער רעליגיעזער אָנגעבלאָזענקייט, און זעהר אינטערעסאַנט אין פיל הינזיכטען. זי שילדערט דייטליך דעם קאָ־מוניזם פון אַלטען קריסטענטום, וועמעס טראדיציעס עס האָבען נאָך אין יענער צייט געלעבט; זי גיט אָבער אויך קלאָר צו פאַר־שטעהן אַז דאָס איז געווען בלויז אַ געברויכס־קאָמוניזם אָבער ניט קיין פראָדוקציאָנס־קאָמוניזם. דער בעל דרשן פרואווט איבער־צייגען זיינע צוהערער און זיי באקעהרען צום קאָמוניזם, דורך דעם וואָס ער באווייזט זיי מיט ציפערען, אויף ווי ווייט אַ געמיינ־שאַפטליכע ווירטשאַפט איז עקאָנאָמישער, ווי צושפּליטערטע איינ־צעלנע ווירטשאַפטען. ער זאָגט אָבער קיין איין וואָרט ניט וועגען דעם ווער וועט פראָדוצירען די אַלע נויטיגע זאכען פאַר דער קאָמו־ניסטישער ווירטשאַפט. אויף דעם דאָזיגען פעלד האָט אַלין גע־דארפט פארבלייבען ווי עס איז געווען.

דער פאָרשלאַג איז געבליבען ניט קיין דורכגעפיהרטער. אויף ווי ווייט די קירכע איז שוין דאַן אוועק פון איהר אורשפּרינגליכען קאָמוניזם, קען מען זעהן פון די ווערטער פון דעם „גאָלד־מוילינגען" נופא: „מענשען האָבען מורא פאַר'ן קאָמוניזם מעהר ווי פאַר אריינשפּרינגען אין ים". פונקט אזוי קלאָר האָבען אויך גערעדט אנדערע קירכען־לעהרער. טאקע זייערע ליידענשאַפטליכע רעדעם

געגען די קריסטליכע רייכע באוויזט, אז פון דעם צווייטען יאָהרהונדערט אָן פארשווינדט פון דער קירך ניט נאָר די פראקטישע אנווענדונג פון קאָמוניזם, נאָר אפילו זיין גייסט, דער געפיהל פון גלייכהייט און ברידערליכקייט.

עס האָט זיך ווייטער ארויסגעוויזען אז די מאטעריעלע באַדינגונגען זיינען שטארקער פון אידעען און הערשען איבער זיי. כחות וואָס זי האָט ניט געקענט ביישטעהן האָבען געשטויסען די קירכע צוצופאסען איהרע לערען צו נייע באדינגונגען, וואָס זיינען געשאפען געוואָרען א דאַנק איהר פארשפרייטונג. אזוי ווי מען האָט ניט געקענט פארניכטען די קאָמוניסטישע טראַדיציעס, האָט מען זיך געמיט זיי אויסטייטשען אין א גאַנץ נייעם זין און מאכען א שלום צווישען זיי און דער ווירקליכקייט דורך דער הילף פון א גאנצער רייהע סאָפיזמען, וועלכע מען האָט ביי דער דאמאָלסטדיגער פילאָזאָפיע שטענדיג געהאט צום האַנט. איצט זיינען אָט די ריין מאטעריעלע באַדינגונגען פארוואַנדעלט געוואָרען אין גייסטיגע.

„די קירכע", זאָגט ראצינגער אין זיין „געשיכטע דער קירכ־ליכען ארמען־פפלעגע" (פרייבורג 1860) כאראקטעריזירענדיג דעם געראנקען־גאַנג פון די ערשטע קירכליכע לעהרער וועגען אייגענטום" „איז געווען באשטימט בלויז פאַר די אָרימע. די רייכע זיינען פון איהר געוועזן אויסגעשלאָסען.... עס פאָדערט זיך ניט קיין פאָל־שטענדיגע אָפּזאָגונג פון אייגענטום, עס איז גענוג אויב ער (דער רייכער) אנטזאגט זיך פון איבערפליסיגען באנוצען זיך מיט זיין אייגענטום, פון פארגעניגען האָבען פון אים... דער רייכער האָט אויך געדארפט אוועקרייסען זיין הארץ פון יעדען ערדישען פארגעניגען; ער האָט זיך געדארפט רעכענען פאַר אַן אָנפארטרויטען פון גאָט, און הערשען פונקט אזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געהערשט. אויף זיינע אייגענע הצטרכות'ן האָט ער געדאַרפט אויסגעבען בלויז דאָס נויטיגסטע, און דאָס איבע־ריגע, אלס פארוואַלטער פון גאָט'ס אייגענטום, אוועקגעבען צו די אָרימע".

אָבער דער אָרימער דארף אויך ניט, פונקט ווי דער רייכער, שטרעבען צו באַזיצען ערדישע גיטער; ער דארף זיין צופרידען

מיט זיין מזל און מיט דאנקבארקייט אָנגענומען די ברעקלאך וואָס די רייכע ווארפען איהם צו. (זייט 9, 10).

ווי פיין דאָס איז אויסגע'פּשט'עלט! דער רייכער דארף שוין איצט אוועקרייסען זיינע גיטער ניט פון זיך זעלבסט, נאָר פון זיין הארצען, ער דארף הערשען אזוי פונקט ווי ער וואָלט ניט געהערשט! מיט די דאָזיגע מיטלען האָט דאָס קריסטענטום געזוכט אויסצומעקען די סמנים פון זיין קאָמוניסטישען אור־קוואל.

אָבער אפילו אין אָט דער מילדער פאָרם האָט דאָס קריסטענטום אין פארלויף פון גאנצע יאָרהונדערטען פיל אויפגעטאָן אין קאמף מיט'ן פּאָופּעריזם. אויב עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבען דעם פּאופּעריזם צו באזייטיגען, האָט עס אָבער פיל אויפגעטאָן צו פארלייכטערען די אָרעמקייט אין זיין קרייז, וואָס איז אויפ'ן באָדען פון פּאופּעריזם אויסגעוואקסען. דאָס האָט זעהר פיל בייגעטראָגען צו זיין ערפאָלג.

אָבער וואָס מעכטיגער דאָס קריסטענטום איז געוואָרען, אלץ ווייניגער האָט עס געקענט פארענטפערען די סאָציאלע פּראבלעמען פון זיין צייט, פון וועלכער עס האָט געשעפּט זיין כח. דאָס קריסטענטום איז ניט בלויז ניט געוועזען בכח צו פארניכטען די קלאסען־אונטערשידען וואָס האָבען עקזיסטירט אין דער צייט פון זיין אנטשטעהן, נאָר וועדענדיג שטארקער און רייכער האָט עס אליין געשאפען נייע קלאסען הפוכים; אינוועניג אין דער קירכע גופא איז געשאפען געוואָרען א הערשענדער קלאס, ד י ג י י ס ט ל י כ ע, וועמען די מאסע, די געמיינדע, איז געווען אונטערטעניג.

אין אָנהויב האָט אין די קריסטליכע געמיינדען געהערשט א פאָלשטענדיגע פארוואלטונג, די אנפארטרויטע מענשען, די גלחים און עפּיסקאָפּען, וואָס זיינען געשטאנען אן דער שפּיץ פון די געמיינדען פלעגען דערוויילט ווערען דורך די געמיינדע־מיטגלידער פון זייער אייגענער מיטע, און די דערוויילטע האָבען געדארפט וועגען אליץ אָפּגעבען א דין וחשבון צו דער געמיינדע. זיי האָבען זיך ניט באנוצט מיט קיינע באזונדערע פּריווילעגיעס צוליב זייערע עמטער.

ווען אָבער די באזונדערע געמיינדעס זיינען געוואָרען ברייטער און רייכער, זיינען די ארביימען פון די אויפזעהער אזוי

אויסגעוואקסען, אז מען האָט זיי שוין מער ניט געקענט צוזאמענ־פאָרען מיט קיין אַנדער באַשעפטיגונג. עס ערשיינט דאן די צוטיילונג פון דער ארבייט: די עמטער אין די קריסטליכע געמיינדעס ווערען ספּעציאַליטעטען וואָס פאָדערען די גאנצע צייט און כחות פון א באזונדרען מענשען. דאָס קירכליכע אייגענטום קאָן שוין דאן ניט אויסגעגעבען ווערען אינגאנצען אויף אויסהאַלטען ארעמע, מען מוז שוין אויך מאַכען הוצאות פאַר פארוואלטונג, אויף געביידען פאַר געמיינשאפטליכע פארזאמלונגען און אויף אויסצוהאַלטען די באַאמטע פון די געמיינדען.

ווער אָבער האָט צוזאמענגעשטעלט די מערהייט פון די גע־מיינדעס? דער לומפּען־פּראָלעטאריאט, און ער איז קיינמאָל ניט געוועזען בכח אויפצוהאַלטען די מאַכט וואָס די דעמאָקראטישע שטאַטס־אָרדנונג האָט אים געגעבען אין די הענט. אין דער קירכע האָט ער דאָס פונקט אזוי ניט געקאָנט ווי אין שטאַט. אין דער קירכע האָט ער פאַרקויפט און איבערגעגעבען זיין מאַכט דעם עפּיסקאָפּ, פונקט ווי אין דער רעפּובליק צו די צעזארען.

דער עפּיסקאָפּ האָט פאַרוואלטעט מיט דעם אייגענטום פון זיין קירכע, ד. ה. פון זיין קהלה, און האָט באַשטימט אויף וואָס די הכנסות פון דער קירכע זאָלען אויסגעגעבען ווערען. דאָס האָט איהם געגעבען א גוואלדיגע מאַכט איבער דעם לומפּען פּראָלעטאַריאַט, א מאַכט וואָס האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען, וואָס מער עס איז געוואקסען דאָס רייכטום פון דער קירכע. די עפּיסקאָפּען זיינען אַלץ ווייניגער אָפּהענגיג געוואָרען פון זייערע וועלער, און די לעצטע זיינען אַלץ מער אָפּהענגיג געווארען פון די ערשטע.

האַנט אין האנט מיט דער דאָזיגער אנטוויקלונג איז אָנגע־גאַנגען אַלץ א מער ענגערע פאַרבינדונג צווישען די באַזונדערע געמיינדען, וואָס פלעגען אָנהויב זיין דורכאויס זעלבסטשטענ־דיגע. זיי הויבען זיך אַלע אָן פאראייניגען אין איין גרויסער אָרגאַ־ניזאציע, אין דער אַלוועלטליכער קירכע. האָבענדיג די זעלבע אנשויאונגען און ליידענדיג אונטער די זעלבע פאַרפאָלגונגען, האָ־בען שוין מאַנכע באַזונדערע געמיינדען נאָך אין דער גאָר ערשטער צייט געזוכט זיך צו פאַרבינדען מיט אַנדערע געמיינדען, דורך

שיקען בריף און שלוחים איינע צו דער צווייטער. אַם ענדע פון צווייטען י. ה. איז די פאראייניגונג פון פילע קירכען פון גריכענ־לאַנד און אזיע שוין געווען אזא ענגע, אַז די קירכען פון די בעז־זונדערע פראָווינצען האָבען געשאַפען פעסטע פארבאנדען. די העכסטע אינסטאַנץ זייערע איז געווען דער קאָנגרעס פון פאַר־טרויטע פערזאָנען, די סינאָדען פון די עפיסקאָפען. זיי האָבען שטאַרק באַגרענעצט די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די באַזונדערע געמיינדעס, און האָבען פיל געהאָלפען אַז די עפיסקאָפען זאָלען זיך אויפהויבען איבער די איבעריגע מיטגלידער פון דער געמיינדע.

ענדליך איז דאָס געקומען צו אַ פאַראייניגונג פון אַלע קריסט־ליכע געמיינדען פון דעם גאַנצען שטאַט אין איין אָרגאַניזאַציע. אין דעם פערטען י. ה. באַגעגנען מיר שוין אַלוועלטליכע צוזאַ־מענפאָרען (דער ערשטער איז געווען אין 325טען יאָהר אין ניקעי). אויף די דאָזיגע פאַרזאַמלונגען האָבען די הויפט ראָליע געשפּילט די עפיסקאָפּען פון די רייכסטע און מעכטיגסטע געמיינדען. אויף דעם אופן איז דער רוימישער עפיסקאָפּ ענדליך געוואָרען דער הויפט פון דעם מערב־קריסטענטום.

די דאָזיגע גאַנצע עוואָלוציע איז נאַטירליך ניט פאַרגעקומען אָהן אַ קאַמף. די קירכע האָט געקעמפט געגען דער שטאַטליכער מאַכט, וואָס האָט ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז עס זאָל געשאַפען ווערן אַ שטאַט אין אַ שטאַט. באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס האָבען געקעמפט איינע געגען דער צווייטער. אַ קאַמף איז אויך פאַר־געקומען צווישען פאָלק און די גייסטליכע, דאָס פאָלק איז מער־סטענס אין דעם קאַמף באַזיגט געוואָרען. שוין אין דעם דריטען יאָהר־הונדערט איז פאַר'ן פאָלק פאַרבליבען בלויז דאָס רעכט פון באַשטעטיגען די קירכליכע אָנגעשטעלטע; די לעצטע האָ־בען שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אָפּגעשלאָסענע קאָרפּאָראַציע, וועלכע ווערט אויסגעפילט פון זייער אייגענער סביבה, און וועלכע האָט פאַרוואַלטעט מיט דעם קירכליכען איינענטום ווי זי האָט געוואָלט.

פון אָט דער צייט אָן ווערט די קירכע אין דער רוימישער אימ־פעריע אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס ניט מעגליכקייטען פאַר דער בעסטער

קאריערע פאר יעדען כבוד־ליבענדען אינטעליגענטען מענשען. קיין פאליטישע קאריערעס זיינען דאן ניט געווען זינט דאס פאליטישע לעבען איז אויסגעלאשען געווארן; די מיליטערישע דינסט איז כמעט אינגאנצען איבערגעגעבען געווארן צו די געדונגענע בארבארן, די קונסט און די וויסענשאפט האבען זיך קוים געשלעפט, און די שטאטליכע פארוואלטונג האט געהאלטען אין פאלען. בלויז אין דער קירכע איז געווען לעבען און באוועגונג, דארטען האט מען גיכער ווי אומעטום געקאנט דערגרייכען א געזעלשאפטליכע באדייטונג, כמעט די גאנצע איבערגעבליבענע אינטעליגענץ און אלע ענערגישע עלעמענטען זיינען באקערט געווארען צום קריסטענטום, און גלייכצייטיג צו קירכליכע קאריערעס. די קירכע וואס האט ניט געקאנט באזיגט ווערן פון שטאט האט אליין אנגעהויבען באזיגען דעם לעצטען.

שוין אין אנהויב פון פערטען יאהר־הונדערט האט זיך געפונען א כיטרער פרעטענדענט אויפ'ן רוימישען טראן, וואס האט פארשטאנען, אז זיגרייך וועט זיין דער וואס וועט זיין אין גוטע באציהונגען צו די קריסטליכע גייסטליכע. א דאנק קאנסטאנטינען איז דאס קריסטענטום געווארען די הערשענדע, און גאר אין קורצען, די איינציגע רעליגיע אין דער גאנצער רוימישער קעניגרייך.

פון אט דער צייט הויבען אן די הכנסות פון דער קירכע צו וואקסען גאנץ שנעל. די קעניגען און אויך פריוואטע מענשען האבען דורך מתנות געזוכט פאר זיך צו קויפען די פריינטשאפט פון דער קירכע. פון דער צווייטער זייט זיינען די קעניגען אפט געווען געצוואונגען איבערצוגעבען דער קריסטליכער ביוראקראטיע די דורכפירונג פון א גאנצער רייהע אויפגאבען, וואס די שוין דעמאראליזירטע רעגירונג האט אליין ניט געקאנט דורכפירען. פאר דעם צוועק אבער האבען זיי געמוזט זעהן, אז די קירכע זאל האבען די נויטיגע קוואלען פון הכנסה, כדי זי זאל קאנען טאן איהר ארביים.

אין אנהויב פלעגען די מתנות צו דער קירכע זיין גאנץ פרייוויליגע. פון דער צייט אבער וואס זי ווערט אוועקגעשטעלט אונטער'ן שוץ פון שטאט, הויבט זי אן אויסטראכטען אלץ נייע אפצאלונגען. עס ווערט איינגעפירט א מ ע ש ר , וואס ווערט אין

אנהויב צונויפגעזאמעלט דורך א מאראלישען דרוק, און שפעטער דורך מאכט *).

די קירכע ווערט זעהר רייך, און גלייכצייטיג ווערן די גייסט־ליכע אלץ וועניגער אפהענגיג פון זייערע געמיינדעס. עס איז דער־פאר קיין וואונדער ניט, וואס מיט דעם וואוקס פון איהר רייכטום, האט די קירכע אויפגעהערט צו פארוואלטען מיט איהר אייגענטום אין די אינטערעסען פון די ארימע; די גייסטליכע האבען אנגע־הויבען באנוצען די דאזיגע רייכטימער פאר זיך. אין די קירכען, איבערהויפט אין די רייכע שטעט, ווי אין רוים, קאנסטאנטינאפאל, אלעקסאנדריע און אנדערע, האבען זיך אנטוויקעלט צום העכסטען גראד די גייציגקייט און צולאזענקייט. פון א קאמוניסטישער אינ־סטיטוציע האט זיך די קירכע פארוואנדעלט אין א גראנדיעזען מעכאניזם פאר עקספלואטאציע, א מעכאניזם וואס די וועלט האט צו איהם קיין גלייכען ניט.

שוין אין פינפטען יאהר־הונדערט זעהען מיר, אלס רעגעל פון דער רוימישער קירכע, די צוטיילונג פון אלע קירכליכע הכנסות אויף פיר טיילען. איין טייל געהערט דעם עפיסקאפ, דער צוויי־טער — די גייסטליכע, דער דריטער געהט אויף דער אויפהאלטונג פונ'ם קולט (בויען און אויסהאלטען קירכען) און בלויז איין פערטעל געהט פאר די ארימע. אלע ארימע צוזאמען האבען באקומען אזוי פיעל וויפיעל דער עפיסקאפ אליין באקומט.

דערצו אבער איז די דאזיגע איינטיילונג איינגעפירט געווארן ניט כדי צו בארויבען די ארימע פון זייער חלק, נאר, פשוט, כדי זיי צו פארטיידיגען, כדי די רעטער פון די נשמות פון די ארימע זאלען ניט אויסגעבען די גאנצע קירכליכע הכנסות פאר זייערע אייגענע צוועקען.

אבער דעם קאמוניסטישען אינהאלט פון די קירסטליכע אידעען האט מען ניט געקאנט פארניכטען, אזוי לאנג ווי די באדינגונגען, וואס האבען זיי ארויסגערופען, האבען עקזיסטירט. כל זמן די רוימישע אימפעריע האט עקזיסטירט, ביז דער פעלקער וואנדע־

*) דער צווייטער צוזאמענפאר אין טירסק (567) פאדערט אז אלע גלויביגע זאלען געבען מעשר אויך פון זייערע לייב־אייגענע

רונג, איז דאָס קירכליכע אייגענטום נאָך אַלץ געווען פאַררעכענט פאַר דעם אייגענטום פון די אָרימע, און קיין איין לערער, און אויך קיין איין קריסטליכער צוזאַמענקונפט האָט אפילו ניט געטראַכט צו פאַרלייקענען דאָס. אמת, די אויסגאַבען פאַר פאַרוואַלטען דעם דאָזיגען אייגענטום זיינען געווען אומגעהויערע, אָפט האָבען די הוצאות אויפגעגעסען די גאַנצע הכנסה, אָבער דאָס איז דאָך די איינגענשאַפט פון אַלע צדקה אַנשטאַלטען. אויף אָט דעם גרונט וואָלט פונדעסטוועגען קיינער ניט באַהויפּטעט, אַז די פאַרוואַלטער פון צדקה זיינען אויך איהרע אייגענטימער.

## דאָס קירכליכע פאַרמעגען אין מיטעל־אַלטער.

דאָס קריסטענטום האָט ניט איינגעפירט, און האָט ניט געקאָנט איינפיהרן, קיין נייעם פּראָדוקציאָנס אופן; עס האָט ניט געקאָנט דורכפיהרען קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע. דערפאַר האָט עס אויך ניט געקאָנט ראַטעווען די רוימישע אימפּעריע פון אונטערגאַנג. אויב זי האָט געקאָנט, ניט קוקענדיג אויף סאָציאַלער געפאַלענקייט, זיך שלעפּען נאָך אַ פּאָר הונדערט יאָהר, איז דאָס געווען ניט אַ דאַנק דעם קריסטענטום, נאָר אַ דאַנק די באַרבאַריש־גערמאַנישע געצענדינער. ווי עס איז שוין אויבען אָנגעוויזען געוואָרן, זיינען די באַרבאַרען, אַלס געדונגענע סאָלדאַטען און אַלס קאָלאָנען, געווען דער פונדאַמענט, אויף וועלכען די אימפּעריע האָט זיך אין דער לעצטער צייט געהאַלטען.

אָבער די גערמאַנען האָבען זיך ניט געקאָנט צופרידענשטעלען מיט זייערע געדונגענע סאָלדאַטען אָדער קאָלאָנען. זייער פּאָזיציע מיט דער געדונגענער סאָלדאַטען־דינסט און מיט דעם קאָלאָנאַט האָט זיי בלויז געלערנט, אַז דער שטאַט איז זעהר שוואַך, און אַז אין דער רוימישער אימפּעריע קאָן מען געניסען אַזוינע פאַרגעניגענס פון וועלכע מען ווייסט גאָרניט ערגעץ אַנדערש. זיי האָבען פאַרשטאַרקט זייער דראַנג נאָכ'ן דרום. ענדליך האָבען די מאַסען גערמאַנען, וואָס האָבען די אימפּעריע אָנגעפילט, אָנגעהויבען איהר באַהערשען. איין מעננגע האָט ארויסגעשטופּט די צווייטע, ביז וואַנען דער אַלגעמיינער כאַאָס האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. די באַזונדערע פעלקער האָבען זיך באַזעצט אויף באַזונדערע טערי־

טאַריעס. נייע שטאַטען זיינען געשאַפען געוואָרען און אויך אַ נייע סאָציאַלע אָרדנונג.

אין דער צייט פון דער פעלקער וואַנדערונג זיינען די גערמאַנען נאָך געשטאַנען אויף דער שטופע פון פרימיטיווען אַגראַר־קאָמוניזם. די באַזונדערע שבטים, דערפער און קהלות, האָבען געשאַפען פאַראייניגונגען און לאַנד־קהלות מיט געמיינשאַפטליכען לאַנד אייגענטום. אמת, דאָס הויז און דער הויף זיינען שוין געווען דאָס פריוואַט אייגענטום פון באַזונדערע משפחות, די ערד וואָס איז געווען באַשטימט פאַר באַארבייטען פלעגט צוטיילט ווערן צווישען זיך פאַר׳ן פריוואַטען געברויך, אָבער דאָס אייגענטום רעכט אויף דעם האָט געהערט צו דער גאַנצער קהלה. די פיטערונגס־פלעצער, פעלדער און טייכען זיינען געווען פאַר אַלעמענס נוצען.

אָרעמקייט, באַזיצלאָזיגקייט, אַלס מאַסען ערשיינונג, הערט אויף פון דער צייט פון דער פעלקער־וואַנדערונג. אין מיטעל־אַלטער איז אויך פון צייט צו צייט געווען מאַסען אָרעמקייט, אָבער דאָס איז ניט געווען דערפאַר ווייל די מאַסען האָבען ניט געהאַט קיין אייגענטום, נאָר אימער דער רעזולטאַט פון אַ ניט־גערעטעניש, עפּידעמיעס אָדער מלחמות. די דאָזיגע מאַסען אָרעמקייט איז דער־צו שטענדיג געווען בלויז אַ צייטווייליגע, און ניט קיין לעבענס־לענגליכע. אויסער דעם זיינען די אָרימע ניט איבערגעלאָזען גע־וואָרן אויף זיך אליין, נאָר די קהלה, צו וועלכער זיי האָבען געהערט, האָט זיך וועגען זיי געזאָרגט.

די קירכליכע צדקה האָט איצט אויפגעהערט צו זיין אַ געזעל־שאַפטליכע נויטווענדיגקייט. די קירכליכע אָרגאַניזאַציע גופא האָט זיך אויפגעהאַלטען, אין אָט דער שטורמדיגער צייט, בלויז אַ דאַנק דעם וואָס זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און האָט אינגאַנצען פאַרענדערט איהר כאַראַקטער. פון אַ צדקה אַנשטאַלט האָט זי זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פּאָליטישער אינסטיטוציע. אירע פּאָליטישע פונקציעס זיינען, צוזאַמען מיט איר רייכטום, געוואָרען דער הויפּט קוואַל פון איר מעכטיגקייט אין מיטעל־אַלטער. די קירכע האָט איר רייכטום פאַרהיט אין דער שטורמדיגערצייט און האָט דאָס אַריבערגעטראָגען פון דער אַלטער אין דער נייער געזעל־שאַפט. וויפיל זי זאָל ניט געווען פון איר רייכטום פאַרלירען,

האָט זי אַלע מאָל פיל מער געקאָנט צוקריגען. די קירכע איז אין דער צייט געוואָרן דער גרעסטער לאַנד־באַזיצער אין אַלע קריסטליך־גערמאַנישע קעניגרייכען. געוועהנליך האָט איין דריטעל פון אַלע לענדערייען געהערט צו איר, און אָפט אפילו מער ווי דאָס.

איצט האָט דאָס גרויסע קריסטליכע פאַרמעגען שוין אינגאַנ־צען אויפגעהערט צו זיין דאָס אייגענטום פון די אָרימע. צוזאַמען מיט פיל אַנדערע רוימישע אינסטיטוציעס האָט קאַרל דער גרויסער געוואָלט אריבערטראָגען אין דער קעניגרייך פון די פראַנקרייך אויך דעם מנהג פון צוטיילען דעם קירכליכען פאַרמעגען אויף פיר טיילען. אָבער פונקט ווי די מערסטע פון זיינע „רעפאָר־מען" איז אויך די פאַרבליבען בלויז אויפ'ן פּאַפּיר — אָדער אויף פאַרמעט. גלייך אין עטליכע יאָר נאָך זיין טויט ערשיינען די די „איזידאָר דעקרעטען", אַ זאַמעלבוך פון חוצפה'דיגע, אויס־געטראַכטע און פאַלשע דאָקומענטען, וואָס האָבען געדאַרפט רעכטפערטיגען די פּרעטענזיעס פון פּויפּיזם און זיינען געוואָרן דער יורידישער באַזיס פאַר זיין פּאָליטיק. בנוגע דעם קירכליכען איי־גענטום באַשטימען די דאָזיגע דעקרעטען, אַז אונטער דעם טערמין אָרימע, צו וועמען דאָס אייגענטום געהער, דאַרף מען פאַרשטעהן, די גייסטליכע, וואָס האָבען גענומען די שבועה פון אָרעמקייט. דער דאָזיגער טעאָריע האָט מען צוגעגעבען אַן אַלגעמיינע באַדייטונג. און פון דאַן אָן האָט זיך דאָס קריסטליכע פאַרמעגען אָנגעהויבען רעכענען פאַר'ן אייגענטום פון די גייסטליכע. אין דעם 12טען יאָהר־הונדערט האָט מען דערפון געמאַכט דעם לאָגישען אויספיר, אַז דאָס גאַנצע קירכליכע אייגענטום געהערט צום פּויפּסט, וועל־כער קאָן אים פאַרוואַלטען ווי אים געפעלט *).

*) אַט די ענדערונג אינ'ם כאַראַקטער פונ'ם קירכליכען פאַרמעגען האָט געבראַכט איין וויכטיגען רעזולטאַט. זי האָט געבראַכט צו איינפּי־רונג פון הייראַטסלאָזיגקייט פון די גייסטליכע. פאַרשידענע ריכטונגען אין דער קירכע האָבען שוין פיל מאָל פאַרלאַנגט און אַפילו פאָרגעשרי־בען די הייראַטסלאָזיגקייט פאַר די גייסטליכע, מחמת אידעאָלאָגישע טעמים, נאָר עס האָט זיך זיי קיינמאָל ניט איינגעגעבען דאָס דורכצופּי־רען. די שטרעבונג האָט זיך ערשט געקרוינט מיט ערפאָלג דעמאָלט, ווען איר איז צוגעקומען אַ מאַטעריעלער אינטערעס — די זאָרג וועגען

די דאָזיגע אנשויאונגען זיינען פאָלקאָם איין אײנקלאַנג מיט די פאקטישע באדינגונגען פון דער קירכליכער הערשאפט אין שטאַט און אין דער געזעלשאפט, און מיט דער הערשאפט פון פויפסט אין דער קירכע.

אָבער, הגם דאָס קירכליכע פארמעגען האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס פארמעגען פון די אָרימע, קאָן מען ניט זאָגען, אז די קירכליכע אָרגאניזאציע פון מיטעל־אלטער האָט גאָר ניט געטאָן פאר די אָרימע, אויף אזוי ווייט ווי עס זיינען דאן בכלל געווען אָרימע. אויב אין די ערשטע עטליכע יאָהר־הונדערט פון מיטעל־אלטער איז אפילו ניט געווען קיין פראָלעטאריאט אין דעם היינטיגען זיין (אפשר אין מאנכע גרויסע שטעט איז ער יאָ געווען), האָבען מיר שוין אָבער פריער דערמאָנט, אז צייטענווייז זיינען געווען א שעהן ביסעל נויטבאדערפטיגע, אין דער צייט פון אומגערעטענישען

דעם קירכליכען פאַרמעגען. כל זמן עס האָט זיך גערעכענט אַלס פאר־מעגען פון דער קהילה, מיט וועלכען די ביסקופען האָבען נאָר פאַר־וואַלטעט, זיינען די פאַמיליעס פון די גייסטליכע ניט געווען קיין סכנה פאר זיין גאַנצקייט. די זאַך האָט זיך אָבער אינגאַנצען געענדערט, ווען דאָס קירכליכע פארמעגען איז געוואָרען דאָס אייגענטום פון די גייסט־ליכע גופא דעמאָלט האָט שוין יעדער גלח, וואָס האָט געהאט קינדער, געטאָן אַלץ, כדי וואָס מער צונעמען פאר זיי פון דעם קירכליכען פאר־מעגען. „שטענדיג פלעגט זיך טרעפען, אַז די זין פון די גייסטליכע פלעגען באַקומען ניט נאָר דאָס ירושה־אייגענטום פון זייערע פאָטערס, נאָר האָבען אַפילו געמאָנט דאָס קירכליכע פאַרמעגען, מיט וועלכען זייערע פאַטערס פלעגען זיך באַנוצען" (גיזעברעכט, Geschichte der deutch. Kaiserzeit, II ז. 406). זעהר ריכטיג זיינען, אגב, די קלאגען, וואָס בענעדיקט דער אַכטער האָט וועגען דעם ענין פאָרגעבראכט אויף דער אסיפה אין טעססין (צווישען די יאָרען 1014 און 1024): „גרויסע מאַיאָנטקעס, אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגליך, קריגען אָט די געמיינע פאָטערס (די פארהייראַטע גייסטליכע) פאר זייערע קינדער אויפ'ן חשבון פון דער קירכע, ווייל קיין אַנדערע קוועלען האָבען זיי דאָך ניט" א. אַ. וו. (גיזלער, Lehrbuch Kirchengeschichte, Bonn 1831, 1, ז. 282. אַ דאַנק גיזלער'ן זיינען מיר געוואָרען אויפמערקזאם צו דער שייכות צווישען דעם קירכליכען פארמעגען און די הייראַטסלאָזיגקייט פון די גייסטליכע. נאָר מען האָט געקענט אָפּשטעלען דאָס פארטאבלעווען פון דעם קירכליכען פארמעגען דורך די גייסטליכע צוליב זייערע זין ערשט

זיינען געווען הונגעריגע, אין דער צייט פון עפּידעמיעס — קראַנקע, אַלמנות און יתומים, וואס האָבען זייערע משפּחות פארלאָרן, אין דער צייט פון מלחמה זיינען געוואָרען אַ סך ערדלאָזע, וועלכע פלעגען אריבערקומען פון די שכנ׳ישע שטעט און דערפער, אָפט אפילו פון גאַנץ ווייט.

צו העלפען די דאָזיגע נויטבאדערפטיגע האָט זיך אין מיטעל־אַלטער געדעכענט פאַר אַ פליכט פון יעדען פאַרמעגליכען מענשען, איבערהויפּט פון די לאַנד־באַזיצער, און נאַטירליך אויך פון דעם מעכטיגסטען פון זיי — פון דער קירכע. זי האָט די דאָזיגע פליכט דערפילט ניט ווייל זי איז געווען זעהר פרייגעביג נאָר ווייל זי האָט געהערט צו די פאַרמעגליכע. די דערפילונג פון דער דאָזיגער פליכט האָט ניט אַרויסגעשטראָמט פון די באַזונדערע אייגענשאַפטען פון קריסטענטום, נאָר פון אַן אַלגעמיינעם, מעגליך, געזעצנדינעריי־שען, פּרינציפּ, וואס איז געווען אָנגנומען פון אַלע נאַציעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף אַ נידעריגער קולטורעלער שטופּע: דער פּרינציפּ פון גאַסט־פריינטליכקייט.

---

דעמאָלט, ווען די זעלבסט־הערשונג פון דעם פּויפּסט איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ פעסטען פונדאַמענט. איינע פון די ערשטע אויפגאַבען פון דעם פּויפּסטום איז געווען דער קאַמף געגען די הייראַטען פון די גייסטליכע. אָנגעפאַנגען אָט דעם קאַמף האָט לעאָ דער נײַנטער (1048—1054); דער ענערגישער גריגאָריוס דער זיבעטער (1073—1085) האָט אנטשלאָסענער פון אַלע אַנדערע דורכגעפירט דעם פארבאָט פון הייראַטען פאר די גייסטליכע. פונדעסטוועגען האָט נאָך אַ שטיק צייט אָט דער פאַר־באָט ניט געהאט קיין אַלגעמיינע באַדייטונג צו צפון פון די אַלפּען־בערג. אין ליוטיך, אינ׳ם יאָר 1220 און אין צוריך אינ׳ם יאָר 1230, האָט מען נאָך באַגעגענט פארהייראַטע גייסטליכע, וואָס האָבען פאַרנומען שטעלעס (גיזלער אין דעם ציטירטען בוך, ז. 290).

בעת די רעפאָרמאַציע האָט פארוואַנדעלט דאָס קירכליכע פאַרמעגען אין וועלטליכען, ווען די פירשטען האָבען דאָס פאַרכאַפּט פאַר זיך און די גייסטליכע זיינען געוואָרען רעגירונגס־אָנגעשטעלטע, וואָס לעבען פון זייערע שכירות, דעמאָלט, פאַרשטעהט זיך, איז שוין קיינער ניט געווען פאַראינטערעסירט אָפּצוהיטען די הייראַטסלאָזיגקייט פון די גייסטליכע. דער פּראָטעסטאַנטישער גייסטליכער מעג האָבען וויפיל קינדער ער וויל, ער האָט ניט קיין קירכליכען פאַרמעגען וואָס ער זאָל צוליב זיי קענען באַ׳גנב׳ענען.

דער פאַרגעניגען פון געבען, פון טיילען זיך, איז געמיינשאַפט־ליך פאַר אַלע פעלקער, ביי וועלכע דער פּרימיטיווער קאָמוניזם עקזיסטירט, אָדער וואו עס זיינען כאָטש פאַרבליבען די טראַדיציעס פון איהם. פאַר זיי איז אַ פרעמדער אַזאַ זעלטענע און מערקווירדיגע ערשיינונג, אַז זיי קאָנען בשום אופן ניט באַציהען זיך צו איהם גלייכגילטיג. מען קעמפט מיט איהם ווי מיט אַ שונא, אָדער מען נעמט איהם פריינטליך אויף אַלס גאַסט, דאָס ווענדט זיך איבערהויפּט אָן זיין אָפּשטאַמונג און אויפפירונג. אדער מען דרעהט איהם אַרונטער דעם קאָפּ, אדער מען לעגט איהם גאַסטפריינדליך פאָר דאָס הויז, דעם הויף, די קיך און דעם קעלער און אָפּט אַפּילו דאָס ווייב.

דער פאַרגעניגען פון אָפּגעבען דעם איבערפלוס פון פּראָדוק־טען, אין וועלכע די פאַמיליע נויטיגט זיך ניט, הערשט אַזוי לאַנג ווי עס האַלט אָן די אַזוי גערופענע נאַטוראַלע ווירטשאַפט, אַזוי לאַנג ווי מען פּראָדוצירט ניט פאַר'ן מאַרק אָדער קונה, נאָר פאַר'ן אייגע־נעם געברויך. אין מיטעל־אַלטער, איז די דאָזיגע פּראַדוקציאָנס פאָרם געוועזען די הערשענדע. איבערהויפּט אין דער דאָרפס־ווירט־שאַפט, וואס האָט דעמאָלט געשפּיעלט די הויפּט ראָלע אין דער גע־זעלשאַפט.

וואָס פאָלקאָמענער די פּראָדוקציע איז געוואָרן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער איבערפלוס אין יעדער גרויסער ווירטשאַפט. איבערהויפּט האָט זיך אין די הענט פון די גרויסע לאַנד־באַזיצער. די קעניגען, דער אַדעל, די עפּיסקאָפּען און אין די מאָנאַסטירען, אַנגעזאַמעלט ריזיגע רעזערוועז פון לעבענס־מיטלען, וואס זיי האָבען ניט געקאָנט פאַרקויפען. זיי האָבען דאָס געקאָנט בלויז פאַרברויכען. זיי האָבען דאָס באַנוצט פאַר דער אויסהאַלטונג פון גרויסע אַרמייען, פון בעלי־מלאכות, קינסטלער, און בכלל פאַר אַ ברייטער גאַסטפריינדליכקייט. עס האָט זיך אין יענער צייט גערע־כענט פאַר ניט אַנשטענדיג פאַר אַ פאַרמעגליכען מענשען צו אַנט־זאָגען זיך צו געבען עסען און טרינקען און אַ פּלאַץ צום שלאָפען צו אַ פרידליכען פרעמדען וואָס בעט דאָס.

שפּייזענדיג הונגעריגע, באַקליידענדיג נאַקעטע, געבענדיג פּלאַץ פאַר היימלאָזע, האָבען די עפּיסקאָפּען און מאָנאַסטירען געטאָן

דאָס זעלבע וואָס אַלע אַנדערע פאַרמעגליכע פלעגן דאַן טאָן. דער אונטערשיד איז נאָר געווען דער, וואס זיי, אַלס די רייכסטע, האָבען געקאָנט פיל מער טאָן ווי אַלע אַנדערע.

אָבער דער מנהג פון גאַסט־פריינטליכקייט פאַרשווינדט אַזוי שנעל ווי עס הויבט זיך נאָר אָן די סחורה פּראָדוקציע, די פּראָדוקציע פאַר'ן פאַרקויף, אַזוי שנעל ווי עס עפענען זיך נאָר מאַרקען פאַר די פאַרשידענע פּראָדוקטען. איצט קאָנען שוין די באַזונדערע ווירטשאַפטען אויסבייטען דעם איבערפלוס פון זייערע פּראָדוקטען אויף געלט. געלט איז קיינמאָל ניט איבעריג, ווערט קיינמאָל ניט קאַליע, מען קאָן דאָס אָנזאַמלען אין ריזיגע סומען. דער פאַרגעניגען פון אָנזאַמלען אוצרות פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דעם פאַרגעניגען צו טיילען זיך מיט אַנדערע. די ברייטהאַרציגקייט ווערט דער'הרג'עט דורך דער גייציגקייט.

וואָס מער די געלט ווירטשאַפט שטופּט אַרויס די נאַטוראַלע, און די דאָזיגע ערשיינונג פאַרשפּרייט זיך גאַנץ שנעל אין 13טען יאָהר־הונדערט פון איטאַליען און דרום פראַנקרייך, איבער גאַנץ אייראָפּע — אַלץ מער פאַרשווינדט די גאַסט־פריינטליכקייט און די ברייט־האַרציגקייט פון די רייכע.

גלייכצייטיג אָבער ווי גאַסט־פריינטליכקייט פאַרשווינדט, הויבען זיך אָן מערען די אָרימע. די אַנטוויקלונג פון דער סחורה־פּראָדוקציע שאַפט אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס וואַקסט זיך גאַנץ שנעל פאַנאַנדער, און ווערט אין מאַנכע ווירטשאַפטען גאַנץ צאָלרייך.

די בעסטע באַהעלטעניש פאַר די אָרימע איז דאַן דער מאָנאַסטיר.

גרויסע קאָרפּאָראַציעס אַנטוויקלען זיך, ווי עס שיינט, אַלע מאָל לאַנגזאַמער, און פּאַסען זיך ניט אַזוי לייכט צו צו די נייע פאַרענדערטע באַדינגונגען, ווי עס איז דער פאַל מיט באַזונדערע יחידים *). בנוגע די מאָנאַסטירען איז דאָס אָהן צווייפעל אמת. זיי פלעגן נעמען נאַטוראַלע צינזען פון זייערע אונטערטאַנען לאַנג נאָך דעם ווי אַלע אַנדערע צינזען פלעגן שוין געצאָלט ווערן בלויז

---

*) אַלס ביישפּיל קאָנען דינען די גרויסע ענגלישע ארבייטער פאַראיינען (די טרייד־יוניאָנס), וואָס האַלטען זיך אַזוי פעסט ביי זייער אַלטער פּאָליטיק.

אין געלט. זיי האָבען, אַנטשיידענער ווי אַלע אַנדערע, זיך אויסגע־היט פון אָפּנעמען ביי די פּויערים זייער ערד און אַרויפלעגען אויף זיי נייע צינזען, און זיי האָבען בכלל לענגער ווי אַלע אַנדערע אָנ־געהאַלטען זייער גאַסט־פריינטליכקייט און ברייט־האַרציגקייט.

אָבער אינגאַנצען אָפּצאַמען זיך פון דער נייער צייט האָבען אפילו די מאָנאַסטירען ניט געקאָנט. זייערע אייגוואוינער זיינען אויך פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם געלט־לוסט און די זאָרגען פון די אָרימע איז אַלץ מער און מער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין קליינ־ליכע נדבות.

און אפילו דאָרט וואו די פריהעריגע ברייט־האַרציגקייט איז נאָך געבליבען, האָט זי קיין ווערט ניט געקאָנט האָבען פאַר דער צופרידענשטעלונג פון דעם אַלץ וואַקסענדען פּויפּעריזם.

די פּראָבלעמע פון אָרימקייט לעבט צוריק אויף און פון דאָס ניי אַנטשטעהען קאָמוניסטישע אידעען און שטרעמונגען.

צוויי פאָרמען נעמען אָט די נייע שטרעמונגען אָן. צווישען די נידעריגערע פאָלקס שיכטען אַנטשטעהט גאַנץ פרי אַן אומקלאָרער קאָמוניזם, באַזירט אויף געפיל, צווייטען די געלערנטע און דרייסטע מענשען פריינט ארבייט זיך אויס, שפּעטער, א קלאָר דורכגעטראַכ־טער פילאָסאָפישער קאָמוניזם — דער אוטאָפּיזם.

פון א ריין ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט איז די צווייטע ריכטונג א פאָרטזעצונג פון׳ם פּלאַטאָנישען קאָמוניזם, און די ערשטע — פון דעם קריסטליכען.

אָבער ביידע ריכטונגען אונטערשיידען זיך פון זייערע פאָרלויפער אין מאנכע גאַנץ וויכטיגע פונקטען, ווייל אין דער צייט איז אַ נייער געזעלשאַפטליכער כח אויפגעשטאַנען, וואָס האָט איבערגענו־מען די הערשאפט איבער די קאָמוניסטישע אידעען. דער דאזיגער נייער כח, פון וועלכען ניט פּלאַטאָן און ניט דער פרימיטיווער קריס־טענטום האָט געוואוסט, איז — ד י  ל ו י ן ־ א ר ב י י ט  א ל ס  פ ו נ ד א מ ע נ ט  פ ו ן  אַ  נ י י ע ם  פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס  א ו פ ן .

## צווייטע אפטיילונג

# די לוין־ארבייטער אין מיטעלאַלטער
# און אין דער צייט פון רעפאָרמאַציע

ערשטער קאפיטעל

# די אנטשטעהונג פון דעם פרייען שטאָטישען האנט־ווערק שיכט.

## 1. לייבאייגענטום.

ווען די גערמאַנען האָבען זיך אָריינגעריסען אין דער רוי־מישער אימפּעריע, האָט זיך די ערד־ארבייט ביי זיי נאָך געפונען אויף אַ זעהר נידעריגער שטופע פון אנטוויקלונג. די הויפּט־ראָלע האָט ביי זיי געשפּילט די פיה־צוכט און דאָכ געיעג. די פויערים זיינען נאָך דאמאָלסט געווען האלב־וואַנדערענדע. איצט האָבען זיי איבערגענומען די הער־שאפט איבער א טייל לאַטיפונדיעס פון די ר אָ מ א נ ט י ש ע לענדער און האָבען דאָרטען געשאַפען אַ נייעם שטאַנד פון פרייע פויערים.

עס האָט זיך געדוכט אַז עס וועט זיך נאָך אַמאָל איבער־חזר'ען די עוואָלוציע וואָס איז פריהער פאָרגעקומען אין אַלטען רוים.

די פויערשע ווירטשאפט האָט ניט געקאָנט עקזיסטירען צוזאַמען מיט'ן מיליטער־דינסט, וואָס איז געווען אַ פליכט פאַר יעדען פרייען מענשען: די אייביגע מלחמות פון יענער צייט האָבען רואינירט די פויערים, און די פויערשע ווירטשאַפט איז אַ דאנק דעם שטאַרק געפאַלען.

אין אַלטען רוים איז די פויערשע ווירטשאפט פארביטען געוואָרען אויף אַ שקלאַפען־ווירטשאפט, איצט אָבער איז די זאך פאָרגעקומען גאַנץ אַנדערש. אזוי שנעל ווי די גערמאַנישע שבטים זיינען באקערט געוואָרען צום קריסטענטום, ד. ה., אזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך נאָר אביסעל באקענט מיט די רוימישע פּראָדוק־

ציאָנס־אופנים, און האָבען זיך באזעצט אויף באַשטימטע פּלעצער, האָבען זיי אָנגעהויבען צו פיהלען דעם דרוק פון די אומרוהיגע וואנדערענדע האָרדען, וואס האָבען זיך פון אלע זייטען געשטויסען דורך לאנד און דורכ'ן ים. די אוואַרען און מאגיארען פון מזרח, די נאָרמאנען פון מערב, די סאראצינער פון דרום און פון מזרח. פון 8טען ביז'ן 11טען י. ה. האָט דאָס מערב קריסטענטום שטארק געליטען פון די אָפטע איבערפאלען פון די דאָזיגע פרעמדע, און ניט זעלטען איז זיין גאנצע עקזיסטענץ געווען אין סכנה. ניט האָבענדיג קיין מעגליכקייט צו פארשקלאפען אנדערע, זיינען די קריסטען אליין געוואָרען א גוטער מאַטעריאַל פאר שקלאפען־יעגער און שקלאפען הענדלער. צווישען די געצענדינער זיינען געווען א גאנץ גרויסע צאָל קריסטליכע שקלאפען, אָבער שקלאפען געצענדינער זיינען צווישען די קריסטען *) געוואָרען אלץ ווענינער און טייערער.

אויפבויען די פּראָדוקציע אויף די יסודות פון שקלאפעריי איז געוואָרען אוממעגליך, אין דעם קריסטליכען מערב האָט די שקלאפען פּראָדוקציע אין יענער צייט כמעט אינגאנצען אויפגעהערט **).

---

*) זיי זיינען פונדעסטוועגען ניט גענצליך פארשוואונדען פון די קריסטליכע מערק. מען דערצעהלט, אַז נאָך אין 13טען און 14טען י. ה. האָבען נאָך פּאַסירט ביישפּילען פון האַנדעל מיט שקלאַפען אין איטאַליע. אינ'ם יאָר 1307 האָט אמעדיוס דער זעקסטער פון סאוואָי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געקויפט צוויי שקלאַפינען. אין גענואַ האָט אינ'ם יאָר 1384 אַ מאָטערשע שקלאַפין, „וואָס האָט ניט געהאַט קיין געהיימע קרענק (Magagnis) געקאָסט 1049 לירעס, פאר אַ צווייטער האָט מען אינ'ם יאָר 1389 באַצאָלט 1312 לירעס. די שקלאַפען־הענדלער פלעגען אממערסטען באַציהען זייער סחורה פון קאפפא. אין די שטאט־געזעצען פון יענער עפּאָכע זיינען נאָך פאראַן פילע סטאַטוטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו שקלאַפען. (אל. קראנע, Historische Episode aus den piemontesischen Religionskriegen, לייפציג, 1844, ז. 16).

**) אַז אַ סוף צו דער שקלאַפעריי איז געקומען דורך דער נויטווענדיגקייט, דורך דעם מאַנגעל אין מאַטעריאלען פאר די שקלאַפען, קען מען זעהן דערפון, וואָס שפּעטער האָבען די קרייץ־טרעגער און נאָך דעם די שפּאַניער און פּאָרטוגעזער זיך גאַנץ ערפאָלגרייך פארנומען מיט

די גרויס־פּראָדוקציע, וואָס איז געווען אויפגעבויט אויף שקלאפען־ארבייט איז געווארען אוממעגליך אין די קריסטליך־גערמאַנישע שטאַטען, פּונקט ווי דאָס איז געוואָרען אוממעגליך אין דער רוימישער אימפּעריע; און פּונקט ווי אין דער לעצטער האָט דאָס פּלאַץ פון דער גרויסער פּראָדוקציע פאַרנומען דער קאָלאָנאַט, אזוי איז אויך אין די קריסטליך־גערמאַנישע שטאַטען אנטשטאַנען אזא מין אינסטיטוציע, וואס איז געווען א דירעקטע פאַרטזעצונג פון דער רוימישער.

אראָפּטרייבען פאַראָרימטע פּויערים פון זייער ערד וואָלט אין יענער צייט געווען די גרעסטע נאַרעשקייט. א דוחק איז געווען ניט אין ערד נאָר אין מענשען. די רייכע און דער אדעל, די עפּיסקאָפּען און די גלחים, די הערצאָגען און די קעניגען מיט זייערע הויפען אין ליבלינגען האָבען ניט געשטרעבט צו פאַרביי־טען די פּויערשע ארבייט אויף שקלאַפען־ארבייט. זיי האָבען אָבער געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען אויסצונוצען די אָרעמקייט

שקלאַפען־האַנדעל. די בוללע פון דעם פּויפּסט ניקאָלאַי דעם פינפטען, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 2טען יאַנואַר, 1454־טען יאָר, האָט ספּעציעל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז מותר „צו פאַרוואַנדלען אין אייביגע שקלאַפען אַלע סאַראַצינער, געצענדינער און אַלע אַנדערע שונאים פון קריסטוס'ן" און קלימענטיוס דער 5טער (1523—1534) האָט פאַרשפּרייט אָט דעם „היתר" אויך אויף אַלע אפּיקורסים. (ל. קעללער, Die Strassburger Goldschmiedenzunft, פּציג, 1885, ז. 480).

נאָר די אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע האָט דעמאָלט אָנגענומען אַזאַ ווענדונג, וואָס האָט געמאכט די שקלאַפען־אַרבייט אין אייראָפּאַ פאַר איבעריג. דער שקלאַף איז געבליבען אַ לוקסוס־זאַך. דאָס האָט זיך געענדערט ערשט דעמאָלט, ווען די אייראָפּעאישע מלוכות האָבען ער־וואָרבען און געגרינדעט אויסלענדישע קאָלאָניעס: דאָרט האָבען זיי ניט געטראָפען יענע פאָרבאַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם אייראָ־פּעאישען פּראָדוקציאָנס־אופן, דאָרטען האָבען זיי מיט ערפאָלג געקענט אָנווענדען די שקלאַפען־אַרבייט. פון יענער צייט האָט די יאגד נאָך שקלאפען, דער שקלאפען האַנדעל און דאָס מיסברויכען מיט זיי ווידער אָנגעהויבען צו שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם אינדוסטריעלען לע־בען פון דעם אייראָפּעאישען קריסטענטום, און ניט די רוימישע קירכע אויך קיין איינע פון די אַנדערע גרויסע פּראָטעסטאַנטישע קירכען האָ־בען דאָס פאַרדאַמט.

פון די פויערים און זייער נויט, כדי צו מאכן אָפּהענגיג פון זיך פאַרפליכטענדיג זיי אויף דעם אופן צו דינען און צאָלן צינזען צו זייערע פּריצים. דערפאַר האָבן אָבער די לעצטע געדאַרפט אויף זיך נעמען די זאָרגן פון דעם רואינירטען פויערטום, וואָס האָט ניט דערלאָזט אָנצופירען אַ נאָרמאַלע ווירטשאַפט, ד. ה., פשוט פריהער פון אַלץ די מיליטערישע דינסט.

די פויערים זיינען איינער נאָכ'ן אַנדערן אריבערגעגאַנגען אונטער דעם שוץ פון די מעכטיגע לאַנד־באַזיצער, און האָבן זיך פאַרפליכטעט יערליך צו געבן זיי אַ באַשטימטען סכום פון זייערע פּראָדוקטען, און אָפּדינען אַ באַשטימטע צאָל אַרבייטס־טעג אין יאָהר. דערפאַר איז פון זיי אַרונטערגענומען געוואָרען די גאַנצע לאַסט פון מיליטער דינסט — די פּריצים מיט זייערע פאַראָבקעס און הויפען האָבן דאָס געלאָזען פאַר זיך.

עס איז אויך געווען אַ צווייטע אורזאַך פאַר דער אַנטשטעהונג פון די צינז־צאָלענדע פויערים. אין די קריסטלאַך גערמאַנישע שטאַטען זיינען נאָך פון דער רוימישער אימפּעריע פאַרבליבען ניט ווייניג לאַטיפונדיעס, איבערהויפּט קירכליכע, און די קירכע האָט פון שטענדיג אָן אויסגעצייכענט געקאָנט פאַרטיידיגען איהרע אינטערעסען. די מתנות וואָס זי האָט באַקומען פון די קעניגען האָבן פאַר איהר געשאַפען אַ נייעם גרויסען לאַנד־באַזיץ. די שטענדיגע מלחמות האָבן אַ סך לענדערייען איבערגעלאָזען אָהן באַלעבאַטים און די ערפאָלגען פון דער דאָרפ'ס ווירטשאַפט האָבן אויך געגעבען גרויסע מעגליכקייטען צו עקספּלואַטירען גרויסע שטרעקעס ערד. אַ געוויסע צאָל מענשען נויטיגען זיך אין אַ קלענערען שטח ערד, ווען זיי פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבייט, אַנשטאַט מיט פיה צוכט אָדער געיעג. די גרויסע וועלדער וואָס פלעגען פריהער דינען אויף צו דערנעהרען גרויסע מאַסען מענשען, זיינען געווען דאָס געמיינשאַפטליכע אייגענטום פון באַזונדערע ערד־אַרבייטערשע געמיינדעס. איצט האָבן זיי פאַרלאָרען זייער ווערט פאַר זיי, און זיינען צוזאַמען מיט אַנדערע איבערגעגאַנגען צו די קעניגען אַלס זייער אייגענטום, און אָפּגעגעבען געוואָרען צו זייערע פאַוואָריטען, צום אַדעל, צו די עפּיסקאָפּען און איבערהויפּט צו די מאָנאַסטירען. די נייע באַלעבאַטים האָבן געזוכט וואָס מער נוצען

ארויסצוקרינען פון זייערע לענדערייען; זיי פלעגען דערפאר צוציהען אהין פויערים אלס קאלאניסטען, געבענדיג זיי ערד און געמיינשאפטליכע פיטערונגס־פלעצער און וועלדער, אהן וועלכע די דארפס־ווירטשאפט קאן ניט עקזיסטירען, פאר באשטימטע אפ־צאלונגען.

אויב דער לאנד־באזיצער האט געזוכט וואס מער פויערים צו־ציהען, האט ער זיך נאך מער געזארגט וועגען דעם ,אז קיינער זאל זיי פון איהם ניט קאנען צונעמען. ער האט באנוצט אלע מעגליכע מיטלען, מאראלישע און אוממאראלישע, געזעצליכע און אומגע־זעצליכע, כדי צו באפעסטיגען די פויערים אויף זיין ערד. די פויערים וואס זיינען ביז יענער צייט געווען פרייע, זיינען געווא־רען ניט בלויז צינז־צאלענדע, נאר אויך צו דער באשטימטער ערד צוגעבונדענע.

אבער ווי נידעריג די פויערים זאלען נ״ט געווען פאלען, זיינען זיי דאך געשטאנען פיל העכער פאר די שקלאפען. א פרעמדער אין לאנד, א פרעמדער צו זיינע איבעריגע ברידער־שקלאפען, איז דער שקלאף געווען אינגאנצען רעכטלאז. ער איז פשוט געווען א זאך, און ער האט זיך ניט געהאט אויף וועמען צו שטיצען כדי צו פירען א קלאסען־קאמף פאר דער באפרייאונג פון זיין קלאס. עס האבען זיך, נאטירליך, געטראפען שקלאפען־אויפשטאנדען, אבער אזוינע צופעליגע אויפשטאנדען האבען אין בעסטען פאל בלויז גע־קאנט געבען פרייהייט צו די, וואס האבען זיך דעריין באטייליגט. אויף דעם אינסטיטוט פון שקלאפעריי בכלל האבען זיי אבער קיין ווירקונג ניט געקאנט האבען. דאס זיינען ניט געווען קיין פראבען אפצושאפען שקלאפעריי, נאר בלויז צו אנטלויפען פון איהר. די אפשאפונג פון דער שקלאפעריי איז אין ערגעץ ניט געווען דער רע־זולטאט פון א סיסטעמאטישען קלאסען־קאמף מצד די שקלאפען.

די צו דער ערד צוגעבונדענע פויערים פון מיטעל־אלטער זיי־נען געווען אין א גאנץ אנדער לאגע ווי די שקלאפען. זיי זיינען ניט געווען קיין רעכטלאזע, זייערע פליכטען און אפצאלונגען זיי־נען געווען שטרענג באשטימטע, מען האט זיי ניט געקאנט פאר־קלענערען און ניט פארגרעסערען לויט עמיצענס ווילען. יעדע ענדערונג האט מען געדארפט אויסבעטען אדער אויסדינגען. אוי־

סער דעם זיינען די פויערים ניט געווען קיין עלענדע. און אָפּ־הענגיגער אָדער א פרייער, האָט ער געהערט צו א קהלה, וואָס איז מיט איהם סאָלידאריש געווען. די קהלה האָט שטענדיג נעדינט פאר איהם אלס מעכטיגער שטיץ־פונקט. זיך שטיצענדיג אויף איהר האָט דער פויער געקאָנט ארויסווייזען געגען דעם לאַנד־באזיצער א גאַנץ העפטיגען ווידערשטאנד, און ער האָט דאָס טאקי ניט זעלטען געטאָן. די גאַנצע מיטעל־אלטערליכע עפּאָכע — איז אן עפּאָכע פון קלאסען־קאמף צווישען די לאַנד־באזיצער און די פויערים. אונטער גינסטיגע אומשטאנדען פלעגט דער קאמף אָפּט ברענגען צו דער באפרייאונג פון די פויערים, ניט בלויז פון דער אָפּהענגיגקייט נאָר אויך פון צאָלען צינזען צו די לאַנד־באזיצער.

נאָך בעסער איידער די לאגע פון די פויערים איז געווען די לאַגע פון די בעלי מלאכות. סוף כל סוף האָט זיך זיי אומעטום איינגעגעבען צו באפרייען פון אָפּהענגיגקייט און פון אָפּצאָלונגען צו די לאַנד־באזיצער.

## 2 : די אנטשטעהונג פון האַנט־ווערקעריי.

אין וואָס פאר א צושטאנד האָט זיך געפונען די אינדוסטריע אין אָנהויב פון מיטעל־אלטער? יעדע ווירטשאפט האָט באַ־זונדער פּראָדוצירט אלץ, וואָס איז פאר איהר נויטיג געווען. יעדע פויערשע ווירטשאַפט, וועלכע מען דאַרף זיך אָבער ניט פאָר־שטעלען אלס א מין קארליק־ווירטשאפט, נאָר אלס פאמיליען־גע־מיינדע, אלס א גרויסע פאמיליע וואָס איז אָפּט באשטאנען פון עטליכע דורות, פון א פאָטער מיט זיינע זין, זייערע פרויען און קינדער און אָפּט אפילו מיט אייניקלאך. ניט נאָר פלעגען זיי פּראָ־דוצירען זייערע דאָרפס־ווירטשאפטליכע רויהע פּראָדוקטען, נאָר זיי האָבען זיי אויך אליין באַארבייט, געמאָלען און געבאַקען, גע־שפּינט און געוועבט, געמאכט כלים און אינסטרומענטען א. אז. וו. דער פויער איז אליין געווען דער בויער, סטאָליאר און שמיד.

די באַדערפעכישען פון די לאַנד'ס באזיצער זיינען געוויינליך געווען פארשיידענארטיגער ווי די פון די פויערים; אָבער אויך דער

נוסט־באזיצער האָט נעמוזט אַליין פּראָדוצירען אלץ, אין וואָס ער האָט זיך געניטיגט, אין זיין אייגענעם הויף אָדער דורך זיינע אָפּ־העננינגע פּויערשע ווירטשאַפטען. ער האָט, פאַרשטעהט זיך, געהאַט מער ארבייטס־כחות ווי דער פּויער. דורך די פּראָדוקטען וואָס די פּויערים פלעגען אים צושטעלען, האָט ער געקאָנט אויסהאַלטען א גרויסע צאָל הויף־דינער. אחוץ דעם האָט ער זיך געקענט באנוצען מיט פּויערים, וואָס פלעגען אים דארפען אָפּגעבען עטליכע אר־בייטס־טעג אין יאָר. ער האָט דערפאר געקאָנט איינפירען, אין א געוויסער מאָס, אן ארבייטס־צוטיילונג, אוועקשטעלען אייניגע ספּעציעל אַלס בויער, אנדערע אַלס סטאָליארעס, און ווידער אנדערע אַלס שמידען, א. אז. וו.

אזוי איז אויף די פריצישע הויפען אנטשטאנען די ערשטע סמנים פון האַנט־ווערקעריי אין מיטעל־אַלטער.

וואו עס זיינען נאָך פון די צייטען פון דער רוימישער אימ־פּעריע פארבליבען שטעט, איבערהויפּט אין איטאַליע און דרום־פראַנקרייך, האָבען זיך אויך פארהיט סמנים פון די שטאָטישע בעלי מלאכות. אין פאַרגלייך אָבער מיט דער האַנט־ווערקעריי פון די פּריצישע הויפען האָבען די ערשטע קיין באַדייטונג ניט געהאַט.

אויב אן ארבייטער איז געוואָרען א ספּעציאַליסט אין א גע־וויסער ארבייט, וואָלט שוין ניט קלוג געווען צו געבען אים אן אנדער ארבייט. אויב אָבער דער פּריצישער הויף האָט ניט געקאָנט פארברויכען זיין גאַנצע ארבייטס־קראַפט, האָט ער אָנגעהויבען אר־בייטען פאַר אנדערע, פאַר שכנ׳ישע פּויערים, אָדער פאַר קלע־נערע פּריצישע ווירטשאַפטען, וואָס האָבען קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צו האָבען אָדער ערציהען פאַר זיך אַליין אזא בעל מלאָכה. נאַטירליך, האָט דער ארבייטער דאָס ניט געקאָנט טאָן אהן דער ערלויבעניש פון זיין באַלעבאָס, און פאַר דער ערלויבעניש האָט ער אים געדאַרפט באַצאָלען מיט א טייל פון זיינע פאַר־דינסטען.

אויף אָט דעם אופן אנטשטעהען די ערשטע שפּראָצונגען פון א ר ב י י ט ע ן ל ו י ט ב אָ ש ט ע ל ו נ ג ע ן.

גלייכצייטיג האָט זיך אויך אָנגעהויבען אנטוויקלען אן אנ־דער סאָרט ארבייט — ד י א ר ב י י ט פ אַ ר ׳ ן מ אַ ר ק.

מאנכע פּלעצער זיינען געווען באזונדער צוציהענד. אהין פלעגט צושטראָמען די באפעלקערונג פון די דערבייאיגע און אפילו פון ווייטערע דערפער. אזעלכע פּלעצער זיינען איבערהויפּט געווען די קעניגליכע און די עפּיסקאָפּישע רעזידענצען. אהין פלעגען זיך אויפקלייבען די מיליטער־מענשען, די הויף־לייט, און די פארשיידענע באאמטע. צייטענווייז פלעגען זיך אהין צונויפקומען אויך גרויסע מאסען אנדערע מענשען, ווי, צ. ב. ש., אין א יום־טוב צייט, אָדער אין געריכטס־טעג און אנדערע. דאָס גאנצע רייכטום פון לאנד פלעגט זיך איבערהויפּט צונויפזאמלען אין די דאָזיגע פּלעצער. זיי זיינען, נאטירליך, געווען די ערשטע פונקטען וואָס האָבען צו זיך צוגעצויגען די סוחרים, וועלכע זיינען אין גערמאניע אין די ערשטע צייטען מערסטענס געווען אויסלענדער: איטאַליענער און אידען. אין די הויפּט־שטעט האָבען די סוחרים פיל שנעלער געקאָנט קריגען קונים פאר זייערע סחורות. אויך די בעלי מלאכות האָבען דאָרט אמלייכטסטען געקאָנט אויסבייטען זייערע פּראָדוקטען אויף אנדערע.

די פּלעצער וואָס האָבען זיך געפונען ביי אזוינע הויפען זיינען געוואָרען מ א ר ק ע ן. זייער באפעלקערונג און רייכטום איז געוואָקסען. א דאנק דעם זיינען זיי פריהער פון אנדערע געווען בכח און זיינען אויך געווען געצוואונגען צו בויען באפעסטיגונגען, ווייל זייער רייכטום האָט שטארק צוגעצויגען פארשיידענע רויבער. **די באפעסטיגונגען האָבען פארוואנדעלט דאָס דאָרף אין א שטאט.**

אויב די גרויסע צאָל און רייכטום פון דער באפעלקערונג זיינען געווען די אורזאַכען פאר דער באפעסטיגונג פון געוויסע פּלעצער, האָט די באפעסטיגונג גופא פון איהר זייט, אין יענער אומרוהיגער צייט, צו זיך צוגעצויגען, א דאנק איהר מעגליכקייט צו באשיצען זיך געגען סכנות, א גרויסע צאָל מענשען. אזוי איז די באפעלקערונג און רייכטום אלץ מער געוואקסען.

אויף דעם אופן האָט זיך איבער גערמאניע אין אכטען י. ה. און אין אנדערע לענדער פון קריסטליכען מערב, פריהער אָדער שפּעטער, פארשפּרייט א גאנצע נעץ פון שטעט.

בלויז וועניגע שטעט זיינען פון אָנהויב אָן געווען פרייע. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען אויסגעוואַקסען פון לאַנד־ווירט־שאַפטליכע דערפער, און זייער באַפעלקערונג איז אונטערטעניג גע־ווען צו איינעם, אָדער מער, גוט־באַזיצער. וואָס מער אָבער די צאָל פון דער באַפעלקערונג און איר רייכטום איז געוואַקסען, אַלץ ווע־ניגער האָט זי זיך גענויטיגט אינ'ם שוץ פון דעם לאַנד־באַזיצער, אַלץ מער זיינען די אָפּצאָלונגען און די אַרבייט פאַר דעם פּריצישען הויף פאַר זיי געוואָרען אַן אומזיסטע, צוועקלאָזע משא, און וואָס מער די מאַכט פון דער שטאָט איז געוואַקסען, אַלץ מער זיינען געוואַקסען די מעגליכקייטען זיך צו באַפרייען פון דעם יאָך, אַלץ אַנטשיידענער האָבען זיך די שטאָט־מענשען געשטעלט געגען די פּריצים, ביז וואַנען זיי האָבען זיך פון זיי אינגאַנצען באַפרייט.

די דאָזיגע עוואָלוציע האָט, נאַטירליך, אָנגערירט אויך די בעלי מלאכות. זיי האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גאַנץ באַדיי־טענדען טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און האָבען גע־נומען אַ גאַנץ לעבעדיגען אַנטייל אין דעם קאַמף געגען די גוט־באַזיצער, און מיטגעהאָלפען אין דעם זיג פון דער שטאָט.

די שטאָט איז פאַר'ן בעל מלאכה געווען ניט נאָר אַ מאַרק, נאָר אויך אַן עיר מקלט. אויסער די בעלי מלאכות האָבען זיך אין קורצען אויך אָנגעהויבען אַריבערציהען פון פּריצישען הויף אין שטאָט אַריין אַנדערע, אַנטלאָפענע פּויערים, ווי אויך פרייע מענ־שען וואָס האָבען זיך פאַרנומען, אָדער געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט האַנט־ווערקעריי. קיין איבערפלוס פון בעל מלאכות איז נאָך דאַן ניט געווען, פאַרקערט, די שטאָט האָט זיך געפרעהט ווען זי איז פאַרגרעסערט געוואָרען, ווייל מיט דער פאַרגרעסערונג פון איהר באַפעלקערונג איז פאַרגרעסערט געוואָרען איהר רייכטום און מאַכט. די שטאָט האָט אונטער איהר שוץ גענומען די אַנט־לאָפענע פּריצישע פּויערים און דינער. אָפּוואוינענדיג אַ יאָר אין שטאָט זיינען זיי געוואָרען פרייע. די בעלי מלאכות נופא האָבען באַטראַכט די ניי־געקומענע ניט אַלס קאָנקורענטען, נאָר אַלס מיט־קעמפער, און האָבען זייער קומען מיט פרייד באַגריסט. צוזאַמען מיט אָנגעקומענע בעלי מלאכות פון די פּריצישע הויפען, איז אויך געוואַקסען די צאָל פון די פרייע. די ערשטע האָבען זיך פאַר־

אייניגט מיט די לעצטע, די באדייטונג און מאכט פון די שטאטישע ארבייטער איז געוואקסען, די ניט־פרייע צווישען זיי זיינען אלץ מער אומאפהענגיג געווארען. די אפצאלונגען אין פראדוקטען און ארבייטס־טעג איז פארביטען געווארען אויף געלט־אפצאלונגען. די בעלי מלאכות האבען פאר זיך אויסגעקעמפט די פרייהייט פון מארק, דאס רעכט פריי און אומגעשטערט קויפען און פארקויפען. ענדליך האבען זיי זיך אויך דערשלאגען צו דער אנערקענונג, אז יעדער שטאטישער איינוואוינער איז, אלס אזעלכער, שוין א פערזענליך פרייער מענש.

איין מלאכה נאך דער צווייטער איז פארשוואונדען פון דעם פריצישען הויף; זיי זיינען געווארען אויסשליסליך שטאטישע. אלץ וואס די ערד־ארבייטער פלעגען פריהער פראדוצירען אין זייער אייגענער ווירטשאפט, האבען זיי איצט געדארפט קויפען אלס סחורה אויפ'ן מארק.

די האנט־ווערקעריי האט זיך איצט אינגאנצען ארויסגעגליטשט פון די הענט פון די ניט־פרייע מענשען. אם ענדע פון דער דאזיגער עוואלוציע זיינען די האנט־ווערקער, אלע אהן אויסנאם פרייע מענשען, די האנט־ווערקעריי בליט אויף, און ווערט פון אלעמען געאכטעט.

די צייט פון דער דאזיגער עוואלוציע איז פארשידען פאר באזונדערע ארבייטען און באזונדערע לענדער. בכלל הויבט זיך דאס אן אין 11טען י. ה. און ענדיגט זיך אין 14טען *).

---

*) די צינז־צאלענדע יואוועלירען האבען שוין ביים סוף פון עלפטען יארהונדערט אנגעפאנגען צו ארבייטער פאר'ן מארק, אחוץ זייער ארבייט אויפ'ן פריצישען הויף. און אם די ארבייט האט שוין אזוי ווייט אנגעווארען איר שקלאפישען כאראקטער, אז פרייע מענשען פלעגען זיך מיט איר באשעפטיגען (האנס מייער, Die Strassburger Goldschmiedenzunft fon ihren Entstehen bis 1681 לייפציג, 1881, ז. 154). פון דער צווייטער זייט איז אין באנן נאך אינ'ם 14טען י. ה. די באשעפטיגונג מיט וועבעריי געווען א געצוואונגענע, זי איז אפגעהאנגען פון דעם פריצישען הויף (מייער, Geschichte der Stadtverfassung in Deutschland ערלאנגען 1870, 2, ז. 323).

## 3. די צעכן.

דער האנט־ווערקעריי, וואס האָט געהאלטען אין אנטוויקלען זיך, איז אויסגעקומען צו פירען א קאמף ניט בלויז געגען די שטאָטישע לאַנד באזיצער. ניט ווייניגער וויכטיג איז געווען דער קאמף געגען דעם שטאָטישען אדעל.

מיר האָבען געזעהן, אז אין אָנפאנג זיינען די שטעט געווען פשוט׳ע דערפער, באפעסטיגט מיט ווענט. די שאפונג פון דער־פער האָט געמיינט דאָס שאפען פון מארק־גענאָסענשאפטען. דאָס איז אויך פארבליבען אין די שטעט. פונקט ווי די דאָרפישע מארק־גענאָסענשאפטען האָבען זיך אויך די שטאָטישע געטיילט אוף טייל־בארע און אומטיילבארע. אלע דאָרפישע איינוואוינער, וואָס האָ־בען געהאט אן אייגענע ווירטשאפט, האָבען אויך געהאט דאָס רעכט צו באנוצען זיך מיט׳ן דאָזיגען אייגענטום. עס האָט זיך געשאפען א קהלה, וואָס האָט געהערשט איבער אירע מיטגלידער און האָט געהאט אירע אייגענע געזעצען. אומעטום וואו נאָר עס האָבען זיך באוויזען אגריקולטורעלע ווירטשאפטען צווישען די מארקגענאָסענשאפטען, דאָרט האָבען די לאנד־באזיצער אימער באקומען געוויסע פריווילעגיעס, זיי זיינען אימער געווען די פאר־שטעהער פון די מארקגענאָסענשאפטען און די באשלוסען פון די קהלה זיצונגען האָבען זיך גענויטיגט אין זייער צושטימונג. דאָס איז געווען א סאָרט קאָנסטיטוציאָנעלע הערשאפט.

אין אָנהויב פלעגט יעדער נייער געקומענער גערן אריינגענומען ווערען אלץ מיטגליד אין דער קהלה. ערד איז געווען גענוג, עס האָבען בלויז געפעהלט מענשען זי צו באארבייטען. דאָס האָט זיך געענדערט פריהער ווי אלץ אין די שטעט וואו די באפעלקערונג איז שטארק אויסגעוואקסען. דער איבערפלוס פון ערד איז דאָ שנעל פארשוואונדען און די אלטע משפחות האָבען אָנגעהויבען זיך שרעקען, אז אריינגעמענדיג די ניי־געקומענע אין די קהלות קאָן שאדען זייערע אייגענע אינטערעסען. די קהלה איז פאר־וואנדעלט געוואָרען אין אַן אָפּגעשלאָסענער געזעלשאפט און האָט אריינגענומען מיטגלידער בלויז אין זעלטענע פאלען, דאן ווען זי האָט פון זיי געקאָנט ציהען וועלכע עס איז נוצען.

צוזאמען מיט די אַלטע שטאָטישע משפּחות האָט זיך אין שטאָט געשאַפען אַ צווייטע קאַסטע וואָס איז באַשטאַנען פון די מענשען וואָס זיינען אָנגעקומען און האָבען זיך דערפאַר ניט באַטייליגט אין זייער פאַרוואַלטונג. די פאַרוואַלטונג פון דער קהלה אָבער איז געווען גלייכצייטיג אויך די שטאָט פאַרוואַלטונג. אויף דעם אופן האָבען די ניי־געקומענע קיין שום פּאָליטישע רעכט ניט געהאַט אין די שטעט. די אַלטע משפּחות זיינען געוואָרען די שטאָטישע אריסטאָקראַטיע.

אין אָנהויב זיינען די נייע איינוואוינער פון די שטעט, וואָס פלעגען אַהין קומען זוכען שוץ, בלויז טאָלערירט געוואָרען. מיט דער צייט אָבער איז זייער צאָל און רייכטום שטאַרק אויסגעוואַקסען. צווישען זיי זיינען געווען אַ סך סוחרים און ארבייטער. זיי האָבען אָנגעהויבען באַגרייפען זייער אייגענעם כח, און האָבען אָנגעהויבען פאָדערען אַ חלק אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. פריהער אָדער שפּעטער, אין מאַנכע שטעט אין 13טען און אין אַנדערע אין 14טען י. ה., האָבען זיי אומעטום אָנגעהויבען אַ קאַמף געגען דער אריסטאָקראַטיע, און ענדליך האָט זיך זיי איינגעגעבען אין 14טען און 15טען י. ה. כמעט אומעטום ארונטערוואַרפען די הערשענדע מאַכט און באַקומען דאָס רעכט צו באַטייליגען זיך אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

די געמיינדע־מאַרקען זיינען פאַרבליבען דאָס אייגענטום פון די אריסטאָקראַטען. וואו זי איז פאַרבליבען אַ ניט־צוטיילטע, דאָרט זיינען אויך פאַרבליבען דאָרפס־קהלות וואָס האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט אין זיך אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפטען אינוועניג אין דער שטאָטישער קהלה. די מאַרק אָרגאַניזאַציע איז פון דער שטאָט אָפּגעשאַפט געוואָרען. דער פּאָליטישער יסוד פון דער שטאָט איז שוין איצט געווען ניט די מאַרקגענאָסענשאַפט, נאָר דער צעך. אמווענינגסטענס איז דאָס אַזוי געווען אין דייטשלאַנד.

גרויסע מאַסען מענשען קאָנען ניט אָנפירען קיין קאַמף פאַר אַ לאַנגער צייט ניט זייענדיג אָרגאַניזירט. די בעלי־מלאכות האָבען זיך געמוזט אָרגאַניזירען, אַלז מוסטער פאַר זייער אָרגאַניזאַציע האָט געדינט די דאָרפישע קהלה. אין די רייכע פּריצישע הויפען, וואו פיל ארבייטער זיינען געווען באַשעפטיגט, זיינען די ארביי־

טער פון יעדער באזונדער מלאכה געווען צווישען זיך ארגאניזירט אונטער דער אָנפירערשאפט פון א מייסטער. די ארגאניזאציעס האָבען, נאטירליך, ניט געדארפט דינען פאר וועלכע עס איז קאמפס צוועקען, נאָר בלויז פאר פּראָדוקציאָנס און אדמיניסטראטיווע צוועקען. וואו אָבער עס איז געקומען צו א קאמף צווישען די אָפּהענגיגע ארבייטער און זייערע באלעבאטים, האָבען די אָרגאניזאציעס געדינט אלץ קאמפס־מיטלען. זיי זיינען אויך פארבליבען אין דער צייט ווען די ארבייטער זיינען פריי געוואָרען, און האָבען זיך פארוואנדעלט אין פרייע צעך־פארבאנדען.

אויסער דעם פלעגען די פרייע שטאָטישע ארבייטער ניט זעלטען גרינדען פאר זייער פארטיידיגונג אָרגאניזאציעס, וואָס זיינען פון אָנהויב אָן געווען פרייע און זעלבסט־פארוואלטענדע. די דאָזיגע פרייע פאראיינען פלעגען ווירקען אויף די ניט־פרייע און זיי שטיצען. סוף כל סוף זיינען די ביידע געווארען אידענטיש, און ווען די אָפּהענגיגקייט פון די שטאָטישע ארבייטער איז אָפּגעשאפט געוואָרען, באגעגענען מיר נאָר פרייע פאראיינען אָדער צעכען.

שוין אין 12טען און אין 13טען י. ה. האָבען זיך אין די מערסטע שטעט געגרינדעט צעכען, אין אַנדערע שטעט איז דאָס פּאָרגעקומען שפּעטער. ניט אלע פּראָפעסיעס האָבען זיך אָרגאניזירט גלייכצייטיג. פריהער פון אלע האָט זיך דאָס איינגעגעבען די גרעסטע און רייכסטע. אויסער די סחור׳ישע זיינען די עלטסטע צעכען געווען די וואל־וועבער און שניידער, שפּעטער קומען די צעכען פון שוסטער, בעקער, קצבים א. אז. וו. עס האָט אויך געטראָפען, אז א געוויסע אינדוסטריע איז געווען צו קליין בכדי צו אָרגאניזירען אן איינענעם צעך, דאן האָט זי זיך אָנגעשלאָסען אָן אַן אנדער צעך, כדי יענער זאָל זי באשיצען. אזוי, צ. ב. ש., האָבען אין רייטלינגען די פריזירער באלאנגט צום צעך פון די קצבים, אין עסלינגען צו די רויכווארגער.

ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן א צעך*).

*) אפילו די גאסען־פרויען האָבען אָרגאַניזירט צעכען, אזוי למשל, אין פראַנקפורט, אין זשענעווע, אין פּאַריז, וואו זיי האָבען זיך באַשעפטיגט מיט זייער „האָריזאָנטאַלער מלאכה" אונטער דעם שוץ פון דער הייליגער מאַגדאַלינע. מאורער אין זיין ציטירטען בוך, 2, ז. 471.

ניט אלע אָבער האָבען געהאט די מעגליכקייטען דאָס צו טאָן. עס זיינען אימער פארבליבען א סך פּראָפעסיעס, וואָס פלעגען זיך זעהר שעלכט באצאָלען, אָדער וועלכע מען פלעגט צו־פיל פאר־אַכטען כדי צו אָרגאַניזירען זיי אין א צעך אָדער כדי מענשען זאָ־לען זיך אָן אזא צעך אָנשליסען. אויף די דאָזיגע ארבייטער פון די נידעריגע פּראָפעסיעס פלעגען די צעך־ארבייטער קוקען מיט פאר־אַכטונג, פונקט ווי די אריסטאָקראַטען האָבען אויף זיי געקוקט, און עס איז זיי אפילו אין קאָפּ ניט געקומען צו פאַרטיידיגען די דאָזיגע נידעריגסטע שיכטען פון דער באפעלקערונג.

זייט ביי זייט מיט דער אריסטאָקראַטיע זיינען די צעכאָווע ארבייטער געווען דער צווייטער פּריווילעגירטער שיכט אין דער שטאָטישער באפעלקערונג.

אָבער וואָס מער דער צעך איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א פּריווילעגיע, אלץ מער האָט זיך אין דער פּראָפעסיע גופא אנט־וויקעלט נייע קלאסען הפּוכים, צווישען די מייסטערס און די פּועלים.

## דריטער קאפיטעל.

# די פועלים.

### 1. די אנטשטעהונג פון די פועלים.

די מאסע פון די שטאטישע לוין־ארבייטער האבען צוזאמענגעשטעלט די פועלים. זיי האבען געלעבט פרעהליך און צופרידען, „אהן יענער עגאאיסטישער קנאה וואס קוקט מיט אומצופרידענהייט אויף די וואס שטעהען העכער", זיי זיינען שטאלץ געווען מיט זייער לאגע, זייער „צושטאנד איז געווען א בליהענדער" און פלעגען קריגען „דעם טייל פון פראדוקטען וואס האט זיי על פי יושר געהערט." וואס נאך האבען זיי געקאנט פארלאנגען? צוגלייך מיט די מייסטערס האבען זיי געהאט דעם „שוץ פון די צעכען" דורך וועלכע אלע סכסוכים וואס זיינען פארגעקומען צווישען זיי און זייערע מייסטערס פלעגען אויסגעגליכען ווערען און זייערע רעכט פלעגען אפגעהיט ווערען דורך די צעכען; זיי פלעגען פאררעכענט ווערען פאר מיטגלידער פון דעם מייסטער'ס משפחה, פלעגען עסען ביי זיין טיש, דער מייסטער פלעגט זיי באהאנדלען אזוי גוט ווי זיינע אייגענע קינדער, האט אכטונג געגעבען אויף זייער אויפפירונג, און געזעהן, אז זיי זאלען מיט דער צייט קאנען ווערט זיין צו פארנעמען דעם פלאץ פון ערליכע מייסטערס — א כבוד, אויף וועלכער מען פלעגט קוקען ווי אויף א „פון גאט באשטימטער פליכט" און צו וועלכען די פועלים פלעגען זיך דערנעהענטערען מיט פונקט אזא יראת הכבוד, ווי א גלח צו זיינע הייליגטימער, אדער א נאבעלמאן צו דער צערעמאניע ביים אריינגענומען ווערען אלס ריטער. דאן האבען נאך אלע בעלי מלאכות געלעבט „אין צעך אין ברידערשאפט, איינינקייט און ליבע", דאן „האט מען נאך געארבייט ניט בלויז צוליב רוח, נאר אויך צוליב גאט'ס געבאט".

אין יענער צייט האָבען נאָך די פּרינציפּען פון „גלייכהייט און ברידערליכקייט" ניט פאַרלאָרען זייער באַדייטונג פאַר די צעכען.

אזוי באַשרייבען די פאַרהערער פון דער צעך־אָרדנונג און מיטעל־אַלטער די לאַגע פון די פּועלים אין דער בליהונגס־עפּאָכע פון צעך־ארבייט. אויפ'ן גרונט פון דער דאָזי־גער באַשרייבונג גלויבט מען נאָך איצט אויך אין מאַנכע קרייזען, אַז פאַר דער אָפּשאַפונג פון די הפּוכים צווישען די אר־בייטער און ארבייטס־געבער, און פאַר דער איינפירונג פון דער סאָציאַלער האַרמאָניע איז נויטיג צוריק אויפלעבען די צעך־אָרד־נונג. די צעכען, הייסט דאָס, זיינען דער בעסטער מיטעל אויף אָפּצוהיטען די אינטערעסען ניט נאָר פון די באַלעבאַטים, נאָר אויך פון די ארבייטער.

דער הער י. יאַנסען איז דער לעצטער פון די אָנגעזעהענע דייט־שישע היסטאָריקער, וואָס האָט באַשריבען אין אַזוינע אידילישע פאַרבען די לאַגע פון די פּועלים אין מיטעל־אַלטער. אויבען האָ־בען מיר זיך טיילווייז באַנוצט טאַקי מיט זיינע אייגענע ווערטער. ניט ווילענדיג אָבער גנב'עט זיך אריין אַ צווייפעל, ווען מיר ליי־ענען ווי דער דאָזיגער היסטאָריקער שטעלט זיך אָפּ דערויף, וואָס די מייסטערס פלעגען זיך באַקלאָגען אויף דער צ ו ל אָ ז ע נ ־ ה י י ט און א ו י ס ב ר ע נ ג ע ר י י פון די פּועלים, וואָס זיינען כלומר'שט געוואָרען אומערטרעגליך. אויב די דאָזיגע קלאַגען וואָלטען געקאָנט האָבען אַ באַדייטונג אַלס ארגומענטען, וואָלט ניט שווער זיין צו באַווייזען, אַז די לוין־ארבייטער האָבען זיך שטענדיג געפיהלט גאַנץ גוט.

אויב אָבער מיר זאָלען זיך אויפמערקזאַם צוקוקען צו די פאַקטען וועלען מיר זעהן, אַז די לעבענס באַדינגונגען פון די פּועלים איז גאָר ניט ענליך אויף דער אידיליע, וועלכע יאַנסען האָט געמאָלען.

די ערשטע ידיעות וועגען די פּועלים, אדער „טאָג־ארבייטער", ווי מען פלעגט זיי פריהער רופען, געפינען מיר אין דייטשלאַנד אינ'ם 13טען י. ה. ביז דער צייט פלעגען די בעלי־מלאכות וואַרשיינ־ליך בלויז אין זעלטענע פאַלען האַלטען „לוין־ארבייטער" אזוי,

אז קיינער האָט נ״ט געהאַלטען פאר נויטיג וועגען דעם צו דערמאָנען *).

די באַדינגונגען פאר דער אנטוויקלונג פון א באזונדערען קלאַס פּועלים איז ביז דעם 14טען י. ה. געוועזן זעהר ניט קיין גינסטיגע. די בעלי־מלאכות זיינען געווען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, טייל־ווייז ניט קיין פרייע, אין די הויפען פון די גרויסע גוטבאַזיצער, און טיילווייז פרייע, אָבער ניט קיין פול־באַרעכטיגטע בירגער. בלויז די ערד־אַרבייטער, די מיטגלידער פון דער ערד־אַרבייטערשער קהלה, האָבען געהאַט פּאָליטישע רעכט, די אָרגאַניזאַציעס פון די בעלי־מלאכות האָבען קוים געהאַט דאָס געזעצליכע רעכט אויף זייער עקזיסטענץ. זיי זיינען איבערהויפּט געווען קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס. יעדער צוגעקומענער אָדער אויסגעוואַקסענטער בעל מלאכה איז באַגריסט געוואָרען אַלס חבר, מיטקעמפער און פאַרשטאַרקערער פון צעך. עס איז קיין שום אורזאַך ניט געווען אויף ניט אריינצונעמען איהם אין צעך, פאַרקערט, מען האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען אויף איהם אריינצוקריגען אהין, דאָס איז געווען די באַדייטונג פון דעם צוואַנג פאר אָנשליסען זיך אָן דעם צעך, און געוויס איז דער צוועק דערפון נ״ט געווען צו שאַפען א מאָנאָפּאָל **).

די טעכניק פון האַנטווערקעריי איז נאָך געווען זעהר פּרימיטיוו און האָט ניט נעפאָדערט קיין קאָאָפּעראַציע, קיין צוזאַמענאַרבייטונג פון פיעל מענשען. יעדער בעל־מלאכה האָט זיך גאַנץ לייכט געקאָנט פאַרשאַפען געצייג און פּראָדוקציאָנס מיטלען. אין יענער

---

*) דער שטראַסבורגער וואָל־וועבער צעך האָט נאָך אינ׳ם 8טען י. ה. אפילו קיין רמז אויף דעם רעכט פון די פּועלים און אינ׳ם 14טען י. ה. אונטערשיידען זיך ווינציג וואָס די מייסטערס פון די פּועלים (שמאָלער, Die Strassburger Tucher und Weberzunft. שטראַסבורג, 1879, ז. 389, אויך ז. 451).

**) פאַרגל. ל. מאורער אין דעם ציטירטען ווערק, 2, ז. 399. נאָך אינ׳ם יאָר 1400 האָבען די שטראַסבורגער וועבער באַשלאָסען אריינצונעמען אין צעך אָהן שום דריידלאך, ניט קוקענדיג אויף דער לערן־צייט, אַלעמען, ווער נאָר עס האָט, לויט׳ן באַשלוס פונ׳ם צעך־געריכט, וועלכער איז באַשטאַנען פון פינף מיטגלידער, געשטאַמט פון אַן אָרענטליכער פאַמיליע (שמאָלער אינ׳ם ציטירטען בוך, ז. 402).

צייט פלעגט נאָך דער באַשטעלער, מערסטענס, געבען דעם בעל מלאכה די רויהע מאַטעריאַלען, וואָס דער לעצטער פלעגט באַאַרבייטען, פאַר אַ געוויסען שכר, ביים באַשטעלער אין דער היים. די מערסטע בעלי־מלאכות זיינען געווען צו אָרים כּדי צו קאָנען האַלטען לוין־אַרבייטער, און אויסער דעם איז קיינער ניט געווען געצוואונגען צו פאַרדינגען זיך צו אַ צווייטען, ווייל עס איז ניט געווען קיין זאַך, ניט די טעכניק, ניט די עקאָנאָמיק, און ניט דאָס געזעץ וואָס זאָל איהם שטערען צו אַרבייטען פאַר זיך אַליין. פון וואַנען, אַלזאָ, האָבען זיך אונטער אַזוינע אומשטאַנדען געקאָנט נעמען לוין־אַרבייטער?

גאַנץ אַנדערש ווערט די לאַגע אין 14טען י. ה. עס ווערט געשאַפען אַ באַזונדערער קלאַס פון פועלים, וואָס האָט זיינע איי־גענע רעכטס־פאָרמען; דאָס לערנען זיך פון אַ געוויסער מלאכה באַקומט אַ גאַנץ באַשטימטע פאָרם. מאַורער (אין זיין שוין ציטירט ווערק, ב. 2, ז. 367) רעכענט, אַז די נייע פאָרמען זיינען געשאַפען געוואָרען לויט די פאָרמען פון די ריטעריש אָרדענס. פונקט ווי אין די לעצטע פלעגען אונטערשיידט ווערען די פאַזשען, געוועהר־טרעגער און ריטער, אַזוי איז אויך אין די צעכען געווען לערען־אינגלאַך, פועלים און מייסטערס. דאָס איז, נאַטירליך, פאָרגעקומען אויך אונטער'ן איינפלוס פון אַנדערע באַדינגונגען.

אין 14טען י. ה. ווערט די האַנטווערקערייע דער וויכטיגסטער טייל פון דער שטאָטישער פּראָדוקציע. אין איר באַדייטונג שטייגט זי אַריבער ניט בלויז ערד־אַרבייט, נאָר אויך דעם האַנדעל. די בעלי־מלאָכות ווערען אַלץ רייכער, זייערע צעכען מעכטיגער און באַדייטענדער, און זייער איינפלוס אויף דער שטאָט רעגירונג האַלט אין איין וואַקסען.

מאַנכע בעלי־מלאכות האָבען שוין געקאַנט, אַ דאַנק זייער רייכקייט, האַלטען לוין־אַרבייטער. די צעכען האָבען פאַר זיך פאַרכאַפּט „דאָס געוועהר פון געזעצגעבונג" און דערמיט אויך די מעגליכקייט צו באַנוצען זיך מיט דער שטיצע פון דער גאַנצער געמיינדע פאַר זייערע פּריוואַטע צוועקען. אָבער די זעלבע באַ־דינגונגען וואָס האָבען דערצו געבראַכט האָבען אויך געשאַפען די עלעמענטען, פון וועלכע די מייסטערס האָבען געקאָנט רעקרו־טירען די נויטיגע לוין־אַרבייטער.

די ערפאָלגען פון דער ארבייט און מסחר האָבען אויך גע־מאכט אן איבערקערעניש אין דאָרפס־לעבען. מיר וועלען ברייטער וועגען דעם ריידען שפּעטער, ווען מיר וועלען דארפען באטראכטען די אורזאכען פון די פויערישע מלחמות. דאָ ווילען מיר בלויז באַ־מערקען, אז די דאָזיגע ענדערונגען האָבען ניט בלויז געבראכט צו פויערישע מלחמות, נאָר זיינען אויך געווען די אורזאך פאר דער צונויפזאמלונג פון גרויסע מאסען פּראָלעטאריזירטע פויערים אין די בליהענדע שטעט, וואו זיי האָבען דערווארט צו באקומען שוץ, פרייהייט און וואילזיין.

ווי שטארק עס איז געווען דער דראנג נאָך דער גרויסער שטאָט באווייזט קלאָר ב ו כ ע ר אין זיינע אויספאָרשונגען, וואָס געפּי־נען זיך אין זיין אויסגעצייכענטער ארבייט איבער דער באפעל־קערונג פון פראנקפורט־אם־מיין אין 14טען און 15טען י. ה.

אזוי, צ. ב. ש., איז דער צו־וואקס פון דער פראנקפורטער באפעלקערונג, רעכענענדיג בלויז די נייע־צוגעקומענע מענער פון קריסטליכען גלויבען, און אויסשליסענדיג די זין פון די שטאָטישע איינוואוינער, געווען:

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פון | 1311 | ביז | 1350 | איינגאנצען | 1293 | אין | דורכשניט | יעהרליך | 32 |
| " | 1351 | " | 1400 | " | 1535 | " | " | " | 31 |
| " | 1401 | " | 1450 | " | 2506 | " | " | " | 50 |
| " | 1451 | " | 1500 | " | 2537 | " | " | " | 51 |

פאָלגליך זעהען מיר, אז וואָס נעהענטער מיר קומען צום 16טען י. ה., אלץ שנעלער וואקסט דער שטראָם פון דער באַ־פעלקערונג.

עס ווערט אויך אויסגעברייט דאָס פעלד פון וואנען די ניי־געקומענע בירגער קומען. פון יעדען הונדערט איינוואוינער פון פראנקפורט, זיינען געקומען פון פלעצער וואָס געפינען זיך

| | ביז 2 מייל | 10-2 מייל | 20-10 מייל | איבער 20 מייל |
|---|---|---|---|---|
| אין יאָר 1311—1350 — — | 54.8 | 35.5 | 6.5 | 3.2 |
| " " 1351—1400 — — | 39.4 | 42.9 | 11.1 | 6.6 |
| " " 1401—1450 — — | 22.9 | 54.4 | 12.6 | 10.1 |
| " " 1451—1500 — — | 23.2 | 51.2 | 11.3 | 14.3 |

ניט אַלע צוגעקומענע זיינען אריינגענומען געוואָרען אַלס ביר־גער. וואָס מער פּראָלעטאַרישע עלעמענטען האָבען זיך צוגויפ־געזאַמעלט אין די שטעט, אַלץ מער האָבען זיי פארגרעסערט די ניט באַשטענדיגע שטאָטישע באַפעלקערונג. כדי פעסטצושטעלען די צאָל פון דער דאָזיגער באַפעלקערונג פעהלען אונז באַווייזען. מיר מוזען זיך באַנוגענען דערמיט וואָס מיר ווענען אָנצייגען אַז אין די דייטשישע שטעט אַם ענדע פון 15טען י. ה. און אין אָנהויב פון 16טען י. ה. איז די צאָל פון אָרימע אומגעהויער אויסגעוואַק־סען. אין האַמבורג איז פון 1451 ביז 1538, גאַנצע 24%—16 פון דער באַפעלקערונג פארבליבען אָרים, אין אויגסבורג איז אין יאָר 1520 געווען ארום 2000 ניט־פארמעגליכע. וועגען דער אַנט־שטעהונג פון די דאָזיגע עלעמענטען קאָנען מיר בלויז מאַכען השערות; אָבער די גאַנצע דאַמאָלסדיגע לאַגע צייגט אַז דער צופלוס פון פּראָלעטאַריזירטע עלעמענטען פון די דערפער האָט גע־האַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם אומגעהייערען וואוקס פון דעם שטאָטישען לומפּען־פּראָלעטאַריאַט.

די מערסטע פון די ניי־צוגעקומענע האָבען ווארשיינליך גע־וואָלט אריינטרעטען אין דעם קרייז פון די בעלי־מלאכות אָדער אַמ־ווענינגסטענס מאַכען זייערע קינדער פאַר בעלי־מלאכות. איצט זיינען שוין ביי די מייסטערס געווען גענוג לוין־ארבייטער און זיי־נען שוין געוואָרען צופיל. די לוין־ארבייטער האָבען, נאַטירליך, געשטרעבט וואָס שנעלער אליין צו ווערען מייסטערס, די צאָל פון די בעלי־מלאָכות האָט אָנגעהויבען וואַקסען שנע־לער ווי די נאָכפראַגע אויף זייערע פּראָדוקטען. פריהער האָט דער צעך באַגריסט יעדען נייעם בעל מלאָכה אַלס צוואוואַקס פון דעם צעכ׳ס כח, איצט אָבער האָט ער שוין אָנגעהויבען זעהן אין יעדען ניי־געקומענעם אַ קאָנקורענט. די מעכטיגקייט פון צעך איז שוין איצט ניט באַשטאַנען אין דער צאָל הענט, נאָר אין די געלט־זעקלאַך פון זיינע מיטגלידער, און די דאָזיגע זעקלאַך זיינען אַלץ פולער געוואָרען, וואָס ווענינער קאָנ־קורענץ עס איז געווען אין דער אינדוסטריע. די צעכען הויבען דערפאַר אָן אַלץ מער צו ווערען אָפּגעשלאָסענע, אַלץ אָפטער הויבען זיי אָן זיך באַנוצען מיט זייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער

מאכט, כדי שווערער צו מאכען די פרעמדע, איבערהויפט די דאָרפּישע עלעמענטען, אריינטרעטען אין דער אינדוסטריע, און כדי צו מאכען אין דער אינדוסטריע גופא דעם טיטול פון מייסטער א פּריווילעגיע וואָס זאָל וואָס שווערער זיין צו באקומען. די רע־געלען וואָס האָבען געפירט דערצו זיינען איינגעפירט געוואָרען נאָך פיל פריהער פאר דעם אָנהויב פון דער „אָ־געשטאנענקייט" פון דער צעך־אָרדנונג. זיי הויבען זיך אָן אין 14טען י. ה. און אין 16טען זיינען זיי שוין, לויט זייערע הויפּט־שטריכען, פארענ־דיגט. די קומענדע יאָרהונדערטען האָבען קיין וויכטיגעס צו זיי ניט צוגעגעבען. אויף אזא אופן זיינען די דאָזיגע רעגעלען געווען דער רעזולטאט פון דער צעך־אָרדנונג אין איר בליהענדסטער צייט. אין דעם געשטאלט ערשיינט נאָך איצט די דאָזיגע אָרדנונג פאר זייערע אָנהענגער אלס אידעאל.

## 2. לערנערס, פּועלים, מייסטערס.

די אָפּגעשלאָסענהייט פון די צעכען האָט זיך שוין אָנגעזעהן ביים אריינגעמען לערנערס. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס מיט אויסשליסען פרויען פון די פארשידענע מלאכות. דער לערנער האָט געמוזט זיין פון מענער־געשלעכט.

אין אָנהויב האָבען די מענער ניט געהאט קיין שום מאָנאָפּאָל אויף ארבייט. אין דייטשלאנד איז וועגען דעם קיין פּינקטליכע דאָקומענטען ניט פארבליבען, דערפאר איז אָבער די פראגע גאנץ קלאָר בנוגע פראנקרייך. דאָרט זיינען נאָך אין 13טען י. ה. די פרויען פּרינציפּיעל ניט געווען אויסגעשלאָסען פון קיין שום אר־בייט. „פון הונדערט פארשידענע מלאכות, וועמעס סטאטוטען עס זיינען צונויפגעזאמעלט געוואָרען פון בואלא איז פאראן בלויז צוויי, וואָס שליסען אויס אינגאנצען פרויען, און איינע אזא אין וועלכער די פרויען קאָנען פּשוט ניט ארבייטען, אין אלע דריי מלאָכות אָבער איז די פרויען־ארבייט פריהער ניט געווען אויסגעשלאָסען, ווי מען קאָן דאָס לייכט זעהן פון די סטאטוטען און רעזאָלוציעס. דערפאר ווערען אין 8 אנדערע מלאָכות דער־מאָנט די פרויען אלס פול־בארעכטיגטע מייסטערס צוגלייך מיט די מענער. אויסער דעם זיינען דאָ נאָך זעקס ארבייטען וואָס ווע־רען איבערהויפּט געטאָן פון פרויען, און די דאָזינע ארבייטען,

פונקט ווי אין אַלע אַנדערע זיינען אויך פֿאַראַן דריי שטופֿן: לערנערינס, העלפֿערינס און מייסטערינס. זיי באַזיצן אויך אויסער דעם די אַלע אַנדערע כאַראַקטעריסטישע סמנים פֿון די מלאָכות. פֿאַרוואַלטעט און אָנגעפֿירט ווערן זיי טיילווייז פֿון מענער און טיילווייז פֿון פֿרויען. אין אַלע אַנדערע אַרבייטן זיינען ניטאָ קיין דירעקטע אָנווייזונגען, אַז עס פֿלעגן צוגעלאָזן ווערן צו דער אַרבייט אויך פֿרעמדע פֿרויען, אויסער די פֿרויען און טעכטער פֿון מייסטערס; פֿון די סטאַטוען קאָן מען אָבער בשום אופֿן ניט שליסן, אַז די פֿרויען־אַרבייט איז געווען פֿאַרבאָטן.

אָבער אויך ווען דער לאַגע אין דייטשלאַנד זיינען פֿאַרבליבן באַווייזן, אַז שוין אין 14טן י. ה. פֿלעגן די פֿרויען, אָדער אָרגאַניזירן באַזונדערע צעכן, ווי צ. ב. ש. די וועבערינס אין קעלן, אָדער זיי פֿלעגן זיך אָנשליסן אָן די עקזיסטירענדע מענערשע צעכן, און פֿלעגן זיך זעלבסט־שטענדיג באַשעפֿטיגן מיט זייערע מלאכות.

אין דעם רעגלאַמענט פֿון די שניידער פֿון פֿראַנקפֿורט־אַם־מיין, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין דעם יאָר 1377, ווערט געזאָגט: „אויב אַ פֿרוי וואָס, האָט קיין מאַן ניט, וויל זיך באַשעפֿטיגן מיט אַ מלאכה, מוז זי פֿריהער ווערן אַ בירגערין, און וועגן דעם דאַרף זי זיך צונויפֿריידען מיט דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, אויסער דעם דאַרף זי איינצאָלן 30 שילינג צום צעך, און אַוועקשטעלן אַן עמער ווייַן פֿאַר די בעלי־מלאכות צו טרינקען. ווען דאָס אַלץ וועט זיין דורכגעפֿירט, וועט זי באַקומען דאָס רעכט מיט דער מלאכה זיך צו באַשעפֿטיגן". די זעלבע פֿאָדערונגען פֿלעגן אויך געשטעלט ווערן צו מענער. (שטאַל, אין זיין ציטירטען בוך, ז. 80).

אין פֿילע ערטער זיינען אויך אַנדערע מלאכות געווען אָפֿען פֿאַר פֿרויען אין 14טן י. ה. אַזוי, צ. ב. ש., פֿלעגן די פֿרויען אין קעלן צוגעלאָזן ווערן אויף גלייכע באַדינגונגען אַלס קצבים, פֿעל־אַרבייטער, אויסנעהער און גאַרטעל־מאַכערס. בכלל אָבער ווערן קיין פֿרעמדע פֿרויען אין דעם 14טן י. ה. ניט ערלויבט צו פֿאַרנעמען זיך מיט מלאכה. אין די מערסטע צווייגן פֿון דער אינדוסטריע האָבן בלויז די פֿרויען און טעכטער פֿון די מייסטערס

פאר זיך פארהיט דאָס רעכט צו פארנעמען זיך מיט מלאכות, און אזוי האָט זיך דאָס נעצויגען ביז'ן 16טען י. ה. שפּעטער איז אויך דאָס פארשוואונדען. די אויסשליסונג פון פרויען פון דער אינדוסטריע איז פון דער צייט אָן געווארען פּאָלקאָם און פּרינ־ציפּיעל.

אָבער אויך צווישען די לערנערס פון מיינער געשלעכט האָט מען אָנגעהויבען מאכען אן אויסוואל, און איין שיכט פון דער באַ־פעלקערונג נאָכ'ן צווייטען האָבען פארלאָרען זייער רעכט צו לערנען זייערע קינדער א וועלכע עס איז מלאכה. ענדליך זיינען מאַנכע צעכען געגאַנגען אזוי ווייט, אז זיי פּלעגען פאָדערען פון די לער־נערס א באווייז פון חזקה. די מייסטערס האָבען געמעגט צונעמען אלס לערנער בלויז די אינגלאַך, וועלכע האָבען געקאָנט באווייזען, אז זיי שטאַמען אָפּ פון א רייהע אור־עלטערען פון געזעצליכער, פרייער און ערליכער אָפּשטאַמונג *). די פּאָדערונג פון געזעצלי־כער אָפּשטאַמונג פון א גאנצער רייהע דורות האָט אויסגעשלאָסען א גרויסען טייל פּראָלעטאַריער, און די פאדערונג פון פרייער אָפּ־שטאַמונג האָט פארמאכט די טירען צו א וועלכער עס איז צעך־מלאָכה פאר אלע אָפּשטאַמענדע פון די פּאַנסטשעוויקעס־פּויערים. אלס „נידעריגע” פלעגען פאַררעכענט ווערען די מלאכות, וואָס זיי־נען מערסטענס צוגעגנגליך געווען פאר די צוגעקומענע פויערים, ווי אויך פילע ארבייטען וואָס האָבען עקזיסטירט אין די דערפער א חוץ די צעכען, ווי אויך די, אין וועלכע די נידעריגסטע שיכטען פון דער שטאָט באפעלקערונג זיינען געווען באַשעפטיגט. מאורער (אין דעם ציטירטען בוך, ב. 2, ז. 447) רופט אָן „נידעריגע” די ארבייט פון די פּאַסטוכער פון שאָף, מילנערס, לייווענט־וועבער **),

*) אין איניגע שטעדט האָט מען אפילו געפּאָדערט באַווייזען פון אַ געזעצליכען פארגעהן אין טראָגען. עס איז קלאָר, אַז אָט די פּאָדערונג האָט מעגליך געמאכט די ווילדעסטע פּריטשעפּקעס צו מענשען, וואָס מען האָט ניט ליב געהאַט.

**) די לייוועגט־וועבעריי איז הויפּטזעכליך אַ דאָרפּיש הויז־באַשעפּ־טיגונג. אינ'ם 15טען יאָרהונדערט האָבען די וועבער אין מאַסען זיך אַ לאָז געטאָן אין די שטעט. אזוי, למשל, זיינען אינ'ם יאָר 1488 קיין אולם אָנגעקומען פון שוואבען 400 דאָרפּישע וועבער. עס איז קיין חדוש ניט, וואָס די צעכען האָבען זיך געוואָלט אויסהיטען פון אַזאַ פארפלוי־צונג.

ווי אויך די געריכטליכע און פעלד־אַרבייטער, נאַכט־וועכטער, איינ־מאָנער פון צינזען, פלייטען־שפּילער, פייקלערס און אפּט אויך פּריזירער און בעדער.

דער עלטסטער דאָקומענט וועגען ניט צולאָזען די דאָזיגע עלעמענטען צו די מלאכות איז וואַרשיינליך דער פון דער ברע־מענער שוסטער פאַרוואַלטונג פון יאָר 1300 (דאָס עקזיסטירט בלויז אין קאַפּיעס וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין 17טען י. ה., וואו עס זיינען מעגליך געקומען געוואָרען אין אנבאַטראַכט די פאָדערונגען פון דער צייט). לויט דעם דאָזיגען דאָקומענט, ווערען די מלאכות צוגעשלאָסען פאַר די זין פון טרעגער און ליי־וונט־וועבער.

די צייט פון לערנען זיך האָט מען געזוכט וואָס מער צו פאַר־לענגערען.

די לערן־צייט איז געווען פאַרשידען. אין אָנפאַנג זיינען ניט געווען קיין סטאַטוטען, וואָס זאָלען באַרירען די לערן־פראַגע, עס איז בכלל ניט געווען קיין צוואַנג צו זיין א לערן־יונג. די ערשטע סטאַטוטען, וואָס פירען דאָס איין אלס פליכט, ווערען צוגערעכענט צום יאָר 1304, בעת די לערן־צייט ווערט איינגעפירט אין צוריך פאַר מילנער, הוט־מאַכער און גאַרבער. נאָר בכלל האָט דאָס זיך ערשט פאַרשפּרייט אין 15טען י. ה. מיר געפינען די צייט פאַר לער־נען זיך פון איין יאָר ביז אכט יאָר, געוועגליך אָבער פלעגט דאָס זיין דריי יאָר. אין ענגלאַנד איז די לערן־צייט געווען זעהר א לאַנגע, ביז צוואַנציג יאָר. דערפאַר אבער איז אין ענגלאַנד, נאָך דעם ווי די לערן־צייט האָט זיך געענדיגט דעם לערן־יונג ניט געמאַכט געוואָ־רען קיין שטערונגען צו ווערען א מייסטער *).

אין דייטשלאַנד איז די לערן־צייט קיינמאָל ניט געווען קיין לאַנגע. דערפאַר אבער איז צווישען דער לע־ן־צייט און מייסטער־צייט אריינגעשטעלט געוואָרען א משך וואָס יעדערער האָט געדאַרפט דינען אלס אונטערמייסטער (פּועל) אין די דאָזיגע

*) דאָס איז וואַרשיינליך איינע פון די אורזאַכען פאַרוואָס אין ענג־לאַנד זיינען גאָר ניט געווען קיין פאַראיינען פון פּועלים אין דעם זין, ווי זיי האָבען עקזיסטירט אין דייטשלאַנד.

צייט האָט מען געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען צו פאַרלענגערען, איבערהויפּט דורך די אַזוי־גערופענע „וואַנדער יאָהרען".

וועגען די וואַנדערונגען פון די פּועלים, אַלס מנהג, ווערט שוין דערמאָנט אין 14טען י. ה. דאַן אָבער זיינען זיי נאָך אין ערגעץ ניט געווען קיין מוז, פאַרקערט, עס זיינען נאָך דאַן געווען געוויסע פאַרבאָטען געגען די וואַנדערונגען. די ערשטע אָנ־ווייזונג אויף דער פליכט צו וואַנדערען געפינען מיר אין 1477 ביי דעם צעך פון די וואָל־וועבער פון דער שטאָט לובעק. זיי האָבען געפאָדערט אַז דעם מייסטער'ס זון זאָל אַ גאַנץ יאָר וואַנדערן איידער ער ווערט אליין אַ מייסטער. וועגען די פּועלים ווערט נאָך דאָרט אפילו מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. אין דעם 16טען י. ה. ווערט די געצוואונגענע וואַנדערונג אַן אָפּטע ערשיינונג *).

די וואַנדערונגס־יאָרען האָבען זיך געוואַקעלט אין פאַרשידענע צייטען צווישען איין און זעקס יאר, געוויינליך פלעגען זיי זיך פאַרציהען פון דריי ביז פיר יאָר.

אויסער דעם זיינען אויך אַנדערע מיטלען אָנגענומען גע־וואָרען צו פאַרמיידען אַן איבערפלוס פון אַרבייטער, די צאָל פון לערען־אינגלאַך און פּועלים איז באַגרענעצט געוואָרן, דערמיט איז אויך דערגרייכט געוואָרען אַ צווייטער רעזולטאַט. דורך דער דאָ־זיגער באַגרענעצונג איז פאַר די רייכע מייסטערס אוממעגליך גע־ווען צו ווערען גרויסע קאַפּיטאַליסטען און זיי האָבען דערפאַר אויך ניט געקאָנט ווערען קיין צו־געפערליכע קאָנקורענטען פאַר די אָרי־מערע.

אַזעלכע באַגרענעצונגען טרעפען מיר שוין אין 14טען י. ה.

אַזוי, צ. ב. ש., האָט דער בורגעמייסטער און די עלטסטע פון שניידער־צעך אין ק אָ נ ס ט אַ נ ץ, נאָך אין 1386, אַרויסגע־געבען אַ דאָקומענט, אין וועלכען עס ווערט באַדויערט דער פאַקט, וואָס מאַנכע מייסטערס האַלטען צופיל מענשען, און דאָס איז

*) אין ענגלאַנד האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט די געצוואונגענע וואַנ־דערשאַפט.

שעדליך פאר אנדערע. יעדער מייסטער באזונדער מעג דערפאר האלטען בלויז פינף לוין־ארבייטער און ניט מער ווי צוויי לערע־איינגלאך.

אין דעם 15טען י. ה. זיינען שוין די דאזיגע באגרענעצונגען פארשפרייט איבעראל.

ניט יעדער ארבייטער האט געהאט די געלעגענהייט אליין צו ווערען א מייסטער. די ארבייט פון דעם אפהענגיגען ארבייטער אויפ׳ן פריצישען הויף האט אויפגעהערט. די ארבייט פון דעם פרייען ארבייטער אין דעם באשטעלער׳ס היים איז אויך פארשוואונדען אדער געהאלטען אין פארשוואונדען ווערען. איצט פלעגען שוין די ארבייטער דארפען אויסארבייטען זייערע אייגענע רויע מאטעריאלען אין זייערע אייגענע ווערקשטאטען, זיי האבען געמוזט דעריבער האבען הייזער און מאטעריאלען. שוין אפילו דאן האט א גוט איינגעארדענטער ארבייטס־פלאץ געדארפט קאסטען א באדייטענדע סומע. פארמעגליכקייט איז בישלעכווייז געווארען ניט בלויז דער רעזולטאט, נאר טאקי אויך די באדינגונג פאר עפענען א זעלבסטשטענדיגע מאסטערסקאיע. עס איז דערפאר גאר קיין וואונדער ניט, וואס די צאל פון די לוין־ארבייטער וועלכע זיינען געווען פאר׳משפט אויף אימער צו פארבלייבען לוין־ארבייטער, האט געהאלטען אין איין וואקסען.

פונדעסטוועגען אבער איז די צאל פון לוין־ארבייטער געוואקסען שנעלער ווי דאס האט זיך געלוינט פאר די, וואס זיינען שוין געווען זעלבסטשטענדיגע מייסטערס. זיי האבען דערפאר דורך פארשיידענע געזעצען מיטגעהאלפען דער עקאנאמישער אנטוויקלונג, און מיט אלע מיטלען אליז שווערער געמאכט פאר די פועלים צו דערגרייכען זעלבסטשטענדיגקייט, וואס איז נאך אין 13טען יאר־הונדערט מיט קיינע שוועריגקייטען ניט געווען פארבונדען. די מערסטע פון די דאזיגע שווערינקייטען זיינען געשאפען געווארען אין 15טען י. ה.

איידער א פועל האט געקאנט ווערען א מייסטער, האט ער געמוזט באקומען בירגער־רעכט אין שטאט; באקומענדיג דאס,

האָט ער פונדעסטוועגן אָפּט געדאַרפט וואַרטען יאָרען ביז ער האָט באַקומען דאָס רעכט צו ווערען אַ מייסטער.

אין די סטאַטוטען פון די וועבער פון אולם, פון דעם יאָר 1403, ווערט געזאָגט: „די בירגער, וואָס האָבען געוואוינט פינף יאָר אין אולם אויף זייער אייגענער ווירטשאַפט, קאָנען לערנען זייערע קינדער וועבעריי, און ווען די לערען־יאָהרען וועלען פאָראיבער, קאָנען זיי קויפען פאַר זיי דאָס צונפט־רעכט (דאָס רעכט פון צעך). אויב אָבער אַ פרעמדער וועבער, וואָס איז אהער געקומען פון דאָרף אָדער פון אַן אַנדער שטאָט, וויל באַקומען ביר־גער־רעכט, איז אַפילו ווען ער באַקומט שוין די בירגער־רעכט קאָן ער, אין פאַרלויף פון פינף יאָר, זיך ניט פאַרנעמען מיט וועבעריי, און פאַר דער צייט קאָן ער קיין צונפט־רעכט ניט באַקומען. די פועלים אָבער און די אַרבייטער פון דער וועבעריי אינדוסטריע קאָנען ניט באַקומען דאָס מייסטער רעכט אפילו ווען זיי האָבען שוין אָפּגעוואוינט פינף יאָר אין שטאָט. זיי באַקומען דאָס מייס־טער־רעכט ערשט דאַן, ווען זיי האָבען אין פאַרלויף פון פינף יאָר געהאַט בירגער־רעכט" *).

אַ ווייטערע באַדינגונג איז געווען דער עקזאַמען וואָס מען האָט געדאַרפט אויסהאַלטען. ווער עס האָט געוואָלט ווערען אַ מייסטער האָט געדאַרפט פּראָדוצירען די אַזוי גערופענע „מייסטער־שטיק". וועגען דער מייסטער־שטיק האָבען, נאַטירליך, געדאַרפט אור־טיילען די מייסטערס, ד. ה. די קאָנקורענטען. נאָך שטרענגער איז אפשר געווען די יחוס־פאָדערונגען. די פועלים האָבען געמוזט אויך צאָלען איינט־ריטס־געלט און מאַכען אַ טייערען באַנקעט פאַר זייערע צעך־חברים.

פאַר דעם פועל איז ניט אַזוי לייכט געווען נאָכצוקומען די דאָזיגע פאָדערונגען. די ראָמאַנטישע טרוימער ווילען אונז איינ־ריידען, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען כדי צו באַשיצען די אינ־טערעסען פון דעם קאָנסומער, געבען איהם אַ גאַראַנטיע, אַז די אַרבייט וועט זיין גוט און ריכטיג געמאַכט. אויף ווי ווייט דאָס איז

*) ג. שאָנק, „צור געשיכטע דער דייטשישען געזעלען פאַרבאַנדע".

ניט ריכטיג * קאָן מען זעהן דערפון, וואָס די דאָזיגע באגרענצונגען זיינען זער לייכט פארענדערט געווארען אָדער אפגעשאפט געווארען, פאר די זין פון די מייסטערס, און אפילו אָפט פאר די וואָס האָבען חתונה געהאט מיט די טעכטער אָדער אלמנות פון די מייסטערם. עס איז דאָך מערקווירדיג, וואָס בנוגע די לעצטע זיינען די באדינגונגען פאר „ערליכער און גוטער ארבייט" איינגאנצען פארגעסען געוואָרען. דאָס איז געטאָן געוואָרען ניט אין דער צייט ווען די צעכען האָבען שוין אָנגעהויבען צו פאלען ווי מען וויל אונז איינריידען. שוין אין 14טען י. ה. איז אין פראנקפורט ערלויבט געוואָרען צו ווערען קצבים בלויז די קצב'ישע זין און אין ברעמען איז דאָס זעלבע געוועזען בנוגע שוסטער. און אין 15טען י. ה. געפינען מיר שוין פראָבען צו מאַכען די צעכען פאר פארשלאָסענע, און באשטימען א באגרענעצטע צאָל פון מייסטערס. אין דעם יאָר 1468 פארלאנגען די פישערס פון האמבורג פון דעם שטאָט־ראט צו פארקלענערען זייער צאָל פון 50 אויף 40, אין 1469 ווערט אין דער זעלבער שטאָט די צאָל פון גאָלד־ארבייטער באגרענעצט אויף 12 און אין 1463 ווערט אין דער שטאָט ו ו א ר מ ס די צאָל פון וויין־ארבייטער באגרענעצט אויף 44. אין דער צייט באגעגענען מיר זיך שוין אויך מיט דעם מנהג פון איבערנעמען בירושה דעם טיטול פון מייסטער.

די דאָזיגע באגרענצונגען האָבען געהאט צוויי הויפט־רעזולטאטען. פון איין זייט האָבען זיי מיטגעהאָלפען דער פראָלעטאריזאציע פון דער דאָרפישער באפעלקערונג און געהאָלפען שאפען א שטאָטישען פראָלעטאריאט, וואָס איז געשטאנען אויסער די

*) אזוי, למשל, ווערט אין דער דערקלערונג, וואָס דער טוך־צעך האָט געשיקט דעם שטאָט־ראַט פון איגלאו (1510) פשוט געזאָגט, אַז ער פאָדערט די פארלענגערונג פון דער לערן־צייט אויף פיר יאָר „צוליב דעם, אַז עס זאָל אַזוי גרינג ניט אָנקומען דאָס רעכט צו באַשעפטיגען זיך מיט דער מלאכה". אינ'ם יאָר 1597 האָט דער מיינצער הויפט־ביסקופ רעקאָמענדירט די גאַרבער און לעדער־אַרבייטער פון פארשידענע שטעט צו פארלענגערן די לערן־צייט און וואַנדער־צייט „כדי ניט צו דערלאָזען אומערפארענע לערן־אינגלאַך צוגעמען ביי זיי דעם ביסען פון מויל".

צעכען־ארגאניזאציעס, און פון דער צווייטער זייט האבען זיי געשאפען אין דעם צעך גופא א געגענזאץ צווישען די מייסטערס און פועלים. אין פארגלייך מיט דער צאל פון די פועלים האט די צאל פון די מייסטערס געהאלטען אין איין פאלען. אלץ שטרענגער און שטרענגער זיינען געווארען די פארפאלגונגען קעגען די, וואס האבען געוואלט ווערען מייסטערס. אזעלכע פועלים פלעגט מען געבען מיאוס'ע צו־נעמען ווי למשל: „פושער", א. אז. וו. אין קורצען איז פארבאטען געווארען צו פארנעמען זיך מיט מלאכות אויסער'ן שטאט, אין די פארשטעטלאך און אפילו אין די ווייטערע דערפער. אפט האט זיך דאס באצויגען אויף שטעטלאך וואס זיינען עטליכע מייל פון שטאט און אין אנדערע פאלען אויף אזוינע וואס זיינען בלויז איין מייל פון שטאט *). דאס האט געפירט צו א פארביטערטען קאמף צווישען די שטאטישע צעך־מייסטערס און די ארבייטער פון די דערפער און פארשטעט, וואס זיינען אין די צעכען ניט ארייננגענומען געווארען. דער דאזיגער קאמף האט זיך געפירט ביז דעם אנהויב פון די פויערישע מלחמות. אין דער צייט וואס די דארפישע באפעלקערונג האט געהאלטען אין איין שטראמען אין שטאט אריין, און די צאל פון די, וואס האבען זיך געוואלט פארדינגען אלס לוין־ארבייטער האט געהאלטען אין איין וואקסען, איז פאר די פועלים אלץ שווערער געווארען צו ווערען זעלבסטשטענדיגע מייסטערם. די צאל פון מענשען וואס זיינען אויף אזא אופן פאר'משפט געווארען שטענדיג צו פארבלייבען לוין־ארבייטער, איז אלץ געוואקסען. דער טיטול פון פועל (אונטער־מייסטער) איז פון אן איבערגאנגס נאמען פארוואנדעלט געווארען אין א שטענדיגען פאר פיל ארבייטער. די פועלים האבען גאנץ שנעל איפגעהערט צו באטראכטען זיך אלס צוקונפטיגע מייסטערס, נאר אלס

---

*) אזוי, למשל, איז אין דער שטאט ציקאו באשטימט געווארען אינ'ם יאר 1500, אז אין דעם תחום פון דער שטאט זאלען נאר אין די גרויסע דערפער זיך מעגען באזעצען לייוועגט־וועבער, אייגער אין א דארף. ענ־ליכע באגרענצונגען בנוגע צו אנדערע מלאכות זיינען שוין דארט געמאכט געווארען אין די יארען 1421 און 1492 און ניט אהן געגנערשאפט (ע. הערצאג, Chronik der Kriesstadt Zwickan. צוויקאו, 1845, 1. ז. 154, 162).

די עקספּלואַטאַציאָנס אָביעקטען פון די לעצטע. די אינטערעסען פון די פּועלים האָבען אַלץ מער און מער אָנגעהויבען ווערען פּונקט דער געגענזאַץ פון דעם מייסטער׳ס.

3. דער קאַמף צווישען די פּועלים און די מייסטערס.

אם ענדע פון מיטעל־אַלטער ווערען די הפּוכים צווישען די אינ־טערעסען פון די מייסטערס און פּועלים אַלץ שאַרפער און שאַר־פער. ביז דער צייט ווען דער מייסטער איז נאָך אַלץ געווען דער הויפּט־ארבייטער, און האָט בלויז צוגענומען צו זיך צייטווייליגע ארויסהעלפער, האָט ער ניט געהאַט קיין אורזאַך צו פאַרלענגערען צופיל דעם ארבייטס־טאָג, ער אליין וואָלט פון דעם געליטען מער ווי אַנדערע. דער לוין־ארבייטער האָט געגעסען צוזאַמען מיט איהם. עס האָט פּשוט ניט געלוינט צו קאָכען באַזונדער פאַר איין מענ־שען. אויב דעם מייסטער׳ס געשעפטען זיינען געגאַנגען גוט, איז דעם לוין־ארבייטער אויך גוט געווען, ביידענס אינטערעסען זיינען געווען אין העכסטען גראַד די זעלבע. אויסער דעם איז אין יענ־נער צייט, ווען די סחורה פּראָדוקציע האָט זיך ערשט אָנגעהויבען, דער געלט לוין געווען פון קליינער באַדייטונג, ניט זעלטען פלעגט טרעפען אַז דער באַלעבאָס פלעגט זיך פּשוט טיילען מיט זיין אר־בייטער די פאַרדינסטען.

ביי די וועבער פון שטראַסבורג איז געווען אַ מנהג, אַז דער ארבייטער פלעגט ארבייטען מיט זיין מייסטער אויף פּראָצענטען. ער פלעגט באַקומען אַ דריטעל און אויך האַלב פון די פאַרדינסטען. דאָס זעלבע געפינען מיר אויך ביי די גאָלד ארבייטער פון אולם, לויט זייערע סטאַטוטען פון 1367 (שטאַל אין דעם ציט. בוך ז. 332).

ביי אַזוינע באַדינגונגען האָבען זיך געקאָנט טרעפען בלויז פּערזענליכע קריגערייען צווישען דעם פּועל און מייסטער, אָבער ניט קיין קלאַסען־קאַמף.

ווען אָבער די צאָל פון די פּועלים אין אַ געוויסער אינדוסטריע איז שטאַרק אויסגעוואַקסען, איז די זאַך גאַנץ אַנדערש געוואָרען. אַכטונג געבען אויף פיער אָדער אויף פינף ארבייטער איז ניט אַזוי לייכט, ווי אויף איינעם. דער מייסטער איז ביסלעכווייז פאַר־וואַנדעלט געוואָרען פון הויפּט־ארבייטער אין אַן „אַנטרייבער״, וועלכער האָט געזוכט וואָס מער ארבייט ארויסצובאַקומען פון זיינע

ארבייטער. וואָס שווערער עס איז געוואָרען די ארבייט פון די לעצטע, אַלץ לייכטער איז געווארען די ארבייט פון דעם מייסטער. אויב ער האָט נאָר געהאַט אַ סך ארבייטער, איז זייער ארבייט גע־ ווען גענוג ניט נאָר אויף אויסהאַלטען זיי אַליין, נאָר אויך אויף אריינצוברענגען דעם מייסטער אַ בכבוד'יגע הכנסה. אָפט איז דעם מייסטער אפילו די ארבייט פון אַן אָנטרייבער געוועזן צו שווער, דאַן האָט ער איינגעפירט שטיק־אַרבייט, און שוין אין 15טען י. ה. האָט מען געפונען פאַר נויטיג פאַרבאָטען די מייסטערס צו אַר־ בייטען אַליין.

וואָס ווייניגער דער מייסטער האָט געאַרבייט אַליין, אַלץ מער האָט ער זיך געמוזט זאָרגען, אַז די אַרבייטער זאָלען אויסאַרבייטען פאַר איהם אַ גרעסערען מער־ווערט, אַלץ לענגער האָט ער דערפאַר געמאַכט די אַרבייטס־צייט. אמת, דער אַרבייטס־טאָג איז, ווי עס שיינט, ניט פאַרלענגערט געוואָרען, דערפאַר אָבער איז שטאַרקער גע־ וואָרען דאָס שטרעבען אָפּצושאַפען דעם פרייען מאָנטאָג, און צווינ־ גען די אַרבייטער צו אַרבייטען אין אַ סך ימים־טובים, און אָפט אפילו אום זונטאָג.

פונקט ערב דעם פויערים־מלחמה אין 1522 האָט אין זאַקסען דער הערצאָג הענריך אַרויסגעגעבען אַ שטרענגען באַפעל, וואו עס ווערט פאַרווערט צו אַרבייטען אום יום־טוב, גלייכצייטיג ווערט אָבער דאָרט ערקלערט, אַז די פּועלים האָבען קיין רעכט ניט צו פייערן דעם „פרייען“ אָדער „גוטען“ מאָנטאָג (ק. וו. נערינג, געשיכטע דעס זאַקסישען האָכלאַנדס, לייפּציג, 1828, ב. וו., ז. 31). אין 1503, בעת דעם סטרייק פון די פּועלים פון שניידער צעך אין ו ו ע ז ע ל, האָט דער בורגעמייסטער געזאָגט אין דער אינדוסטרי־ עלער פאַרוואַלטונג, אַז די דאָזיגע פּועלים זיינען באמת זעהר אַן אומ־ רוהיג פאָלק, אָבער אַז „די מייסטערס זיינען אויך אַ סך שולדיג, ווייל זיי ווילען ניט נאָכגעבען די גערעכטע פאָדערונגען פון די פּועלים — געבען זיי עסען דריי מאָל אַ טאָג, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דערמיט וואָס זיי לעגען אויף זיי אַרויף צופיעל אַרבייט“. ער סטראַשעט די מייסטערס מיט אַ שטראָף, אויב זיי וועלען ווייטער צווינגען זייערע אַרבייטער צו אַרבייטען „זונטאָג און ימים־טובים ביז דעם אָנהויב פון דער גאָטעס־דינסט“, אָדער אויב זיי וועלען

רייסען פאר די האָר אָדער שלאָגען מיט די פויסטען זייערע לערן־אינגלאך". דאָ דאָזיגע רייד פון דעם בורגעמייסטער האָבען מיר געפונען איבערזעצט ביי יאנסענען (ערשטער בוך, ז. 337). דאָס הארמאָנירט זעהר ווענינ מיט זיין צעך־אידיליע.

גלייכצייטיג מיט דער טענדענץ שווערער צו מאכען די ארבייט איז געגאנגען די טענדענץ צו פארערגערען דעם ארבייטער'ס שפייז און פארקלענערען זיינע שכירות. ווען עס איז אויסגעקומען צו שפייזען 4 אָדער 5 ארבייטער און דערצו נאָך 2 אָדער מער לערן־אינגלאך, האָט זיך שוין געלוינט צו קאָכען באזונדער פאר זיי. אויף דעם אופן האָט מען געקאָנט שפּאָרען עפּעס פון זייער שפּייז, ניט שטערנדיג דאָס באקוועמע לעבען פו'נם מייסטער. די אויפנעמונג פון ארבייטער אין דעם מייסטער'ס משפּחה — א זאך וואָס זעהט אויס פאר יאנסאנען און זיינע חברים אזוי שעהן און פּאטריארכאליש, — איז באמת געווען א מיטעל צו עקספּלואטירען די ארבייטער נאָך מער.

נאָך מער ווי אויף דער שפּייז האָבען די „שפּאָרזאמע" מייסטערס געזוכט צו עקאָנאָמיזירען דעם ארבייטס־לוין. די שטרעבונג צו פארקלענערען די שכירות איז אלץ שטארקער, וואָס גרעסער, אונטער גלייכע אנדערע באדינגונגען, עס איז די צאָל פון געדונגענע ארבייטער אין אַן אונטערנעמונג. ווען עס ארבייט בלויז איין ארבייטער, האָבען מער עטליכע גראָשענס א טאָג קיין באדייטונג ניט, ווען אָבער עס ווערען עקספּלואטירט הונדערטער מענשען, דאן ווערט די סומע גאַנץ גרויס און קאָן אָפּט גרייכען אין די טויזענטער. אין א קליינער מאָס האָט זיך שוין די ווירקונג פון אזעלכע באציהונגען אויסגעדריקט שוין ביים סוף פון מיטעל־אלטער. נאטירליך האָט נאָך אין יענער צייט קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגען אזעלכע אונטערנעמונגען וואו איין מייסטער זאָל קאָנען באשעפטיגען הונדערטער ארבייטער. האָבענדיג זעקס אָדער זיבען געדונגענע ארבייטער, פלעגט שוין דער מייסטער געוויינליך איבערטרעטען די גרעניצען פון דאָס נאָרמאלע און ערלויבטע. פונדעסטוועגען איז דאָס שוין געווען גענוג, אז עס זאָל זיך אנטוויקלען די שטרעבונג צו פארקלענערען די שכירות.

פון דער צווייטער זייט איז אָבער אויך אויסגעוואקסען דאָס שטרעבען ביי די ארבייטער צו פארגרעסערן זייערע שכירות. אין

דייטשאלנד איז דאָס פארגעקומען אלס פועל יוצא פון דער רעוואָ־לוציע אין די פרייזען, איז געקומען אלס רעזולטאט פון דער פארגרע־סערונג פון דעם סכום גאָלד און זילבער אין 15טען יאָר־הונדערט. דאָס איז אויך געווען די אורזאַך פאר אַ שפּעטערדיגער, פיעל וויכ־טיגערער רעוואָלוציע, וואָס איז אין לויף פון 16טען יאָר־הונדערט ארויסגערופען געוואָרן דורך דער אנטדעקונג פון אמעריקע, וואָס איז אַזוי רייך געווען אין גאָלד און זילבער. די צווייטע רעוואָלוציע איז שוין געווען אַזאַ וואָס האָט אָנגערירט די גאַנצע ציוויליזירטע אייראָפּא. אויסער דער איבערקערעניש אין דעם אופן פון באקומען די איידעלע מעטאלען, האָט אויך געווירקט אויף די הע־כערונג פון די פרייזען די מאָנאָפּאָליע פון די סוחרישע געזעלשאפ־טען. גלייכצייטיג אָבער איז געוואקסען דער לוקסוס, עס זיי־נען געוואקסען די באדערפנישען פון די מייסטערס. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, אז די ארבייטער, לעבענדיג צוזאמען מיט די מאס־טערס, און וואָס זיינען נאָך גאָר ניט לאַנג געווען גלייך מיט זיי, האָבען אויך געוואָלט באקומען זייער חלק אין דעם געזעלשאפטליכען וואוילזיין.

אַ דאנק דעם איז דער אנטאַגאָניזם צווישען די מייסטערס און פועלים אין 15טען און אין אָנהויב פון 16טען י. ה. געוואָרען אַלץ שארפער, איבערהויפּט אין דער פראגע פון שכירות.

דאָס, צוזאמען מיט אנדערע אורזאכען אויף וועלכע מיר האָ־בען שוין אָנגעצייגט, האָט געפיהרט דערצו, אז דער קאמף צווי־שען די מייסטערס און פועלים וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין 14טען יאָהרהונדערט זאָל ווערען אַלץ באַשטענדיגער און פארבי־טערטער, וואָס מער מיר דערנענטערען זיך צום 16טען יאָרהונדערט.

אונזערע ראָמאַנטישע אָנהענגער פון די צעכען, האָבען ליב קעגען שטעלען דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע די צעך אָרדע־נונג, אלס פּראָדוקציאָנס אופן וואָס איז געווען אַ גן עדן פאר די ארבייטער, און וואָס האָט ניט צוגעלאָזען קיין קלאסען שנאה. בלויז דער קאפּיטאַליזם, אָדער ווי די האלב־אזיאטען דריקען זיך אויס, דאָס „יורענטום" האָט ארויסגעשטויסען אָט די עטיק פון דעם עקאָנאָמישען לעבען און האָט פארזייהט די קערנער פון קלאסען־האַס. אָבער נאָך אפילו אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט זיי־

נען די צעך־מייסטערס און די גוט־באזיצער גאנץ ווייט געווען פון יענער לויבענסווערטער אומשולדיגקייט פון דער פאר־קאפּיטאליס־טישער צייט. פון די נאכפאלגענדיגע יארהונדערטען איז גאר קיין רייד ניטא — אין זיי איז שוין קלאר און בולט דער איינפלוס פון קאַ־פּיטאליזם. דאס „אויפבליהען“ פון דער צעך־פּראָדוקציע ווערט שוין דאן באזירט אויף דער עקספּלואטאציע פון די לוין ארביי־טער און רופט ארויס א שארפען קלאסען־קאמף.

אין זיין אויסגעצייכענטען בוך זאגט שאניץ, גאנץ ריכטיג, פאלגענדעס: „וועגען דעם פאקט (ד. ה. וועגען דער עקספּלואטא־ציע פון די לוין ארבייטער) וואלט אויך ניט שאדען צו געדענקען די וואס רעדען אזוי ווי שענבערג וועגען דער גרויסער אויפלעבונג פון דער אינדוסטרי און דעם אלגעמיינעם וואוילזיין פון די אר־בייטער אין 14טען און 15טען יאהרהונדערט. מען קען קוים צווייפלען אין דעם, אז דער וואוילזיין פון די מייסטערס איז אי־בערהויפּט געווען מעגליך א דאנק דער ניט באצאלטער ארבייט און שוויים פון די ארבייטער“ (געזעלפארבאנדע ז. 21).

ניט קוקענדיג אויף זייער מעכטיגקייט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס זיי האבען אזוי שטאלצירט מיט זייער אוטאנאמיע און זעלבסטשטענדיגקייט, האבען פונדעסטוועגען די צעכען ניט גע־שעמט צו באנוצען זיך מיט'ן שטאט „איינצושטילען“ די די אומרוהיגע ארבייטער. שוין אזוי פריה ווי אין 15טען יאהרהונ־דערט (אין ענגלאנד אין 14טען) זיינען ארויסגעגעבען געווארען פארשידענע לוין באשטימונגען, ארויסגעגעבען פלעגען זיי ווערען פון דער ארמיניסטראציע, פון שטאט־ראט, אדער פון דעם גוט־באזיצער אויב די שטאט איז געווען אונטער זיין הערשאפט. עס זיינען אויך געווען אזוי אלגעמיין־שטאטליכע באשטימונגען, פאר די בעלי מלאכות אזוי גוט ווי פאר די דארפס ארבייטער. מיר ווילען דא בלויז ברענגען איינע אזא, צו וועלכער עס איז צוגעגע־בען א זעהר כאראקטעריסטישער ארייגפיהר. דאס איז א טייל פון דער „לאנדס־ארדנונג“ וואס די הערצאגען ערנסט און אלבערט האבען אין 1482 ארויסגעגעבען פאר זאקסען. דארטען ווערט געזאגט: „מיר האבען באקומען פיל קלאגען פון די העכערע גייסט־ליכע, פון פרינצען און נאבעל־לייט אויך פון שטעט, אז אונזע־

רע אונטערטאַנען געפינען זיך אין אַ שלעכטער לאַגע און געהען אונטער; דאָס אַלץ איז דער רעזולטאַט פון די גרויסע מטבעות, און די אומגעהויערע שכירות וואָס ווערען געצאָלט צו באַדינער און אַרבייטער, און אַ דאַנק דעם וואָס עס איז צווישען אַלע שיכטען פון פאָלק פאַרשפּרייט געוואָרען אַן אויסבערענגעריי בנוגע עסען, טרינקען און קליידער. אין די שטעט איז דאָס איבערהויפּט פאַרגעקומען דערפאַר ווייל מאַנכע פון די העכערע גייסטליכע און נאָבעל־לייט *), ווי אויך דאָרפישע בעלי מלאכות האָבען זיך גענומען צו אַזעלכע אַרבייטען, ווי די פּראָדוצירונג פון זאַלץ, ביר און ווייןֿפאַרקויף. דאָס טויג ניט פאַר זיי, און אַזאַ מנהג איז פריהער קיינמאָל ניט געוועזן. נאָך אַ ישוב־הדעת, דאַרף מען פריהער פון אַלץ פאַרפאַרטיגען און צירקולירען, אַ קלענערע מטבע פון נידעריגערען ווערט**), כדי דערמיט צו צאָלען די דינער און אַרבייטער. קיינער דאַרף ניט קליידען זיינע לוין אַרבייטער אַנדערש ווי אין פּשוט'ע קליידער וואָס ווערען פּראָדוצירט אין דער היים, און נאָר איינציגע זאַכען (זיי ווערען גענוי אויסגערעכענט) מעג מען קויפען פון אַ וועלכען ווערט מען וויל און זיי פאַנאַנדערטיילען. אויב אָבער דער פּרינץ אָדער נאָבעל מאַן גיט זיין לוין־אַרבייטער ניט קיין זאַכען נאָר געלט, מעג ער געבען דעם שטאָטישען אַרבייטער פינף, און דעם אויפזעהער איבער די פערד פיר שאָק נייע גראָשען (אין איין שאָק איז פאַראַן 60 שטיק). נאָכדעם ווערט אויסגערעכענט אַ גאַנצע טאַקסע פון לוין פאַר די דאָרפס אַרבייטער. און דאָן ווערט דאָרט געזאָגט: „אַן אַרבייטער דאַרף מען געבען, צו די קעסט וואָס ער באַקומט פון באַלע־

*) דאָס זאַקסישע אַדעל האָט, ווי עס ווייזט אויס, שוין דעמאָלט אָנגעפאַנגען צו פאַרגרעסערען זיינע הכנסות דורך דער דאָרפישער אינדוסטריע. קיין שנאַפּס איז נאָך דעמאָלט ניט געוועזן באַקאַנט, דערפאַר האָט זיך דאָס אַדעל גענומען צו פּראָדוצירען ביער.

**) אָט דער איינפאַכער מיטעל אָפּצונאַרען די אַרבייטער ביים אויסצאָלען די שכירות, וועלכען די פירשטען האָבען אָנגעווענדט, וועט זיכער דערוועקען די באַוואונדערונג און קנאה פון אַ סך מאָדערנע בימעטאַליסטען.

באַס, ניין נייע גראָשענס וועכענטליך, אויב אבער ער איז אויף זיין אייגענע קעסט — דארף מען איהם געבען 16 גראָשען. די פועלים דארפען צו ווארמעס און וועטשערע באקומען, בלויז פיר מאכלים, אין די פשוט׳ע טעג זופ, צוויי פליישיגע מאכלים און גרינסען; פרייטאָג און אין אנדערע טעג ווען מען עסט ניט קיין פלייש דארפען זיי באַקומען זופ, פרישע אָדער געטריקענטע פיש, און צוויי מינים גרינסען. אין תעניתים דארפען זיי קריגען פינף מאכלים: זופ, צוויי פיש מאכלים און צוויי מינים גרינסען. אויסער דעם דארפען זיי באַקומען 18 גראָשען, די פשוט׳ע ארבייטער אָבער קריגען בלויז 14 גראָשען וועכענטליך. אויב אָבער די דאָזיגע ארבייטער זיינען אויף אייגענע קעסט דארף מען די פּאָלירער געבען ניט מער ווי 27 און פראָסטע שטיין־העקער ניט מער ווי 23 גראָשען א וואָך.

די דאָזיגע רעגעלען צושטערען באמת די לעגענדע וועגען די טובות וואָס די מאָדערנע געזעלשאפט טוט דעם פּראָלעטאריאט, זיי באווייזען אָבער ניט אז די ארבייטער פון יענער צייט האָבען זיך געפיהלט אויסערגעוויינליך צופרידען. כדי צו פארשטעהן די לאגע פון א וועלכען עס איז קלאס איז נאָך ניט גענוג צו קענען אים אליין, מען מוז אים אויך פארגלייכען מיט א צווייטען, און מיט די אלגעמיינע באדערפעניש פון דער צייט. אין היינטיגער צייט האָט זיך דער לוקסוס אין קליידער, איבערהויפט אין מענער־קליידער, שטארק פארקלענערט, אויך עסט מען היינט בכלל וויניגער ווי אמאָל. דער ווארעמס און וועטשערע וואָס ווערט באשטימט פאר די זאקסישע ארבייטער, ווייזט זיך אונז אויס פאר א גאנץ גרויסען, אָבער אין פארגלייך מיט דער גרויסער מאסע שפייז, וואָס מען פלעגט דאַן אויפעסען, איז עס זעהר וועניג *).

---

*) „אין מיטעל־אַלטער האָט גוט און אַ סך עסען און טרינקען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. מיר וועלען דאָ ברענגען נאָר עטליכע ביישפּילען. צוליב דער חתונה פון אָטטאָקער פשעמישל דעם צווייטענס פּלימעניצע, קוניגונדע, מיט דעם אונגאַרישען פּרינץ בעלא, וועלכע איז פאָרגעקומען אינ׳ם יאָר 1246 ביים דונאַי, נעבען ווין, האָט מען פון עסטרייך, שטיריען און מאָראַוויען צוגעפירט אומגעהויער גרויסע מאסען שפּייז

אָבער דער דאָזיגער פאַרגלייך איז ניט געגוג צו פאַרשטעהן די זאַך. דער כאַראַקטער פון אַ געזעלשאַפט קען אַמבעסטען באַשטימט ווערען, ניט לויט איהר צושטאַנד אין אַ געגעבענעם מאָמענט, נאָר דורך די טענדענצען פון איהר אַנטוויקלונג. ניט די אָרעמקייט אַן און פאַר זיך שאַפט די אומצופרידענהייט, נאָר די געצוואונגענע אָרעמקייט פון איינעם אין אַ סביבה וואו אַלע דער־הויבען זיך אויף דער העכסטער מדרגה פון וואוילזיין. וואָס שנעלער די אַנטוויקלונג קומט פאָר אַלץ שאַרפער פיהלט זיך די דאָזיגע טענדענץ, אַלץ שטאַרקער פיהלט זיך דער סאָציאַלער קאַמף. פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז די אָרעמקייט אין דייטש־לאַנד געווען גרעסער ווי אין פראַנקרייך, פונדעסטוועגען איז די לעצטע געווען דער אויסגאַנגספונקט פון דער איבערקערעניש, ווייל דאָרט איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג געגאַנגען שנעלער. פון 1870 געהט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד שנעלער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, אין דייטשלאַנד און ניט אין ענגלאַנד

מכל המינים; מען האָט אויסגעשטעלט פינף בערג שפּייז אַזוי גרויס, ווי דער גרעסטער קלויסטער; די געשטאָפּטע רינדער און קלענערע פיה האָבען באַדעקט דעם גאַנצען דונאַי־אינזעל און דעם דערבייאיגען פּלאַץ; עופות און חיות פון יאגד זיינען געווען גאָר אָהן אַ צאָל; עס איז דאָרט געווען ארום טויזענט מעסטלאַך וויין אויף ברויט און אַזוי פיל ווייך, אַז דאָס וואָלט געקלעקט פאַר דער באַפעלקערונג פון צוויי מלוכות אויף עטליכע טעג". (פּ. פּאַלאַצקי, Geschichte von Bohmen, פּראג, 1866, 2, ז. 188). דאָס דערמאַנט עטליכע באַשרייבונגען פון סעודות פון ראַבלע. אין 1561־טען יאָר, איז אויף דער חתונה פון וויל־העלם פון אָראַן פאַרבראַכט געוואָרען: פיר טויזענט שעפעל ווייץ, אַכט טויזענט שעפעל קאָרן, 13 הונדערט שעפעל האָבער, 3,600 עמער וויין און 1600 פעסלאַך ביער. אויף דער גרויסער טרויער סעודה נאָכ'ן טויט פון אַלברעכט פון בייערן, אינ'ם יאָר 1509, זיינען געווען ניט ווייניגער פון דריי און צוואַנציג מאכלים. אויף דער סעודה פון אַן אַבבאַט, וואָס איז אינ'ם יאָר 1569 געוואָרען אַ פּראָטעסטאַנט, און וועלכע ווערט באַצייכענט אַלס זעהר אַ באַשיידענע, האָבען 110 מענשען אויפגעגעסען צוויי אָקסען, דריי חזרים, צען קעלבער, צען שאָף, 60 היגער, 120 קאַרפּען, אַן עמער לעמעשעס, אַ פערטעל טון פוטער, זעקס הונדערט אייער און צוויי זיבן מילך קיזלאַך (א. שלאָסאר, Sperse und Trunk Vergangener Zeite in Deutschland וויען, 1877, ז. 33—35).

איז די היים פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע; אמת, אין דער לעצ־טער זיינען די קלאַסען הפוכים פיל מער, אָבער אין די לעצטע צען־דליגער יאָרען ווערען די דאָזיגע הפוכים פאַרשאַרפט זעהר לאַנג־זאַם. דאָס לאַנד אין וועלכער די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג געהט אין דער איצטיגער צייט שנעלער ווי אומעטום איז די פאַראייניג־טע שטאַטען; עס איז זעהר מעגליך אַז אין אַ צען, צוואַנציג יאָר שפּעטער וועט דאָרט ווערען דער הויפּט צענטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, הגם די לאַגע פון דעם אַרביי־טער אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז אין דורכשניט בעסער ווי ערגעץ אַנדערש.

ווענען אַ וועלכער עס איז עוואָלוציע רעדען אונזערע היס־טאָריקער זעהר ווייניג. אונזערע ליבעראַלע היסטאָריקער באַוויי־זען מיט אַלע ראיות אַז די אַרבייטער האָבען אַלע אורזאַכען צו זיין גליקליך, ווייל אַ דאַנק די מאַשינען האָבען זיי אַ מעגליכקייט צו געניסען פון אַלע לוקסוס זאַכען, טראָגען זאָקען און נאָזטיכ־לאַך וואָס עס האָבען אַ מאָל ניט געקאָנט קריגען אפילו קיין קע־ניגען. די קאָנסערוואַטיווע היסטאָריקער צייגען אונז עטליכע באַשרייבונגען פון עטליכע לוין־טאַקסען און רעגעלען ווע־גען דער קליידונג פון 14טען און 15טען יאָרהונדערט און זאָגען: אָט ווי גליקליך עס זיינען געוועזן די אַרבייטער און פּויערים אין דער גוטער אַלטער צייט, ווען די צעכען האָבען געבליהט און די קירכע האָט געהערשט איבער דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַ גאַנץ אַנדער בילד וואָלט זיך באַקומען ווען סיי די ערשטע, און סיי די צווייטע וואָלטען אונז אָנגעוויזען די ריכטונג אין וועלכער די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג געהט היינט און אין וועלכער ריכ־טונג זי איז געגאַנגען מיט פיר הונדערט יאָר צוריק. זיי וואָלטען דאַן געמוזט דערציילען אַז די עקספּלואַטירענדע קלאַסען האָבען זייער גאַנצע מיה אָוועקגעגעבען וואָס מער צו פאַראָרעמערען די אַרבייטענדע מאַסען. אמת, דאַן, פּונקט ווי היינט, האָט זיך מאַנ־כע גליקליכע טיילען פון דעם אַרבייטער קלאַס איינגעגעבען ניט נאָר צו באַפרייען זיך פון דער שטאַרקער אונטערדריקונג, נאָר אויך זיך דערשלאָגען צו אַ בעסער לעבען; אויב אָבער זייער לעבען איז אפילו פאַרבעסערט געוואָרען, איז דאָס אָבער ווייט געוועזן ניט

פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם וואווילזיין פון די עקספּלואַטאַטאָרען פון די גייסטליכע, נאָבעל־לייט, סוחרים און מייסטרס. בכלל איז זייער חלק אין די פּראָדוקטען און אין דער קולטור געוואָרען אַלץ קלע־נער און קלענער.

ניט קוקענדיג אויף די ווארעמע און סאַמעטענע קאַפּטענס, גע־פינען מיר ניט אין די רייען פון די לוין אַרבייטער קיין סימן פון׳ם ראָזיגען „בליהענדען וואוילזיין" און „צופרידענהייט", אָדער די אַב־וועזענהייט פון „קנאה און שנאה צו די וואָס שטעהען העכער", יענע פרעהליכע צופרידענהייט, וועגען וועלכע יאַנסאָן דערציילט אזוי סענטימענטאַל. פּאַרקערט מיר געפינען ביי זיי פּונקט דעם היפּוך.

## 4. די פּאַראיינען פון די פּועלים.

א קאַמף פון גרויסע מאַסען, און פּאַלגליך אויך א קלאַסען קאַמף, איז נים מעגליך אָהן אַן אָרגאַניזאַציע. די פּועלים זיינען גיצ־וואונגען געצוואונגען צו אָרגאַניזירען זיך. וואָס בלוטיגער עס איז געוואָרען דער קאַמף וואָס זיי האָבען געדאַרפט פירען אַלץ מער האָבען זיי זיך גענויטיגט אין אַן אָרגאַניזאַציע.*)

אין אָנהויב האָבען די פּאַראיינען פון די פּועלים געטראָגען אַ צייטווייליגען און צופעליגען כאַראַקטער. דער ערשטער פון אָט די פּאַראיינען פון וועלכע מיר ווייסען איז געווען דער פּאַראיין פון גאַרטעל מאַכער אין ברעסלוי, וועלכער האָט אין 1329 גע־וואָלט אָפּשטעלען די אַרבייט אויף א גאַנץ יאָהר. באַלד אָבער הויבען זיך אויך אָן באַווייזען פעסטערע פּועלים־פּאַראיינען.

עס איז נאַטירליך אַז די זעלבע אורזאַכען וואָס האָבען צו־נויפגעבראַכט די פּועלים פון איין באַשטימטער אינדוסטריע אין א

---

*) אין דאַנציג האָט מען נאָך אין 1385־טען יאָר אָפּגעשניטען אויערען ביי די פּועלים, וואָס האָבען אָרגאַניזירט אַ סטרייק. וועגען אַזעלכע זאַכען דערצעהלט גאָר ניט יאַנסען. זיי וואָלטען טאַקע ניט גע־פּאַסט צו זיין אידיליע. און פונדעסטוועגען איז דאָס פאָרגעקומען בעת די צעכען זיינען געווען קאַטוילישע און דורכגעזאַפּט מיט׳ן גייסט „פון קריסטליכער, ברידערליכער ליבע".

וועלכער עס איז שטאָט זאָלען אויך נעווען זיי געבען דעם ערש־טען אָנשטויס צו אָרגאַניזירען זיך, און פיל באַאיינפלוסען זייער כאַראַקטער. די אורזאַכען און דער זאַמעל פּלאַץ איז אין מיטעל־אַלטער געווען די ק י ר כ ע און דער ט ר א ק ט י ר, און אָפּט אויך די מ ל ח מ ה. מען רעכענט, אַז מאַנכע ציווילע געזעלשאַפ־טען זיינען אַנשטאַנען דורך דעם וואָס די אינדוסטריעלע מייס־טערס פלעגען זיך אויסדרייהען פון מיליטער־דינסט און אויף זייער פּלאַץ פלעגען זיי שיקען די פּועלים, וואָס פלעגען דערפאַר קריגען באַצאָלט פון די צעכען. די פּועלים פלעגען דערנאָך, אויך אין די פרידליכע צייטען אויפהאַלטען זייערע מיליטערישע פאַראיי־נען, אָבער מיר ווייסען ניט קיין פאַראיין וואָס איז אויף אַזאַ אופן אַנטשטאַנען.

אַ פיל אָפטערע פאָרמע פון פּועלים־פאַראיינען זיינען געווען די קירכליכע ברודערשאַפטען און צוזאַמען מיט זיי די שפּייז־הייזער. די ערשטע פלעגען איבערהויפּט דינען פאַר צוועקען פון זעלבסט־הילף, די שפּייז־הייזער האָבען געדינט אַלס פעסטונגען פון ווידערשטאַנד געגען די מייסטערס און דער אַדמיניסטראַציע. אָבער די פונקציעס פון די דאָזיגע צוויי אַרטען אָרגאַניזאַציעס, זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין שאַרף אָפּגעטיילטע, די קירכליכע ברו־דערשאַפטען פלעגען גאַנץ אָפט פאַרוואַנדעלט ווערען אין קעמ־פענדע אָרגאַניזאַציעס.

די ערשטע פּועלים פאַראיינען אין דייטשלאַנד באַגעגענען מיר אין אָנהויב פון 15טען יאָרהונדערט און אפשר שוין ביים סוף פונ'ם 14טען, ביי די וועבער. אין 1389 רעדט מען שוין וועגען דעם קאַסירער פון די וועבער־פּועלים אין דער שווייץ, און דאָס איז אַ באַווייז אַז די לעצטע האָבען שוין דאַן געהאַט געגענזייטיגע הילפס־קאַסען. אין אולם האָבען שוין די פּועלים אין 1402 גע־האַט אַ ברודערשאַפט וואָס האָט אויפגעהאַלטען אין אַ שפּיטאָל צוויי בעטען פאַר זייערע אָרימערע חברים און האָט אויך גע־האַט אַ געמיינשאַפטליכע קאַסע צו דעקען די לויה הוצאות פון די מיטגלידער.

כדי צו כאַראַקטיריזירען די דאָזיגע ברודערשאַפטען וועלען מיר דאָ ברענגען די תקנות פון איינעם פון זיי, וועמעס אַנערקע־

נונג די שטראסבורגער וועבער פועלים האָבען אויסגעקעמפּט אין יאָר 1479. אין אָט די תקנות ווערט געזאָגט:

„מיר, האנס הערבאָט, מייסטער, און פינף דערוויילטע פון די וועבער פון שטראסבורג, מאכען אַלעמען באקאנט, ווער עס וועט נאָר אליין דעם בריף לייענען אָדער הערען ווי עמיצער לייענט אים, אז צו אונז זיינען געקומען די חשוב'ע, האנס בלעזינג און מארטין שוסטער פון ו ו י ס אָ ר ' ן, וואָס זיינען די קאַסירערס פון די וועבער פועלים פון שטראסבורג און האָבען געבעטען און געפאָדערט, אז מיר זאָלען מנדב זיין, און באַשטעטיגען די פאָלגענדע, אונטען־געבראכטע תקנות און פאראגראפען.

„זייער ברודערשאַפט ווערט געגרינדעט ביים שפּיטאל פון שטראסבורג, איצט און אין דער צוקונפט דארף זי דאָרט פאר־בלייבען און קען אין קיין אנדער פּלאַץ ניט אריבערגעטראָגען ווע־רען. יעדעס האַלב יאָהר דארפען זיי דערוויילען צוויי קאַסירערס... די דערוויילטע קאסירער דארפען שווערען אז זיי וועלען ערליך ארבייטען פאר דעם נוצען פון דער אַלגעמיינער קאסע, און אויף וויפיל עס וועט נאָר פאר זיי מעגליך זיין, וועלען זיי איר פארטיי־דיגען פון יעדען שאָדען. אויב א דערוויילטער קאסירער אנטזאגט זיך פון אזא אמט, דארף ער באַצאָלען א האַלבען פונט וואקס אלס קנס, דער וואל מוז אָבער בלייבען ווי ער איז, ניט קוקענדיג אויף דעם ווי שטארק דער דערוויילטער זאָל קעגען דעם ניט פּראָטעס־טירען. נאטירליך, אויב דאָס ווערט באַשטעטיגט פון די מייסטערס. אין דער צייט ווען די קאסירערס געהען איין מאָל אין צוויי וואָכען ארום צונויפזאמלען געלט, טאָרען זיי אויף זייערע פּערזענליכע באַדערפעניששען ניט אויסגעבען קיין געלט פון דער אַלגעמיינער קאסע. אויב א פּועל איז שולדיג געבליבען דער ברודערשאַפט צוויי פעניג און אנטזאגט זיך זיי אָפּצאָלען ווען דער קאסירער קומט מאָנען, דארף ער צאָלען צוויי פעניג קנס. פון דער קאסע טאָר מען קיינעם קיין געלט ניט ארויסגעבען, סיידען איינער ווערט קראנק, אָבער אויך דאן מוז מען דערצו האָבען די צושטימונג פון די מייס־טערס און אן ערבות וואָס זאָל ווערט זיין מער ווי די הלואה. יע־דער פּועל דארף יעדען תענית־טאָג אריינברענגען איין פעניג אין דער אַלגעמיינער קאסע. און מנדב זיין איין גוטען שטראסבורגער

פעניג; אויב ער געפינט זיך אין דער צייט, אויסער'ן שטאָט דאַרף ער זיין פעניג איינצאָלען ווען ער קומט צוריק אין שטאָט.״

נאָך דעם געהעריגן רעגעלען וועגען באַזוכען די קירכע, ווענען מנדב זיין הייליגע ליכט און אז. וו. אין די תקנות ווערען פאַר־געזעצט אזוי: „אויב א פרעמדער פועל וועט קומען, אזעלכער וואָס האָט נאָך אין שטאָט קיינמאָל ניט געאַרבייט, מעג ער א וואָך אָדער צוויי אָפּאַרבייטען אומגעשטערט; אויב אָבער ער וויל פאַרבלייבען אויף ווייטער דאַרף ער איינצאָלען צוויי פעניג איינטריט געלט און דערנאָך דאַרף ער פונקט ווי אַלע ארבייטען פאַר דער ברודערשאַפט. פועלים וואָס ווילען זיך משפט'ן מיט זייערע מייסטערס מוזען צאָלען די אויסגאַבע פון זייערע אייגע־נע קעשענעס און ניט פון דער אַלגעמיינער קאַסע.״ דאַן קומט ווייטער א פּאַראַגראַף וועגען הייליגע ליכט און נאָכדעם ווערט גע־זאָגט: „די פועלים וואָס צאָלען ניט אָפּ צו די קאַסירער זייערע איינטריט געלדער, אָדער דעם וועכענטליכען אָפּצאָל, האָבען קיין רעכט ניט צו ארבייטען ביז וואַנען זיי צאָלען אָפּ זייער חוב, אָדער ביז אַן אנדערער חשוב'ער פועל צאָלט פאַר זיי ניט אָפּ. אויב אָבער דאָס וועט ניט געטאָן ווערען, דאַן זאָלען זייערע נעמען פאַרשריבען און געלייענט ווערען אויף יעדער פאַסט־טאָג פאַרזאַמלונג פון די פועלים.״

„די קאַסירער דאַרפען אָפּגעבען א רעכענונג אויף די פאַרזאַמ־לונגען פון די פועלים און שווערען אז זיי ווילען מער ווי א שילינג פון דער קאַסע ניט נעמען. די קאַסירער פאַרפליכטען זיך אויך, דורך א שבועה, צו איינמאָנען ביי אַלע ברידער זייער וועכענט־ליכע און תענות־טעג אָפּצאָלונגען. אין יעדען תענית־טאָג דאַרף זיין א גאָטעס דינסט און מען זאָל תפלה טאָן פאַר אַלע ברידער און שוועסטער, לעבעדיגע און טויטע.״

„אויב, איינער פון די ברידער וועט, חס ושלום. קראַנק ווערען און דאַרפען אַנקומען אין שפּיטאָל, דאַרף מען איהם פון קאַסע ארויס־געבען טעגליך איין פעניג. אויב א פועל וועט שטאַרבען, זאָל גאָט געבען אז דאָס זאָל ניט טרעפען, אין דעם הויז פון דעם מייסטער אָדער אין אַן אנדער פלאַץ, אבי נאָר ניט אין שפּיטאָל, דאַרפען די קאַסירער צונויפרופען אַלע פועלים צו דער לויה, מיט

דער ווארנונג צו צאָלען צוויי פעניג קנס אויב מען וועט ניט פאָלגען.״

אלע בחורים־וועבער פועלים מוזען פון איצט אָן שטעהן אין דינסט פון דער ברודערשאפט.״

די ברודערשאפט איז אלזאָ געווען א מין געמיינשאפטליכע קראנקען־ און לויה־קאסע צו וועלכער די פועלים האָבען גע־מוזט געהערען.

פאר די צעכען און פאר דער שטאָט־פארוואלטונג זיינען אָט די ברודערשאפטען געווען א דאָרן אין אויג. פארניכטען זיי האָט מען ניט געקענט צוליב זייער קירכליכען כאראקטער; אויסער דעם זיינען זיי געווארען אלץ נויטיגער און נויטיגער וואס מער עס איז געוואקסען די צאָל פון די פועלים, וואָס האָבען זיך גע־נויטיגט אין קראנקען פארזיכערונג און לויות. איבערטראָגען די דאָזיגע פארזיכערונג אויף די צעכען וואָלט פאר די לעצטע געווען א צו שווערע לאסט. דערפאר איז דער קאמף קעגען די דאָזיגע ברודערשאפטען באשטאנען איבערהויפט אין באגרענעצען, און אונטערוואַרפען זיי אונטער׳ן קאָנטראָל פון די צעכען און פון דער אדמיניסטראציע.

גלייכצייטיג מיט די ברודערשאפטען זיינען אנטשטאנען די שפייז־הייזער. יעדער צעך האָט געהאַט זיין אייגען „שפייז־הויז״. אין זיי איז צונעגרייט געוואָרען דער קאמף צווישען די צעכען און די פאטריציער; זיי זיינען געווען דער הויפט זאמעל פונקט פון דער דעמאָקראטישער באוועגונג. אין אָנהויב זיינען די פועלים געגאנגען צוזאמען מיט זייערע מייסטערס, אָבער וואָס מער די היפוכים צווישען ביידע זייטען זיינען שארפער געוואָרען, וואָס מער די מייסטערס האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף די פועלים פון אויבען ארונטער, אלץ מער האָבען, אמאָל געצוואונגענערהייט, און אמאָל דורך זייער פרייען ווילען די לעצטע זיך אָנגעהויבען אָפּזונדערען פון די ערשטע. און די זעלבע ראָליע וואָס די שפייז־הייזער פון די צעכען האָבען געשפילט אין דעם קאמף קעגען די פאטריציער, האָבען איצט אָנגעהויבען שפילען די שפייז הייזער פון די פועלים אין דעם קאמף קעגען די צעכען. עס איז דערפאר קיין וואונדער ניט, וואָס צום סוף פון מיטעל אלטער איז אָנגעגאנגען א ביטערער

קאמף פאר די שפייז־הייזער. די שטאָטישע אויטאָריטעטן האָבען זיי געוואָלט איננאַנצען פארניכטען. דאָרט וואו דער קאמף צווישען די צעכען און די פאטריציער האָט זיך נאָך געפירט, וואו די פאטריציער האָבען נאָך געשפּילט די הויפט ראָליע אין דעם שטאָט ראַט, זיינען גאַנץ אָפט פארווערט געוואָרען אויך די שפייז־הייזער פון די צעכען. געוויינליך אָבער פלעגען צוגעמאכט ווערען בלויז די שפייז הייזער פון די אינדוסטריען, וואָס האָבען נאָך קיין צעך־אָרגאַניזאַציע ניט פאַרמאָגט. אָבער אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט זיינען די שפייז־הייזער פון די פועלים אומעטום פארווערט געוואָרען.

אין די ווערק פון שמאלער און בוכער, וועלכע מיר האָבען שוין אַ סך מאָל ציטירט, זיינען דאָ פיל אילוסטראַציעס בנוגע דער באוועגונג געגען די שפייז־הייזער אין שטראַסבורג, פראַנקפורט און אנדערע שטעט.

„אין דעם יאָהר 1421 זיינען אין מ י י נ ץ, וו א ר מ ס, ש פ י י ע ר און פ ר א נ ק פ ו ר ט, געמאכט געוואָרען פּראָבען אויפצולייזען אלע שפייז־הייזער פון די לוין ארבייטער, און די לעצטע זיינען געצוואונגען געוואָרען צו שווערען, אז זיי וועלען זיך ניט צוזאַמענקומען אויסער פאר קירכליכע ענינים. אינ'ם יאָר 1390 און אינ'ם יאָר 1423 אז די לוין ארבייטער פון קאָנסטאַנץ איננאצען פארווערט געוואָרען צו פאָרמירען וועלכע עס איז פאראיינען אָדער ברודערשאַפטען. דאָס זעלבע איז אומעטום געטאָן געוואָרען. דער קולמינאַציאָנס פונקט פון אָט דער גאַנצער באוועגונג איז דער שטראַסבורגער געזעץ פאר לוין ארבייטער, וואָס איז געפאסט געווארען אין 1465טען יאָר. דער געזעץ איז געווען דער רעזולטאַט פון אַן אָפּמאַך פון פארשיידענע שטעט און איז פארעפענטליכט געוואָרען ניט בלויז אין שטראַסבורג, נאָר אויך אין פילע אנדערע שטעט, וואָס האָבען זיך אין דעם דאָזיגען אָפּמאַך באַטייליגט. דער דאָזיגער געזעץ האָט דאָס געדאַרפט איינמאָל פאר אלע מאָל מאכען אַ סוף צו אלע אומאָרדנונגען.

דער דאָזיגער „געזעץ פאר לוין־ארבייטער", אַ מין „געזעץ געגען סאָציאַליסטען", וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון אונזערע אורעלטערן מיט 400 יאָהר צוריק, איז אַזוי באַמערקונגס־

ווערט, אז די ווינכטיגסטע טיילען פון איהם וועלען מיר דאַ אי־בערגעבען. זיי לייענען זיך ווי פאָלגט:

„דאָס איז די מיינונג פון די דעלעגאטען פון די העכערע און נידעריגערע דייטשע שטעט, וואָס זיינען זיך צוזאמענגעקומען מאָנטאג, נאָכ'ן יובילעאום־זונטאג אין שטראסבורג, כדי צו באַ־שפּרעכען די לאגע פון די ארבייטער און פּועלים און די אנדערע לוין ארבייטער, און האָבען באשלאָסען פאלגענדעס:

„ערשטענס, די מייסטערס און די פּועלים טאָרען זיך אין דער צוקונפט ניט פאראייניגען, ניט שאפען קיינע פאראיינען אָדער ברודערשאפטען, דארפען ניט געבען קיין געמיינשאפטליכע הבטחות אָדער שבועות אָהן דער צושטימונג און ערלויבניש פון די מייסטערס און פון שטאָט ראט, פון דער שטאָט אין וועלכע־זיי וואוינען".

„אויסער דעם דארפען די לוין־ארבייטער, וועמען זיי זאָלען נים דינען, ריטער, דינער אָדער שטאָט־לייט, אויב זיי וואוינען נאָר אין שטאָט, ווי אויך די אלע פּועלים וואָס דינען אין שטאָט, שווערען אז זיי וועלען זיך אונטערווארפען דעם בורגעמייסטער און דעם שטאָט־ראט, אז זיי וועלען אויספאָלגען זייערע אורטיי־לען, און ניט זוכען קיין גערעכטיגקייט ערגעץ אנדערש."

„די פּועלים טאָרען אין דער צוקונפט ניט אָפּהאלטען אנ־דערע פּועלים פון ארבייטען ביי זייערע באלעבאטים, זיי האָבען קיין רעכט ניט צו מאכען סטרייקס, ארויסלאָזען א שם רע אויף א מייסטער איז שטרענג פארבאָטען."

ווייטער ווערט אין דעם זעלבען פאראגראף געפאָדערט אז די פּועלים זאָלען מיט אלע סכסוכים צווישען זיך גופא, אָדער מיט זייערע מייסטערס זיך ווענדען צום געריכט פון די מייס־טערס פון זייער שטאָט, און זאָלען זיך אונטערווארפען אונטער זייערע אורטיילען; אויסגעשלאָסען דערפון זיינען נאָר די פאַ־לען, ווען דער סכסוך געהט אריין אין דער יורסדיקציע פון דעם שטאָט־ראט. יעדער מייסטער וואָס דינגט אן ארבייטער מוז ווענען דעם מעלדען דעם עלטסטען פון צעך ניט שפּעטער ווי אין אכט טאָג ארום. דער לעצטער דארף נעמען פון דעם אר־בייטער א שבועה, אז ער וועט זיך אונטערווארפען אונטער דעם

אורטייל פון דעם געריכט פון די מייסטערס. א מייסטער וואָס מאַכט ניט די נויטיגע מעלדונג אין פאַרלויף פון אכט טאָג, צאָהלט פינף שילינג א טאָג קנס. דאָס איז זעהר א ליבליכער אָנהויב פון פּאָליצייאישער אויפזיכט איבער די ארבייטער!

דער נאָכפּאָלגענדער פּאַראַגראַף שרייבט פאָר, אז אַן ארבייטער אָדער אַן אנדער באַדינער טאָר ביי זיך קיין מעסער ניט האָבען, סיידען ער געפינט זיך אין וועג.

„נאָך דעם ווי די דאָזיגע תקנות וועלען פאַרעפּענטליכט ווערען טאָר קיין מייסטער פון אונזער געגענד ניט צונעמען אלס פּועל אָדער פאַר היימישער ארבייט, א וועלכען עס איז לוין־ארבייטער, וואָס שטעלט זיך געגען די דאָזיגע פּונקטען און פּאַראַגראַפען, און וויל זיי ניט אויספאָלגען. דער מייסטער וואָס וועט דאָס ניט אויספאָלגען, וועט באַצאָהלען פיר גולדען קנס." פון די געלט־שטראָפען באַקומט האַלב דער שטאָט־ראַט און האַלב דער צעך.

קיין איינע פון די שטעט, וואָס האָבען זיך אין דעם אָפּמאַך באַטייליגט, קען ניט ענדערען קיינע פון די תקנות אָהן דער צוּשטימונג פון די איבעריגע שטעט.

„קיינער פון די וואָס דינען אלס לוין־ארבייטער און וואָס זיינען ניט קיין בירגער פון דער שטאָט שטראַסבורג, טאָר ניט געהן ביינאַכט דורך געהיימע וועגען". פון פּסח ביז דעם יום טוב פון מיכאעל טאָרען די ארבייטער אָדער אַזוי מענשען וואָס האָבען ניט קיין בירגער־רעכט אין שטאָט, ניט געהן אין גאַס נאָך צעהן אזייגער אין אָוועגט. אַן אויסנאַם ווערט געמאַכט בלויז פאַר די וואָס געהען פאַר זייערע באַלעבאַטים. דער וואָס פאָלגט דאָס ניט אויס ווערט באַשטראָפט מיט דרייצען שילינג אָדער פיר טאָג תפיסה אויף ברויט און וואַסער.

נאָך צען א זייגער אין אָוועגט טאָרען די לוין־ארבייטער זיך ניט צוזאַמענקלייבען אין די שפּייז־הייזער אָדער גערטנער. די שטראָף איז אין דעם פאַל די זעלבע ווי פריהער.

די באַלעבאַטים טאָרען ניט עפענען זייערע הייזער און אַריינלאָזען די ארבייטער שפּעטער פון דער באַשטימטער צייט. אויב זיי טוען דאָס, ווערען זיי באַשטראָפט מיט פינף פונט. „דאָס

אָבער דאַרף ניט אָנגעווענדעט ווערען אויף הערען, וואָס דינען ביי ריטער, סוחרים אָדער גלחים.״

אַ לוין־אַרבייטער, וואָס איז איינגעשפּאַרט און וויל ניט אויספאָלגען די דאָזיגע תקנות, קען אָהן אַן ערלויבניש פון שטאָט־ראַט און פון די מייסטערס ניט באַשעפטיגט ווערען פון קיינעם אין שטראַסבורג.

אויסער דעם האָבען זיך אין דעם „געזעץ פאַר לוין אַרביי־טער״ אויך געפונען די פאָלגענדע פיר פּונקטען: 1) די לוין־אַרבייטער טאָרען פון איצט און ווייטער ניט האָבען קיין אייגענע שפּייז־הייזער, טאָרען ניט דינגען קיין הייזער אָדער גערטנער, און טאָרען זיך בכלל ניט צוזאַמענקומען אין גאַנצע געזעלשאַפ־טען, אויסער דאַן, ווען דאָס קען בשום אופן ניט זיין געפערליך. 2) דעם צווייטען זונטאָג נאָך יעדען תענית מעגען זיי צוזאַמענ־רופען אַ פאַרזאַמלונג וועגען זייערע ליכט, אָבער אויך בלויז ווען זיי ווילען וועגען דעם פריהער מעלדען דעם עלטסטען פון צעך. דער לעצטער דאַרף אויסקלייבען איינעם אָדער צוויי מייסטערס פון דער זעלבער אינדוסטריע אין וועלכער די לוין־אַרבייטער זיי־נען באַשעפטיגט און דאַרף זיי שיקען אַנוועזענד זיין אויף דער פאַרזאַמלונג. 3) די אַרבייטער דאַרפען מאַכען זייערע לויות אין אַ יום טוב טאָג און ניט אינדערוואָכען. 4) ניט מער ווי דריי לוין־אַרבייטער קאָנען אומבאַשטראָפט טראָגען די זעלבע היטלען, רעק, הויזען אָדער אויסצייכנונגען.

אויף דעם אופן זיינען די שפּייז־הייזער און אַזוי גוט ווי יעדע אַנדערע פאַראייניגונג פון לוין־אַרבייטער פאָלשטענדיג פאַר־ווערט געוואָרען. בלויז קירכליכע פאַראיינען (וואַרשיינליך ניט בלויז „צוליב ליכט אַליין, נאָר אויך צוליב גענענזייטיגער שטיצע״) זיינען געבליבען ערלויבט. זיי זיינען אָבער געווען אונטער׳ן קאָנטראָל פון די מייסטערס.

פונדעסטוועגען זיינען שוין די לעצטע פיר פּונקטען ניטאָ אין דעם „געזעץ פאַר לוין־אַרבייטער״ פון 1473טען יאָר, הגם בכלל אונטערשיידט ער זיך גאַנץ ווייניג פון דעם פריהערדיגען, פון 1465טען יאָר. די פריהער געבראַכטע תקנות זיינען רעדאַ־גירט געוואָרען אין דעם יאָר 1473, זיי זיינען פאַרהיט געוואָרען אין

די ביכער פון די אויפקויפער פון דעם יאָר 1551 (דער אָריגינאַל ווערט געבראַכט פון שמאָלער'ן אין דעם אויבען ציטירטען ווערק אויף ז. 208 און ווייטער), הייסט דאָס אז שוין אין אכט יאָר ארום איז מען געצוואונגען געווען די שטרענגסטע פונקטען פון אַט דעם „געזעץ געגען סאָציאַליסטען" אָפּשאַפען.

און אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען אומעטום. ארום דעם יאָר 1400 האָט דער שטאָט־ראַט פון פראַנקפורט פאַרווערט די טאָג־אַרבייטער און די פועלים צו האָבען זייערע שפייז־הייזער. ווער עס האָט, להפוך צו דעם געזעץ, פאַרדונגען זיי א הויז אָדער א צימער פאַר א שפייז־הויז, האָט געדאַרפט צאָלען א גרויסען שטראָף: א גולדען א טאָג.

דער חרם אָבער האָט ווייניג וואָס געווירקט. אין דעם 15טען י. ה. זעהען מיר ווי די פועלים רוקען זיך אומעטום אַלץ מער און מער ארויס צום פראָנט, און אז די געזעצען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען זיי צו באַשרענקען פאַלען איינס נאָכ'ן צווייטען. די פועלים דערשלאָגען זיך דערצו, אז זייערע פאַראיינען זאָלען אַנ־ערקענט ווערען, דער אריינטריט אין די פאַראיינען ווערט א גע־צוואונגענער. זיי הויבען אָן ווערען א כח. צום סוף פון דעם יאָרהונדערט פאַרנעמען שוין די פועלים א חשוב'ען פּלאַץ און זייערע אָרגאַניזאַציעס באַקומען א גרויסע באַדייטונג. דער כאַ־ראַקטער אָבער פון די צעך־אָרגאַניזאַציעס, ביים סוף פון מי־טעלאַלטער, ענדערט זיך, אויב מען זאָל זיי באַטראַכ־טען ניט אַלס צ ו ש ט א נ ד וואָס איז דער רעזולטאַט פון דעם מיטעלאַלטערליכען „גייסט", נאָר אַלס רעזולטאַט פון ק א מ ף. די מערסטע קולטור־היסטאָריקער שטעהען אויף דעם ערשטען שטאַנדפונקט. דאָס וואָס איז ביים שלום פון א וועלכער עס איז עפּאָכע דער רעזולטאַט פון א לאַנגען און פאַר־ביטערטען קאַמף, שרייבען זיי צו אַלס אייגענשאַפט צו דער גאַנ־צער עפּאָכע.

די אַלע פראָבען צו דערשטיקען די פועלים־אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך ניט איינגעגעבען, איבערהויפּט דערפאַר ווייל די אָר־גאַניזאַציעס זיינען געווען נויטיגע, ווייל זייער באַדייטונג אין דעם פּראָדוקציאָנס־אופן פון שטאָט איז געוואַקסען. די אינדוס־

יטריעלע ארבייט איז ניט נאָר געוואָרען דער הויפּט־קוואַל פון
חיונה אין די מערסטע שטעט, נאָר אפילו אין איר גופא האָבען
די פּועלים א דאַנק זייער גרויסער צאָל באַקומען א גרעסערע
באַדייטונג פון די מייסטערס. די איפּבליהענדע שטעט זיינען
אַלץ מער און מער געוואָרען אָפּהענגיג פון די לוין־אַרבייטער.
אויב זיי האָבען ערגעץ וואו אוועקגעלעגט די ארבייט, אָדער זיינען
בכלל אוועקגעגאַנגען, איז געווען א געפאַר אז די גאַנצע אינ־
דוסטריע זאָל אונטערגעהן, דערצו נאָך זיינען די באַדינגונגען
פון יענער צייט זעהר גינסטיג געווען פאר דער שאַפונג פון א
שטאַרקער אחדות צווישען די פּועלים. לויט בוכער'ען, איז
די באַפעלקערונג פון פראַנקפורט אין דעם יאָר 1440 באַשטאַנען
פון 8,000 מענשען. און נירענבערג זיינען אין 1440 געווען
20,000 מענשען (בוכער, אויבען ציטירטער בוך, ז. 196—34).
די צאָל פון די פּועלים האָט דערגרייכט ביז 10% פון דער גאַנ־
צער באַפעלקערונג. (לאַמפּרעכט, ז. 407).

עס איז נאַטירליך אז זייענדיג א קליינע צאָל האָבען די
ארבייטער פון איין און דער זעלבער אינדוסטריע געקענט איינער
דעם צווייטען, די באַציהונגען צווישען זיי זיינען נאָך לייכטער
געמאַכט געוואָרען וואָס די ארבייטס־פּלעצער פלעגען זיך געפינען
אויף די זעלבע גאַסען. אויסער דעם איז נאָך אין דעם 15טען
און 16טען י. ה. ניט געווען די ליבליכע מדה אָפּצוטיילען די אר־
בייטער פון דער אויסערליכער וועלט, האַלטענדיג זיי ווי ארעס־
טאַנטען אין פאַבריקען מיט אייזערנע גראַטעס און פארשמירטע
פענסטער. עס איז דאַן ניט נויטיג געווען ניט דאָס גע־ריקטע
וואָרט, און ניט קיין פארזאַמלונגען כדי זיך צוזאַמענרעדען ווי
אזוי צו האַנדלען. וועה וואָלט געווען יענעם וואָס וואָלט ניט
געווען סאָלידאַריש מיט אַלע אנדערע! זיין לעבען וואָלט אימער
געווען פארביטערט. אין יענער צייט איז יעדער ארבייטער, ניט
נאָר ביי דער ארבייט, נאָר אויך אין געזעלשאַפטליכע לעבען
כסדר אָפּהענגיג געווען פון זיינע חברים־ארבייטער.

די געוועהנהייט צו וואַנדערען האָט די פּועלים געמאַכט באַוועג־
ליכער איידער די מייסטערס, און דאָס האָט אויך געפירט צו דער
אנשטעהונג פון ענג־צוזאַמענגעבונדענע ארגאַניזאַציעס פון

פועלים פון פארשיידענע שטעט. קיין סטרייק האָט אין יענער ציים ניט געקענט געבראָכען ווערען דורך ברענגען סטרייק־ברעכער פון אַן אנדער שטאָט. אָט ווי אזוי שמאָלער דאגה'ט וועגען דעם: „פאר דער מאָראלישער (!) און זאכליכער לאגע פון די פועלים אָרגאניזאציעס איז דער פאקט וואָס די מערסטע פון זייערע מיטגלידער זיינען ניט געווען קיין שטאָטישע איינוואוינער, געוויס גאניץ נוצליך. דאָס האָט פארגרעסערט דעם לייכטזין, אומפאראנטוואָרטליכקייט און הפקרות, און געשטעלט זיי העכער פאר די מייסטערס. די לעצטע זיינען געווען צוגעבונדען צו זייערע וואוין־ערטער. אפילו דאָרט וואו עס זיינען יאָ געווען פאראייניגונגען צווישען די הויפט צעכען האָבען זיי זיך בלויז מיט גרויס מיה און זעהר לאנגזאם געקענט פארשטענדיגען מיט זייערע חברים פון אנדערע שטעט. די פועלים אָבער האָבען כסדר און אומעטום געהאט פאראיינען און געשיקט איינס דעם צווייטען אָפט ידיעות. זיי האָבען זיך ניט געפיהלט אלס איינוואוינער פון שטאָט אין וועלכער זיי האָבען געוואוינט. פארברענגענדיג פיל יאָרען אין וואנדערען, איז זיי לייכט געווען ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו געהן ווייטער. ווען עס איז געקומען צו א סכסוך צווישען זיי און די מייסטערס, פלעגען זיי ניט לאנג טראכטען און מיט געזאנג און פייפעריי אוועקגעהן אין אַן אנדער שטאָט. דאָרט פלעגען זיי זיך ארומדרעהען לעדיג, און ווען זיי פלעגען שליסען שלום מיט דער שטאָט פון וואנען זיי זיינען אוועק, פלעגען זיי פאָדערען מען זאָל זיי באצאָלען פאר דער צייט. א דאנק זייער בעסערער אָרגאניזאציע און דעם גייסט פון קאָאָפעראציע, וואָס איז ביי די פועלים געווען פיל העכער אנטוויקעלט, האָבען זיי געמאכט אוממעגליך א שטארקען צופלוס פון ארבייטער, וואָס דאָס וואָלט געקענט העלפען די מייסטערס”. (שמאָלער, דאָס בראנדענבורגישע פרייסישע איניננגסוועזען, ב. 1 ז. 79).

אויסער דעם זיינען זיי גאנץ זעלטען געווען באלעסטיגט פון ווייבער און קינדער. פארהייראטע פועלים זיינען געווען אַן אויסנאם, אין מאנכע פלעצער זיינען אזעלכע בכלל ניט געווען. די פועלים האָבען דאָך געהערט צו דער מייסטער משפחה, און

די לעצטע האָבען געדענקט אז עס וועט לייכטער זיין אויסצי־איבען אויף זיי א „פּאַטערליכען” איינפלוס און האַלטען זיי וואָס ווייטער פון דעם שפּייז־הויז, ווען זיי וועלען ניט זיין פּאַרהיי־ראַט, מען וועט זיי טאַקי מער קאָנען עקספּלואטירען, נעבען ער־גערע עסען, און דערפאַר פּלעגען די מייסטערס ווי ווייט מעגליך אָפּהאַלטען די פּועלים פון חתונה האָבען.

אָבער טאַקי דערפאַר וואָס זיי זיינען געוועז בחורים, האָבען די פּועלים באַקומען א מערקווירדיגע ווידערשטאַנדס קראַפט. דער פאַקט וואָס זיי האָבען ניט געהאט קיין פאַמיליעס האָט, ווארשיינ־ליך, מער געהאָלפען זיי צו געווינען אָט די פאַרצוגען וואָס מיר האָבען אויבען ציטירט פון שמאָלער'ען, זייער איינגעשפּאַרטקייט, חוצפּה און גלויבען אין זיך זעלבסט.

אויף וויפיל שווערער עס איז דער קאַמף פון דעם מאָדער־נעם פּראָלעטאַריאַט! ביי יעדען סטרייק, אין יעדען וואַל־קאַמף, אלע מאָל ווען ער נעמט אויף זיך אַ פּערזענליכע פאַראַנטוואָרט־ליכקייט, ליידען זיין פרוי און קינדער צוזאַמען מיט איהם. אין די קליינע שטעטלעך, וואו די ארבייטער קאָנען גאַנץ לייכט, אָהן דער הילף פון דער פּרעסע און פאַרזאַמלונגען, זיך צוזאַמענרעדען, ווערען זיי די שקלאַפען פון זייערע ארבייט־געבער א דאַנק זייער זאָרג פאַר דער ווייב און קינדער. אין די גרויסע שטעט קאָנען די ארבייטער ניט איינער דעם צווייטען. כדי צו קומען צו א פאַרשטענדניש צווישען זיך מוזען זיי אָנקומען צו דעם געדרוק־טען וואָרט, צו גרויסע פאַרזאַמלונגען און פאַראיינען. היינט איז שוין ניט גענוג דאָס מינדליכע און פּערזענליכע צוזאַמענרעדען זיך, כדי צו שאַפען אָט די אחדות, וואָס איז אינ'ם קאַמף קעגען דעם צענ־טראַליזירטען און מעכטיגען קאַפּיטאַל פיל נויטיגער, ווי אַמאָל אין דעם קאַמף קעגען די קליינע מייסטערס. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די ארביי־טער נעמט אַלץ מער און מער אָן אַ פּאָליטישען כאַראַקטער, וואָס פרייהייט מיינט פאַר זיי ברויט, וואָס דער, וועלכער נעמט ביי זיי אוועק זייערע פּאָליטישע רעכט, נעמט אויך אַוועק זייער ברויט, און וואָס די אומשטאַנדען טרייבען זיי אומעטום אויסצוברייטען זייער קאַמף פאַר העכערע שכירות און אַ קירצערען ארבייטס־

טאָג, אין אַ קאַמף פאַר דער פאַרכאַפּונג פון דער פּאָליטישער מאַכט.

ביי די פּועלים פון׳ם סוף פון מיטעל־אַלטער ביז אונזערע טעג, געפינען מיר נ׳ט קיין באַזונדערע פּאָליטישע טענדענצען. זיי זיינען אינגאַנצען געווען פאַרטאָן מיט זייערע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס, דורך וועלכע זיי האָבען דערגרייכט גרויסע רעזולטאַטען, און האָבען פאַר זיך ערוואָרבען אַזעלכע פּאָזיציעס, וועלכע היינט, ביי די ברייטסטע פּאָליטישע רעכט, קאָנען בלויז געציילטע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס דערגרייכען, און דאָס אויך בלויז צייטווייליג. עס פאַרשטעהט זיך, אז נ׳ט פאַר אַלע אַרבייטער און ניט פאַר אַלע אינדוסטריעס זיינען די אומשטאַנדען געווען גלייך גינסטיג. עס זיינען געווען שוואַכע און שטאַרקע, אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען קיין שום איינפלוס ניט געהאַט, און אָרגאַניזאַציעס מעכטיגע. די אַרבייטער, וועלכע מען האָט לייכט געקאָנט פאַרבייטען אויף אַנדערע, האָבען בכלל קיין אָרגאַניזאַציע ניט געהאַט און זיינען געווען אינגאַנצען אָנגעוויזען אויפ׳ן גוטען ווילען פון די עקספּלואַטאַטאָרען. ביי זיי איז ניט געווען קיין „קאָאָפּעראַטיווער גייסט“ און ניט קיין „אידעע פון ליבע צום נאָהענטען“, וועלכע זיינען כלומר׳שט געווען אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אין מיטעל־אַלטער.

עס פלעגט אפילו טרעפען, אז אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַנשטאַנען אין 13טען און 14טען י. ה. פלעגען זיך פאַנאַנדערפאַלען. דאָס פלעגט זיין איבערהויפּט דער שיקזאַל פון די ניט־געשולטע אַרבייטער, די טאָג־אַרבייטער. זייערע אָרגאַניזאַציעס פלעגען ניט קאָנען אויסהאַלטען די קאָנקורענץ פון דעם דאָרף, פון וואַנען גרויסע צאָלען פון אַזעלכע אַרבייטער פלעגען כסדר צוקומען. דערצו האָט, וואַרשיינליך מיטגעהאָלפען דאָס פאַלען פון דער ערד־אַרבייט אין דאָרף. אָפט האָבען אויך די ניט ערד־אַרבייטענדע טאָג־אַרבייט געהאַט דעם זעלבען מזל. אַזוי צ. ב. ש. האָבען די בוי אַרבייטער פון פראַנקפורט אם ענדע פון 14טען י. ה. (1387) געהאַט אַן אָרגאַניזאַציע, אויך האָבען נאָך דאַן עקזיסטירט די וויין אַרבייטער און די טרעגער אָרגאַניזאַציעס. אָבער גלייכצייטיג זיינען שוין אויך דאָ אַרבייטער פון

דעם זעלבען פאך, וואָס געהערען ניט צו דער אָרגאַניזאַציע. אזעלכע זיינען דאן פאראן 16 וויין ארבייטער, 4 טרעגער, 10 זעגער און 6 שלוחים. אין 1440טען יאָהר עקזיסטירט שוין ניט מער איינגאַנצען דער צעך פון די בוי ארבייטער, און דער צעך פון די טרעגער עקזיסטירט בלויז ביז דעם ערשטען העלפט פון 16טען י. ה. אָבער די וואָס געהערען ניט צום צעך באַקומען שוין דאן אלץ מער און מער איינפלוס.

די דאָזיגע שטאָטישע פראָלעטאַריער וואָס האָבען קיינמאָל קיין אָרגאַניזאַציע ניט געהאַט, אָדער וואָס האָבען איהר פארלאָרען, זיינען געפאַלען אלץ נידעריגער און נידעריגער, ניט זעלטען טאַקי אבסאלוט, אָבער כסדר פארהעלטניסמעסיג, אין פארגלייך מיט די ארגאַניזירטע פועלים. דער אָפּגרונט צווישען די ערשטע און די לעצטע איז געווארען אלע מאָל אלץ ברייטער און טיפער.

### 5. די שטאָטישע אַרבייטער־אַריסטאָקראַטיע.

וואָס גרעסער עס זיינען געווען די ערפאָלגען פון די אָרגאַניזירטע פועלים, אלץ מער האָבען זיי זיך געפיהלט אלס א פרייוויליגירטער קלאַס, אלס אריסטאָקראַטען, וואָס האָבען זיך באַצויגען מיט אזא פאראַכטונג צו די פראָלעטאַריער, וועלכע זיינען געשטאַנען נידעריגער פון זיי, צו די „געמיינע מענשען", ווי די מייסטערס גופא. דער פועל, וואָס האָט מיטגעבראַכט אין שפייז־הויז „געמיינע מענשען", איז באַשטראָפט געוואָרען. מיר האָבען שוין פריהער באמערקט וועמען מען האָט געמיינט מיט אָט די ווערטער. ס'איז באַלד געווארען א בזיון ביי די אָרגאַניזירטע ארבייטער זיך צו רופען מיט'ן זעלביגען נאָמען, ווי די איבריגע פראָלעטאַריער. אין דער צווייטער האלב פונ'ם 15טען י. ה. זעהען מיר, אז זיי זאָגען זיך אומעטום אָפּ מיט ענטריסטונג פונ'ם נאָמען „פועל" און פאָדערען, מען זאָל זיי רופען „אונטערמייסטערס". אייניגע הערען זעהען אין דעם דאָס אויפוואַכען „פונ'ם דעמאָקראַטישען גייסט", א פארזוך אוועקצושטעלען זיך אין סאָציאַלען הינזיכט אויף דעם זעלביגען שטאַפּעל מיט די מייסטערס אָדער, לכל הפחות, צו זיי זיך דערנעהנטערען. מיר זיינען מיט זיי ניט איינשטימיג. דווקא, כל זמן די לוין־ארבייטער האָבען זיך גערופען פועלים, זיינען זיי סאָציאַל געשטאַנען א סך נעהנטער צו די מייסטערס, ווי בעת זיי זיי־

נען גערוואָרען „אונטער־מייסטער". אמת, איצטער האָבען זיי זיך ערהויבען העכער פון די פּועלים און פּראָלעטאַריער, אָבער ניט אַזוי שנעל, ווי די מייסטערס, וועלכע זיינען געוואָרען זייערע עקספּלואַטאַטאָרס און הערשער. נאָך אינ'ם 14טען י. ה. האָבען די פּועלים געטרונקען אין איין שפּייז־הויז מיט די מייסטערס. אָבער שוין אינ'ם 15טען י. ה. האָבען די מייסטערס זיך געשעמט צו זיצען ביי איין טיש מיט די פּועלים. מען האָט זיי פאַריאָגט פון די שפּייז־הייזער, פאַר וועלכע זיי האָבען געמוזט פירען א לאַנגיאָריגען קאַמף. און אונטער אזעלכע באַדינגונגען האָט זיי נאָך געקאָנט אריין אין קאָפּ צו פיהלען זיך מער גלייכבאַרעכטיגט מיט די מייסטערס, ווי פריהער!

ניין, זיי האָבען זיך געשעמט צוזאַמענמישען מיט אנדערע פּועלים, וועלכע האָבען ניט נאָר קיין אנטייל ניט גענומען אין דער אַלגעמיינער אויפהויבונג, נאָר וועלכע האָבען זיך זעהר אָפט אראָפּגעלאָזט פיל נידעריגער. אין דער היינטיגער צייט קען מען אזא פּוסטע גאווה נאָר באַגעגענען אין יענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, וואו די אַרבייטער האָבען, א דאַנק זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען, זיך ערוואָרבען ספּעציעלע פּריווילעגיעס. געוועהנליך, זיינען דאָס קוואַליפיצירטע אַרבייטער, וועמען ניט די מאַשינען, ניט די פרויען־אַרבייט האָבען נאָך ביז איצטער מיט זייער קאָנקורענץ ניט געבראַכט קיין שאָדען. נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָבען אונזערע זעצער, למשל, זיך באַליידיגט ווען מען האָט זיי גערופען אַרבייטער. זיי האָבען זיך אַליין גערעכענט . . . פאַר „קינסטלער".

וואָס מער נוצען די אינדוסטריעלע פאַראיינען פון די פּועלים אין פאַרשידענע פאַכען האָבען געבראַכט, אַלץ שמעלער איז גע־וואָרען דער האָריזאָנט פון זייערע מיטגלידער. זייער איינציגער ציל איז געוואָרען צו מאַכען זייער פאַראיין אַלץ שטאַרקער און מעכטי־גער ניט נאָר אין באַצוג צו די מייסטערס, נאָר אויך אין באַצוג צו די פּועלים פון אַנדערע פאַכען. זייער אָרגאַניזאַציע האָט ענט־וויקעלט ניט קיין קלאַסען־באַוואוסטזיין, נאָר עפּעס א שמאָלען פאַכאָווען גייסט, א קליינליכע אייפערזוכט און פּוסטע גאווה.

לכתחילה פלעגט מען אין די פּועלים־פאַראיינען אויך אריינ־נעמען אַרבייטער פון אנדערע פאַכען, אפילו מענשען פון אנדערע

שטאנדען, וועלכע האָבען נאָר סימפּאַטיזירט מיט די פּועלים. שפּעטער האָט מען אָט די פּראַקטיק אויפגעגעבען. אזוי, למשל, האָט מען אין דער ברודערשאפט פון די שלאָסער־פּועלים אין פראַנקפורט אריינגענומען:

פונ'ם יאָר 1402 ביז'ן יאָר 1471 — 1,096 מיטגלידער, פון זיי זיינען 27 פּועלים.

פונ'ם יאָר 1472 ביז'ן יאָר 1524 — 1,794 מיטגלידער, פון זיי זיינען 6 פּועלים.

פונ'ם יאָר 1402 ביז'ן יאָר 1471 — 35 פּועלים פון ניט־מעטאַל־פאַכען.

פונ'ם יאָר 1472 ביז'ן יאָר 1496 — 6 פּועלים פון ניט־מעטאַל־פאַכען.

פונ'ם יאָר 1496 האָט מען בכלל אויפגעהערט אריינגעמען פּועלים, וואָס האָבען געאַרבייט אין דער ניט־מעטאַל פּראָדוקציע. אָט די סטאַטיסטיק קען מען אפילו דערקלערען דערמיט, וואָס צוזאַמען מיט דער שלאָסער־ברודערשאפט האָבען זיך פאָרמירט אויך אנדערע פאַראיינען, אזוי אז די פרעמדע פּועלים האָבען זיך שוין ניט גענויטיגט אין דער שטיצע פון דער שלאָסער אָרגאַניזאַציע. אָבער די צאָלרייכע קריגערייען צווישען זיי ציינען באַשיינפּערליך ווי הויך עס האָט געשטיגען די קליינליכע קאָנקורענץ צווישען די פאַרשידענע פאַראיינען. דעמאָלט איז שוין שווער געווען צו געפינען א מעהר סענטימענטאַלען געפיהל ווי די „פאַכען עהרע". זי איז געווען אזוי איידעל און ברוכיג, ווי למשל, אין אונזער צייט די עהרע פון אן אָפיציער אָדער א סטודענט פון אן אוניווערזיטעט־קאָרפּאָראַציע. די אורזאַכע פון אָט דער סענטימענטאַליטעט איז ניט געווען דער הויך־ענטוויקעלטער געפיהל פון עהרע, נאָר דער צופיל ענטוויקעלטער געפיהל פון זעלבסט־נאַרעריי.

דער ארויסרוף, וואָס די לייפּציגער שוסטער פּועלים האָבען אינ'ם יאָר 1471 געשיקט דעם דאָרטיגען אוניווערזיטעט כדי צו פאַרטיידיגען די באַליידיגטע פאַכען־עהרע איז גוט באַוואוסט. אזעלכע געוואַגטע זיינען געווען די בעקער און די דינער פון דעם מאַרקגראף יאַקאָב באַדענסקי, וועלכע האָבען אינ'ם יאָר 1470 ארויסגעשיקט אן אויפפאָדערונג צו די קייזערליכע שטעט רייטלינג און עס־

לינגען. אינ'ם יאָר 1477 האָט פּאַסירט נאָך שענערס: דער קוכער פונ'ם הער פאַן עפּשטיין פון מאַנצענבערג מיט זיינע ארויסהעלפערס האָבען געשיקט אַן ארויסרוף דעם גראַף זאָלמסקי'ן. א קאַמף פון די ארבייטער צווישען זיך איז שוין פאַרגעקומען אינ'ם 14טען י.ה. אזוי, למשל, האָט אינ'ם יאָר 1350 פּאַסירט אין שטראַסבורג צווישען די פּועלים וואָל־וועבער און די פּועלים וואָל־קעמער, צווישען די ערשטע און די פּועלים לייווענט וועבער. נאָר עקשנות'דיגער פון אַלע זיינען, וואַרשיינליך, געווען די בעקער־פּועלים פון דער שטאָט קאָלמאַר: זיי האָבען אינ'ם יאָר 1495 ארויסגערופען א סטרייק צוליב דעם, וואָס דער שטאָט־ראַט האָט ערלויבט אנדערע געזעלשאַפטען וועלכע האָבען געהאַט פּונקט אזעלכע טייערע ליכט, ווי זיי, צו געהען, אינ'ם טאָג, וואָס מען האָט איבערגעטראָגען דעם טויטען־לייליך (פון קרים־טום'ען) נעבען זיי מיט הייליגע מתנות. דער סטרייק האָט גע־דויערט צען יאָר, ביז די בעקער האָבען ניט באַזיגט די שטאָט און די חברים פּועלים. ענליכע פאַלען קען מען אָנווייזען אין די טוי־זענטער.

צוליב אָט דער גייסטיגער באַגרעניצטקייט, האָט דער אנטאַ־גאָניזם צווישען די פּועלים און מייסטערס און דער קאַמף, וואָס האָט פון אים געשטאַמט, ניט קוקענדיג אויף זיין פאַרביטערטקייט און אומאויפהערליכקייט, ניט געקענט באַשאַפען קיין איינהייטלי־כע ארבייטער באַוועגונג, און אויך קיין שטרעבונגען צו איבערבויען די געזעלשאַפט. דוקא אין די שטאַרקסטע ארבייטער אָרגאַניזאַ־ציעס האָט זיך ניט נאָר ניט אנטוויקעלט דער געפיהל פון אחדות מיט אַנדערע ארבייטער, דער קלאַסען־באַוואוסטזיין, נאָר אדרבא, אין זיי האָט זיך באַוויזען א ווידערשפּרוך, פון איין זייט, צו די אנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין אנטוויק־לען, וועמעס ערפאָלגען עס האָבען דערוועקט צו זיך קנאה, און פון דער צווייטער זייט, צו דעם וואַקסענדען פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך ניט געקענט אָרגאַניזירען און וואָס איז אַלץ טיפער געזונקען אין נויט און אין אָרימקייט. נאָר די קאַפּיטאַליסטישע אינדוס־טריע האָט געפיהרט צום אונטערגאַנג פון די אָרגאַניזאַציעס פון די פּועלים, זיי דערנידעריגט אין סאָציאַלען הינזיכט און זיי אוועק־געשטעלט אויף איין ברעט מיט די איבעריגע פּראָלעטאַריער. פאָלג־

זיך האָט נאָר דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן צוגעגרייט דעם באָדען פאַר אַן איינהייטליכען קלאַסען־באַוואוסטזיין פון דעם גאַנצען ארבייטער־קלאַס. אויב דער דאָזיגער פּראָדוקציאָנס־אופן פיהרט אמאָל דאָ אָדער דאָרט צו דער אנטשטעהונג פון אַ נייער ארבייטער אריסטאָקראַטיע, איז דאָס אויך ניט אויף לאַנג. צווי־שען די גרעסטע ענדערונגען וואָס אָט דער פּראָדוקציאָנס אופן גרייט צו אין היינטיגער צייט, איז די פאַרניכטונג פון דעם אַריסטאָקראַטי־שען שיכט פון די אינטעליגענטע אַרבייטער, די אויסגלייכונג פון גייסטיגער אַרבייט מיט פיזישער. דאָס איז אזא גוואַלדיגע און אומ־געוועהנליכע איבערקערעניש, אַז זי איז עד היום פאַררעכענט ביי אַ סך קלוגע מענשען אַלס אַן אומזיניגע אוטאָפּיע, הגם זי האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען פאַר זייערע אויגען.

די האַנטווערק־פּראָדוקציע פון מיטעל־אַלטער האָט ניט גע־האַט אזא רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער. די אָרגאַניזירטע פּועלים זיינען געוועזען אַן אומרוהיגער און היציגער עלעמענט, האָבען גע־קאָנט האַלטען אַ ביקס אין דער האַנט, פלעגען אייפערזיכטיג אָפּ־היטען זייערע רעכט און די צעך־עהרע. זיי זיינען מער פון די היינטיגע ארבייטער גענייגט געווען צו דערשלאָגען זיך צו זייערע רעכט דורכ׳ן סטרייק, דורך אומאָרדנונגען, אין אַ נויט אפילו דורך דער מאַכט פון געווער.

זייער אויפפירונג איז געווען אַ סך „ראַדיקאַלער״ פון דער אויפ־פירונג פונ׳ם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט. די מערסטע פון אונזערע אַנאַרכיסטען זיינען אמת׳ע לעמעלאַך אין פאַרגלייך מיט די חוצפה׳־דיגע און לייכטזיניגע פּועלים ביים סוף פון מיטעל־אַלטער. נאָר דאָס באַרירט נאָר זייער אויסערליכע אויפפירונג. זייערע שטרע־בונגען האָבען געהאַט אַ סך אַ מעסיגערען כאראַקטער. „דער פרייער מאָנטאָג״ איז, וואַרשיינליך, געווען די ראַדיקאַלסטע פאָדערונג פון די פּועלים. און זיי האָבען טאַקע ניט געהאַט צוליב וואָס צו שטרע־בען אַרונטערצוּוואַרפען די געזעלשאַפט, וואו זיי אַליין זיינען גע־ווען צווישען די פּריווילעגירטע, וואו זיי פלעגען קריגען אַ גאַנץ פיי־נעם חלק, הגם ניט אַזוי גרויס ווי דער חלק פון די מייסטערס, סוחרים און פירשטען. אמת זייער חלק איז געוואָרען אַלין קלענער אין פאַרגלייך מיט׳ן חלק פון די לעצטע; זיי האָבען געפירט אַ

ביטערען קאמף פאר דער פארנרעטערונג פון זייער חלק, אבער זיי זיינען קיינמאל ניט ארויסגעטראטען געגען דער געזעלשאפט, וואס האט זיי ארומגערינגעלט. אין א רעוואלוציאנערער עפאכע זיינען זיי, אמת, צוגעשטאנען צו אנדערע, מער ראדיקאלע עלעמענטען. אבער די צעך־מייסטערס האבען דאך אויך געטאן דאס זעלביגע, בעת זיי האבען געקעמפט געגען די „ערהאבענע" שטאטישע קהילות און סוחרים. אבער סיי די מייסטערס, סיי די פועלים זיינען געווען אליין איינס ניט קיין זיכערער עלעמענט, זיי האבען קיין אויסדויער ניט געהאט. ביים ערשטען אפהאלט, ביים ערשטען מיסערפאלג האבען זיי זיך אפגעזאגט פון דעם אויפשטאנד, וועמעס צילען עס זיינען זיי לכתחילה ניט געווען גאר נאהענט. דעם אויפשטאנד פלעגען זיי וועלען נאר אויסנוצען פאר זייערע פריוואטע צייטווייליגע אינטערעסען. דאס איז אויך געווען איינע פון די אורזאכען פאר־וואס די רעוואלוציאנערע באוועגונג פונ'ם יאר 1525 איז אזוי שנעל צופאלען געווארען.

דער ציל פון די פועלים־פארזאיינען ביים סוף פון מיטעל־אלטער איז ניט געווען קיין נייע געזעלשאפט, קיין סאציאלער אידעאל.

## דריטער קאַפּיטעל.

# קאַפּיטאַל און אַרבייט אין דער מינען־אינדוסטריע.

### 1. מאַרקגענאָסענשאַפט און בערגרעכט.

אין אַלטערטום זיינען די מינען־אַרבייטער געווען, אויף וויפיל אונז איז באַוואוסט, אָהן א אויסנאַם, שקלאַפען אָדער פאַרברעכער, וואָס האָבען געדאַרפט אָפּקומען זייער שטראָף. אין מיטעלאַלטער זיינען זיי געווען פּרייע מענשען. אין אָנפאַנג זיינען זיי אויך געווען מאַרק־גענאָסען.

מיר האָבען שוין אָנגעוויזען אויף דעם, אז דער שטח פון יעדער מאַרקגענאָסענשאַפט פּלעגט פאַנאַנדערפאַלען אין צוויי טיילען, אין דעם געטיילטען און אומגעטיילטען מאַרק.

יעדע משפחה פון דער מאַרקגענאָסענשאַפט האָט באַקומען אין דאָרף א שטיק לאַנד, אויף וועלכען ס'איז געשטאַנען איר הויף (א וואוינהויז מיט די איבעריגע געביידעס, אין וועלכע א ווירטשאַפט נויטיגט זיך און א גאָרטען) אַלס פּריוואַט אייגענטום. דאָס אַקער־לאַנד איז אויך אָפּגעזונדערט געוואָרען פון דעם בשותפות'דיגען מאַרק און פאַרטיילט געוואַרען צו איינצעלנע משפחות לויט באַשימטע כללים.

דאָס פיטערונגס־פּלאַץ, דער וואַלד, די וואַסער און די וועגען זיינען געבליבען בשותפות'דיג אייגענטום און האָבען געבילדעט דעם אומגעטיילטען פעלד־מאַרק; זיין שטח ווערט אָבער מיט דער צייט פאַרקלענערט, טיילווייז צוליב דעם, וואָס די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרמערט — און דאָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון נייע דערפער, פאַר וועלכע מען האָט געמוזט אויס־

טיילען נייע פעלד־מארקען פון דעם בשותפות׳דיגען מארק, — און טיילווייז צוליב דעם, וואָס די יאגד און די פיה־צוכט ווערען וואָס אמאָל מער ארויסגעשטופט דורך דעם אקערבוי—און דאָס פירט צום אויסשפרייטען דעם פארטיילטען פעלדמארק אויפ׳ן חשבון פון דעם אומגעטיילטען מארק.

פונקט אזוי ווי דער חלק פון יעדען מיטגליד אין דעם פאר־טיילטען מארק איז פון אָנפאנג אָן געווען גלייך גרוים, אזוי איז אויך גלייך גרוים געווען זיין רעכט זיך צו באנוצען מיט דעם בשותפות׳דיגען מארק. דער אופן אָבער פון דעם באנוצען פלעגט באשטימט ווערען פונ׳ם כלל. ער האָט רעגולירט דאָס נוצען פון דער פאשע פאר בהמות, דאָס באציהען פון אָפגעפאלענע צווייגען, בוי־ און ברענ־האָלץ פון די וועלדער, און אם ענדרע אויך די ע ק ס פ ל ו א ט א צ י ע פ ו ן ש ט י י ן. יעדער מארק־גענאָסע האָט געהאט דאָס רעכט לויט געוויסע תנאים, וואָס זיינען פון דער גענאָסענשאפט באשטימט געוואָרען, אין די גרענעצען פון דעם מארק צו ברעכען שטיינער פון די שטיינבערג פאר זיין אייגע־נעם נוצען.

אין די מערסטע מארקגענאָסענשאפטען איז דאָס שטיינער־האקען געבליבען אָן אונטערגעאָרדענטע טעטיגקייט, וואָס פלעגט אויסגעאיבט ווערען גאר זעלטען. גאנץ אנדערש אָבער אין ערטער, וואו עס זיינען אנטדעקט געוואָרען אָדערן פון זאלץ, אייזען, קופער אָדער גאר זילבער און גאָלד, אָדער, און דאָס פלעגט נאָך זעהר אָפט פארקומען, דאָרט, וואו די אריינגעדרונגענע גער־מאנען האָבען איבערגענומען און ווייטערגעפירט א בערגבוי, וואָס איז מיט צייטען צוריק אָנגעהויבען געוואָרען פון די קעלטען אָדער רוימער. אין אָט די מקומות האָט די ארבייט פון גראָבען און זוכען מינעראל אוצרות, פון ברעכען און ארויסנעמען די דאָזיגע קאָסטבארע מינעראלען פארנומען גאר אין גיכען דעם אויבענאָן. אין די דערמאָנטע מינעראלען האָט מען זיך אומעטום גענויטיגט און מען האָט זיי געזוכט, אָבער געפונען האָט מען זיי גאר ווייניג. פריצייטיג האָבען דערפאר די קיבוצים, וואָס האָבען פארמאָגט בערגווערק באצירקען, אָנגעהויבען צו עקספלואטירען זייערע מינעראל אוצרות א י ב ע ר דעם אייגענעם געברויך, כדי דאָס

איבעריגע איבערצובייטען ביי די שכינות'דיגע געמיינדען אויף זייערע פראָדוקטען. די דאָזיגע מינעראַלען האָבען, אלזא, גע־הערט צו די ערשטע אָביעקטען פון דער סחורה פראָדוקציע און דעם סחורה האַנדעל.

די בערגווערק באַצירקען פלעגען ליגען אממערסטענס אויף בערג, וואו דער אקערבוי האָט לכתחילה געשפּילט א קליינע ראָליע. וואָס מער דאָס בערגבוי האָט זיך אנטוויקעלט, אַלץ מער איז יענער צוריקגעטראָטען אויף דעם צווייטען פּלאַן. מען האָט נישט מער געדאַרפט אזוי פיל אקערלאַנד, ווי פריהער, ווייל מען האָט דאָך געקאָנט די פּראָדוקטען פון דער בערגארבייט אויסבייטען אויף לעבענסמיטלען. אויף דעם אופן האָט אָבער דער אקערבוי — און פּונקט אזוי די פיה־צוכט פאַר־לאָרען אַלץ מער הענט, ווייל די מאַרקגענאָסען האָבען זיך אַלץ מער צוגעוואוינט צום בערגבוי, ווען דאָס האָט זיך ארויסגע־וויזען אלס א גוטער קוואַל פון הכנסה. די פראָדוקציע פאַר דעם אייגענעם געברויך האָט איר נאַטירליכען גרענעץ אין די איי־גענע באַדערפנישען. די סחורה פראָדוקציע געפינט אים ערגעץ אין די באַדערפנישען פונ'ם מאַרק, און דער מאַרק איז פאַר די פּראָדוקטען פונ'ם בערגבוי געווען באמת אומבאַגרענעצט, ווייל די וועניגע מקומות, וואו מען האָט געפונען און פּראָדוצירט זאַלץ און מעטאַלען, זיינען נישט געווען בכח צו פּראָדוצירען מער, איידער דער מאַרק האָט געפאָדערט: ער איז געווען מער אויסגעשפּרייט, ווי מען האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלען. פון האַנט צו האַנט, פון דאָרף צו דאָרף זיינען די ווערטפולע מאַטעריאַלען געגאַנגען אומגעהויערע שטרעקען. בפרט, אז די מעטאַלען זיינען דאָך פארהעלטניסמעסיג לייכט צו טראַנספּאָרטירען, וויבאַלד מען האָט נאָר פון זיי געמאַכט וואַפען, ווערקצייג אדער צירונג.*

---

*) שוין אין דער שטיינצייט טרעפען מיר אָן אן אויסגעשפּרייטען האַנדעל צווישען די פעלקער, מיט וואַפען און צירונג אָדער מיט מאַטעריאַלען, פון וועלכע מען פאבריצירט זיי. אין סקאַנ־דינאַוויע, דייטשלאַנד, שווייץ, פראַנקרייך, ענגלאַנד און איטאַליע געפינען זיך שטיינערנע העק פון דעם שטיין, נ ע פ ר י ט, א שטיין, וואָס מען האָט אים אין איראָפּא נישט געקאָנט געפינען. מען

דאָס, וואָס ס׳איז היינט בלויז א כלל פאר די איידעלע מעטאלען, יאָ, אין א סך פאלען נאָך פאר גאָלד, אז דאָס זיינען סחורות, וואָס יעדער נעמט זיי, וואָס יעדער גארט נאָך זיי, וואָס עס איז דערפון פאר קיינעם נישט פאראן קיין צופיל — דאָסזעלבע קאָן מען אין אָנהויב פון דער סחורה פראָדוקציע זאָגען וועגען אייזען, קופּער, פיל מאָל אויך וועגען זאלץ. דער באגער זיי צו פראָדוצירען, איז געוועזען אין לשער. עס איז דארום קיין חידוש נישט, אז דער בערגבוי איז געווארען די וויכטיגסטע טעטיגקייט אומעטום דאָרט, וואו די רייכקייט פונ׳ם באָדען אין די מינעראלען האָט איהם צוגעשפּילט. דער אקערבוי, וואָס האָט נאָך א לאַנגע צייט געדינט צו באפרידיגען די אייגענע באדערפנישען און נישט פאר סחורה פראָדוקציע, איז, ווי געזאָגט, אָפּגעטראָטען אויפ׳ן צווייטען פּלאַן.

לכתחילה האָט מען די גרובען געמאכט אויפ׳ן שטח פון דעם שותפות׳דיגען מארק. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טאָן אז דער בערגבוי האָט זיך פארשפּרייט און מען האָט געפונען אין דעם פארטיילטען מארק ווערטפולע מינעראלען ? דער פעלדמארק איז דאָך בלויז פארטיילט געווארען מיט׳ן צוועק דאָס פעלד צו באַארבייטען ; האָט עס אימיצער נישט באארבייט איז דאָס רעכט דעריבער צוריק איבערגאנאנגען צו דער מארקגענאָסענשאפט. דאָס איז געוועזען דער פאל, ווען מען האָט אנגעהויבען צו גראָבען אין דעם אקער און זוכען מינעראלען. אזוי ווי דער בערג־

האָט אים אלזא אימפּאָרטירט פון אזיע, וואו ער געפינט זיך אין א גאָר גרויסע מאָס. אין פראנקרייך, צווישען טורס און פּואַטיערס געפינט זיך זעהר אַ גוטער פייערשטיין פון אַ מין האָניג פאַרב און אַ גלייכמעסיגען קערן. נעבען פּרעסיני־לע־גראַן האָט דר. לעוועילע אַנטדעקט דעם רעשט פון אַ ווערקפּלאַץ, פון וועלכען אַ גרויסער שטח פלעגט ווערען פאַרזאָרגט מיט געצייג פון דעם דאָזיגען פייערשטיין אין גאַנץ פראַנקרייך און בעלגיען. אויך אין דער שווייץ טרעפט מען אָן געצייג פון פייערשטיין פון דער געגענט, וואָס מען קאָן לייכט דערקענען אין דעם ספּעציפישען קאָליר. אין אַ מ ע ר י ק א טרעפט מען אָן אין די קברים פון די פריהערע באַוואוינער פונ׳ם מיססיסיפּי־טאָל, קופּער פונ׳ם אויבערען ים, גלימער פון אַלעגהאַניעס, מושלען פונ׳ם מעקסיקאַנישען גאָלף און אָבסידיאן פון מעקסיקא. (לובבאק, די פּאָרהיסטאָרישע צייט, יענא 1874, ב. 1, ז. 74, 77, 187).

בוי איז אומעטום, ווי ער האָט זיך אַנטוויקעלט, געוואָרען חשוב'ער ווי דער אַקערבוי, איז באַלד געקומען דערצו, אַז ווען אַ מינעראַל אוצר איז אין דעם פּאַרטיילטען פעלדמאַרק געפונען גע־וואָרען, איז דער באַטרעפענדער אַקער אָדער דאָס פעלד צוריק אַריינגעפאַלען אין'ם רשות פון דעם בשותפות'דיגען מאַרק. כדי צו שטיצען מיט אַלע כחות דאָס געפינען פון מינעראַל אוצרות, האָט צום סוף שוין די בלויז וואָרשיינליכקייט, אַז אַ פעלד האָט מינעראַלען, עס פאַרוואַנדעלט אין אַ חלק פון דעם בשותפות'דיגען מאַרק. סוף כל סוף האָט דער דורשט נאָך ווערטפולע מינעראַלען באַזייטיגט דאָס פּריוואַט־אייגענטום אפילו פון'ם הויף. יעדער מאַרקגענאָסע האָט באַקומען דאָס רעכט, אומעטום אין דעם מאַרק, וואו זיין האַרץ האָט געגלוסט צו גראָבען און צו זוכען מינעראַלרייכע אָדערען. איז עמיצער דורכ־דעם געשעדיגט געוואָרען, האָט ער געקאָנט פאָדערען באַלוינונג, אָבער פאַרוואָרען עס האָט מען נישט געטאָרט. „ווייל דאָס בערגרעכט איז שטאַרק און נישט דער קעניג, נישט דער דוכס, נישט קיין גראַפען קאָנען ניט שטערען עמיצען צו גראָבען אין דעם צווייטענס גאָרטען, אפילו ביז אונטער זיין שלאָפצימער", לעזט זיך אין אַן אַלט בוך פון דעם קלויסטער שטיינפעלד.*)

בכלל ווייזט די אַנטוויקלונג פון דער מאַרק־קאָנסטיטוציע די טענדענץ, אויסצוברייטען דאָס רעכט און שטח פון'ם פּריוואַט־אייגענטום אויפ'ן חשבון פון דעם בשותפות'דיגען מאַרק, וואָס מער דער אַקערבוי איז חשוב'ער געוואָרען פון די אַנדערע צווייגען, ווי פיה־צוכט און יאַגד. אין די בערג־ווערקבאַצירקען דאַגע־גען, וואו דער אַקערבוי האָט פאַרלאָרען זיין באַדייטונג צוליב דעם בערגבוי, זעהען מיר אַ להיפוך'דיגע טענדענץ. דאָס בערגרעכט באַשרענקט דאָס רעכט פון'ם פּריוואַט־אייגענטום און פאַרוואַנ־דעלט דאָס אין מאַנכע פאַלען ווידער אין בשותפות'דיגען מאַרק.

די גרובענפלעצער געהען אָבער אַריבער אין דעם רשות פון

---

*) ת. אַבענבאַך, דאָס אַלגעמיינע דייטשע בערג־רעכט, באַשריבען אין פאַרבינדונג מיט'ן פּרייסישען בערג־רעכט, אַ. אַז. וו. באָן, 1871, ב. 1, ז. 71.

דעם בשות'פותדינגען מארק נאָר, כדי באַלד ווידער אָפּגעזונדערט צו ווערען פון אים. די ערשטע בערגווערק זיינען געווען העכסט פרימיטיוו, איינפאַכע גרובען, פון וועלכע מען האָט אַרויסגעבראַכט די מינעראַלען. איינער אדער אַ פּאָר מענשען זיינען געווען גענוג, כדי אזא גרוב צו באַארבייטען. עס איז נישט געווען מעגליך זיי אויסצונוצען בשותפות, ווי למשל די בשותפות'דיגע פּאַשע. גראַד אזוי, ווי די איינצעלנע שטיקער פעלד האָבען אויך די פארשיידענע גרובענפלעצער נעמוזט אוועקגעגעבען ווערען צו די איינצעלנע מאַרקגענאָסען, זיי זאָלען זיי באַארבייטען. היות אָבער די פאַרשיידענע גרובען האָבען געבראַכט אַ פאַרשיידענעם רוח, און האָבען נישט געקאָנט, אזוי ווי אקערפעלדער, פאַרמערט ווערען, ווען מען האָט געוואָלט האָט מען זיי פארטיילט נאָר מיט דער באדינגונג אז אַ טייל פון דעם רוח מוז מען אָפּגעבען צום גענאָסענשאפט. נעמאָן האָט מען דאָס, כדי צו באַשיצען די אינטערעסען פונ'ם כלל. און גראַד אזוי, ווי דאָס באַארבייטען פון דעם אַקערפעלד, איז אויך דאָס גראָבען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט און לייטונג פון דער גענאָסענשאפט, און אַ פאַרלאָזענע גרוב איז צוריק איבערגע־גאַנגען אין איינגענטום פון דער מארק־גענאָסענשאפט אזוי ווי אַ ניט באַארבייט שטיק אַקער פעלד. וויבאַלד דער איינגענטימער פון אַ גרוב הערט אויף זי צו באַארבייטען, פאַרלירט ער יעדע חזקה אויף איהר.

דאָס ערשטע רעכט אָבער צו באַקומען אַ מינעראַל גרוב האָט, פאַרשטעהט זיך, געהאַט דער, וואָס האָט זי געפונען און לחלוטין ניט דער, צו וועמען דאָס באַטרעפענדע פּלאַץ האָט ביז דאַמאָלסט געהערט, אויב דאָס איז שוין בכלל איבערגעגאַנגען אין פּריוואַט־איינגענטום. די דאָזיגע חזקה פונ'ם אנטדעקער איז געבליבען ביז צום היינטיגען טאָג.

ביי די ווייניגער ווערטפולע מינעראַלען איז דער בערג־בוי לאַנג געבליבען אויף אַ פּרימיטיווער מדרגה. אין אַ סך פלעצער איז דאָס אזוי פאַרבליבען ביז צו היינטיגען טאָג ביי אייזען־ און קוילענגרובען. אָבער דער בערגבוי פון די איידעלע מעטאַלען האָט זיך שוין גאָר פרי דערהויבען צו אַ הויכער מדרגה פון טעכניק, ווי מיר וועלען דאָס ווייטער זען. וואָס אמאָל מער ווערען די בערג־

ווערק, אלץ קאמפליצירטער און געפערליכער. וואס ווייטער, איז אלץ אוממעגליכער געווארען, אז יעדער מיטגליד פון דער גענאסענשאפט זאל זיך פירען דעם בוי אזוי, ווי אים געפעלט. די פארשיידענע גרובען ווערען אלץ מער אפהענגיג איינע פון דער אנדערער, זיי בילדען אלץ מער אן איינהייטליכע גאנצקייט. ווי פארזיכטיג די פארשיידענע פראדוצירער זאלען ניט געווען אפהיטען, אז זייערע גרובען זאלען בלייבען אפגעזונדערט, אז יעדענ׳ס חלק אין זיין שטח זאל בלייבען אפגעהיט, דער ב א ט ר י ב ווערט (אלץ מער) דורך דער טעכנישער נויטווענדיגקייט א בשותפות׳דיגער. דער באאמטער פון דער מארק־גענאסענשאפט, וואס האט לכתחילה נאר געזאלט זיין דער ב ע ר ג ע נ מ י י ס ט ע ר, ווערט דער לייטער פונ׳ם גאנצען באטריב, וועלכען ער האט פלאנמעסיג ארגאניזירט.

בערגווערק, וואס האבען דערגרייכט אט די מדרגה, זיינען אבער שוין אזוי רייך געווען, אז זייערע רוחים האבען אלץ מער באפרייט פון דער בערג ארבייט די מארק־גענאסען. די ארבייט האבען זיי סוף כל סוף איינגאנצען ארויפגעווארפען אויף די קנעכט. די געווערקען ווערען פאמעליך ק א פ י ט א ל י ס ט ע ן.

די צאל פון די קנעכט ווערט אין רייכע בערגווערק אלץ גרעסער. דערצו קומען נאך צו די ארבייטער אין גוס־פאבריקען, אין וועלכע די מעטאלען ווערען גערייניגט. א חוץ זיי וואנדערען אלץ מער בעלי־מלאכות אריין אין דעם דיסטריקט, וואו דער בערגווערק געפינט זיך. זייער צוועק איז צו מאכען דאס נויטיגע בערג־געצייג, פאר באפרייען די מעטאלען אדער דינען בכלל די שטענדיג וואקסענדיגע באדערפנישען פון דער באפעלקערונג. אויך סוחרים געפינען דא גרויסע הכנסות דורכ׳ן פארקויף פון די פראדוצירטע באדען־אוצרות, זייער צאל וואקסט דערפאר אויך שנעל. אזוי אנשטעהט ארום דעם בערגווערק א שטאט, א „בערגשטאט״, אין וועלכער די מארק־גענאסען, די אייגענטימער פון די בערג־ און גוס־פאבריקען, אינאיינעם מיט די סוחרים וואס שטאמען צום טייל אודאי אויך פון זיי בילדען נאר א מיעוט, אן אריסטאקראטיע.

כאטש די בערג־גענאסענשאפטען האבען אנגענומען אן איי־

געגנטימליכען פּרצוף, דערקענט מען נאָך אַלץ אין זיי די מאַרק־געגנאָסענשאַפטען. אמת, דאָס קולטיווירען פון פעלד און האָ־דעוועז בהמות האָבען פאַרלאָרען זייער באַדייטונג, אָבער א חוץ דעם בערגווערק איז דער וואלד געוועז פון גרעסטער וויכטיגקייט, ווייל ער האָט געליפערט ברענהאָלץ פאַר די גוס־פאַבריקען, וואו מען האָט געשמאָלצען די מעטאַלען. דאָרט, וואו עס האָט זיך נאָך ערהאַלטען די אַלטע, מאַרק־געגנאָסענשאַפטליכע קאָנסטיטו־ציע פון די געווערקען, טרעפען מיר וואלד־געגנאָסענ־שאַפטען.

אויף וואָס פאַר אַן אופן עס האָט זיך אַזוי געבילדעט די קאָנסטיטוציע פון אַן אַלטער בערג־געמיינדע, קאָנען מיר באַשיינ־פערליך זעהן אין א באַשרייבונג, וואָס גירקע מאַכט פון דער גרוי־סער בערג־געמיינדע האַרץ דעם מיטעל פונקט גאָסלאַר*):

„אין דער שטאָטישער קאָנסטיטוציע איז די געגנאָסענשאַפט פון די „בערג און גוס־פאַבריקען" (בערגלייט און וואַלדווערקע און Silvani פאַרנומען א מיטעל פּלאַץ צווישען א בירגערליכער קאָרפּאָראַציע פון סוחרים און צעכען (מינצען־מאַכערס, קרעמערס און בעלי מלאכות), אַלס אַזעלכע איז זי געוועזן באַטייליגט אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג, האָט געשיקט דעפּוטאַטען צו באַטייליגען זיך אין דער געזעצגעבונג און האָט געהאַט א דעה ביי יעדער ענדערונג פון'ם געזעץ; א חוץ דעם האָט מען לויט דעם שטאָטישען רעכט פון דער געגנאָסענשאַפט ניט געקאָנט נעמען קיין משכנות און זי האָט געהאַט א גרעסער רעכט אויף זעלבסטהילף בנוגע אירע דינער. בנוגע דעם האַרץ־וואַלד זיינען די וואַלד־ווערקען צוגלייך געוועזן א מאַרק־געמיינדע, וואָס פלעגט א חוץ דעם בערגבוי זיך אויך באַשעפטיגען מיט האַקען האָלץ פון וואַלד, יאַגד און פישע־ריי. אין די אינוועניגסטע ענינים אָבער פון די בערגלייט און וואַלד־ווערקען האָבען זיי געבילדעט א זעלבסטשטענדיגע, אויטאָנאָמע גע־נאָסענשאַפט, אין וועלכער די הויפּט אויפזיכט און דער העכסטער געריכט האָט באַלאַנגט קודם צום לאַנדשאַפט און שפּעטער צו דער

*) אָטטאָ גירקע: „דאָס דייטשע געגנאָסענשאַפטסרעכט", בערלין, 1868, ב. 1, ז. 443.

שטאָט גאָסלאַר, וואו דאָס איז איבערגעגעבן געוואָרען צו 6 מענער פון דער געמיינדע פאַרוואַלטונג. די געווערקען האָבען זיך געוועהלט אַ בערגריכטער אדער בערגמייסטער און האָבען אליין פאַרוואַלטעט דעם בערגבוי — זיי האָבען זיך אויף זייער אַלגעמיינער אסיפה אין ג אָ ס ל אַ ר אַליין באַשטימט די בערגאָרדנונג, די בערג־תקנות און דאָס בערגרעכט, און האָבען אַלס ריכטער אַרויסגעגעבן אורטיילען".

אָבער די זעלבסטשטענדיקייט און ריינקייט פון דער מאַרק־קאָנסטיטוציע האָט זיך ביי די בערגווערק געמיינדעס כמעט אין ערגעץ נישט לאַנג דערהאַלטען. דאָס אויפקומען פון גרויסע גוט־באַזיצער איז פאַר זיי געווען אַ צרה, פונקט אַזוי ווי פאַר די פויערים.

די רייכע געגאָסענשאַפטען פון די בערגווערק האָבען פאַרשטעט זיך געהאַט גאַנץ אַנדערע מיטלען זיך צו באַפרייען פון זייערע שונאים, ווי די אָרימע פויערים געמיינדען. אַזוי געפינען מיר, למשל, קיין זכר ניט דערפון, אַז די בערגלייט זאָלען אין מיטעלאַלטער ערגיץ וואו אַריינפאַלען אין אָפּהענגיגקייט אָדער גאָר ווערן אונטערטעניג. אָבער גראַד דאָס עשירות פון די בערגווערק האָט די פריצים געלאָזט זיי צו צווינגען צו צאָלען צינזען. די פריצים האָבען דערקלערט דעם בערגבוי פאַר זייער פּריווילעגיע, פונקט אַזוי ווי פריהער די יאַגד. אין דער געגענד אויף דער לינקער זייט פון'ם ריין, געפינען מיר אין אַ סך געזעצביכער, אַז דער בערגבוי ווערט בפירוש געשטעלט אין איין שורה מיט דעם „ווילדפאַנג". „דעם גנעדיגען האַר" הייסט עס, געהערט „דער ווילדפאַנג א ו י ף דער ערד און א י ן דער ערד". דער העכסטער גוט־באַזיצער אָבער אין לאַנד איז געווען דער קעניג; איהם איז עס אויך געלונגען פאַר זיך צו פאַרכאַפּען אַ גאַנצע רייהע פון בערגווערק; ניט לאַנג האָט געדויערט און ער האָט שוין פאַרלאַנגט אויך די בערגווערק, וואָס די אַדעליגע, די קלויסטערס אָדער בישאָפס האָבען פאַר זיך פאַרכאַפּט. די קעניגע, אין דייטשלאַנד די קיסרים, האָבען לסוף דערקלערט, אַז קיינער וואָס איז ניט באַשאָנקען פון זיי טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט בערגבוי. דער בערגבוי, קודם כל, אויף גאָלד, זילבער און זאַלץ, ווערט דערקלערט אַלס ר ע ג אַ ל.

לכתחילה איז די קיסרים געלונגען לכל הפחות טיילוויין

אויספירען זייערע פאדערונגען. אכענבאך דערציילט אונז אין זיין בוך, וואס מיר האבען אויבען דערמאנט, א סך ביישפילען. אזוי האט, למשל, פרידריך דער ערשטער אין 12טען יאהר־הונדערט גע־בראכט א סך בישאפס דערצו, אז זיי האבען פון איהם אנגענומען זייער אייגענע בערגווערק אלס מתנות. אבער שוין אין נעקסטען יאהר־הונדערט האט די קייזערליכע מאכט אנגעהויבען קלענער צו ווערען, בעת די מאכט פון די גרויסע פריצים האט זיך אנטוויקעלט אזוי, אז זיי זיינען געווארען זעלבסטשטענדיגע לאנד־פירשטען. דאס בערג רעגאל איז אויף דעם אופן איבערגעגאנגען אין רשות פון די לאנד־פירשטען, און זיי ווערען באלד אויך שטארק גענוג לגבי די קלענערע פריצים און די איינצעלנע געמיינדען און גענאסענשאפטען, און פירען טאקע דעם רעגאל דורך.

שוין קארל דער פערטער האט געמוזט אין זיין „גאלדענער בוללע" אנערקענען דעם בערג־רעגאל אלס פריווילעגיע פון די קורפירשטען. קארל דער פערטער האט ענדליך אין זיין „קאפי־טולאציע פון 1519, גאראנטירט צו אלע פריווילעגירטע קלאסען זייערע רעגאלען.

די מארק־גענאסענשאפטליכע קאנסטיטוציע איז אינ'ם בערג־בוי אין יענער צייט כמעט אין גאנצען שוין צופאלען געווארען (לכל הפחות אויף וויפיל מיר ריידען פון גרעסערע בערגווערק). ניט נאר די פלעצער פון פריי געוויילטע גענאסענשאפטליכע בא־אמטע פלעגען פארנומען ווערען פון לאנד־פירשטליכע באאמטע, וועלכע פלעגען אנפירען אליין דעם גאנצען באטריב פונ'ם בערג־ווערק (אומאפהענגיג פון די מארק־גענאסען און געווערקען), ארויס־געבען געזעצען און פסק'ענען אליין, און האבען א דעה דאריבער, ווער ס'זאל באשאנקען ווערען מיט א גרוב און ווער ניט, נאר די גאנצע גענאסענשאפט איז אין גיכען פארשוואונדען געווארען. די באשרענקונגען אינ'ם באטריב פונ'ם בערגווערק ווערען אלץ מער אומערטרעגליך. דער באטריב נויטיגט זיך אין אלץ גרעסערע ארביי־טער־מאסען, וועלכע מען מוז באציהען פון וויים־ווייט, ווייל אין די פוסט בערגיגע מקומות, וואו דאס רוב בערגווערק איז געלעגען, וואוינט א נאר קליינע באפעלקערונג. א חוץ דעם, וואס מער די בערגווערק פארשפרייטען זיך און

ווערען טייערער, נויטיגען זיי זיך אין אלץ מער קאפיטאל. דער־פאר וואקסט ביי די גרויסע סוחרים פון די שטעדט דער חשק צו באַ־קומען צוטריט צו די בערגווערק. זיי האָבען על פּי רוב זעהר גוט געלעבט מיט די פירשטען, העלפענדיג זיי אָפטמאָל מיט הלוואות, און דאָס איז מסתמא אויך געווען די סיבה, צוליב וועלכער די לאנד־פירשטען האָבען אויסגענוצט זייער מאכט, און געבראָכען די פּריווילעגיע פון די מארק־גענאָסען. די בערגווערק ווערען אפגעזונ־דערט פון די מארקען, די בערג, אויף וועלכע זיי געפינען זיך, ווערן ערקלערט פאר „פריי״. אויף די דאָזיגע פרייע בערג איז יעדען געווען ערלויבט דער בערגבוי — פארשטעהט זיך, מיט דער הסכמה פונ׳ם לאנד־פירשט. נאָכדעם, ווי די מויער, וואָס האָט געזאָלט אָפּהאַל־טען פרעמדע עלעמענטען איז באזייטיגט געוואָרען, האָט זיך בפרט אין די זילבער־ און גאָלד־בערגווערק, א לאָז געטאָן א שטראָם פון סוחרים, וואוכערער, אוואנטוריסטען, ארבייטער, בעטלער; יעדער האָט געזוכט דאָס גליק. אויף דעם אופן קאָנען מיר זיך דערקלערען די שנעלע אנטוויקלונג פון די גרויסע בערגווערק.

א יעדע שיכות פון דעם בערגווערק מיט דער מארק ווערט צור־ריסען. קיין חידוש ניט, אז די רוימישע יוריסטען, וואָס האָבען פון דער מארק־קאָנסטיטוציע ממילא גאָר ניט פארשטאנען האָבען זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבען מיט דעם דייטשען בערגרעכט, וואָס איז געווען אויף דער מארק־קאָנסטיטוציע אויפגעבויט. ערשט די פאָרשונגען פון ג י ל. פ א ן מ ו י ר ע ר וועגען דער מארק־קאָנסטיטוציע, גיבען דעם שליסעל צום דייטשעז בערג־רעכט, ווי צו א סך אנדערע סאָציאלע ערשיינונגען.

---

## 2. דער קאַפּיטאַליסטישער גרוים־באַטריב אין בערגבוי.

פאר א רוימישען יוריסט האָט דאָס דייטשע בערגווערק אין אָנהויב פונ׳ם 16טען יאָרהונדערט געהאט א מאָדנעם אויסזעהן.

דער אויסבייטער פון א בערג־ווערק האָט ניט געהאט קיין פול אייגענטום־רעכט, נאָר בלויז א נוצרעכט. דאָס רעכט פלעגט אים שענקען א באאמטער פונ׳ם פירשט, דער בערגמייסטער. דער באַ־

שאָנקענער גרינדעט זיך א געווערקשאַפט מיט פיר, שפּעטער מיט מער אקציעס אָדער קוקסען*) (שטאַמט פונ׳ם טשעכישען „קוס״, דער טייל). א באשטימטע צאָל פון די קוקסען געהט איבער אינ׳ם איינענטום פונ׳ם פירשט. די קוקסע האָט מען געמענט פארקויפען. דער באזיצער פון איינעם אָדער מערערע קוקסען האָט געהייסען „געווערקע״. די באַלעבאַטים פון די בערגווערק זיינען אַלזאָ אק־ציענגעזעלשאַפטען. דער קוקס גיט אָבער נאָך ניט קיין רעכט צום בערגווערק גופא, נאָר צום ר ו ח אליין. דער רוח ווערט פאר־טיילט צווישען די קוקס־באזיצער. גראַד אזוי ווערען אויך די קאָסטען און די הוצאות פונ׳ם בערגווערק צווישען זיי פארטיילט. זיינען די הוצאות פון בערגווערק גרעסער, ווי די הכנסות און א געווערקע איז ניט בכח דעם דיפערענץ, וואָס פאַלט אויף איהם צו באצאָלען, פארלירט ער זיין קוקס, און די איבעריגע געווערקען מעגען אים געבען עמיצען אנדערש. ווערט אין א בערג־ווערק בכלל ניט מער געארבייט, פארלירט די געווערקשאפט אויף איהר יעדע חזקה, און דער פירשט קאָן זי ווייטער פארשענקען.

אָבער דאס זיינען נאָך ניט אלע תקנות, וואָס מאכען חוזק פון די איינענטום־באגריפען פונ׳ם רוימישען רעכט. דער באטריב פונ׳ם בערג־ווערק איז געווען אנגעפירט פון א פירשטליכען באאמ־טען, וואָס האָט די רעכט פון דער מארקגענאָסענשאפט ז י ך נע־נומען און די געווערקען האָבען נאָר א קליינע דעה געהאט.

די בערג־אָרדנונג, וואָס איז ארויסגעגעבען פונ׳ם דוקס און קורפירשט אווגוסט פון זאקסען (געדרוקט 1574) רעכענט אויס אינ׳ם דריטען קאפּיטעל פאָלגענדע בערגבאאמטע, נאָמינירטע פונ׳ם

*) ביי די דאָזיגלע אקציעס שפּילט די ציפער 4 אַ גרויסע ראָלע. אוים די תקנות פון דעם קוטענבערגער בערגווערק איז בפירוש געדרונ־גען, אַז דאָס בערגבוירעכט איז צום אָנהויב געטיילט געוואָרען אין 4 גרונד חלקים, אויב מערערע פארשוינען זיינען געווען באַטייליגט אין בערגבוי. שפּעטער האָט מען געמאַכט 8, 16, 32, צום סוף 4×32=128 קוקסען און די צאָל ווערט דערנאָך אַ מנהג. צום ערשטען מאָל געפינען מיר אַ רייד דערויף אין אַ כתב יד פון 1327. אין פרייבערג ווערט דאָס רעכט פארטיילט אויף 128 קוקסען ערשט זייט 1698 (ז. אבענ־באך, א. א. א. ז. 291).

פירסט: צוויי בערנראָטען, וואָס זאָלען קומען קאָנטראָלירען די בערג־ווערק אַלע האַלבע יאָר אין דער באַגלייטונג פון איין הויפּטמאַן, אויבער־בערגוווערק־מייסטער און בערגוווערק־פּאַרוואַלטער. „אַחוץ דעם האָבען מיר אין יעדער בערגשטאָט, לויט איר גרויס און לאַגע, איינגעאָרדענט אַ בערגמייסטער און אַ היבשע צאָל געשוואוירענע, בערגפאַרשטענדיגע מענער, צעהנ׳דער, פּאַרטיילער, שרייבער, בערגשרייבער, פּאַרוואַלטער פון הוטעס, הוטענשרייבער און זילבערברענער“.

די נעוווערקען שטעלען אָן (אַרטיקעל 42) די שטייגערס און שיכטמייסטערס, אָבער נאָר בהסכם מיט׳ן הויפּטמאַן, אויבערבערגמייסטער, בערגווערקפּאַרוואַלטער און בערגמייסטער פון יעדען אָרט. לויט אַרטיקעל 44 האָבען די דאָזיגע באַאַמטע דאָס רעכט צו קינדיגען די שטייגער און שיכטמייסטערס. דער שיכטמייסטער נעמט אויף די אַרבייטער און קינדיגט זיי, אָבער נאָר בהסכם מיט׳ן בערגמאַסטער און מיט די צוויי געשוואוירענע.

אַגריקאָלאַ, אויס וועמעס בוך מיר נעמען אַרויס די ידיעות*) באַשרייבט באריכות, וואָס פאַר פונקציעס די איינצעלנע באַאַמטע האָבען געהאַט.

דעם בערגהויפּמאַן מוז יעדער פאָלגען, ער איז דער העכסטער ריכטער. תיכף נאָך אים קומט דער בערגמייסטער. מיטוואָך זיצט ער צווישען די געשוואוירענע און איז

*) מיר האָבען זיך באַנוצט מיט דער דייטשער אויטאָריזירטער אויסגאַבע:

‘‘Vom Bergwerk XII Bucher, darin alle Empter, Instrument, Gefenge und alles in disem handel gschoerig, mit schonen figuren vorbildet und klarlich beschnihen sindt, erstlich in Lateinischer sprach durch den Hochgelerten und Weithberumpten Herrn Georgium Agricolam, Doctorn und Burgermeistern des Churfunsterchen statt kempurtz, petzund aben verteutscht durch den Achtpanen und Hochgelerten Herrn Philippino Bechruni, Pewlosophen, Artzet und des loblichen Universitat fin Basel Professoren.’’

א ריכטער. אין אלע אנדערע טעג גיט ער אכטונג אויף די גרובען און ווייזט אָן, וואָס מען דאַרף טאָן. שבת מוזען אים די שטייגערס אָפּגעבען דין וחשבון.

דער בערגשרייבער שרייבט צעטעל פאַר דיאיעניגע, וואָס באַגערען גרובען און שטעלט צונויף פאַר די געווערקען יערעס פערטעל־יאָר די חשבונות וועגען די הכנסות און הוצאות פון די גרובען. ער פיהרט וועגען דעם ענין א באַזונדערען בוך. דער צעהנ׳דער נעמט די הכנסה פון דער גרובע און צאָהלט דערפון די שטייגערס דאָס נויטיגע געלד, כדי דעם באַטריב צו דערהאַלטען. דעם רוח פאַרטיילט דער אױסטײלער צווישען די געווערקען. איז פאַראַן היזק, שרייבט אויף דער בערגשרייבער די סומע אויפ׳ן צעטעל און אויב דער בערגמייסטער און די בערג־געשוואוירענע געבען זייער הסכמה, ווערען די צעטעל צוגעקלעבט אויף דער טיר פון די באַטרעפענדע געווערקען (אָדער פון זייערע פאַרטרעטער).

דער שטייגער פאַרוואַלטעט דעם בערג־ווערק און צאָלט אויס די שכירות, ווענעם הויך ער באַשטימט צוזאַמען מיט די געשוואוירענע. אָפּט צווינגען די געשוואוירענע צוזאַמען מיט׳ן שטייגער די אַרבייטער צו מאַכען פּראָבען אין פאַרשיידענע טיילען פון די מינען, כדי לויט דער האַרטקייט פון באָדען באַשטימען די שכירות. טרעפען די אַרבייטער בשעת דעם גראָבען אָן פּלוצים אויף א האַרטען שטיין, קריגען זיי א העכערען פּרייז, אויב דער שטיין איז לייזער און ווייכער, ווי מען האָט גערעכענט, באַקומען זיי ווינציגער.

דער שיכטמייסטער פירט אָן די אַרבייט אין דער מינע און איז אויפזעהער.

ווי מיר זעהען, האָבען די געווערקען, אחוץ דעם קאָמערציעלען טייל — וואָס איז אָבער ביי די זילבער־גרובען, וואו דער רוח פלעגט פאַרווענדעט ווערען פאַר מינצען, אויך נישט געווען צו גרויס — כמעט נישט געהאַט עפּעס אנדערש צו טאָן ביים באַטריב פונ׳ם בערגווערק, ווי צו צאָלען געלד, אז ס׳איז געגאַנגען שלעכט, און צו נעמען געלד, אז ס׳איז גוט געגאַנגען. אגריקאָלאַ מיינט אפילו (ז. 31), אז די געווערקען זאָלען וואוינען אויפ׳ן באַרג, כדי

בעסער צו קאָנען איבערוואכען די ארבייטער. זיי דארפען זיך נישט פארלאָזען אויפ'ן שטייגער. „דעם פריצ'ס אויג מאכט פעט די ערד". אגריקאָלא'ס התראה איז אָבער פאר אונז נאָר א באווייז, אז די געווערקען האָבען שוין אין זיין צייט ליב געהאט צו וואוינען ווייט פון די מקומות, וואו זייער עשירות איז פראָדוצירט געוואָרען; זיי זיינען איבעריג געוואָרען פאר'ן פראָדוקציאָנס־פראָצעס, וועמעס לייטונג ס'האָט גענומען אין דער האנד אריין די ביוראָקראטיע פונ'ם לאנד־פירשט.

אין דערזעלבער מאָס, וואָס די פ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט פון די געווערקען ווערט איבעריג פאר'ן באטריב, וואקסען די פרעטענ־זיעס צו זייער ק א פ י ט א ל. באלד איז עס געוואָרען א פריווי־לעגיע פון גרויסע קאפיטאליסטען, פון גרויסע סוחרים און באנק־מענשען אין די שטעט, צו קאָנען עקספלואטירען א בערגווערק מיט גליק און מיט רוח.

די טעכניק פון דער בערגארבייט אנטוויקעלט זיך צום סוף פונ'ם מיטעלאלטער און צום אָנהויב פון דער נייער צייט אויף אן אויספאלענדען אופן, בפרט אין דייטשלאנד וואָס איז דעמאָלט גע־וועזען דאָס רייכסטע לאנד אין זילבער און אין גאָלד, דאָס "פערו פון איראָפא".

די נויטען און די סכנות פונ'ם בערגבוי וואקסען גאָר שנעל, וויבאלד מען דרינגט אריין אין דער טיפעניש. צוליב דעם איז דער בערגבוי פון די מייסטע מאטעריאלען, ווי למשל אייזען און שטיינקוילען, געבליבען א לאנגע צייט פרימיטיוו.*) ווייטער, ווי

*) דער בערגבוי פון ברוינע קוילען אונטער דעם ערצגעבירג האָט נאָך ביז דער העלב פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געבראכט צו וועניג רוח, אַז עס זאָל קאָנען איינגעפירט ווערען דער גרויסבאַטריב. דאָרט האָבען עקזיסטירט נאָר קליינע בערגווערק, אָפט גאָר נאָר טאָגווערק („טאַגעבויע"), אין וועלכע דער געווערקע האָט געגראָבען אַליין מיט זיין ווייב און קינד; מיט דער גרובענארבייט האָט מען זיך בכלל אָפגעגעבען נאָר אום ווינטער, ווען קיין פעלדארבייט איז ניט געווען. די געווערקען זיינען געוועזען מייסט פויערן. (פגל. Braf, Studien uber nord Chomische arbeiterferhaltnisse—(פראג 1881, ז. 4.

דער גריפעלשיפער ווערט נאָך היינט אין'ם מ י ו ב י נ ג ע ר

ביז צו געוויסע גרעניצען האָט מען מיט פּשוט׳ען געציינג נישט גע־קאָנט קומען; דאָס ארויסשלעפּען די שטיינמאַסען איז געוואָרען צו שווער; דאָס צופירען פון לופט צו די גרובען האָט שלעכט פונקציאָנירט און דערפאַר האָט מען נישט געקאָנט ווייטער אריינ־דרינגען, אונטער־ערדישע וואַסערען האָבען די גרובען פאַרפלייצט. די תאוה אָבער נאָך איידעלע מעטאַלען האָט געוואוסט ווי גובר צו זיין אַלע די מניעות, זי האָט אין איר דינסט געשטעלט דעם פאָר־שונגס גייסט פון די פּראַקטיקער סיי פון די געלערטע, זי האָט גע־שטעלט דער נייער טעכניק, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען צו אנטוויקלען, אַלץ גרעסערע אויפגאַבען, זי האָט זי געטריבען פון איין ערפינדונג צו דער אַנדערער, זי זאָל ווערען דער באַהערשער פון דער נאַטור זאָל אויסטראַכטען אַלץ קאָמפּליצירטערע געציינג, אַלץ גרויסאַרטיגערע שעפּונגען.

צוליב דעם זעהען מיר שוין אין 16טען יאָהרהונדערט דאָס דייטשע בערגוועזען אויף אַ גרויסער הויך פון דער טעכניק.

ווער עס וויל זיך דערמיט גענויער באַקענען, האָט אַן אויסגע־צייכענטען פירער אין דעם בוך פון׳ם קעמניצער געאָרג אַגריקאָלאַ, וואָס מיר האָבען שוין דערמאָנט.

פאַר אונז איז אָבער וויכטיגער איבערצוגעבען אַ שילדערונג, וואָס איז נישט אַזוי דעטאַלירט און פאַכמענניש אָבער לעבעדיגער,

אַ ו י ב ע ר ל אַ נ ד פּראָדוצירט אויף דעם פּרימיטיווסטען אופן. „...אומעטום ריכטעט מען אַזוי איין דעם באַטריב, אַז עס ווערען גע־מאַכט אַ סך לעכער אויף פּונקטען, וואו מען רעכענט, אַז דער גריפּעל־שטיין געפינט זיך נישט טיף און ווערט קאָנען אמבעסטען און אמלייכ־סטען אַרויסגעגראָבען ווערען. דאָרט געהט מען נאָך נאָך אָט די שטיינ־אָדערן און מלייגט צונויף די אויסגעגראָבענע ערד תיכף לעבען דעם אָרט, וואו מען געפינט דעם שטיין. לאָזט מען זיך תיכף אָפּ פון דער ארבייט, וויבאַלד דער גריפּעלשטיין ווערט ערגעץ פאַרוואָרפען דורך אַ שטערונג, וואָס קומט אָפּטמאָל פאָר, אָדער ווען דאָס לאָך ווערט דער־טרונקען צוליב דעם וואָס אַ וואַסערלייטונג פעלט אָדער איז זעהר פעלערהאַפט. דעם באַטריב פירען קליינע פּ אַ כ ט געזעלשאַפטען פון גריפּעלארבייטער, זיי טוען אליין די ארבייט. (E. Sax, יענאַ, 1882, 1, אויף דעם אופן דאַרפען מיר זיך בכלל פאָרשטעלען יעדען אָנהויב פון אַ בערגווערק־באַטריב.

קלאָרער און קירצער, אַ בילד, וואָס דער פּאַסטאָר מ א ט ט ה ע־ ז י ו ס פון יאָאַכימסטאַל מאָלט אין זיין „ס א ר ע פ ט א", אי־ בער די טעכנישע איינריכטונגען, אין וועלכע עס האָט זיך אין דער צייט געניויטיגט דער באַטריב פון אַ זילבערבערגווערק. *)

די וויסענשאַפט איז שוין אין דער צייט אינ'ם דינסט פונ'ם בערגבוי. טעאָרעטיש אויסגעבילדעטע אינזשענירען האָבען געמוזט די בערגווערק איינאָרדנען און לייטען. די אַרבייט איז אָבער שוין נאָר אויסגעוואַקסען איבער די כחות פון אַ פּשוט'ען, אומגעביל־ דעטען באַרג־אַרבייטער. אָבער מיט דעם ק אָ מ פּ א ס האָבען אויך זיי זיך געמוזט קאָנען באַנוצען. „דאָס זיינען אויסגעציי־ כענטע אינסטרומענטען, וואָס זיינען ווערט געלויבט צו ווערען. ניט בלויז פירען זיי פוסגעהער אויף דער יבשה, און ים־רייזענדע איבער ימים, נאָר אויך אייך באַרג־אַרבייטער, וואָס איר געפינט זיך אונטער דער ערד. זיי ווייזען אייך וואוהין די וועגען פירען, און וואוהין איהר דאַרפט געהן". מען זעהט פון דעם, וואָס פאַר אַ קאָמפּליצירטער און פאַרצווייגטער בוי דאָס בערגווערק איז שוין דעמאָלט געווען, אַז דער בערגמאַן האָט שוין געמוזט האָבען אַ קאָמפּאַס (כדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען). בפרט האָבען זיך אָבער מיט דעם קאָמפּאַס באַנוצט די אינזשינירען ביי זייערע טריגאָנאָ־ מעטרישע חשבונות, כדי צו באַשטימען די גרעניצען פון איינצעלנע גרובען, איינצואָרדנען ווענטילאַציאָנסגענג וכדומה.

''Sonderlich aber dienter fur edlen Kunst des Markscheidens, der man beim Bergwerk nicht gerathen kaum, will man anders den Geweshen (Gruhenhessn) nicht zu Schaden bauen oder bald fun Durchchlagen kommen, Wasserbonchmen, Wetter bringen und ziben bei seiner Serechtigkeit schutzen und handhaben. . . . Es mussen die Layen, so von Euchid und des grundlichen Geametrie untersichtet sein, viel Instrument und Schnure und dressens haven

---

*) Johann Matthesius, ''Bergpastilla oder Sarepter. . . Sampt der Joachinssthalischen kunzen kurzen Chroniken bisz auffs 1578 Jar.'' Nurinberg 1578.

דאָס בוך איז אַ זאמלונג פון פּרעדיגטען (דרשות), וואָס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון 1553—1562.

veben ihrem Pfeffel und Lolholzel und was dergleichen alter Instrument, Marzstabe und Schmure wehr sein, Aber der Triangel und acht arf die Troportion haben, das ist in diesen fall Meister, wer sich darein schicken kann.'' (143.3).

מיר זעהען, ווי דאָ הויבט זיך שוין אָן צו אנטוויקלען א אייגענשאפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסאינדוסטריע, די צעטיילונג פון די ארבייטער אין צוויי קלאַסען: אויף איין זייט אומגעבילדעטע האַנט־אַרבייטער, אויף דער אַנדערער זייט געבילדעטע קאָפּאַרבייטער. צו ביידע שטעלט מען די העכסטע פאָדערונגען: ביי יענע, צו זייער פּיזישען כח, ביי די צו זייערע גייסטיגע קענטענישען.

פון דעסטוועגען איז נאָך צום אָנהויב פונ׳ם 16טען יאָהרהונדערט נישט געווען קיין „איבערפּראָדוקציע אין אינטעליגענץ״, לכל הפחות נישט אויפ׳ן טעכנישען געביט, ניכער שוין אויפ׳ן טעאָלאָגישען. די אינזשענירען זיינען נאָך נישט אין אַזאַ צאָהלרייכער ארומגעלאָפען, ווי היינט, און ווערען נאָך הויך געאַכט. אַזוי רופט אויך אויס מאַטטהעזיוס, מען זאָל „לויבען די מיה און ארבייט פונ׳ם קינסטלער און לערנען שעצען אַזעלכע וואונדערמענשען, וואָס באשעפטיגען זיך מיט׳ן אמת,, העכער איידער אַן אַנדערען בערנמאַן, וואָס קאָן נאָר אויסבויען אַן אלטען שאַכט, ווייל אַזוי ווי אויך פירשטען און פריצים ווייסען וואָס פאַר אַ כבוד מען דאַרף אָפּגעבען אַזעלכע „קינסטלער״, וואָס גאָט און די נאַטור האָט זיי העכער געשטעלט ווי אַנדערע. דער קאַיזער מאַקסימיליאַן האָט זיינע קינסטלער גאָר גוט באַהאַנדעלט; אַלס באַווייז קאָן דינען פאָלגענדער פאַקט: אַז דער קינסטלער, וואָס האָט געמאַכט דאָס ווערק אין א י נ ס ב ר ו ק און האָט געשאַפען אַ ברונען אויף דעם ק ו ט ע׳ נ ב אַ ר ג און האָט אויסגעטריקענט אַ גרויסען ים מיט אַן אינסטרומענט ווי מיט אַן עמער, איז פון עטליכע מענשען באַליידיגט געוואָרען און האָט זיך באַקלאָגט פאַר׳ן האַר, האָט דער פרומער קאַיזער געזאָגט: „די לייט ווייסען נישט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגעהן מיט קינסטלער.״

אַזוי ווי אָבער אין די שולען ווערט איצט — אַ דאַנק זיין ליבען נאָמען — שוין געלערנט נישט נאָר דאָס עוואַנגעליום, נאָר

אויך די אינזשעניר־קונסט, און אזוי ווי מען קאָן שוין מיט פאַר־שידענע אינסטרומענטען אויסמעסטען די ערד, זיינען די בערג־באזיצער און די בערגשטעט מחויב צו העלפען און צו שטיצען אַלע פיינע קעפּ, וואָס באזיצען נאטירליכע פעהיגקייטען און האָבען א חלק און ליבשאפט צו דער מאטעמאטיק און צו דער קונסט, כדי זיי זאָלען קאָנען שטענדיג נאָר נאָכקלערען איבער בעסערע און פעסטערע אינסטרומענטען, מיט וועלכע מען קאָן אָהן גרויסער מיה יעדען טאָג ארויסציהען דאָס וואסער און די שטיינער אויס דער גרובע".

די וויסענשאפט איז שוין אין 16טען יאָרהונדערט גע־וואָרען אַן אינסטרומענט פון דער פּראָדוקציע; די טראַדיציע, דער מנהג פון די אבות, וואָס האָט אזא ראָלע געשפּילט ביים האַנד־ווערק, ווערט איצט אין חרם ארייננעלעגט, אויף איר אָרט קומט די מעטאָדישע, וויסענשאפטליכע פאָרשונג אַלס א רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר; איהר צוועק איז שטענדיג איבערצואַנדערשען דעם פּראָ־דוקציאָנס־אופן, אויסצוגעפינען אַלץ בעסערע אינסטרומענטען, דאָס הייסט אזעלכע, וואָס קאָסטען ווענינער און שפּאָרען ארבייט. דאָס אַלץ זיינען שוין מאָמענטען, וואָס זיינען כאראקטעריסטיש פאַר דער מאָדערנער, קאפּיטאַליסטישער גרויסאינדוסטריע.

אויף ווי וויט עס האָט זיך דעמאָלט ביי די באַרינגונגען אנט־וויקעלט אין בערגבוי די מאשין־פּראָדוקציע, קאָנען מיר זען אויס א באריכט פון מ א ט ט ה ע ז י ו ס, וואָס באשרייבט גענוי דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אינ'ם ב ע ר ג ב ו י.

אוים א ג ר י ק אָ ל א ס ווערק קאָן מען זעהן, אין וואָס פאַר גרויסע געביידעס מען האָט דעמאָלט ב א א ר ב י י ט די מ י־נ ע ר א ל ע ן. ער דערמאָנט שטאמפּמיהלען, שמעלצאויוועגס, אפּאראטען צום אָפּשיידען די מעטאַלען פון די „הארטע זאפטען", ווי זאַלץ, גלאָז און אזוי ווייטער. מיר ווערען דערפון געוואָר, אז די ארבייט אינ'ם בערגבוי, לכל הפּחות וואָס איז נוגע די איידעלע מעטאַלען, האָט אינ'ם 16טען יאָהרהונדערט שוין לאַנג אָנגעוואוירען דעם האַנדווערקמעסיגען כאראקטער. זי איז נישט מער באשטאַנען אין א סכום פון איינפאכע האַנט באוועגונגען, וועלכע דער בערגמאַן האָט אויסגעלערענט אין משך פון דער לערנ־

צייט, אזוי אז לסוף האָט ער פארשטאנען דעם גאַנצען באַטריב. דער באַטריב איז איבערגעוואַקסען דעם שכל פון דעם פשוט'ען אַרבייטער; אַ בערגוועדק איז געוואָרען אַ גרויסער, קאָמפּליצירטער אָרגאַניזם, וואָס האָט געפאָדערט אויסגעשפּרייטע און קונסט־רייכע, זעהר טייערע געביידעס און איינריכטונגען. נאָר ווי־סענשאַפטליך געבילדעטע טעכניקער, „קינסטלער", האָבען איבער זיין גאַנצקייט און באַוועגונג געקאָנט האָבען אַן איבערזיכט און אים לייטען; און שטאַרקערע כחות ווי מענשליכע קאָנען אים האַלטען אין שטענדיגער באַוועגונג, אַן אָרגאַניזם, וואָס האָט צו זיין דערהאַלטונג געמוזט באַזיצען קאַפּיטאַל.

אַ פּראָלעטאַריער האָט ביי די פאַרהעלטנישען נישט געהאַט קיין שום אויסזיכט צו ווערען אַן אייגענער באַלעבאָס איבער אַזאַ בערגווערק. אויך קלענערע קאַפּיטאַליסטען זיי־נען אַלס יחידים נישט געווען בכח איינצוריכטען אַ בערגווערק אַנ־שטענדיג. זיי האָבען נישט געהאַט דאָס נויטיגע קאַפּיטאַל.

אודאי האָבען זיך געקאָנט מערערע צונויפנעמען און גרינדען אַ געזעלשאַפט, אַ געווערקשאַפט, און דאָס איז אויך אָפט געשעהן. *) אָבער נישט תמיד איז דער ערפאָלג געווען אַ גוטער.

די געאָלאָגיע איז געווען קוים אין איר אָנהויב־שטאַדיע, דער בערגבוי איז דערפאַר דעמאָלט געווען אַ האַזאַרדשפּיל נאָך אַ סך גיכער, איידער ער איז עס נאָך היינט אין אַ סך פאַלען. דער רוח פון די גרובען פלעגט זיך בייטען אין גאַנץ אומגלויבליכע פּראָפּאָר־ציעס. עס זיינען געווען צייטען, ווען מען האָט נישט נאָר איינ־צעלנע גרובען, נאָר אויך גאַנצע, גרויסע בערגווערק געגצליך פאַר־לאָזען. שפּעטער האָט מען זיי ווידער אויפגענומען, און אָפט מיט גליק.

אין 10טען יאָהרהונדערט האָט מען אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין די זילבערבערגווערק אין האַרץ (ביי גאָסלאַר). אין

*) די אַקציעס קוקסען זיינען פאַר קליינע לייט נישט תמיד געווען לייכט צו באַצאָלען. אין מאַנכע צעכען פון יאָאַכימסטאַל האָט מען פאַרקויפט אַ קוקס פאַר טויזענד יאָאַכימסטאַלער, דעמאָלט אַ גרויסע סומע. (מאַטטהעזיוס, ז. 18.)

די ערשטע הונדערט יאָר איז זייער הכנסה געווען זעהר א רייכע. דערנאָך הערען מיר פון זיי וועניג, ביז מיר וועדען געוואָר, אז דער באטריב ווערט אין 1205 ווידער אויפגענומען, נאָכדעם ווי ער איז פאר א לענגערער צייט געווען אָפּגעשטעלט.

אין 12טען יאָהרהונדערט האָט מען אָנגעהויבען די עקספּלואַטאציע פון די זאקסישע זילבערגווערק, אין 13טען יאָרהונדערט — פון די בעמישע. ווענצעל דער 2טער פון בעהמען באהויפּטעט אין יאָר 1295 אין זיינע בערג־תקנות, אז די גאָלד־ און זילבער־גרובען זיינען אומעטום אויסגעשעפּט, און נאָר אין בעהמען גיסט זיך גאָלד און זילבער ממש איבער די ברעגעס. די גאָסלארער בערגווערק געהען אונטער אין 14טען יאָרהונדערט, קומען אין באַוועגונג ערשט אין 1419 און בלייבען נאָך א גאנצען יאָרהונדערט אין באטריב.

די מייסענער בערגווערק האַלטען זיך בעסער. אָבער ווי שטארק פלעגט זיך ענדערען זייער הכנסה!

די הכנסה פון די מאריענבערגער גרובען מאכט אויס אין 1520 258 פלאָרין; אין 1521 — 772 פל.; אין 1522 — 1608 פל.; אין 1523 — 1161 פל., אין 1529 — 2562 פל., אין 1530 — 6572 פל.; פון יענער צייט שטייגט די הכנסה שנעל, דערגרייכט איר העכסטען פונקט אין 1540 מיט 270,384 פל. און זינקט דערנאָך ווידער ביז 22,749 פל. אין 1552.

אין שנעעבערג איז פארטיילט געוואָרען אין די אקטיווע צעכען אַלס רוח (דער איבערפלוס איבער די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען):

| יאָהר | מאַרק פיינזילבער | יאָהר | מאַרק פיינזילבער |
|---|---|---|---|
| 1511 | 6,192 | 1519 | 6,779 |
| 1512 | 59,340 | 1520 | 10,787 |
| 1513 | 17,673 | 1521 | 774 |
| 1514 | 8,127 | 1522 | 6,321 |
| 1515 | 14,214 | 1523 | 1,935 |
| 1516 | 21,156 | 1524 | 253 |
| 1517 | 25,324 | 1525 | 2,515 |
| 1518 | 9,675 | | |

אין די אקטיווע בערגווערק שוואנקט אלזא דער פארטייל־טער רוח צווישען 59,000 און 250 מארק. וויפיל מען האָט גע־מוזט דערלעגען אין די פּאסיווע, ווייסען מיר נישט. אויף יעדען פאל זיינען אין א סך בערג־ווערק געווען יאָרען מיט א גרויסען דעפיציט. דעמאָלט האָט מען געמוזט אָדער צוטראָגען א סך געלט אָדער פארמאכען דעם באטריב (אָדער אויפגעבען דעם אַנטייל דערין). דאָס האָט געהייסען פארלירען דעם גאנצען קאַ־פּיטאל, וואָס מען האָט אריינגעלייגט אין די בערג־ווערק.

א גרויסער קאַפּיטאליסט, וואָס האָט געהאט כח אויסצוהאל־טען, האָט אין משך פון יאָרען געמאכט א שיינעם רוח. דער קליי־נער קאַפּיטאליסט איז גאָר לייכט געוואָרען א בעטלער. האָט ער אָבער געהאט מזל און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיין נעשעפט וואַרפט אראָפּ רוח, איז געווען גענוג מיטעל, אים עס צו פאַר־נמאס'ען, א דאנק דער השפעה וואס די גרויסע פינאנצלייט האָ־בען אויסגעאיבט אויף דעם פירשט און אויף זיינע באאמטע.

אגריקאָלא דערצעהלט אונז, אז א סך האָבען באטראכט דער בערגבוי פאר אוממאָראליש, צוליב אומשטאנדען, וועל־כע ער לייקענט נים אָפּ: „קוים באווייזט זיך נאָר א האָפנונג צו געפינען א מעטאל אין דער ערד, קומט תיכף ענטוועדער דער פירשט אָדער בכלל די רעגירונג און פארשטויסט די געווערקען פון ־עם בערגווערק אוים זייער באזיץ*); אָדער עס קומט אן איבערגעשפיצ־טער שכן, אן עקשן און פירט מיט די אלטע געווערקען א קריג אזוי לאנג, ביז ער רויבט ביי זיי לכל הפחות א טייל פון דעם בערגווערק. אָדער דער בערגהויפטמאן לעגט ארויף אויף די געווערקען שווערע אָפּצאָלונגען, כדי זיי זאָלען זייערע טיילען פארלירען, אויב זיי ווילען נישט אָדער קאָנען נישט באצאָלען, און ער נעמט זיך צו דעם בערגווערק און נוצט דאָס אויס, וואָס איז נעגען יעדען יושר. אָדער דער שטייגער פארשטאָפּט דעם בעג; דערנאָך, שפּעטער א פּאָר

---

*) אַרטיקעל 1 פון די בערג־תקנות פון אַווגוסט פון סאַקסען פון 1574 זאָגט צו די געווערקען, אַז זייערע חלקים וועלען נישט מער קאָנ־פיסקירט ווערען, ווי דאָס האָט אַזוי אָפט פּאַסירט. אַ שעהנער אָפּיציע־לער ודוי.

יאָר, אז די געווערקען מיינען, די גרובען זיינען שוין אין גאנצען אויסגעשעפט און פארלאָזען זיי, קומט ער און איבערנעמט דעם באזיץ. אחוץ דעם, איז די גאנצע מחנה בערגלייט (פון די לוינ־ארבייטער רעדט זיך דאָ נישט) צונויפגעקליבען פון ליגנערס, שווינדלער און לייכטזיניגע פארשוינען... אָדער ער לויבט די מינע מיט פאלשע רייד, כדי ער זאָל קאָנען די קוקסען צוויימאָל אזוי טייער פארקויפען, ווי זיי זיינען ווערט, אָדער מאכט זיי צו גאָרנישט, כדי ער זאָל זיי קאָנען ביליג קויפען". (1, בוך.)

עס איז אלזאָ קיין חידוש נישט, וואָס דער בערגבוי האָט געהאט אזא שלעכטען שם, ווי היינט די בערזע — אָבער ער האָט אויך אזוי די קאפיטאליסטען צו זיך געצויגען, ווי די בערזע. ביידע זיינען אַ מיטעל צו רואינירען די קליינע קאפיטאליסטען, וואָס ווילען שנעל רייך ווערען. דאָס האָט מען ניט געוואגט געגען די גרויסע קאפיטאליסטען, ווי די פריהער דערמאָנטע, די פוגגערס, וואָס האָבען געפאכטען די שוואצער גאָלדבערג־ווערק*) אָדער די צוועקאויער סוחרים רעמער. די ברידער רעמער האָבען צוגענומען כמעט דעם גאנצען רוח פון די שנעעבערגער זילבערגרובען און אזוי אומגעהויער פארגרעסערט זייער רייכטום.

„ווער עס וויל בויען אַ בערגווערק", זאָגט מאטטהעזיוס (6טע פרעדיגט), „דער מוז האָבען געלד אָדער ארבייטזאַמע הענט, ווייל נאָר גאנץ רייכע אָדער גאנץ ארימע זאָלען זיך באשעפטיגען מיט פעלד־פראָדוקציע, מיט גראָבען א. א. ו." מיט אנדערע ווערטער, ביים בערגבוי, האָבען געקאָנט אַ לעבען מאכען נאָר גרויסע קאפיטאליסטען און פראָלעטאריער.

---

*) די אויגסבורגער פוגגערס האָבען נאָר פון די בערג־ווערק אין שוואַץ און טיראָל, וואָס מען האָט זיי גע־געבען אַלס משכן, געהאט אַ יערליכע הכנסה פון 200,000 פל.; אַ גע־זעלשאפט פון די אויגסבורגער האָכשטעטער האָט אויס די בערגווערק ארויסגעשלעפט צווישען 1511 און 1517 נישט ווייניגער ווי 149,770 מאַרק זילבער און 52915 צענטנער קופער. J. Jansen, Geschichte des Deidtschen Volkes, II. S. 290.)

## 3. די באַרגאַרבייטער.

אין דער זעלבינגער מאָס, וואָס די אַלטע, באַרגבויענדע מאַרק־נענאָסען ווערען קאַפּיטאַליסטישע געווערקען, ווערען די קנעכט, מיט וועלכע די מאַרקגענאָסען האָבען לכתחילה געאַרבייט ביים באַרגבוי, לוינפּראָלעטאַריער. זיי אַרבייטען נישט מעהר אינאייינעם מיט די באַלעבאַטים און לעבען נישט מעהר מיט זיי און זייער בני־בית, טיילענדיג מיט זיי פרייד און לייד. די אַלטע פּאַט־ריאַרכאַלישע פאַרהעלטנישען האָבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען. אָפט האָבען די שטיינקלאַפּער קוים געקאָנט דעם קאַפּיטאַליסט, פאַר וועלכען זיי האָבען געהאָרעוועט, למשל א רייכען סוחר אין א ווייטער שטאָט, וועלכער האָט פון באַרגאַרבייט אפילו קיין באַגריף נישט געהאַט.

אודאי, דאָרט וואו דער באַרגבוי־באַצירק איז אָפּגעזונדערט געוואָרען פון דעם בשותפות'יגען מאַרק און ערקלערט געוואָרען פאַר „פריי", איז דערמיט געשאַפען געוואָרען פאַר יעדען, אפילו פאַר'ן אָרימסטען, די מעגליכקייט צו ווערען א געווערקער. איז דאָס אָבער שוין געווען ריזיקאַליש פאַר אַזאַ בירגער, וואָס האָט געהאַט נאָר אַביסעל געלד, בפרט ביי די אומשטענדען, וואָס מיר האָבען באַשריבען אין פריהערדיגען קאַפּיטאַל. פאַר אַזוינעם, וואָס האָט גאָר נישט געהאַט איז דאָס געווען ממש אוממעגליך. העכסטענס א ש ט י י ג ע ר האָט געהאַט אַמאָל אויסזיכט אַזוי הויך אַרויפצוקומען.

אַז מיר פאַרגלייכען די צייט מיט די היינטיגע פאַרהעלט־נישען, זעהען מיר, אַז די לאַגע פון די באַרגקנעכט איז צום אָנהויב פון'ם 16טען יאָהרהונדערט נישט געווען קיין שלעכטע. די טעג־ליכע אַרבייטסצייט, די דויער פון די שיכטען, האָט אין דער רעגעל אויסגעמאַכט 7 שעה. (לויט א ג ר י ק אָ ל אַ, 4טער בוך.) די ערשטע שיכט האָט זיך אָנגעהויבען 4 אַזייגער אין דער פריה און האָט געדויערט ביז 11 אַזייגער; די צווייטע פון 12 ביז 7 אַזייגער. אַ נאַכטשיכט (פון 8 אַזייגער אָוועגט ביז אַרום 3 אין דער פריה) איז געווען דערלויבט נאָר אין אַ פאַל פון אַ גרויסער סכנה. קיין שום באַרגאַרבייטער טאָר נישט אַרבייטען קיין צוויי שיכטען איינע

נאָך דער אַנדערער, ווייל ער וועט ביי דער אַרבייט אַנשלאָפּען ווערען. „אַזוי ווערט ער מיד מחמת גרויסער און שווערער אַר־בייט".

אָבער נישט בלויז אין זונטאָג'ס און ימים טובים פלעגט נישט געאַרבייט ווערען, אויך שבתים פלעגט מען פייערן. דעם לעצטען טאָג האָט געדאַרפט די באַרגקלאַפּער באַנוצען, כדי איינצו־קויפען פאַר דער גאַנער וואָך. די וועכענטליכע אַרבייטסצייט האָט בכן באַטראָפען 35 שעה — זי איז געווען נאָך קירצער, אַז ס'איז געפאַלען אַ יום טוב אין מיטען דער וואָך; און אין ימים טובים איז דעמאָלט קיין מאַנגעל נישט געווען. נישט זעלטען פלעגען פאָרקומען נאָך קירצערע שיכטען, אַזוי אין ק ו ט ע נ ב ע ר ג און אין ה אַ ר ץ זיינען זיי געווען ז ע ק ס־ש ע ה'ד י ג ע*). ר י ג ע.*)

איבער די שכירות פון די באַרגאַרבייטער האָבען מיר אין די קוואַלען, וואָס מיר האָבען געקאָנט באַנוצען, נישט געפונען קיין פּרטים. ווען מיר גערענקען אָבער, אַז די אַלגעמיינע לאַגע פון די אַרבייטער אין 16טען יאָהרהונדערט איז בנוגע זייער מאַטעריעלען וואוילזיין געווען אַ בעסערע ווי היינט און אַז די בערגאַרבייטער האָבען פאַרנומען אַ וויכטיגען פלאַץ אין דער אַרבייטער באַפעלקע־רונג, קאָנען מיר מיט רעכט רעכענען, אַז זייערע שכירות זיינען געווען רעלאַטיוו גוטע.

אָבער שוין ווייזט זיך אין דער לאַגע פון די באַרגאַרבייטער ווי פון די לוינאַרבייטער בכלל אַ טענדענץ פון אַ מרידה. מיר האָבען אויבען געזעהן, אַז ביים באַרגבוי איז שוין אין 16טען יאָר־הונדערט איינגעטרעטען די אָפּטיילונג פון קאָפּאַרבייט און האַנט־אַרבייט. דאָס האָט פאַרקלענערט דעם אָנזעהן און די הכנסות פון די יענינע, וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט נ אָ ר מיט האַנט־אַר־בייט. מען האָט נעקאָנט אויף זייער אָרט לייכטער באַקומען אַן

*) פאַרגלייך דעם אינסטרוקטיווען אַרטיקעל פון ה. אַ פּ ע נ־ב אַ ד „די דייטשע בערגלייט פונם עבר" אין דער „צייטשריפט פאַר באַרגרעכט, אַרויסגעגעבען פון ב ר אַ ס ע ר ט און אַ פּ ע נ ב אַ ד, ב אָ ן, 12טער יאָרגאַנג, 1871, ז. 110.

אנערען, זיי האָבען געדאַרפט וועניגער לערנען, די באַשאַפונגקאָסטען פון זייער אַרבייטס־כח זיינען אין פאַרהעלטניש געוועזן קלענער. די אַ ר ב י י ט ס ט י י ל ו נ ג געהט וואָס ווייטער און דריקט אַלץ מער אַראָפּ די לאַגע פון די באַרג־אַרבייטער.

אַ אמת׳ער באַרגאַרבייטער זאָל אייגענטליך אַ סך פאַרשטעהן, אָבער זעלטען ווען עס געפינט זיך איינער, וואָס פאַרשטעהט די גאַנצע קונסט, באַקלאָגט זיך אַ נ ר י ק אָ ל א (1 טער בוך): „איהר וועט נאָר ווייניג געפינען אַזעלכע, וואָס פאַרשטעהען אין גאַנצען דעם באַרגווערק, ווייל געוויינטליך האָט איינער נאָר די קענטניש צו גראָבען, דער אַנדערער צו וואַשען, אַן אַנדערער אָבער פאַרלאָזט זיך אויף דער קונסט צו שמעלצען, אַן אַנדערער קאָן די קונסט פון מאַרקשיידען (אָפּטיילען די מאַרק), אַן אַנדערער מאַכט אַ קינסטליכען בוי, און אַן אַנדערער ווידער איז באַהאַוועגט אינ׳ם באַרגרעכט”.

ביי די פאַרשידענע מאַשינען איז געוועזן אַ רייהע פון אַרביטען, וואָס אַ יעדער קרעפטיגער מאַן האָט זיי געקאָנט טאָן אָהן אַ לאַנגער פאַרבערייטונג. ביים איבעראַרבייטען פון די מעטאַלען האָט מען שוין פאַרווענדעט אַ סך פרויענאַרבייט, אפילו קינדעראַרבייט, בפרט ביים קלייבען און וואַשען די מינעראַלען, ווי מיר קאָנען דאָס לעזען אין אַכטען בוך פון אַ ג ר י ק אָ ל אַ.

עס וואַקסט די צאָל פון באַשעפטיגונגען ביי דער באַרגאַרבייט, וואָס יעדער האָט זיך איהר אויסגעלערנט לייכט און גיך אָהן שום הקדמות וואָס איז אָפען געוועזן פאַר יעדען איינעם מיט געזונטע אברים.

וואָס עס האָט זיך י ו ר י ד י ש אָנגעהויבען מיט דער אָפּזונדערונג פון די באַרג־ווערקען אויס דער בשותפות׳דיגער מאַרק, איז אייגענטליך ערשט רעאַליזירט געוואָרען דורך דער טעכנישער אַנטוויקלונג; די צולאָזונג פון אַ ל ע צו דער באַרג־אַרבייט.

אין מענשען, וואָס האָבען אַ געברויך געמאַכט פון דער צולאָזונג, איז קיין מאַנגעל נישט געוועזן. באַנקראָטע, פאַראָרימטע פויערים און שטאָטישע פּראָלעטאַריער האָבען פונקט אַזוי גערן, — אויף וויפיל זיי זיינען נישט געוואָרען קיין וואַנאַבונדען אָדער לאַנד־קנעכט, — געוואַנדערט אין די גאָלד־

און זילבער בארג־ווערקען פון זאקסען, בעהמען, זאלצבורג און טיראָל, ווי די פויערים האָבען זיך א לאָז געטאָן זייט דעם יאָר 1849 קיין קאַליפאָרניען. די מייסטע בארג־לייט, מיינט אגריקאָלא, פארשטעהען גאָר נישט פונ'ם בארג־ווערק, „ווייל ס'רוב לויפען די יעניגע צו בארג־ווערק, וואָס האָבען א סך חובות און האָבען נישט מיט וואָס צו באצאָלען; אָדער סוחרים, וואָס זיינען אויפגעקומען; אָדער אזעלכע, וואָס זיינען אנטלאָפען פונ'ם אקער צוליב דער ארבייט".

לוטהער'ס פאָטער, א בארגארבייטער אין מאנס־פעלדישען בארגווערק, איז אויך געווען א רואינירטער פויער.

וואו א זילבער בארגווערק איז געווען אין באטריב, פלעגט שנעל צונויפשטרעמען א גרויסע צאָל מענשען, ווען אין דעם שנייבארג אין זאקסען זיינען געפונען געוואָרען רייכע זילבער־אָדערן, איז דאָרט אנטשטאנען אין 1431 א גאנצע שטאָט ווי דורך א כשוף. ווען מ'האָט אָנגעהויבן אין 1516 צו ארבייטן אין בארג־ווערק אין יאָאכימסטאָל, זיינען דאָרט זיך צונויפגעקו־מען מער ווי 8000 מענשען.

אין נויטיגע ארבייטס־כחות איז קיין מאנגעל נישט געווען. קיין חידוש נישט, וואָס די שכירות זיינען געפאלען, אָדער לכל הפחות נישט געוואקסען, הגם די פרייזען זיינען אין אָנהויב פון 16טען יאָרהונדערט שנעל געשטיגען.

די געווערקען און די לאנדפירשטליכע באאמטע האָבען נאָך פארשארפט די טענדענץ, וואו זיי האָבען נאָר געקאָנט. אזוי האָבען זיי נישט נאָר דעם געלט־לוין ווי ווייט מעגליך געדריקט, נאָר פלעגען נאָך דערצו אָפּרייסען די ארבייטער א היבשען חלק דורך פארשידענע קונצען און באטריגערישע שפיצלעך, דורך אויסצאָלען מיט נידעריגערע מטבעות און דורך דעם טרוק־סיסטעם.*)

אזוי ווערט דערצעהלט פונ'ם שנייבארג אינ'ם סוף פונ'ם 15טען יאָרהונדערט, „אז די שנייבערגער זילבער הכנסות האָבען זיך אזוי פארמערט, אז דער מעטאל האָט נישט

---

*) א סיסטעם צו אויסצאָלען דעם לוין מיט פּראָדוקטען.

נעקאָנט אין גאַנצען פאַרמינדערט ווערען, האָבען די געווערקען אָנ־געהויבען אַרויסצופירען אין אַנדערע ערטער דאָס אויסגעשמאָל־צענע רויהע זילבער און אויסבייטען עס פאַר מטבעות מיט אַ קלע־נערען ווערט, מיט וועלכע זיי פלעגען באַצאָלען, אָדער ריכטיגער, באַטריגען די בארגלייט".*)

אוגוסט פון זאַקסען'ס בארג־תקנות, פון 1574, וואָס מיר האָבען שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, האַלטען פאַר נויטיג צו באַ־שטימען אין אַ באַזונדערען אַרטיקעל, אַז די אַרבייטער מוז מען צאָלען מיט גוטע מטבעות. אַרטיקעל 43 פאַרבאָט די ש ט י י־נ ע ר ס און ש י פ ט מ י ס ט ע ר ס צו נעמען די אַרביי־טער אויף קעסט.

אַקעגען דעם טרוק־סיסטעם זיינען בכלל תקנות אַרויסגעגעבען געוואָרען, אַ סימן, ווי זעהר ס'איז געווען פאַרשפּרייט. געוויינליך איז אָבער נאָר געווען פאַרבאָטען דאָס א ו י פ צ ו ו י נ ג ע ן פון סחורות. אַזוי ווערט אין די טיראָלער בארג־תקנות פון 1510 גע־זאָגט: „קיין שום אַרבייטער זאָל ניט ווערען גענויטיגט אָדער גע־צוואונגען צו מוזען נעמען סחורה אַלס באַצאָלונג פאַר זיין לוין, נאָר דאָס זאָל זיין אָפּהענגיג פון זיין ווילען, און אויב אַן אַרביי־טער וויל נישט נעמען קיין סחורות און קלאָגט וועגען זיין לוין, זאָלסט דו אַלס אונזער בארג־שופט איהם זיין באַהילפליך, ווי עס שטעהט געשריבען אין בארג־רעכט, לויט די תקנות איהם דער־לויבען צו קלאָגען און אַרויסגעבען אַ פּסק דין".

עס ווייזט אָבער אויס, אַז די דאָזיגע תקנות זיינען געבליבען אויפ'ן פּאַפּיר. מיר טאָרען נישט פאַרגעסען, אַז די לאַנדפירשט־ליכע באַאמטע האָבען געהאַט אַן אַנטשיידענע השפּעה אויף דער הויך פון די שכירות און אויף דער באַהאַנדלונג פון די בארג־לייט, אַז ס' האָט בכן אָהן זייער הסכמה גאָר נישט געקאָנט קומען דער־צו, דעם לוין קלענער צו מאַכער אָדער עפּעס פון איהם אָפּצורייסען.

דערפאַר אויך האָבען די אַרבייטער באַטראַכט די פירשטען און זייערע באַאמטע, ווי אויך די געווערקען פאַר אַזעלכע נרויסע

---

*) ע. ה ע ר צ אָ ג, I, Chronsh der Kreisstadt Zwichau, ז. 201.

שונאים. מיט די ק ל י י נ ע געווערקען האָבען זיי אפילו גע־האט א סך באַרירונגס־פּונקטען, וואָס האָבען זיי פאַראייניגט. דער אידעאַל פון אַ באַרגאַרבייטער איז, אמת, באשטאַנען דאַרין, אליין אַמאָל צו ווערען אַזאַ געווערק. מיר האָבען אָבער געזעהן, ווי די פירשטען, זייערע באַאַמטע און די גרויסע קאַפּיטאַליסטען נוצען אויס די קליינע געווערקען און זוכען זיי צו באַשווינדלען און מאַכען זיי דעם צוטריט צו די רייכע גרובען שווערער, יאָ, אָפט אוממעגליך, דערמיט פאַרקלענערען זיי אויך די שוין אַזוי אויך קליינע אויסזיכטען פון די באַרגאַרבייטער זיך אַמאָל צו דער־הויבען אויס׳ן פּראָלעטאַריאַט. די קליינע געווערקען און די אַר־בייטער האָבען גראָד אַזוי די זעלבע געגנער, ווי היינט די בעל־מלאכות און די אַרבייטער. דאָס פירט דערצו, אַז זיי דערהויי־בען זיך אָפט פ א ר א י י נ י ג ט געגען זייערע בשותפות׳דיגע שונאים, די פירשטען און גרויסע קאַפּיטאַליסטען, בפרט אין די אַלפּענבאַרג־ווערק געפינען מיר די פאַרבינדונג זעהר אָפט.

אם ערגסטען פלעגט זיין די פאַרבינדונג צווישען אַרבייטער און געווערקען אין בערגווערק, וואו דער קליינבאַטריב האָט זיך דערהאַלטען, צ. ב. ש. אין אייזען־שטיין־באַרגווערקען. דער גע־ווערק אַרבייט דאָ אַליין, ער באַשעפטיגט ס׳רוב נישט קיין לוין־אַרבייטער אין זיין מינע, נאָר די פאַמיליען־מיטגלידער. אָבער אויך אין אַזעלכע באַרג־ווערקען אַנטוויקעלט זיך אָפט אַ סתירה צווישען די אַרבייטער און די קאַפּיטאַליסטען. ווען, למשל, דער קליינבאַטריב האָט זיך דערהאַלטען אין די אייזענשטיין־ג ר ו ב ע ן, זיינען דאָך די אייזען ה ו ט ע ס געוואָרען גרויסע באַטריבען אויף אַ קאַפּיטאַליסטישען שטייגער און די אייזענשטיינגרובען פאַלען באַלד אריין אין אַ פולשטענדיגער אָפּהענגיגקייט פון די הוטעס, אַזוי, אַז די כלומרשט זעלבסטשטענדיגע באַשאַנקענע, וואָס האָבען באַאַרבייט די גרובען, ווערען פונקט אַזוי לוינשקלאַפען פון די ה ו ט ע ־ב א ז י צ ע ר, ווי אַן ערך היינט די „זעלבסט־שטענדיגע” גריפעל־מאַכער פונ׳ם מ י י נ ו נ ג ע ר א ו י ב ע ר־ל א נ ד, וואָס זיינען שקלאַפען פון זייערע פאַרלעגער.

די שאַרפסטע סתירות צווישען באַרגאַרבייטער און געווער־קען זיינען באַשטאַנען אין די גאָלד־ און זילבערגרובען. זיי האָ־

בען אויך אמערסטען נעהאט צו ליידען אונטער׳ן דרוק פון דער לאנד־פירשטליכער ביוראָקראטיע. דערפאר אָבער זיינען גראד אין אַזעלכע בארגווערק אויף די ארבייטער געווען אַם מערסטען ווידערשטאַנד־פעהיג.

די באַרגאַרבייטער זיינען געווען די איינציגע ארבייטער, וואָס האָבען שוין גאָר פריה אינאיינעם געארבייט אין מאסען — אין דעם פרט, ווי אין אַ סך אַנדערע, קאָנען מיר זיי פארגלייכען צו די אַרבייטער פון דער מאָדערנער גרויס אינדוסטריע. שוין אין מיטעל־אַלטער באַרעכענט מען די צאָל פון די אַרבייטער אין אַ גרויסען בארגווערג אין די טויזענדער, בפרט אין די זילבערבארג־ווערק, אזוי אינ׳ם ה א ר ץ, אין פ ר י י ב ע ר ג, אין א י נ ל ו י און ק ו ט ע נ ב ע ר ג*), שפּעטער אויך אין מ אַ נ ס פ ע ל ד י ש ע ן**), אַ. אַ. וו.

צום חילוק אָבער פון די מאָדערנע ארבייטער זיינען אַלע בארגבייטער געווען ב אַ ו ו א פ ע נ ט. נאָך אינ.ם יאָר 1530 איז קארל דער 5טער אויפגענומען געוואָרען אין ש ו ו א ץ (טיראָל) פון 5600 גוט באַוואפענטע בארגלייט, וואָס האָבען פאר זיינע אויגען אויפגעפירט אַ שפּיל.

פון די מ אַ נ ס פ ע ל ד י ג ע באַרגלייט, וואָס האָבען אין טורינגישען אויפשטאנד געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָל דער־צעהלט אונז ש פּ אַ נ ג ע נ ב ע ר ג, אַז מען האָט זיי אין 1519 גערופען צום פריזיוו: „גראף ג ע ב ה א ר ט פ ו ן מ אַ נ ס־פ ע ל ד האָט דעמאָלט, — בשעת זיין ברודער, גראף אַ ל ב־ר ע כ ט איז געווען אין ב ר ו י נ ש ו ו י י ג ביים הערצאָג

---

*) אַ פּ ע נ ב אַ ך, Wie deutschen Bergleute der Vergangenheit,

**) „די באַרגלייט און מאנספעלדישען באַרג ווערק", זאָגט ביערינ־גען, „באַקומען מייסטענס אַלע 14 טעג זייערע ריכטיגע באַצאָלונג אין באַרג־אַמט און אויסלעבען, וואו עס פלעגען פארצייטען פּאַרטיילט ווערען אַלע לוינטעג ביז 18—20,000 טאָלער פאר די בארגלייט, אַרבייטער, באַרג־דינער, א. א. וו." יאָהאַן אַלבערטי ביערונגס, S. S. Theol, Cultor und Manszfeldischen Landes-kindes Historische Beschreibung des schi alten und loblichen Manszfeldischen Zeng-werks,

לייפּציג אונסלעבען, 1743, ז. 8.

ה י י נ ר י ך, — אין זיין אייגענעם נאָמען, אין זיין ברודער'ס און זיינע שוועסטערקינדער'ס נעמען, ארויסגעגעבען א באַפעל צו די באַרגלייט אַז אַ יעדער מוז זיין גרייט צו קומען מיט זיין בעסטען כלי זין, ווען מען וועט זיי רופען. דערצו האָבען זיי מלא שמחה מסכים געוועזן און דער באַרג־שופט פון א י י ז ל ע ב ע ן, באַסטיאַן מ ע ד ע ל ו ו י ץ, האָט זיי אַלע גערופען, דעם 21טען סעמטעמבער, אויף א פעלד ביי ו ו י מ ע ל ב ו ר ג אויף אַ רעוויזיע. ער האָט זיי איבערגעקוקט און געפונען, אַז זיי זיינען נישקשה'דיג באַוואַפענט" *).

אין די דאָזיגע באַוואַפענטע ארבייטער באַטאַליאָנען האָט געהערשט אַ ווידערשפּענסטיגער, מוטיגער גייסט, און זיי זיינען שטענדיג געוועזן גרייט זיך אקעגען צו שטעלען מיט געוואלט געגען יעדער קריוודע, וואָס האָט זיי באַגעגנט. וואָס שאַרפער ס'איז געוואָרען די סתירה צווישען זיי און די קאַפּיטאַליסטען און פירשטען, וואָס האָבען באַהערשט דאָס באַרגוועזען אַלץ אָפטער זיינען געוועזן זייערע אויפשטאַנדען**). אין די קראָניקען פון יענער צייט זיינען פאַרשריבען זעהר אַ סך אויפשטאַנדען פון די באַרגאַרבייטער גראָד אין די לעצטע יאָרצענער און יאָהרען פאַר'ן אויסברוך פונ'ם פויערנקריג, אַ סימן, ווי געשפּאַנט די סיטואַציע איז געוועזן.

---

*) ציריאַקוס ש פּ אַ נ ג ע נ ב ע ר ג, Laehsische Chroniea.

**) לעבען די אייגענטליכע באַרגאַרבייטער זיינען, וויזט אויס, כפרט די באַרג־קאָוואַלעס געוועזן אַ ווידערשפּענסטיג אומה'לע. פאַר אַלטערס האָבען זיך באַזעצט באַרג־קאָוואַלעס אין שכנות פון וויכטיגע באַרג־בוי פונקטען, וואָס פלעגען צוגרייטען דאָס באַרג־געצייג און דאָס אייזערנע גרובענגעצייג. שוין די קוטענבערגער באַרג תקנות (1 ג. 16) — אַרויסגעגעבען געגען 1300 — רעדט באַריכות פון די באַרג־קאָוואַלעס, באַצייכענט זיי אַלס די הויפּט רעבעליאַנטען אויף די באַרג־ווערק און האָט רעקאָמענדירט די קאָוואַלמייסטערס מיט ישוב הדעת אויסצוקלייבען זיך אזעלכע געזעלען „וואָס באַטייליגען זיך נישט אין אסיפות אָדער פאַרשווערונגען אָדער וועלכע ניט אקציעס געגען דער מלוכה contra nostram rempublicam aliguibus machinationibus)'' Das deutsche Bergecht, 204.3, I. אָפּגעבאַך.

אלס ביישפיל ווילען מיר דערמאָנען די לוינקעטטען אין די זאַקסישע בארגווערק.

אין 1478 שרייבען די דוקסען ערנסט און אלברעכט פון זאַק־סען צום ראט פון פ ר י י ב ע ר ג : „ליבע געטרייע! עס איז אונז באוואוסט געווארען, אז די ארבייטער אויפ'ן שנייבארג און אין אנדערע ערטער און אן אנדער פלאץ אין פירסטענטום, וואו עס ווערען געבויט בארקווערק, פארלאנגען מער לוין, ווי עס איז זיי ביז איצט געצאָלט געוואָרען. אויב מען זאָל דאָס דערלויבען, דולדען און זיי נאָכגעבען, וואָלט פאר אונז און פאר די אונזרינגע אין עתיד אנטשטאנען און ארויסגעוואקסען אַ גרויסער שאָדען. כדי דאָס צו פארהיטען, האָבען מיר בדעה ווענען דעם זיך דורכ־צורעדען מיט די מבינים אין דעם ענין פון אונזער פירשטענטום, כדי צו פארפאסען און ארויסצוגעבען אלגעמיינע תקנות, וויפיל מען דארף געבען אַ יעדען ארבייטער לויט זיין פארדינסט און ארביים. דערפאר פאָדערען מיר אייך אויף, איהר זאָלט זיין ביי אונז אין ד ר ע ז ד ע ן אויף דינסטאָג, נאָך דעם זונטאָג א ק ו ל י און מיטברענגען מיט אייך צוויי אָדער דריי בארג־עקספערטען, וואָס זיינען מבינים אויף ארבייט און לוין פון די ארבייטער. אויף דעם טאָג האָבען מיר אויך אנדערע עקספערטען באפוילען אהער צו קומען... ארויסגעגעבען אין ד ר ע ז ד ע ן, מאָנטאָג נאָך רעמיניסצערע, 1478"**).

די ארבייטער זיינען, פאָלגליך, ניט צוגעלאָזען געוואָרען צו די פארהאנדלונגען. מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיגט — ווייסען מיר ניט. שוין אין דעם יאָר 1496 שרייבט מען: דעמאָלט האָבען זיי (די מינען־ארבייטער) פאריאָגט די ריכטער און שופטים פון ש נ ע ע ב ע ר ג, ווייל מען האָט ביי זיי געוואָלט אראָפּ־דינגען אַ גראָשען פון דעם לוין. אן אנדער טייל האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין ש ל ע ט ו י און קיין ל ו ס נ י ץ אויך קיין ג י י ע ר. דער דעמאָלסטיגער הויפטמאן פאָן פלאניץ האָט גע־מוזט, מיט דער הילף פון די פויערים, פארכאפען שנעעבערג. אין

*) אָפּגעדורקט ביי קלאָטצש, Ursprung des Bergwerke in Sachsen ז. 87.

פיר טעג ארום איז שוין א טייל פון די ארבייטער צוריקגעקומען צו דער ארבייט. פונדעסטוועגן חזר'ט זיך דער אויפשטאנד איבער שפעטער מיט צוויי יאָר. אינ'ם יאָר 1498 באַפעהלען די מינען ארבייטער די האָספּעלער און די העלפער זיי נאָכצוגעהן, אויב זיי ווילען ניט צוהאקט ווערען אויף שטיקער. זיי לאָזען זיך אוועק געגען די צוויקויער און די פלויאינער ארביי־טער, וואָס זיינען קעגען זיי מאָביליזירט געוואָרען. אבער סוף כל סוף האָט מען די בונטאָווטשיקעס בארוהיגט מיט גוטע רייד.

אינ'ם יאָר 1496 מאכען אויך די קוטענבערגער מינען־אר־בייטער אַן אויפשטאנד אַלס רעזולטאט פון לוין־סכסוכים, לאָזען זיך ארוים פונ'ם שטאט באוואפענט, שלאָגען אויף זייערע גע־צעלטען אויף א דערבייאיגען בארג און שטעלען דאָרט ארוים זיי־ערע פאָנען. אָבער זיי האָבען דאָך געמוזט זיך אונטערגעבען.

עס זיינען פאראן ידיעות וועגען אויפשטאנדען צווישען די מינען־ארבייטער פון יאָאכימסטאל א קורצע צייט פאר ז'עם אויס־ברוך פון דעם פויערים־קריג.

אין דעם יאָר 1516 צובליט זיך די מינעריי (מינען־ארבייט) אין יאָאכימסטאל. מאטעזיוס דערצעהלט אין זיין בוך "Chronica der freyen Bergstadt in Ioachimstahl" וועגען אַן אויפשטאנד, וואָס איז פאָרגעקומען שוין אינ'ם ערשטען יאָר פון דער מינעריי.

אינ'ם יאָר 1517 האָט אויסגעבראָכען דער ערשטער אויפ־שטאנד פון די מינען־ארבייטער, בעת זיי זיינען אינ'ם טאָג פון מארגארעטע אוועק אין וואלד אריין...

אינ'ם יאָר 1522 איז געווען דער צווייטער אויפשטאנד, בעת זיי זיינען אוועק קיין טיורקנער.

אין דעם יאָר 1524 ווערט ווידער דערמאָנט „אַן אויפשטאנד פון די מינען־ארבייטער אינ'ם פערטען שבת נאָך פאסכא, וואָס ווערט אונטערדריקט דורך גראף אַלעקסאנדער פאָן לייסניק".

אָבער פון די אַלע קאמפען וואקסט נישט ארויס נישט ביי די מינען־ארבייטער, נישט ביי די האנטווערקגעזעלען קיין באוועגונג, וואָס זאָל זיין רעוואָלוציאָנער אין אירע צילען.

און כאָטש די מינעריי איז אין 15טען און 16טען יאָר־

הונדערט טעכניש און עקאנאמיש געווען א סך מער ענטוויקעלט, ווי אלע אנדערע צווייגען פון דער פראדוקציע אין יענער צייט, הגם זי האט זיך אם מייסטען דערנענטערט צו דער קאפיטאליס־טישער גרויס־אינדוסטריע, פונדעסטוועגן זיינען נישט א י ר ע ארבייטער געווארען די אנפירער פונ'ם פראלעטאריאט.

די סבה דערפון מוזען מיר זוכען אינ'ם כאראקטער פון דער מינעריי. זי האט איזאלירט אירע ארבייטער אין געבערגסטאלען אהן וועגען *), ווייט פונ'ם וועלט־פארקער, ווייט פון די באלעבטע מיטעלפונקטען פונ'ם האנדעל, אפגעזונדערט זיי פון זייערע חברים אין אנדערע געגענדען, אפגעזונדערט זיי פון די איבעריגע אונטער־דריקטע און עקספלואטירטע פאלקס־שיכטען, פארשמעלט זייער האריזאנט אדער לכל הפחות נישט דערלאזט אים זיך אויסברייטען, באגרעניצט זייערע אינטערעסען אויף די קליינסטע לאקאלע אדער פאכאווע אנגעלעגענהייטען.

אמת, מען האט זיי עקספלואטירט און זיי זיינען געווען אומ־צופרידען, אמת, זיי האבען נישט מורא געהאט צו פארטיידיגען זיי־ער רעכט מיט'ן שווערד אין דער האנט, און זיינען אפילו געווען גרייט זיך אנצושליסען אן א רעוואלוציאנערער באוועגונג, יא, זיך צו שטעלען אן דער שפיץ, אבער נאר דעמאלט, ווען זייערע בא־שרענקטע מאמענט־אינטערעסען האבען זיך צופעליג צונויפגעטרא־פען מיט דעם אינטערעס פון דער כלל באוועגונג. אהן אחריות לא־זען זיי די באוועגונג פונ'ם כלל און אירע אנפירער אין שטיב, ווי נאר זייערע מאמענט־אינטערעסען זיינען פארענטפערט, ווי באלד מען האט זיי צופרידענגעשטעלט בנוגע לוין־ און ארבייטס־פאר־העלטנישען.

א דאנק זייער אפגעשלאסענקייט האבען די מינען־ארבייטער כמעט נאך בולט'ער אנטוויקעלט די צעכאווע אפגעזונדערטקייט, ווי די שטאטישע האנדווערקגעזעלען. זיי האבען זי אם לענגסטען אפגעהיט, ביז צו אונזערער צייט.

---

*) **טאנכע פון די אלטע גאלד־בארגווערק אין די טאווערען זיינען געווען אין דער גלעטשער געגענד.**

## פערטער קאפיטעל.

# קאפיטאל און ארבייט אין דער וועבעריי.

נאָך וועניגער ווי די האַנדוועררקגעזעלען און מינען־אַרבייטער זיינען — פאַרשטעהט זיך— די נישט־אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַריער מאַסען געווען ביכולת צו אַנטוויקלען אַן אמת'דיג רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק און זי קאָנסעקווענט און עקשנות'דיג דורכצופירען. זיי האָבען זיך נישט געפילט אַלס אַ נייער, שטייגענדער קלאַס, נאָר ווי צעפּאַלענע שטיקלעך פון אַראָפּגעקומענע קלאַסען. און טאַקע מיט זיי פאַרקניפּען זיי זייערע סימפּאַטיעס, קודם כל מיט די פּויערים, פון וועמעס סביבה זיי קומען טאַקע אָפּט אַרויס. זיי בלייבען אומפעהיג זיך צו שטעלען אייגענע צילען און צו שוואַך אַ ציל אַליין צו דערגרייכען, ווייל זיי זיינען צוטיילט, דערשלאָגען און צעבראָכען. נאַטירליך, זיינען זיי געווען אומצופרידען מיט דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, אָבער מיר קאָנען זיך דאָס נאָר משער זיין פון דער גרייטקייט, מיט וועלכער זיי פלעגען צושטעהן צו יעדען רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד. שטענדיג זיינען זיי גרייט געווען צו מאַכען יד־אחת מיט די פּויערים אין צייט פון אַן אויפשטאַנד. זיי באַטייליגען זיך אויך אין אַ קאָמוניסטישער באַוועגונג, אויב אַזעלכע איז נאָר ערגעץ וואו אַנטשטאַנען. אָבער די איניציאַטיוו פון אַזאַ באַוועגונג אָדער בכלל די אידעע פון אַ סאָציאַלער איבער־קערעניש, האָט פון זיי נאָך נישט געקאָנט אַרויסקומען.

נישט די מינען־אַרבייטער, נישט די האַנדוועררקגעזעלען, נישט די אומאָרגאַניזירטע שטאָטישע פּראָלעטאַריער זיינען געווען מסוגל צו זיין די אָנהויבער פון דער קאָמוניסטישער אַרבייטער באַוועגונג. נאָר א י י ן אַרבייטער שיכט האָט עקזיסטירט, וועמען די פאַר־העלטנישען האָבען נישט נאָר געמאַכט פעהיג אויפצונעמען קאָ־מוניסטישע טענדענצען, נאָר אויך אַריינגעגעבען אין אים דעם נוי־

טיגען גייסטיגען ברען, צו שאַפען פון די דאָזיגע טענדענצען אַ גייעם געזעלשאַפט־אידעאַל. גלייכצייטיג באַשאַפען זיי אין אים אויך די נויטיגע ענערגיע, נישט אָפּצוזאָגען זיך פון דעם אידעאַל אפילו דעמאָלט, ווען עס איז אוממעגליך דער אידעאַל זאָל מקוים ווערען. דאָס זיינען געווען די אַרבייטער פון דער *טעקסטיל אינדוסטריע*, ספּעציעל די *וואָלוועבער*.

נאַטירליך, מוז מען פאַרשטעהן Cum Grano Salis ווען מען באַהויפּטעט היינט, און מיט רעכט, אַז דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט איז דער טרעגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, הייסט עס נאָך ניט, אַז עס קאָנען זיך אין איר נישט באַטייליגען און אָפּטמאָל זעהר ענערגיש באַטייליגען, מיטגלידער פון אַנדערע קלאַסען, קליינבירגער, ליטעראַטען, פאַבריקאַנטען וכדומה. אַ טייל פון זיי קאָן אַפּילו זיין אין דעם סאמע אויבען־אָן פון דער באַוועגונג. דאָס מיינט אָבער אויך ניט אַז יעדער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריער איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

מיט אַזעלכע תנאים דאַרף מען אויך אויפפאַסען דעם זאַץ, אַז די אַרבייטער פון דער טעקסטיל אינדוסטריע זיינען געווען די ערשטע פון דער קאָמוניסטישער אַרבייטער באַוועגונג. מיר וועלען נאָך זעהן, אַז אויך אַנדערע עלעמענטען האָבען זיך אין איר באַטייליגט; אויך וואָלט עס געווען אַ נאַרישקייט צו באַהויפּטען, אַז יעדער וועבער איז געווען אַ קאָמוניסט. אָבער ווי ווייט מיר קאָנען דורכפאָרשען אָט די באַוועגונג און אויף וויפיל מיר האָבען וועגען איר גענויע ידיעות, געפינען מיר די וועבער שטענדיג אין דער באַוועגונג טעטיג, שטענדיג אין איר באַטייליגט, און דאָס איז דאָך זיכער נישט קיין צופאַל.

לויט אונזער מיינונג וועט די דערקלערונג פון דער דאָזיגער ערשיינונג זעהר לייכט זיך איינגעבען ווען מען זאָל זיך צוקוקען צו דער אנטשטעהונג פון דער וואָל־אינדוסטריע.

מיר לאָזען דאָ אינגאַנצען אויס די אַנדערע פאַכען פון דער טעקסטיל אינדוסטריע, די לייווענט־באַוועל־און זייד אינדוסטריע, ווייל, וואָס איז שייך אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג אין מיטעל־אַלטער, קאָנען זיי זיך מיט דער וואָל־אינדוסטריע נישט גלייכען. דאָרט,

וואו די לייוועגט און באוועל וועבעריי האָט זיך אנטוויקעלט צו עקספּאָרט־אינדוסטריען, ווי אין א ו ל ם און א ו י ג ס ב ו ר ג, ווייזען זיי אין עצם ארוים דיזעלבע קאפּיטאַליסטישע אייגענ־ארטיגקייטען, ווי די וואָל אינדוסטריע. דאָס זעלביגע קאָן מען אויך זאָגען וועגען דער איטאַליענישער זייד־אינדוסטריע*).

„צווישען אלע פאכען פון דייטשלאנד פארנעמט פון שטענ־דיג אָן דעם אויבענאָן די וואָל מאַנופאקטור. זי האָט אין מיטעל־אַלטער משפיע געווען אויף דעם כח און בליהען פונ'ו בירגער־טום. אוף דעם אימפּאָרט פון די נוויטיגע רוימאטעריאלען און אויף דעם עקספּאָרט פון אירע פּראָדוקטען האָט זיך געשטיצט די ים־מאכט פון דער האַנזא און דער אמאָליגער דייטשער וועלט־האנדעל. דער וואוילשטאנד, וואָס האָט זיך דורך איר פאר־שפּרייט איבער דער וועלט האָט פיל געהאָלפען דער דייטשער מלוכה פאר די לעצטע יאָרהונדערט פונ'ם מיטעלאַלטער צו באַפעס־טיגען איר מאכט און ראָלע. די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון דער דייטשער וואָל אינדוסטריע איז דערפאר פיל ברייטער, ווי די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון דער גאנצער אינדוסטריע־צווייג; זי איז אין דערזעלבער צייט די געשיכטע פון דערווירט־שאפטליכער קולטור פון דייטשלאנד. יאָ, עס שפּיגעלט זיך אין איר אָפּ דער גאנג פון אונזער נאציאָנאלען לעבען".

מיט די ווערטער הויבט זיך אָן אן אָפּהאנדלונג פון ה י ל־ד ע ב ר א נ ד „צו דער געשיכטע פון דער דייטשער וואָל אינ־דוסטריע**). מיט א קליינער באשרענקונג איז דאָס גאר קיין גוזמא נישט; די באשרענקונג איז, אז די שטעלונג פון דייטשלאנד אין וועלט האנדעל איז געווען א פועל יוצא נישט נאָר פון דער וואָל אינדוסטריע נאָר אויך פון דער מינען־אינדוסטריע, וואָס האָט אין געוויסע צייטען, למשל אין אָנהויב פונ'ם 16טען יאָרהונדערט, נאָך

*) פגל. דאריבער ר אָ מ אָ ל אָ ג ר אַ ף ב ר אָ ג ל י אָ ד'אַ־נ אַ נ אָ, „די וועניציאנישע זייד־אינדוסטריע און איר אָרגאַניזאציע ביז צום סוף פונ'ם מיטעלאַלטער", שטוטגאַרט, 1893.

**) אין הילדעבראַנד'ס יאָרביכער, יענאַ, 1866, 4 באַנד, ז. 186 א. וו.

שטאַרקער געווירקט אויפ'ן ווירטשאַפטליכען לעבען פון דייטש־לאַנד, ווי די וואָל אינדוסטריע.

אַ פאַקט איז, אַז אין דייטשלאַנד איז זי געווען די ערשטע עקספּאָרט אינדוסטריע. אַזוי איז דאָס געווען בכלל אין די מערב־איירָאָפּעאישע קריסטליכע לענדער.

א חוץ לערער און פעל פלעגט מען אין מיטעל־אַלטער באַנוצען לייווענט צו באַקליידען זיך. וואָלענע שטאָפען זיינען געווען אַ לוקסוס־זאַך און בלויז די פארנעמסטע האָבען זיך געקאָנט ערלויבען מיט זיי זיך צו באַנוצען. די לייווענט־וועבעריי איז קודם געווען אַ פאַמיליען אינדוסטריע. די פרויען פלעגען אַליין אויסוועבען די לייווענט, וואָס איז נויטיג געווען פאַר'ן אייגענעם גע־ברויך. להיפך, די אויסארבייטונג פון וואָל האָט געמוזט אויפ־הערען צו זיין אַ פאַמילען־אינדוסטריע, ווי נאָר זי האָט זיך אַבי־סעל אַנטוויקעלט, ווייל דערצו דאַרף מען גרעסערע איינריכטונגען: פאַרבהייזער, מילען, שער־פלעצער א. אז. וו. נאָר גרויסע אָרגאַניזאַ־ציעס, מאָנאַסטירען, שטאָטישע געמיינדען אָדער צעכען, זיינען געווען ביכולת די דאָזיגע איינריכטונגען צו שאַפען.

די ערשטע וועבער (מענער) געפינען מיר אין די מאָנאַסטירען די לעצטע האָבען ווארשיינליך אַם מערסטען געהאָלפען דער פאַרשפּרייטונג פון דער וואָל אינדוסטריע אין דייטשלאַנד, ווי בכלל זיינען די מאָנאַסטירען אין אָנהויב פון מיטעל־אַלטער גע־ווען די טרעגער פון טעכנישען פּראָגרעס אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט. פאַלש איז די „אויפגעקלערטע" אַנ־שויאונג, אַז די מאָנאַכען האָבען זייער ממשלה באַגרינדעט דורך דאַוונען און איבערשרייבען עוואַנגעליעס.

אין מאָנאַסטירען פון ק אָ נ ס ט אַ נ ץ, שוין אין 9טען יאָר־הונדערט ווערט דערמאָנט וועגען וואַלגערערס און שניידער פון קאָנסטאַנצער מאָנאַסטיר. די מאָנאַכען האָבען אויס־געלערענט די איינוואוינער פון ב אָ ד ע נ ז ע ע צו וועבען וואָל און זיך קליידען אין וואָלענע שטאָפען *). אינ'ם 11טען יאָר־

*) צ. ג. ר ע ה ל ע ן, „געשיכטע פון די האַנטווערקען און גע־ווערבען", לייפּציג, 1856, ז. 97.

הונדערט ווערט די וועבעריי נאָך נישט דערמאָנט באַזונדער אין די סטאַטוטן און תקנות פון די מאָנאַסטירן. אָבער אין 12טן יאָרהונדערט באַקומט זי שוין פאַר די מאָנאַסטירן אַזאַ באַדייטונג, אַז אין זייערע תקנות פון דעם יאָרהונדערט ווערט דער וואָל־האַנדעל, דאָס אָפּגעבן זיך מיט דער וואָל גופא און אויך דאָס וועבן, פאַרצייכנט אַלס רעגעלמעסיגע באַשעפטיגונגען פון די מאָנאַסטירן־ברידער, ספּעציעל קאָן מען דאָס זעהן אין די באַשלוסן און תקנות פונ׳ם ציסטערציענזער אָרדן, וואָס האָבן אַ שייכות צום 12טן יאָרהונדערט״, (ש מ אָ ל ל ע ר, דער שטראַסבורגער צעך פון טוכערן און וועבער, ז. 301). די ציסטערציענזער האָבן טאַקי געמאַכט די פאַבריקאַציע פון טוך פאַר זייער ספּעציאַליטעט. „געגרינדעט אין אָנהויב פונ׳ם 12טן יאָרהונדערט אין די מערב־טיילן פון דער דייטשער מדינה, וואו עס געפינט זיך אַ פאַרשפּרייטע און באַרימטע טוך־אינדוסטריע, שאַפט זיך דער אָרדן שנעל אַ וועג קיין מזרח. אין ציסטערציענזער מאָנאַסטיר אין ב ר אַ ב אַ נ ט, אין ט ו ר י נ ג ע ן (אין אַלטן צעללע) און שלעזיען געפינען מיר די טוך־פאַבריקאַציע פאַר׳ן פ אַ ר ק ו י ף. און אַזוי ווי זיי פלעגן אויפנעמען אַ חוץ די געזעלן און לערנאינגלאַך אויך אומגעלערנטע אַרבייטער, איז קיין חידוש נישט, וואָס געוויסע פאָרטיילן פון די בראַבאַנטער וועבער זיינען באַקאַנט געוואָרן אויך אין טיף דייטשלאַנד״*).

אַ חוץ אין די מאָנאַסטירן האָט זיך אָבער אויך אין די שטעט

---

*) צו דערגעשיכטע פון דער דייטשער וואָל־אינדוסטריע, ז. 216 — אַז די קירכע האָט זיך אויך סתם באַמיהט צו פאַרשפּרייטן נוצליכע קענטנישן, באַווייזט אַן אָנפּראַגע, וואָס ס׳האָט געשיקט דער הייליגער ב אָ נ י פּ אַ צ י ו ס צו דעם גראַד אַזוי הייליגן פאָטער אין רוים, ווי אַזוי ס׳איז אַם געזונדסטן צו עסן חזיר שמאַלץ. דער פּאַפּסט מיט׳ן נאָמען זאַכאַריוס האָט געענטפערט, אַז ער האָט ביי די קירכען אָבות גאָרנישט געפונען איבער דער פראַגע, וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר דעם וואוילטאָג פון דער זינדיגער מענשהייט. על פי דעתו זאָל מען חזיר־שמאַלץ נאָר געניסן, אַז ס׳איז דורכגערויכערט אָדער געבראָטן, וויל מען דאָס אָבער געניסן רויהערהייט, דאַן זאָל מען דאָס טאָן ערשט נאָך פסח. (פגל. א. ש ל אָ ס ס ע ס, „שפּייז און טראַנק פון די פריהערדיגע צייטן אין דייטשלאַנד״, ז. 9).

שנעל אנטוויקעלט די וואָל־וועבעריי אלס האנט־ווערק, קודם אין די נ י ד ע ר ל א נ ד ע ן, וואו זי האָט שוין אָנגעהויבן אויפצובליהען אין 10טען יאָרהונדערט.

די נייע אינדוסטריע איז געווען אַ לוקסוס־אינדוסטריע. צו וואָלענע שטאָפען האָבען זיך אַ לאנגע צייט געקאָנט צושלאָגען נאָר די אריסטאָקראַטישע און בכלל די רייכערע קלאַסען; אז אין 15טען יאָרהונדערט איז אנטשטאַנען אויך ביי בעלי־מלאכות און פּויערים אַ נאָכפראגע נאָך וואָל־שטאָפען, ווערט דאָס באטראַכט אלס באַווייז פון אַ גרויסען לוקסוס, וואָס פארשפּרייט זיך צווי־שען די נידריגערע קלאַסען.

פיינע טוכען זיינען געווען טייערע לוקסוס־ארטיקלען. צוליב דעם האָט זיך געלוינט זיי ווייט טראַנספּאָרטירען און זיי האָבען געקאָנט זיין אַ געגענשטאנד פאר עקספּאָרט. דער מארק פאר זיי איז געווען גאַנץ אייראָפּא. עס איז קיין חידוש ניט, אז וואו אָט די אַלע נויטיגע באַדינגונגען זיינען זיך צונויפגעקומען, בפרט נאָך וואו ס'האָבען זיך געפונען זעהר פיל גוטע בוי־מאַטע־ריאַלען, וואו די טעכניק האָט דערגרייכט די נויטיגע מדרגה, האָט זיך דאָרט אומעטום די טוך־אינדוסטריע לייכט אַנטוויקעלט צו אַן עקספּאָרט אינדוסטריע.

קודם איז דאָס פאָרגעקומען אין פ ל א נ ד ר י ע. פלאַנ־רישע טוכען זיינען שוין אין 13טען יאָרהונדערט געווען באַרימט אין גאַנץ אייראָפּע *).

---

*) אין פלאַנדריע האָט זיך פריהצייטיג אַנטוויקעלט די וואָל־וועבעריי. די פלעמישע וועבער האָבען אָבער געהאַט אונטער דער האַנט נישט נאָר די וואָל, וואָס זייער אייגען לאַנד האָט זעהר פיל פּראָ־דוצירט, נאָר אויך די ענגלישע וואָל, די דעמאָלט בעסט באַקאַנטע וואָל. ענגלאַנד אליין האָט ערשט שפּעטער אנטוויקעלט איר וואָל־אינדוסטריע. — דאָ איז כדאי צו באַמערקען אַ זאַך, וואָס געהערט אַפילו נישט צו דעם ענין, מיר האַלטען עס אָבער פאר נישט איבעריג: הילדעבראַנד וויזט אָן אין דער שוין דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג דארויף, אַז די וואָל־מאַנו־פאַקטור האָט זיך (שפּעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער צייט) אַנטווי־קעלט הויפּטזעכליך אין די לענדער, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט פאַר שאָף־צוכט, אין צפון דייטשלאַנד, זאַקסען, ענגלאַנד. פאַרקערט, די וויין־

אין אַ סך שטעט איז די וואָל־פּראָדוקציע געבליבן אַ אינדוסטריע בלויז פאַר דעם לאָקאַלען מאַרק. אָבער אויך דאָ ווערט זי אָפּהענגיג פונ׳ם וועלט־מאַרק, ווייל די דרויסענדיגע קאָנקורענץ סטאַרעט זיך צו פאַרכאַפּען אויך דעם אינערען מאַרק. אויף דעם אופן ווערט דער אינערער מאַרק אַ שטיק וועלט־מאַרק. דער לעצטער ווערט אַנטשיידענד פאַר דער וואָל־אינדוסטריע אויך דאָרט, וואו עס איז איר נישט געלונגען אַראָפּצוואַרפען פון זיך דעם לאָקאַלען כאַראַקטער און צו ווערען אַ עקספּאָרט־אינדוסטריע. צוליב דעם אָבער ווערען די טוך־פּראָדוצענטען פון אַזעלכע געגענדען פיינדליך צו די סוחרים, וואָס אימפּאָרטירען טוך, ווייל זיי קאָנקורירען מיט זיי. דאָס איז נישט די טראַדיציאָנעלע פיינטשאַפט פון דער מאַסע פון דער באַפעלקערונג אַלס *קאָנסומענטען* געגען די סוחרים, נאָר אַ גאַנץ באַזונדערער אַנטאַגאָניזם צווישען *פּראָדוצענטען* און *סוחרים*. אין דער זעלביגער צייט וואָס די באַפעלקערונג באַציט זיך צו די

---

פּראָדוקציע איז, ווייזט אויס, אַ מניעה פאַר דער שאָף־צוכט און דער־מיט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער וואָל־מאַנופאַקטור, ווי, למשל, אין דרום־מערב דייטשלאַנד (א. א. א. ז. 232, 233). מען וואָלט אפשר געקאָנט נאָך ווייטער גייהן און זאָגען: די שאָפּצוכט איז גינסטיג פאַר׳ן לאַנדווירטשאַפטליכען גרויסבאַטריב אין דער פאָרם פון פאַשע־ווירטשאַפט. אין לענדער, וואו די שאָפצוכט לוינט זיך, אַנטוויקעלט זיך בכן אינאיינעם מיט דעם אויפבליהען פון דער קאַפּיטאַליסטישער וואָל־אינדוסטריע קודם אויך די מעגליכקייט פון אַ קאַפּיטאַליסטישען גרויס־באַטריב אין דער לאַנד־ווירטשאַפט; אין די דאָזיגע לענדער האָבען די גוטס־באַזיצער אַם מערסטען געהאַט אורזאַכען צו עקספּראָפּריאירען די קליינבויערן, צו בילדען גרויסע לאַנדווירטשאַפטליכע באַטריבען. די ווייןפּראָדוקציע איז להיפך גינסטיג פאַר׳ן קליינבאַטריב. וואו זי האָט זיך אַנטוויקעלט, האָט זיך מער געלוינט פאַר די גוטס־באַזיצער צו עקספּלואַטירען זייערע פויערים, אַרויפלעגענדיג אויף זיי שווערע צינזען, איידער צו פאַרגרעסערען די אייגענע באַטריבען דורך פאַרטרייבען די פּויערים. אין די געגענדען, וואו עס ווערט פּראָדוצירט וויין, ווי אין דרום־דייטשלאַנד, אין מאַנכע טיילען פון פראַנקרייך א. א. וו., דערהאַלט זיך דערפאַר דאָס קליינבויערטום. די פאַרשיידענע פאָרמען פונ׳ם גרונד־באַזיץ אין די דערמאַנטע לענדער דערקלערען זיך דורך די פאַרשיידענע פּראָדוקציאָנס פאָרמען, וואָס האָבען זיך דאָרט אַנטוויקעלט.

סוחרים פיינטליכער, ווען זיי  ה ע כ ע ר ע ן   די פּרייזען,באַציהען זיך די וואָל־אַרבייטער צו די סוחרים מיט שנאה, דערפאַר וואָס זיי פאַרקויפען  ב י ל י ג ע ר  זייערע אימפּאָרטירטע סחורות.

עס אַנטוויקעלט זיך אָבער נאָך אַן אַנדער געגענזאַץ צווישען די וואָל־אַרבייטער און די סוחרים :  צוזאַמען מיט דעם אַנטאַגאָניזם צווישען צוויי קאָנקורענטען קומט דער אַנטאַגאָניזם פון דעם  ע ק ס פּ ל ו א ט י ר ט ע ן  צום  ע ק ס פּ ל ו א ט א־ ט אָ ר.  וואו די וואָל־אינדוסטריע איז געוואָרען אַן עקספּאָרט־אינדוסטריע, ווערט נויטיג אַ קאַפּיטאַל פאַר איר אָנפירונג, ווייל מען פאַרקויפט דאָך נישט דירעקט צום קונה. די סחורה מוז מאַ־כען לאַנגע נסיעות, אָפט וואַנדערן פון מאַרק צו מאַרק, איידער זי ווערט פאַרקויפט ;  אין דער צווישען־צייט דראָהען איר פיל סכנות, עס דויערט אַ שטיק צייט ביז עס קומט אָן דאָס געלט פאַר דער פאַרקויפטער סחורה. דאָרט וואו די וואָל־אינדוסטריע ווערט אַן עקספּאָרט־אינדוסטריע, מוז מען אָבער אויך באַלד אָנהויבען צו באַציהען פון ווייטע מקומות דעם רויהען מאַטעריאַל, די וואָל.  די נאָהענטסטע געגענדען זיינען נישט בכח צו באַפרידיגען די וואַק־סענדע נאָכפראַגע אויף וואָל.  און  וואָס מער די אינדוסטריע אַנטוויקעלט זיך, וואָס מער די קאָנקורענץ וואַקסט, וואָס מער עס וואַקסט דער פאַרלאַנג נאָך אַ פיין און גוט שטיקעל סחורה, אַלץ זאָרגפעלטיגער ווערט מען ביים אויסווייל̇ען דעם רוי־מאַטעריאַל. נאָר ווייניג מקומות האָבען פּראָדוצירט גענוג גוטע וואָל.  די בעסטע פלעגט קומען, ווי שוין דערמאָנט, פון ענגלאַנד.  די רוי־מאַטערי־אַלען ווערען אַלץ טייערער, וואָס ווייטער עס זיינען געלעגען די ער־טער פון וואַנען מען פלעגט זיי באַציהען. מען האָט געמוזט טאַקע זיך באַזאָרגען מיט גרויסע זאַפּאַסען.  דער קאַפּיטאַל וואָס איז נויטיג אַריינצולעגען אין מאַטעריאַלען, וואַקסט, און זיין אומזאַץ פאַר־קלענערט זיך אין דער זעלביגער מאָס, אין וועלכער דער עקספּאָרט אים די נויטיגע געלדער פאָראויס.  די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען פאַרשפרייט זיך.  ענטוועדער דער טוך־פּראָדוצענט מוז אַליין ווערען אַ קאַפּיטאַליסט אָדער ער ווערט אָפּהענגיג פון'ם סוחר, וואָס גיט אין ביידע ריכטונגען.  דער וואָל־וועבער ווערט ענטוועדער אַראָפּ־געשטופּט אויף דער מדרגה פון אַ הויזאינדוסטריעלען אַרבייטער

אין מאָדערנעם זין, צו אַ היים־אַרבייטער מיט איין ארויסהעלפער אָדער אָפּילו אָהן אַזעלכען, וואָס פלעגט באַקומען דעם רוי־מאַטעריאַל פונ׳ם סוחר און האָט אים געמוזט ווידער אָפּליפערען דעם פאַרטיגען פּראָדוקט באַקומענדיג דערפאַר אַן אנטשפּרעכענדען לוין. אָדער דער טוך־פּראָדוצענט ווערט אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס באַשעפטיגט אַ גרעסערע צאָל אַרבייטער און קאָנצענטרירט אין זיינע הענט די פּראָדוקציע און דעם האַנדעל. נישט תמיד איז עס דער ו ו ע ב ע ר מ י י ס ט ע ר, וועמען עס געלינגט זיך צו דערהויבען צו דער מדרגה; אָפט איז עס אַן אַנדערער בעל־מלאכה, וואָס העלפט נאָר מיט ביי דער טוך־פאַבריקאַציע. די וואָל האָט געמוזט דורכמאַכען די פאַרשידענסטע פּראָצעסען, איידער דער טוך ווערט פאַרטיג, פּראָצעסען, וואָס ווערען אַלץ מער זעלבסטשטענדיג און באַלאַנגען צו פאַרשידענע מלאכות. אין ש ט ר אַ ס ב ו ר ג, צ. ב. ש., האָבען זיך אין 14טען יאָרהונדערט אָפּגעזונדערט קודם כל די ו ו אָ ל ־ ש ל ע ג ע ר פון די וועבער; זיי האָבען געדאַרפט רייניגען די וואָל, זי צורעכט מאַכען און אויסשפּינען. דער פאָדים קומט דערנאָך צום וועבער. פונ׳ם וועב־שטול קומט דאָס טוך צום וואַלקער; אויך די וואַלקעריי איז געוואָרען אין ווערט אויך די אַרבייט פון טוך־שערער, וואָס באַאַרבייטען דעם ווערט אויך די אַרבייט פון טוך־שערער, וואָס באַאַרבייטען דאָס טוך נאָך דעם וואַלקען. אַם שפּעטסטען האָט זיך די וואָל־פאַרבעריי אָפּגעזונדערט פון דער וועבעריי. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 15טען יאָרהונדערט הויבט אָן די פאַרבעריי אויפצוטרעטען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע מלאכה. נאָך אין 16טען יאָרהונדערט פאַרבען אַ סך טוך־מאַכער אליין זייערע טוכען.

יעדע פון די מלאכות איז געווען טעכניש אָפּהענגיג פון די אַנדערע, יעדע מלאָכה פלייסט זיך די אַנדערע צו אונטערצואָרדנען. ספּעציעל צווישען די וואָלשלעגער און די וועבער האָט זיך געפירט אַ הייסער קאַמף. אין מאַנכע ערטער, צום ביישפּיל, אין ש ל ע ז י ע ן, איז עס די וועבער געלונגען צו באַזיגען די וואָלשלעגער, על פי רוב אָבער זיינען די לעצטע געווען די שטאַרקערע. פון די וואָלשלגער אַנטוויקעלט זיך אַן אַריסטאָקראַטיע פון ו ו אָ ל ה ע נ ד ל ע ר, וואָס געבען אַוועק די וואָל צום

שפינען צו ארימערע מייסטערס אדער צו אייגענע קנכט, און צום אויסוועבען געבען זיי זי אוועק צו די קנעכט אדער צו זעלבסט־שטענדיגע היימארבייטער. מיר דערקענען דארין שוין דעם אנהויב פונ'ם מאנופעקטור סיסטעם, וואס בילדעט זיך צוערשט אויס אין די מאנאסטירען. זיי פאראייניגען לכתחילה אין איין הויז אלע מאניפולאציעס, וואס זיינען נויטיג, כדי דעם טוך פארטיג צו מאכען. אבער אויך ביים האנטווערק באמערקען מיר זייט דעם 15טען יארהונדערט, אז די טוך־פאבריקאנטען באשעפטיגען אין זייערע הייזער נעבען וואלשלעגער־קנעכט אויך וועבערקנעכט; מיר באמערקען אין דער וועבעריי אן אנטוויקעלטע ארבייטס־טיילונג, וואו יעדער וואלוועבער וועבט א י י ן געוויסען סארט טוך; די וואלוועבעריי פאלט זיך פאנאנדער אין פינף ביז זעקס אונטעראפטיילונגען; אן אנדערע ארבייטס־טיילונג ווערט איינגעפירט אין דער וואלשלעגעריי, וואו פארשיידענע טייל־ארבייטען ווערען אויסגעפירט פון פארשיידענע ארבייטער. דער פועל יוצא דערפון איז: די צעכאווע וואלשלעגער־מלאכה הערט אויף צו עקזיסטירען, איהרע פארשיידענע ארבייטען ווערען פארטיילט צווישען נישט־צעכאווע, צום טייל אפילו אומגעלערנטע לאנדארבייטער, צווישען פ ו י ע ר י ם, פ ר ו י ע ן א י ן ק י נ ד ע ר. דער קאפיטאליסטישער כאראקטער פון דער טוך־אינדוסטריע, ברענגט אויך מיט זיך וואס גאר שנעל ווערט איינגעפירט דער שטיק־לוין.*)

גלייך ווי דער מאדערנער פראלעטאריער, מעגען אויך די וועבערקנעכט גרנדען פאמיליעס. דערמיט אונטערשיידען זיי זיך פון די מערסטע אנדערע האנטווערק פועלים. דערמיט הערט

---

*) אין א טייל ערטער איז שוין אזוי ווייט דערגאנגען, אז דער שטיק־לוין האט געווירקט שעדליך און איז דערפאר ווידער אפגעשאפען געווארען, אזוי איז ער פארווערט געווארען אין א ו ל ם אינם יאר 1492 דורך א שבאלום פונ'ם „ראט", „ווייל די איילעניש שאדט דער גוטסקייט". די שענע סיסטעם פון אראפרעכענען צוליב שטראף, דורך וועלכער דער מאדערנער קאפיטאליסט פרעסט ארויס די בעסטע קוואליטעט ביי דער שנעלסטער ארבייט, איז אין פינסטערען מיטעלאלטער נאך ווייניג וואס געווען באקאנט.

דער וועבערקנעכט אויף זיך צו רעכענען צו דער פאַמיליע פונ'ם מייסטער.

די וואָל־אינדוסטריע איז אויך די יעניגע שטאָטישע אינדוסט־ריע, אין וועלכער דער טעכנישער פּראָגרעס אַנטוויקעלט זיך אם שנעלסטען. מיר האָבען שוין אָנגעוויזען דאַרויף, אַז זי נויטיגט זיך לכתחילה אין אַ גאָר גרויסען טעכנשען אַפּאַראַט. דער אַפּאַראַט ווערט אַלץ גרעסער, וואָס מער עס אַנטוויקעלט זיך די ארבייטס־טיילונג. אויף איהר ווירקט ווידער שטאַרק די פּראָדוקציע פאַר'ן עקספּאָרט, די מאַססענפּראָדוקציע.

קודם מוז די רויע וואָל געריייניגט ווערען. צו דעם איז געווען נויטיג אַ װ ו אָ ל ־ ק י ך. דאָרט ווערט זי פון די װ ו אָ ל ־ ש ל ע ג ע ר געריייניגט און לויז געמאַכט. פאַר'ן שפּינען מוז מען זי צוקעמען. דאָס פלעגען טאָן באַזונדערע ארבייטער, די װ ו אָ ל ק ע מ ע ר, אָדער פ ר ו י ע ן. ניישט זעלטען טוט מען דאָס אין ספּעציעלע הייזער, ק ע ם ־ה י י ז ע ר.

פונ'ם וואָלקעמער קומט די וואָל צום שפּינער. דאָס שפּינען ווערט אויסגעפירט סאַי דורך אַ באַזונדערען צעך, סאַי דורכ'ן הויזגעזינד פונ'ם וועבער, אָדער ווידער דורך זייטיגע, מחוץ דעם צעך שטעהענדע מענשען, בפּרט פ ר ו י ע ן. דאָס שפּינראָד איז שוין אין 16טען יאָרהונדערט גוט באַקאַנט און אומעטום פאַר־שפּרייט.

פונ'ם שפּינער קומט דער פאָדים צום וועבער, וואו ער געהט דורך דעם וועבשטול. פון איהם קומט ער צום וואַלקער אין דער װ ו א ל ק ־מ י ה ל. ארויסגענומען די טיכער אוים דער וואַלק־מיהל, פלעגט מען זיי אויפשפּאַנען אויף ראַמען צום טרוקענען. דערצו זיינען נויטיג געווען ספּעציעלע פלעצער. דערנאָך ווערען די טוכען איבערגעגעבען צו די ק א ר ד ע ר, וואָס מאַכען מיט באַרשטען לויז די פעדים. נאָך זיי צושניידען די ט ו כ ש ע ר ע ר מיט שפּיציגע שערען די לויז געמאַכטע פעדים. דערנאָך קומט דער טוך אין ב ל י י כ ג אָ ר ט ע ן צום בלייכען אָדער אין פאַרב־הויז, אָפּט אויך שוין טאַקי צום ט ו כ ד ר ו ק ע ר (אין שטייער־רעגיסטער פון א ו י ג ס ב ו ר ג ווערט וועגען דעם דערמאָנט שוין אינ'ם יאָר 1490).

ענדליך געפינען מיר, אז ס'ווערען נאָך דערמאָנט פ ר ע ס־ה י י ז ע ר פאר די טוכען; עס ווייזט בכן אויס, אז זיי פלעגען ווערען אויך געגלעט און געפרעסט, ווי היינט די לייוועגט.*)

א טייל אפאראטען זיינען געוועזן אזוי גרויס און טייער, אז דער יחיד האָט צו זיי גאָרנישט געקאָנט קומען. זיי געהערען ענט־ווערער צו די שטעט אָדער צו די צעכען. עס קומט נאָך ניט פאָר, אז איינצעלנע קאפיטאליסטען זאָלען זיין די באלעבאטים פונ'ם געצייג פון זייערע ארבייטער. אָבער דוקא צוליב דער אלץ גרע־סערער אַרבייטטיילונג הויבט זיך אָן אין דער וואָל־אינדוסטריע צו רירען דער ערפינדערישער גייסט; דאָס איינפירען פון די דער־מאָנטע אפאראטען באדייט א רייהע פון ט ע כ נ י ש ע ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע ס און גיט א שטויס די ווייטערע טעכ־נישע רעוואָלוציעס, צו שטענדיגע אויסבעכערונגען און ערפינדונ־גען. דאָס שפּינראָד צ. ב. ש. טרעט אויף צום סוף פונ'ם 15טען יאָרהונדערט קודם אלס ה א נ ט ר אָ ד. אינ'ם יאָר 1530 אנט־דעקט י ו ר ג ע נ ס פ ו ן ו ו א ט ע נ מ י ל אין ברוינשווייג דאָס טרעט־שפינראָד. וואלקערן פלעגט מען לכתחילה בלויז מיט די פיס. די ערפינדונג פון וואלקמילען, וואָס ווערען געטריבען פון וואסער (בערך אין 12טען יאָרהונדערט) מאכט א סוף צו דער פוסוואלקעריי. די לעצטע פוסוואלקער געפינען מיר אין 14טען יאָרהונדערט.

דורך יעדער פון די פארפאָלקאָמונגען ווערען אלץ מער אר־בייטס־כחות איבעריג געמאכט. די דאָזיגע ערשיינונג פונ'ם מאָדער־נעם אינדוסטריאליזם קומט אין ערגיץ נישט אזוי פריה ווי ביי די ארבייטער פון דער וואָל־אינדוסטריע.

אזא גרוס־אינדוסטריעלען, קאפיטאליסטישען אויסזעהן, ווי די מינען־אינדוסטריע, נעמט אָבער די וואָל־אינדוסטריע ניט אָן אין דער צייט פאר דער רעפאָרמאציע. אין דעם פּרט בלייבט זי הינטערשטע־ליג. אָבער בשעת די מינען־אינדוסטריע קומט פאר אין די וועלדער, בשעת די מינען־אינדוסטריע בלייבט איזאָלירט, ווייט פון די וואוי־

*) ב. ה י ל ד ע ב ר אַ נ ד, צו דער געשיכטע פון דער דייטשער וואָל־אינדוסטריע, הילדעבראַנד'ס יאָרביכער, 1866, באַנד 7, ז. 90—98.

נונגען פון אנדערע מענשען, אָהן א שום שייכות מיט זייערע קאמפּען און שטרעבונגען, באַקומט די וואָל־אינדוסטריע איהר קאפּיטאַליס־טישען כאַראַקטער צומייסט אין שטעט, דורך וועלכע עס יאָגט דער וועלט־פאַרקעהר, וואָס שטעהען אונטער דער השפּעה פון די פּראָגרעסיווסטע לענדער פון אייראָפּאַ, איטאַליען, די נידערלאַנדען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד. אין די שטעט איז די וואָל־אינדוסטריע געווען די דאָזיגע מלאכה, וואָס האָט אמפּריסטען און אמשטאַרק־סטען אנטוויקעלט דעם קאַפּיטאַליסטישען כאַראַקטער, גראָד אזוי, ווי צום סוף פון׳ם 17טען יאָרהונדערט האָט אין ענגלאַנד די ט ע ק ס ט י ל ־ א י נ ד ו ס ט ר י ע געמאַכט דעם אָנהויב פון א אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. די מייסטערם שטרעבען צו ווע־רען סוחרים, קאַפּיטאַליסטען, זיי נוצען אוים זייערע געזעלען מער ווי די מייסטערס פון וועלכער ס׳איז אנדערער שטאָטישער מלאכה און זיינען פון זיי אויך אָפּגעטיילט דורך א טיפערען תהום. וואו דאָס געלינגט זיי נישט, ווערען זיי אליין לוינשקלאַפען פון די סוחרים, הויז־אינדוסטריעלע, וואָס שטעהען נענטער צו זייערע געזעלען, ווי די מייסטערס פון אַנאַנדער מלאכה און פיהלען זיך מיט זיי סאָלידאַריש אקעגען זייערע אַלגעמיינע עקספּלואַטאַטאָרס. אָבער דוקא דער נישט־צעכאָווער פּראָלעטאַריער ווערט פון די גע־זעלען אַלץ מער באַטראַכט אַלס ארבייטס־חבר, אַלס סאָציאַל גלייכ־געשטעלטער.

און בשעת די וואָל־ארבייטער דערווייטערן זיך אַלץ מער פון דעם צעכאָווען קלייזעל, ווערט ברייטער זייער האָריזאָנט א ראַנק דער באַרייטונג, וואָס דער וועלטמאַרק באַקומט פאַר זיי. וואָס פאַר די אנדערע בירגער איז געווען סתם א זונטאַגספּאַרגעניגען:

„א שמועס פון מלחמה און מלחמה־געפּילדער,
ווען דאָרט ערגיץ, ווייט, אין דער טערקיי,
די פעלקער מיט אַנאַנד זיך צושלאָגען“,

דאָס איז פאַר די באַטייליגטע פון דער וואָל־אינדוסטריע געווען די ערנסטסטע זאַך פון דער וועלט. דער אימפּאָרט פון זייערע מאַטעריאַלען, דער פאַרקויף פון זייערע סחורות איז געווען אָפּהענ־גיג דערפון, צי למשל ענגלאַנד פירט קריג מיט פראַנקרייך, און

ווי אזוי פלאנדריע פארהאלט זיך דערצו, ווי די  ה א נ ז ע  שטעט פארטראָגען זיך מיט דענמארק, צי די וועג קיין נאָווגאָראָד איז אָפען, צי דער קאיזער מאַכט שלום מיט ווענעציען א. א. וו. ווער עס ארבייט פאר׳ן וועלט־האַנדעל, פאר דעם פארשווינדט די פאָ־ליטיק פון זיין „שטעטיל“, אָבער אויך די זאָרגלאָזיגקייט, די זי־כערקייט פונ׳ם בעל מלאכה, וואָס ארבייט בלויז פאר זיינע פריינד און קרובים. צו די שטאָטישע קאמפען, אין וועלכע עס באטייליגען זיך די וואָל־ארבייטער, אין וועלכע זיי שפילען אָפט די ערשטע פידעל, צו די צעכקאמפען, וואָס זיינען ארויסגערופען געוואָרען דורך די דערמאָנטע טעכנישע און סאָציאַלע ענדערונגען קומען נאָך צו די ווירקונגען פון די אויסלענדישע שונאים און האנדעלסקריזען און האַלטען די אינדוסטריע אין א צושטאנד פון שטענדיגער באַ־וועגונג. די וואָל־אינדוסטריע איז געווען די רעוואָלוציאָנערסטע שטאָטישע מלאכה פונ׳ם מיטעלאַלטער, און רעוואָלוציאָנער זיינען אויך געווען איהרע ארבייטער. פאר זיי האָט די געזעלשאפט נישט באדייט עפּעס פעסטעס, אומפארענדערליכעס; זיי האָבען אמלייכט־סטען געקאָנט קומען אויף דער אידעע, זי איבערצואנדערשען. זיי האָבען אמבלוטיגסטען געפילט די עקספּלואטאציע, זיי האָבען די מייסטע סבות געהאט צו טראָגען א שנאה געגען די רייכע.

די וואָל־אינדוסטריע איז אבער אויך צווישען אלע מלאכות געווען די שטארקסטע. יעדע שטאָט האָט דעמאָלט געבילדעט א זעלבסטשטענדיגע געמיינדע פאר זיך, אין די רייכע שטעט אָבער, אין די יענינגע, וואס האָבען געארבייט פאר׳ן וועלטמארק פון דער מערב־איירָאָפּעאישער אינדוסטריע — און ער האָט זיך געצויגען פון ענגלאנד ביז נאָווגאָראָד און קאָנסטאנטינאָפּאָל — איז די וואָל־אינדוסטריע געווען די עקאָנאָמיש וויכטיגסטע מלאכה. פון איר, ד. ה., פון אירע ארבייטער, איז אָפּהענגיג געווען דער וואויל־שטאַנד פון דער שטאָט.

אָבער נישט נאָר לויט זייער באדייטונג, אויך לויט זייער צאָל האָבען די וואָל־אַרבייטער, בפרט די וועבער, געבילדעט א מאכט אין די שטעט, וואו די וואָל־אינדוסטריע האָט געבליט, א מאכט, וואָס מעג זיך אונז אויסווייזען קליין, וואָס איז אָבער אין די קליינע שטעט פון יענער צייט געווען גאָר געוואלטיג. ר ע ל א ־

ט י ו ו געגומען, זיינען דאָס געווען אומגעהויערע מענטשענמאסען, וואָס די דאָזיגע אינדוסטריע האָט דעמאָלט קאָנצענטרירט אין אירע הויפּט־צענטערס.

אין ברעסלוי האָבען די וועבער שוין אין׳ם יאָר 1333 ארויסגע־מארשירט מיט 900 גוט־באוואפענטע מענער. אין קעלן זיינען נאָך איין איינציגען נישט געלונגענעם אויפשטאנד פארטריבען געווארען 1800 וועבער. אין א באזונדער גרויסער צאָל געפינען זיי זיך אין די נידערלאנדען. אינ׳ם יאָר 1350 האָט מען געציילט אין לעווען 4000 וועבשטולען, אזוי פיל אויך אין איפערן, 3200 אין מעכעלן. אינ׳ם יאָר 1326 ווערען3000 וועבער מיט אמאָל פארטריבען פון גענט, ווייל זיי זיינען געווען גרייט צו אן אויפשטאנד געגען די פלאנ־דרישע גראפען. אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם 14טען יאָרהונדערט שטעהען דאָרט 18,000 באוואפענטע מענער, וואָס זיינען באשעפ־טיגט אין טוכמאכעריי. אין בריוגגע האָבען אין דער בליהונגס־צייט פון דער מלאכה געלעבט 50,000 מענשען פון דער וואָלאינ־דוסטריע.*)

פון דער קאָנצענטראציע אין איינצעלנע מקומות האָבען די וועבער געצויגען א געוואלטיגען רעוואָלוציאָנערען כח. קיין חידוש נישט, אז אין די כראָניקס פונ׳ם גלח ט ר ו ד אָ ווערט געזאָגט וועגען זיי, אז זיי זיינען שטאָלצער און חוצפּה׳דיגער, ווי אלע אנדערע פּועלים.

נעהט מען צונויף די אלע טעמים, פארשטעהט מען ערשט, פארוואָס דוקא די וואָל־אינדוסטריע איז געווארען דער מיטעלפונקט פון אלע סאָציאל־רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען פון דער רעפאָר־מאציאָנס־צייט, פארוואָס די וועבער זיינען עס געווען, וואָס האָבען געקעמפט אין דער ערשטער רייהע ביי יעדען קאמף אקעגען דער עקזיסטירענדער שטאָטישער און מלוכה־מאכט, און פארוואָס עס האָט זיך ביי זיי געשאפען די טענדענץ דערקלערען קריג דער גאנצער הערשענדיגער געזעלשאפטס־אָרדנונג. מען פארשטעהט,

*) ה י ל ד ע ב ר אַ נ ד, אָ. אַ. אָ., ז. 83. פגל. אויך ד ר. ה. ג ר אָ ט ה ע, בילדער און שטודיען צו דער געשיכטע פונ׳ם שפּי־נען, וועבען, נייען, בערלין, 1875, ז. 215 א. וו.

פארוואָס די וועבער שטעהען אין פארבינדונג מיט די קאָמוניס־טישע באוועגונגען ביים סוף פונ'ם מיטעלאלטער און פון דער רעפאָרמאציאָנס־צייט, אויף וויפיל זיי האָבען בכלל אין זיך עפּעס פון א פּראָלעטארישען קלאסענכאראקטער. „נישט אומזיסט" — זאָגט שמאָללער — „האָט די שפּראך, אידענטיפיצירענדיג דעם באגריף פונ'ם וועבער און פארשווערער, ביז צום היינטיגען טאָג גענומען דאָס בילד פונ'ם צ ע ט ע ל פונ'ם וועבשטול, ווי אזוי מען גרייט צו בסוד און פאמעליך פּאָליטישע אומרוהען"*) [אויף דייטש זאָגט מען: eine Umruhe aufettelu, דער איבערזעצער].

„אין די אויגען פון מאנכע צייטגענאָסען", זאָגט הילדענבראנד, „האָבען די צעכען פון די טוכמאכער פארנומען אן אָרט, גלייך צו דעם, וועלכען אייניגע הערען האָבען זיך באמיט אינ'ם יאָר 1848 צו געבען דעם פּריווילעגירטען (!) קלאס פון די „אר־בייטער".**)

*) שמאָללער, אָ. אָ., ז. 465.
**) אָ. אָ. אָ., ז. 115.

דריטער טייל.

# דער קאַמוניזם אין מיטעלאַלטער און אין דער עפּאָכע פון דער רעפאָרמאַציע

## ערשטער קאַפּיטעל.

# דער מאָנאַסטירישער קאָמוניזם.

איטאַליען און דרום פראַנקרייך, דאָס זיינען געווען יענע לענדער פון׳ם קריסטליך־גערמאַנישען קולטורקרייז, אין וועלכע ס׳איז אָם טיפסטען געווען איינגעוואָרצעלט די ציוויליזאַציע פון דער רוימישער וועלט־מלוכה. די טראַדיציעס פון דער דאָזיגער ציוויליזאַציע זיינען, דורך דער פעלקער־וואַנדערונג, דאָרטען אַם ווענינגסטען צעשטערט געוואָרען און געליטען, און דאָרטען האָט זיך נאָך אַם לעבעדיגסטען דערהאַלטען דער פאַרקער מיט די פאַרהעלט־ניסמעסיג הויכציוויליזירטע מדינות פון׳ם מזרח, מיט מצרים, סיריען, קליינאַזיען, קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער שטאָטישער מהות פאַרשווינדט נישט אין גאַנצען אין איטאַליען און אין דרום פראַנק־רייך אפילו בשעת די פינסטערסטע צייטען פון באַרבאַריזם, וואָס זיינען געקומען נאָך דער פעלקער־וואַנדערונג; דאָרט דערהויבען זיך ווידער די שטעט אַם שנעלסטען צו עשירות און מאַכט און די סאָציאַלע ווידערשפּרוכען, וואָס זיינען אַ פועל יוצא פון דער סחורה־פּראָדוקציע, באַווייזען זיך אין מיטעלאַלטער קודם כל אין יענע מדינות. אָדער נאָך ריכטיגער, זיי זיינען פון׳ם אַלטערטום אַרי־בערגענומען געוואָרען אינ׳ם מיטעלאַלטער.

אויך דער פּראָלעטאַריאַט איז דאָרטען קיינמאָל ניט אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען. אין די שטעט פון איטאַליען און פון דרום־פראַנק־רייך איז ער צוערשט ווידער געוואָרען אַ סאָציאַלער פאַקטאָר, און דערפאַר איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס אין זיין שויס ווערען געבוירען די ערשטע קאָמוניסטישע שטרעבונגען אין מיטעלאַלטער.

אָבער גראָד אַזוי, ווי דער כאַראַקטער פון די איטאַליענישע און דרום־פראַנצויזישע שטעט ווייזט אין יענער צייט אַרויס אַ גרויסע קרובה׳שאַפט מיט׳ן רוימישען גייסט און ווי די טראַדי־ציעס פון דער רוימערצייט דערהאַלטען זיך דאָרט אַם לעבעדיג־

סטען, גראַד אזוי בלייבט דער פּראָלעטארישער קאָמוניזם געטריי צו די פארמען, וואָס זיינען אים אַיבערגעגעבן געווארען פון דער צייט פון דער אָפּשטאַרבענדיגער רוימישער מלוכה. די פּראָלעטארישע אָפּאָזיציע געגען דער בירגערליכער געזעלשאפט נעמט לכתחילה אָן כמעט אין גאַנצען א מאָנאַכישען כאראקטער, און האָט אין איטאַליען און אין דרום־פראנקרייך קיינמאָל דעם כאַראקטער ניט פארלוירען — פארשטעהט זיך, ביז צו דער נייסטער צייט.

כדי אָבער צו כאראקטעריזירען דאָס מאָנאַכישע וועזען, מוזען מיר זיך אומקערען צו די ערשטע יאָהרהונדערטע פונ'ם קריסטענטום. מיר האָבען געזעהן, אז די שטרעבונגען פונ'ם אורקריסטענטום צו רעאַליזירען דעם קאָמוניזם, האָבען קיין קיום נישט געהאַט מחמת די פארהעלטנישען אין דער דעמאָלטיגער געזעלשאפט זיינען נאָך נישט געווען רייף דערצו. מיר האָבען אָבער אויך געזעהן, ווי די זעלבע פארהעלטנישען, וואָס האָבען דעמאָלט נאָך נישט דערלאָזען, אז דער קאָמוניזם זאָל ווערען דער אלגעמיינער צושטאנד פון דער געזעלשאפט, באַשאַפען שטענדיג נייע פּראלעטאריער און ממילא אויך אלץ אויף ס'ניי דאָס באדערפניש נאָך קאָמוניסטישע איינריכטונגען.

וואָס מער דאָס קריסטענטום פארשפרייט זיך, אלץ באַשיינפערליכער זאָגט עס זיך אָפּ דורכצופירען דעם קאָמוניזם, אין דערזעלבער מאָס אָבער וואקסט דער פארלאַנג צו גרינדען איינצעלנע קאָמוניסטישע קאָרפּאָראציעס טאַקע אינ'ם קריסטענטום גופא.

א מוסטער געפינען זיי אין דער איינציגער קאָמוניסטישער אָרגאניזאציע, פון וועלכער עס האָבען זיך נאָך דעמאָלט דערהאַלטען לכל הפחות רעשטלעך: אין דער פ א מ י ל י ע אָדער, בעסער געזאָגט, אין דער ה ו י ז ג ע נ אָ ס ע נ ש א פ ט. אין אַלטערטום, און אויך נאָך אין דער קיסר־צייט, איז יעדע ווירטשאפט געווען פאַר זיך אַן אָפּגעשלאָסענע איינהייט, וואָס האָט אליין פּראָדוצירט דאָס נויטיגע, וואָס זי האָט נאָר געברויכט, און פלעגט פארקויפען אַלס סחורה נאָר דאָס, וואָס איז איבערגעבליבען.

לכתחילה זיינען די דאָזיגע באַטריבען געווען אויסשליסליך הויז־געגנאָסענשאַפטען, גרעסערע פאַמיליען פון אַן ערך 40 — 50 מענשען, וואָס האָבען געלעבט אין פולשטענדיגען קאָמוניזם און זיינען בשותפות געווען באַלעבאַטים און געברויכער פון די פּראָדוקציאָנס־ און קאָנסומציאָנס־מיטלען. די שקלאַפען־ווירט־שאַפט שפּאַרט אַרויס די הויזגענאָסענשאַפטען, זייער אָרט פאַרנעמען ווירטשאַפטליכע באַטריבען, אין וועלכע די פּראָדוקציאָנס מיטלען און דער געברויך זיינען דאָס פּריוואַטאייגענטום פון אַ יחיד, וועמען ס'געהערען אויך די אַרבייטער — די שקלאַפען. אָבער פונדעסט־וועגען איז די הויזגענאָסענשאַפט אין די ערשטע יאָרהונדערטען פון'ם קריסטענטום נאָך אַלץ געווען גענוג לעבעדיג, אום צו קאָנען דינען פאַר אַ ביישפּיל פון געזעלשאַפטליכע שאַפונגען.

די דאָזיגע נייע שאַפונגען זיינען געווען די מאָנאַסטירען, קינסטליכע הויזגענאָסענשאַפטען, וואָס ווערען פאַרקניפּט, אַחוץ דורך די בשותפות'דיגע אינטערעסען, נישט דורך בלוט־קרובה־שאַפט, נאָר דורך באַשטימטע, אויסגעפּלפּלטע תקנות און שבועות.

פון דיזעלבע פאָלקס־שיכטען, פון וועלכע עס האָבען זיך גענומען די ערשטע קריסטען, זיינען אויך געקומען די מייסטע מיטגלידער פון די נייע הויזגענאָסענשאַפטען, די מייסטע מאָנאַכען און מאָנאַשקעס. פון איין זייט זיינען דאָס געווען נגידים, וועלכע עס האָט אָנגענומען אַן עקעל צום רייכטום און צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָט זיי אַריינגעבראַכט. פון דער אַנדערער זייט זיינען עס געווען — און דאָס איז געווען דער רוב — אָרימע לייט, וואָס האָבען אין מאָנאַסטיר געפונען אַן אָב־דאַך, נישט קענענדיג אים געפינען אין דער „וועלטליכער", ד. ה. בירגערליכער געזעלשאַפט. „איצט אָבער", באַקלאָגט זיך דער הייליגער אויגוסטינוס, „זיינען זיך מקריב פאַר דער געטליכער עבודה צומייסט שקלאַפען אָדער באַפרייטע וואָס זיינען צוליב דעם טאַקע פון זייער האר באַפרייט געוואָרען אָדער דאַרפען ערשט באַפרייט ווערען, אָדער פויערים, אָדער בעל מלאכות, אָדער סתם פלעבעער".*) .

*) לערנבוך פון דער קירכענגעשיכטע, 3, אויפל. 1, ז. 545, ביי י. צ. ל. גידעלער.

א משפחה קאָן געפינען איר חיונה אויף פאַרשיידענע אופנים: דורך אַרבייט, דורך בעטלען, דורך עקספּלואַטאַציע. אויך די מאָנאַסטירען האָבן אויסגענוצט פאַרשיידענע מיטלען צו קריגען חיונה. ביי איינע וועגען אַריבער די נייגונגען פון לומפּענפּראָלע־טאַריער, וואָס זיינען פריהער געווען זייערע מיטגלידער; זיי באַשעפטיגען זיך הויפּטזעכליך מיט בעטלען. אַנדערע האָבן גליק און געפינען רייכע מיטגלידער אָדער „פּאַטראָנען", וואָס שענקען זיי אַוועק געלד, האָב און גוטס, שקלאַפן אָדער פּויערים. אָט די מאָ־נאַסטירען ציהען זייער חיונה פון דער עקספּלואַטאַציע פון די אומ־זיסטיגע אַרבייטער. די מערסטע מאָנאַסטירען אָבער זיינען געווען פאַראייניגען פון אָרימע לייט, וואָס זיינען געוואָרען געגרינדעט כדי זיך לייכטער דורכצושלאָגען מיט פּרנסה. זיי לעבען, לכל הפּחות לחתחילה, פון דער פיזישער אַרבייט פון זייערע מיטגלידער.

די ערשטע מאָנאַסטירען, פון וועלכע מיר ווייסען, אין פערטען יאָרהונדערט האָבן פאַרגעשריבען פיזישע אַרבייט; די באַדייי־טענדסטע גרינדערס פון מאָנאַסטירען פון יענער צייט פאָדערען זי: אַנטאָניוס, פּאַכאָמיוס, באַזיליוס, אין פערטען יאָהרהונדערט; בענעדיקט פון נורזיאַ, דער באַגרינדער פון'ם בענעדיקטינער אָרדען, אין אָנהויב פון'ם זעקסטען יאָרהונדערט.

אין אָנהויב האָט יעדער מיטגליד געקאָנט אַרויסטרעטען פון זיין הויז־געזעלשאַפט, ווען ער האָט געוואָלט; ער טראָגט נאָך די זעלבע קליידער ווי די איבעריגע מענשען פון דער באַפעל־קערונג.

לויט זייער כאַראַקטער און זייער צוועק קאָן מען די מאָנאַס־טירען פון דער צייט זעהר גוט פאַרגלייכען מיט די פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען פון די פּראָלעטאַריער אין אונזער צייט. די ערשטע ווי די אַנדערע מאַכען אַ פאַרזוך צו פאַרענטפערען די „סאָ־ציאַלע פראַגע" פון זייער צייט פאַר אַ באַשטימטען קרייז פון מענשען דורך די אייגענע כחות.

אָבער ביי דער גאַנצער ענליכקייט ווייזעןביידע אָרגאַניזאַ־ציעס אויך אויף באַדייטענדע חילוקים וואָס ענטשפּרעכען די פאַר־שיעדענהייטען צווישען דער היינטיגער און דער רוימישער גע־זעלשאַפט.

דער קאפיטאליסטישער אופן פון פראָדוקציע האָט כמעט די גאַנצע פראָדוקציע פארוואַנדעלט אין אַ סחורות פראָדוקציע. דער־פאר מוזען אויך די פראָדוקטיווגענאָסענשאפטען פון די ארבייטער פראָדוצירען סחורות. זיי פראָדוצירען געברויכס־געגענשטאנדען גישט פאר'ן אייגענעם געברויך, נאָר פאר'ן מארק, זיי זיינען גע־צוואונגען צו קעמפען מיט דער גאַנצער ריזיקע און מיט די אלע דעמאָראליזירענדע ווירקונגען, וועלכע עס ברענגט מיט זיך די סיסטעם פון פרייער קאָנקורענץ און פון קריזיסען.

פאר דעם קאפיטאליסטישען אופן פון פראָדוקציע האָט זיך די פראָדוקציע הויפטזעכליך באַגרעניצט מיט דעם באַשאַפען פון געברויכסגעגענשטאנדען פאר'ן אייגענעם באדארף. ווי יעדער פויע־רישער הויף, יעדע לאַטיפונדיע, יעדער פריצ'ישער הויף האָט פראָ־דוצירט אַלץ אָדער כמעט אַלץ, וואָס ער האָט אליין באַדארפט, און געבראַכט נאָר דעם איבערפלוס אויפ'ן מארק אַלס סחורה, אַזוי איז אויך געווען ביי די מאָנאַסטירען. דער איבערפלוס, וואָס פארבינדט זיי מיט'ן מארק, מיט דער וועלט, איז פאַר זיי מיים־טענס אַ גרויסער נסיון, נאָך וועלכען עס קומט גאָר גיך די עבירה. דער איבערפלוס האָט געדארפט באַלאַנגען צו די ארימע לייט, אָבער ס'האָט זיך בעסער געלוינט אים צו פארקויפען און צו פארווענדען פאר זיך.

אין שפּעטערען מיטעלאלטער, ווען די שטאָטישע אינדוסטריע פאנגט זיך אָן צו אנטוויקלען, קאָנקורירט די מאָנאַסטירישע מארק־פראָדוקציע מיט די בעלי מלאכות (פגל. ז. 97). אָבער די פראָדוקציע פאר'ן אייגענעם געברויך בלייבט נאָך אַלץ די הויפט־זאַך. אין די מאָ־נאַסטירען ווארפט זי זיך ניט אונטער דעם איינפלוס פונ'ם אויפקו־מענדיגען קאַפּיטאַליזם; דערפאַר דערהאַלט זיך דאָ די נאַטוראַל־ווירטשאַפט אַס לענגסטען. די דאָזיגע ווירטשאַפט־סיסטעם האָט זיי צוגעגעבען אַ קאָנסערוואַטיזם אָבער אויך אַן עקשנות'דיג־קייט און כח, וועלכען מיר זוכען אומזיסט ביי די היינטיגע פּראָ־דוקטיוו־גענאָסענשאַפטען.

דער צווייטער גרויסער חילוק איז דער, וואָס די פראָדוקטיוו־גענאָסענשאפטען פון אונזער צייט שטיצען זיך נאָר אויף דעם

בשותפות'דיגען אייגענטום פון די פּראָדוקציעמיטלען און נישט פון די געברויכס־מיטלען. אין די מאָנאַסטירען איז להיפוך די הויפּטזאַך געווען דאָס בשותפות'דיגע לעבען, די בשותפות'דיגע באַלעבאַטישקייט, און דאָס שותפות'דיגע אייגענטום פון די פּראָ־דוקציע מיטלען אַ נעבענזאַך, מיט וועלכער מען האָט זיך געמוזט באַנוצען, אויב מען האָט געוואָלט מאַכען די קאָמוניסטישע ווירט־שאַפט פאַר אַ שטענדיגער איינריכטונג. ווייל די ערפאַרונג האָט געוויזען, אַז דער שותפות'דיגער הויזהאַלט שטעהט אין אַ געגענזאַץ צום פערזענליכען פּריוואַטאייגענטום פון די פּראָדוקציאָנסמיטלען און אַז זי קאָן ניט לאַנג עקזיסטירען אויב דאָס פּריוואַט־אייגענטום בלייבט ווייטער באַשטעהן.

און נאָך איין חילוק איז דאָ צווישען די היינטיגע פּראָדוק־טיוו־גענאָסענשאַפטען און די מאָנאַסטירען. די ערשטע פאַרלאַנגען ניט מען זאָל זיך אָפּזאָגען פונ'ם פאַמיליען־לעבען, פאַר דעם שותפות־אייגענטום פון פּ ר אָ ד ו ק צ י ע ־ מיטלען איז דאָס קיין מניעה ניט, פאַר דעם שותפות־אייגענטום פון קאָנסומציע־מיטלען אָבער יאָ. אחוץ דער הויזגענאָסענשאַפט האָט דערפאַר דער מאָנאַך אָדער די מאָנאַשקע נישט געטאָרט האָבען קיין אַנדער פאַמיליע. אָבער די מאָנאַסטירען האָבען געמוזט נאָך ווייטער געהן. די פּרימיטיווע הויזגענאָסענשאַפט פאַרבאָט נישט דעם איינצעלנעם גענאָסע חתונה צו האָבען. אָבער די דאָזיגע גענאָסענשאַפט האָט זיך געשטיצט אויף בלוט־קרובה'שאַפט, וואָס איז געהייליגט געוואָרען דורך אַ טויזענדיאָריגען מנהג און נישט אויף נאָר וואָס אַנטדעקטע קינסט־לערישע קאָנסטרוקציעס, און זי האָט עקזיסטירט אין אַ געזעל־שאַפט, אין וועלכער עס איז נאָך נישט געווען קיין פּריוואַט־אייגענטום און ירושה־רעכט פון איינצעלנע יחידים, לכל הפחות נישט אויף די וויכטיגסטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די מאָנאַסטירען זיינען להיפך אַנשטאַנען אין אַ צייט, וואו דאָס אייגענטום־ און ירושה־רעכט איז שוין געווען פולשטענדיג אַנט־וויקעלט. און ווי ווייט זיי האָבען נישט געזאָלט אַנטלויפען אין מדבריות, כדי צו לעבען אויסער דער בירגערליכער וועלט, זיינען זיי דאָך געבליבען אונטער איר ווירקונג. וואָלט מען אין מאָנאַסטיר איינ־געפירט די איינצעלמשפּחה, וואָלט דאָס בלי שום ספק צעקלאַפּט

דעם קאָמוניזם, גראד אזוי, ווי זי האָט אוועקגע׳הרג׳עט דעם קאָמוניזם פון דער קריסטליכע קירכע.

די מאָנאַסטירען איז גאר נישט איבערגעבליבען, ווי אָפּצוזאָגען זיך פון חתונה האָבען, אויב זיי האָבען געוואָלט דערהאַלטען דעם קאָמוניזם און דערמיט זיך אליין. דער אויפגעקלערטער ליבעראל זעהט אין דער הייראטסלאָזיגקייט פון די מאָנאַכען און מאָנאַשקעס אַ פּועל יוצא פון זייער גרויסער אידיאָטסטווא. אָבער דער היסטאָריקער, אויב ער קאָן נישט באגרייפען עפּעס אַ היסטאָרישע מאַסענערשיינונג, וועט טאָן אַ סך גלייכער אויב ער וועט זוכען די סבה דערפון אין דער אייגענער אומקענטניש פון די אמת׳ע צוזאַמענהאַנגען, און וועט זיי אויספאָרשען, איידער ארויפצואווארפען דאָס אחריות אויף דער נארישקייט פון די מאַסען, הגם דאָס לעצטע איז פאר׳ן שרייבער באקוועמער און דערהויבט אים העכער אין די אייגענע אויגען. די הייראטסלאָזיגקייט פון די מאָנאַכען באַווייזט נישט, אז די מאָנאסטיר־גרינדער זיינען געווען אידיאָטען, נאָר אַז די עקאָנאָמישע פארהעלטנישען קאָנען אונטער געוויסע באַדינגונגען ווערען שטאַרקער ווי די געזעצען פון דער נאַטור.

אחוץ דעם הייסט נאָך הייראַטסלאָזיגקייט ניט נויטווענדיגערווייזע געשלעכטליכע ריינליכקייט. זי קאָן, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, אויך דורכגעפירט ווערען ביי אַ אומפארהייראטען געשלעכטספארקער. פּלאַטאָ האָט געזוכט דעם אויסוועג. אָבער אין דער רוימישער געזעלשאפט איז די הייראט געווען צו שטאַרק באפעסטיגט, אז די מאָנאסטירען זאָלען זיך קאָנען באַנוצען מיט דעם אויסוועג. זיי ווארפען זיך אונטער דער פאָדערונג פון צניעות, בפרט אז די צייט איז בכלל געווען אַ טרויעריגע און די נייגונג צו אסקעטיזם שטאַרק פארשפרייט.

אז אונזער מיינונג דאָס די הייראַטסלאָזיגקייט אין די מאָנאַסטירען איז אַ פּועל יוצא פונ׳ם קאָמוניזם פון די קאָנסום־מיטלען, איז נישט קיין ספּעקולאַציע, באַווייזט דער פאַקט, אַז מיר געפינען שטענדיג די דאָזיגע צוויי ערשיינונגען אינאיינעם. אין אַלטערטום ווייזט אונז דאָס פּלאַטאָ און די אסיים. מיר קאָנען אָבער נאָך ווייטער ברענגען אַ פארגלייך פון די קאָלאָניעס אין די פאראייניגטע שטאַאטען, וואָס האָבען אין די לעצטע יאָרצעהנדלינגע פונ׳ם

18טען און אין די ערשטע פונ׳ם 19טען יאָרהונדערט געוואָלט דורכפירען אַ פּרימיטיווען קאָמוניזם; מען טאָר זיי אָבער נישט פאַרבייטען מיט יענע קאָלאָניעס, וואָס האָבען געדאַרפט רעאַליזירען די אידעען פון די נייעסטע אוטאָפּיסטען, פון דעם אוטאָפּיזם, וואָס איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער ערקענטניש פונ׳ם קאַפּיטאַליסטישען אופן פון פּראָדוקציע און וואָס האָט דערפאַר געמאַכט דעם קאָמוניזם פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען צום יסוד פון זיינע פאַרזוכען, וועמעס פאָרשטעהער זיינען געוועזען ר. אָוען, פוריע און קאַבע.*)

צווישען די פאַרשיידענע רעליגיעז־קאָמוניסטישע געמיינדען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָס טשאַרלס נאָרדהאָף באַשרייבט אין זיין ווערק איבער די קאָמוניסטישע געזעלשאַפטען פון דעם לאַנד, איז נישטאָ קיין איינציגע, וואָס זאָל נישט האָבען קיין פיינטליכע באַציהונג צו דער הייראַט הגם זיי זיינען אַנטשטאַנען אויף די פאַרשיידענסטע דרכים און אונטער פאַרשיידענסטע תנאים אָהן אַ שיכות צואַנאַנד. די עהנליכקייט איז נישט קיין צופאַל.

צוויי פון די סעקטען דערלויבען אפילו די הייראַט יאָ, די אמאַנאַ געמיינדע (געגרינדעט אינ׳ם יאָר 1844) און די סעפּאַראַטיסטען (עקזיסטירט זייט דעם יאָר 1817); אָבער אויך זיי האַלטען די הייראַטסלאָזיגקייט פאַר העכער און בכבוד׳יגער. די סעפּאַראַטיסטען פון צאָאַר האָבען צום אָנהויב פאַרבאָטען חתונה צו האָבען. זייט 1830 איז דאָס ביי זיי יאָ דערלויבט. אָבער דער ניינטער פון די צוועלף אַרטיקלען, וואָס זייערע תקנות האָבען, זאָגט: „מיר האַלטען יעדען געשלעכטליכען פאַרקער, וואָס איז נישט נויטיג

---

*) די אָפּגעשטאַנענקייט פון יענעם קאָמוניזם אָקעגען דעם, ווייזט זיך שוין אַרויס אין זיין רעליגיעזען כאַראַקטער. ביי די קאָמוניסטישע געמיינדען, פון וועלכע מיר רעדען דאָ, איז די רעליגיע נישט קיין פּריוואַט־זאַך. זיי שטעהען נאָך אויף יענער מדרגה, וואו סאָציאַלע עיקרים טוען זיך אָן אַ רעליגיעזען בגד, דאָס באַלאַנגען צו דער געמיינדע איז אַ תנאי, אַז מען מוז אויך באַלאַנגען צו באַשטימטע רעליגיעזע דאָגמען.

כדי דעם מין צו פאַרמערען, פאַר אַן עבירה און אַ היפך צו גאָט'ס געבאָט. פולע אומבאַרירטקייט איז בכבוד'יגער ווי די הייראַט". (א. אַ. אָ., ז. 104).

די אַנדערע סעקטען פאַרבאָטען די הייראַט דירעקט. די ראַפּיסטען האָבען זי לכתחילה דערלויבט, פונ'ם יאָר 1803 אָן, זיי קומען אָבער אין 1807 צו דער מיינונג, אַז די הייראַטלאָזיגקייט איז נויטיג. אינ'ם יאָר 1832 זונדערען זיך אָפּ פון דער הויפּט־געמיינדע 250 ראַפּיסטען, וואָס ס'איז זיי נמאס געוואָרען דער צעליבאַט, און גרינדען אַן אייגענע געמיינדע. זי איז באַלד אונטערגעגאַנגען, דאָס פאַרמעגען פאַרטיילט צווישען די איינצעלנע משפחות.

די סהאַקערס, די עלטסטע פון די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטענ־סעקטען, וואָס איז נאָר אַנטשטאַנען אין 18טען יאָרהונדערט, פאַרצייכענען צווישען זייערע פינף הויפּט יסודות אַלס ערשטען דעם קאָמיניזנם, אַלס צווייטען דעם צעליבאַט.

נאָר איינע פון די סעקטעם האָט געוואַגט דעם פּרואוו איינצופירען די הייראַטסלאָזיגקייט, וואָס איז אויך ביי זיי אַ פאָרשריפט, נישט דורכ'ן צעליבאַט נאָר דורך דעם פּלאַטאָנישען פּלאַן, וועלכער איז אָבער פאַר אַ מאָדערן פיהלענדען און דענקענדען מענש נאָך וויינינגער אננעמבאַר ווי די לעבענסלענגליכע אומבאַרירטקייט. דאָס זיינען די פּערפעקטיאָניסטען פון אָנעידאַ און וואַללינגפאָרד, וואָס האָבען זיך פאַראייניגט אין 1848־טען יאָר. זיי גלויבען, אַז קריסטוס האָט געלערנט נישט בלויז די שותפות'דיגקייט פון די גיטער, נאָר אויך פון די פאַרשוינען. קיינער האָט נישט קיין רעכט, צו פאַרקערען נעשלעכטליך מיט אַן אַנדער פּערזאָן געגען זיין ווילען. אָבער זיי האַלטען די „אויסשליסליכע און גאָטלאָזע טריישאַפט" פון צוויי פּערזאָנען פאַר אַ סימן פון זינדיגען עגאָאיזם, און וואו אַזעלכע ווייזט זיך אַרויס, ווערט זי דערשטיקט דורך „קריטיק" און אַנדערע מיטלען. ווי אינ'ם פּלאַטאָנישען שטאַט ווערט אויך ביי די פּערפעקטיאָניסטען דאָס געבערען פון קינדער רעגולירט דורך דער געזעלשאַפט און ווערט דורכגעפירט לויט „ווויסענשאַפטליכע גרונדזאַצען". (א. א. א. ז. 276).

אינטערעסאַנט איז, אַז גראָד די פּערפעקטיאָניסטען שטעהען

עקאָנאָמיש און אינטעלעקטועל אַ סך העכער פון די פּרימיטיוו־קאָמוניסטישע סעקטען. זיי זיינען די איינציגע, וואָס פּאָרען אָרענט־ליך ביכער און ווייזען ארויס קינסטלערישע און ליטעראַרישע אינ־טערעסען.

מיר קאָנען דארום זאָגען, אַז די הייראַטסלאָזיגקייט אין די מאָנאַסטירען איז נישט קיין פּראָדוקט פון אַ נארישען קאַפּריז אָדער גאָר פון אַ שגעון, נאָר זי איז געווען אַ פּועל יוצא פון די מאַטעריעלע תנאים, אין וועלכע זי איז אנטשטאַנען.

פון דעם בליק אויף די קאָמוניסטישע קאָלאָניען פון אמעריקאַ לערנען מיר נאָך אַ זאַך: דער קאָמוניזם שאַפט אַ אויסערגעוויינליכען פלייס, אַ אויסערגעוויינליכע ארבייטס־שמחה. קיין זאַך איז ניט לעכערליכער ווי די מורא, אַז אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט מען ניט ארבייטען. די ערפאַרונג האָט שוין לאַנג באוויזען דעם היפך.

דער שוין ציטירטער בוך פון נאָרדהאָף ברייינגט אויך דערפאַר אַ מעגנע מיט ראיות. „איך האָב אָפט געפרעגט“, דערצעהלט ער, „וואָס טוט איר מיט די פוילע מענשען? אָבער אין אַ קאָמוניסטישע געמיינדע זיינען נישט פאַראַן קיין פוילע. איך ציה דערפון דעם שלוס, אַז די מענשען זיינען נישט בטבע פויל. אפילו די „ווינטער־סהאַ־קערס“, יענע פוסטע בחורים, וואָס, ווי באַלד די קאַלטע צייט רוקט זיך אָן, קומען זיי אָן צו די סהאַקערס און צו אַנדערע געמיינדען, מיט אַ תירוץ, אַז זיי ווילען ווערען מיטגלידער; וואָס קומען אין אָנ־הויב ווינטער, ווי אַן עלטסטער פון די סהאַקערס האָט מיר געזאָגט, מיט אַ לעדיגען מאָגען און אַ לעדיגען טשעמאָדאַן און געהען אַוועק ווי באַלד די רויזען הויבען אָן צו בליהען, האָבענדיג ביידע אָנגע־פילט“, — אפילו אָט די פאַרדאָרבענע נפשות פאַלען אונטער דער ווירקונג פון פלאַנמעסיגקייט און אָרדנונג און טוען זייער חלק ארבייט אָהן טענות, ביז די וואַרימע פריהלינג־זון נאַרט זיי ארויס ווידער אויף דער פרייהייט“. (א. א. א. ז. 395).

מיר מעגען דערפאַר אָננעמען, אַז די פאָדערונג פון פיזישער ארבייט, וואָס די גרינדער פון מאָנאַסטירען האָבען אויפגעשטעלט,

איז געווען גאַנץ ערנסט און אַז די באַריכטען וועגען פלייס פון די מאָנאַכען זיינען נישט סתם קיין מליצות, הגם מיר ווייסען, אַז וואָס איז שייך המצאות און גוזמאות, האָט די קירכליכע רעטאָריק תמיד פאַרנומען אַ ערשטען פּלאַץ און פאַרטונקעלט אין שאָטען יעדען מין רעטאָריק, אפילו די אַדוואָקאַטישע *).

און נאָר אַ זאַך צייגען אונז די פּרימיטיווע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס פון צפון־אַמעריקא: דעם גרויסען עקאָנאָמישען יתרון פון אָט דער געזעלשאַפטס פאָרם איבער דער פּויערישער און קליינבירגערליכער, אין וועמענס שוים זיי זיינען אנטשטאַנען.

עס וואָלט צו ווייט געפירט, זיך אָפּצושטעלען אויף די סבות פון דער דאָזיגער ערשיינונג.**) גענוג, זי איז בולט און ווערט

*) אַז די מאָנאַכען האָבען אויף זיך נישט גענומען צופיל אַרבייט, פאַרשטעהט זיך אליין, גראַד אַזוי, ווי אויך די אַנדערע פריווע אַרבייטער, פאַר דעם אנשטעהען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. אין די בענעדיקטינער מאָנאַסטירען האָט אויסגעמאַכט דער נאָרמאַלער אַרבייטס־טאָג, בהסכם מיט די תקנות פונ'ם היליגען בענעדיקט פון נורדיאַ, ז י ב ע ן  ש ע ה. (ר אַ צ י נ ג ע ר, „געשיכטע פון דער קירכליכער צדקה אַרבייט”, ז. 100). מיר ראַטען דער פרומער קריסטען־וועלט זיך אַביסעל צו פאַרטראַכטען איבער דעם נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג.

**) נאָרדהאָף האָט וועגען זיי אין זיין דערמאָנטען ווערק באריכות געשריבען. ווי געזאָגט, מען טאָר נישט אָט די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס פון איינפאַכע פּויערים און בעל־מלאכות, וואָס האָבען זיך דורך דעם קאָמוניזם דערהויבען עקאָנאָמיש איבער דער מדרגה פונ'ם קליינפּויערטום און קליינבירגערטום, צונויפמישען מיט די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פון געבילדעטע שטאָט־מענשען, און דערצו נאָך על פי רוב פון די אינטעליגענטע באַרופען, מיט דעם ציל צו בויען אַ נייע פאָרם פון געזעלשאַפט, וואָס זאָל שטעהן העכער נישט נאָר פון דער פּויערישער און קליינבירגערליכער, נאָר אַפילו פון דער קאַפּיטאַליסטישער אין איר אַנטוויקעלסטער פאָרם. די דאָזיגע פאַרזוכען האָבען זיך נישט איינגעגעבען שוין לכתחילה, ווייל דער שטאָט־מענש איז, וויבאַלד ער איז אָנגעוויזען אַליין אויף זיין אייגענער אַרבייט, אַ שלעכטער פּיאָנער פון קולטור אויפן' דאָרף און בפרט אין דער ווילדערניש. אָבער ווען אפילו דער פּרואוו איז כלומרשט געלונגען, האָט ער אויך נישט דערפילט זיין צוועק, ווייל אַ איינצעלנע, קאָמוניסטישע געמיינדע, מוז — ווי גוט זי זאָל נישט זיין אָרגאַניזירט — תמיד שטעהן

אם בעסטען באַוויזען דורך דעם שנעלען וואַקסען פונ׳ם רייכטום, וועלכען עס באַזיצען די געמיינדען.

נאָך בולט׳ער האָט זיך געמוזט אַרויסווייזען זייער באַדייטונג אין דער אָפּשטאַרבענדיגער רוימישער אימפּעריע, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין בליהענדיגען קלאַס פון פּויערים און קיין בליהענדען קליינבירגערטום, ווי די פאַראייניגטע שטאַטען אין דער ערשטער העלפט פון דעם 18טען י. ה. די פּויערנשאַפט איז געווען רואינירט, די לאַטיפונדיען־ווירטשאַפט מיט שקלאַפען איז געגאַנגען אויף דעמזעלבען וועג און איר אָרט פאַרנעמט א קליין, אַרים פּעכטערטום, דער קאָלאָנאַט. אין פאַרגלייך מיט זיי זיינען די מאַנאַסטירישע פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאַפטען געשטאַנען גאָר הויך. קיין חידוש נישט, וואָס די מאָנאַסטירען פאַרשפּרייטען זיך שנעל אין דער קריסטליכער וועלט און ווערען די טרעגער פון דער רוימישער טעכניק און בכלל פון דער רוימישער קולטור.

נאָך וועניגער וועלען מיר זיך חידוש׳ען, וואָס נאָך דער פעלקערוואַנדערונג זעהען די גערמאַנישע פירשטען און פּריצים אין די מאָנאַסטירען דעם פּאַסיגסטען מיטעל, ווי אויף איינפירען אין זייערע לענדער א העכערען פּראָדוקציאָנס־אופן און אַז זיי שטיצען דאָס גרינדען פון מאָנאַסטירען, פּונקט ווי אין 18טען יאָרהונדערט האָבען די אייראָפּעאישע הערשער געשטיצט די קאַפּיטאַליסטישע מאַנופאַקטורען. בשעת אין דרום פון די אַלפּען איז דער הויפּט צוועק פון די מאָנאַסטירען באַשטאַנען אין דעם

---

אַ סך נידריגער ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס באַהערשט דעם גאַנצען אינוועניגסטען מאַרק פון אַ גאַנצער נאַציע און דערביי נאָך אַ שטיק פונ׳ם וועלט־מאַרק, אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע קאָן זיך אין דער היינטיגער געזעלשאַפט נאָר דעמאָלט דערהאַלטען, ווען אירע מיטגלידער ווערען פאַרפויערט און זאָגען זיך אָפּ פון אַלע קולטורעלע נצחונות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דאַדורך קאָן מען פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבען, למשל, הערצקא׳ס אַפריקאַנישע עקספּערימענטען. ווען זיי זאָלען, אַקעגען יעדער ערוואַרטונג, געלונגען (בשעת דער בוך געהט אין דרוק, קומט די ידיעה פון זייער מפּלה), וואָלט דער רעזולטאַט געווען, אַז ס׳איז געגרינדעט געוואָרען נישט אַ נייע, העכערע געזעלשאַפט, נאָר אַ פּאָר פּויערישע דערפער, וואָס שטעהען אין יעדען פּרט אויסער דער ציוויליזאַציע.

צו זיין ערי מקלט פאר פראַלעטאַריער און פאר געפייניגטע פויערים, איז אין צפון פון די אַלפּען זייער הייפּט אויפגאַבע געווען צו אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפט, די אינדוסטריע, דעם פאַר־קער.

אָבער גראַד די עקאָנאָמישע העכערקייט איבער די אַנדערע ווירטשאַפטליכע באַטריבען פון יענער צייט האָט געמוזט יעדען מאָנאַסטיר — אויב ער האָט זיך נאָר בכלל דערהאַלטען אונטער יענע שרעקליכע באַדינגונגען — פריהער אָדער שפּעטער ברייננגען צו מאַכט און עשירות) אויב ער האָט דאָס נאָך פריהער ניט געקראָ־גען פון סתם א רייכען באַשיצער. מאַכט און עשירות פאַרזיכערען אָבער די מעגליכקייט צו הערשען איבער דער ארבייט פון אַנדערע. די מאָנאַכען און מאָנאַשקעס זיינען שוין נישט מעהר געצוואונגען אַליין צו ארבייטען, עס עפענט זיך פאַר זיי א מעג־ליכקייט צו לעבען פון דער ארבייט פון אַנדערע, און זיי באַנו־צען זיך אויך, פארשטעהט זיך, מיט דער מעגליכקייט. פון פ ר אָ־ד ו ק ט י ו ו ־ ג ע נ אָ ס ע נ ש אַ פ ט ע ן ווערען די מאָנאַס־טירען ע ק ס פּ ל ו אַ ט י ר ע נ ד ע ג ע נ אָ ס ע נ ש אַ פ־ט ע ן.

דאָס איז סוף כל סוף דער גורל פון יעדען געלונגענעם פּרואוו, דורכצופירען דעם קאָמוניזם פאַר א קליינער קערפּערשאַפט, אין א געזעלשאַפט פון פּריוואַט־אייגענטום און עקספּלואַטאַציע. דאָס באַציט זיך גראַד אַזוי אויף דעם קאָמוניזם פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ווי פון די קאָנסום־מיטלען אדער אויף ביידע אינאיינעם. פאַר'ן ערשטען ברענגט אונז א סך ראיות די גע־שיכטע פון די פּראָדוקטיוו גענאָסענשאַפטען, פאַר די לעצטע — די געשיכטע פון די פּרימיטיוו־קאָמוניסטישע קאָלאָניעס פון אמע־ריקא.

סיי די ערשטע און סיי די אַנדערע, אויב זיי האָבען נאָר א קיום און פאַרשפּרייטען זייער פּראָדוקציע, זיינען גיכער גרייט אויפ־צונעמען לוינארבייטער, אַנשטאַט גלייכבאַרעכטיגטע מיטגלידער, מיט וועלכע די פריהערע וואָלטען זיך געמוזט טיילען.

די באַפרייאונג פון דער האַנט־ארבייט הייסט נאָך ניט, אַז מען גיט אויף יעדע ארבייט. זי מאַכט מעגליך דאָס פאַרנעמען

זיך מיט גייסטיגער אַרבייט און גראָד אין דעם פּרט זיינען די מאָנאַסטירען געוואָרען גאר וויכטיג.

אין אָנפאַנג האָבען זיי נאַטירליך נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג פאַר דער קונסט און וויסענשאַפט. פּראָדוקטיווע גענאָסענשאַפטען פון געוועזענע פּויערים, בעל מלאכות, שקלאַפען, לומפּענפּראָלעטאַריער, דערצו נאָך געגרינדעט אויסער די שטעט אין פאַרוואָרפענע מקומות, וואו די בירגערליכע געזעלשאַפט און די מלוכה האָט זיי נישט געקאָנט „אַריינקוקען אין טאָפּ אריין" — זיינען נישט געווען קיין פּאַסיגע פלעצער צו פאַרשפּרייטען קונסט און וויסענשאַפט. די קונסט און די וויסענשאַפט זיינען אין רוימישען רייך געבליבען קאָנצענטרירט אין די שטעט, אויך בשעת דער הערשאַפט פונ'ם קריסטענטום.

אָבער גלייכצייטיג מיט'ן אויפהערען פון דער שקלאַפעריי, וואָס האָט געליפערט אזא איבערפלוס פון פּראָדוקטען, ווערט פאַרשוואונדען אלץ מער און מער נישט בלויז דער לוקסוס, נאָר אויך די וויסענשאַפט קונסט האנטווערק, די ציוויליזאציע בכלל. די לאַנדווירטשאַפט זינקט אַלץ מער אַראָפּ צו א פּרימיטיווער פּאַכט־ווירטשאַפט פון גראָבע יונגען, און ברייננגט גאָר א קליינעם רוח; אין איינעגע מקומות געהט זי גענצליך צוגרונד. נאָך דער רואינע פון דער לאַנדווירטשאַפט קומט די רואינע פון די שטעט. עס ווערט אלץ קלענער זייער באַפעלקערונג, זייער שטח און וואוילטאָג. די פעלקערוואַנדערונג רואינירט זיי גענצליך, זיי פאַרלירען יעדע באַדייטונג.

איצט ווערען די מאָנאַסטירען, וואָס זיינען אין דער צווישענצייט רייך געוואָרען, די בעסטע, יאָ, כמעט די איינציגע באהעלטענישען פאַר דער וויסענשאַפט און קונסט. אין פערטען יאָרהונדערט הויבט זיך אָן דאָס מאָנאַסטיר־לעבען צו אַנטוויקלען, אָבער ערשט פונ'ם 6ען י. ה. אָן, טראָגט זיך מדרגה'ווייז אריבער דער שווערפּונקט פונ'ם גייסטיגען לעבען אין די מאָנאַסטירען אריין, וואו ער בלייבט שוין ביז די שטעט הויבען אויף'ס'ניי אָן צו בליהען.

אָבער די יעניגע, וואָס זיינען געגאַנגען אין אַ מאָנאַסטיר, כדי דאָרט זייער צייט מקריב צו זיין פאַר דער קונסט און וויסענ־

שאפט, זיינען אלץ געבליבן נאָר א מיעוט פון די מאָנאסטיר־באוואוינער. די מערסטע האָבן באנוצט דעם וואוילטאָג און די פרייע צייט, וואָס די עקספּלואטאציע האָט זיי פארשאפט, פאַר ערגערע תענוגים. די פוילקייט, זנות און שכרות פון די מאָנאַכען איז אלגעמיין באקאנט.

אָבער נאָך אַן אנדער אנטוויקלונג קומט פאָר, וויבאלד איינע פון די מאָנאסטירישע פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאפטען הויבט אָן צו בליהען און ווערט רייכער, דערהויבט זי זיך איבער דער מאסע פון דער איבעריגער באפעלקערונג. און די יחוס'דיגע שטעלונג קאָן זי נאָר פארנעמען, אויב זי שליסט זיך אָפּ פון'ם המון גם, וואָס שטופּט זיך אַהין, כדי אויך אַ חלק צו האָבן אין דעם גליק. אזוי ווי אמאָל די מארקגענאָסענשאפטען אין די צעכען, און אזוי ווי אין אונזער יאָרהונדערט נישט איין בליהענדע קאָמוניסטישע קאָלאָניע אָדער פּראָדוקטיווגענאָסענשאפט, אזוי ווערען אויך די מאָנאסטירען אָפּגעשלאָסען וויבאלד זיי ארבייטען זיך אביסעל ארויף. די אָרימע לייט, וואָס מעלדען זיך אלס נייע מיטגלידער, ווערען געהאלטען פון דערווייטען. להיפּך ווערען גאר פריינדליך אויפגענומען מענשען, וועמעס שטעלונג אָדער רייכטום עס קאָנען דעם מאָנאסטיר ברענגען נוצען. אזוי ווי די מאָנאסטירען הערען אויף צוליב זייער רייכקייט צו זיין פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ־ ג ע נ אָ ס ע נ ־ ש א פ ט ע ן און ווערען א ו י ס ב י י ט ע ר ־ ג ע נ אָ ס ע נ ־ ש א פ ט ע ן, אזוי הערען זיי אויך אויף צו זיין ע ר י מ ק ל ט 'ס פאר אָרימע און געפּייניגטע. זיי ווערען אנשטאלטען כדי צו פ א ר ז אָ ר ג ע ן די יונגערע זין און די פארזעסענע טעכטער פון'ם א ד ע ל.

אָבער דער פארלאַנג נאָך פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאפטען אויף איין זייט און נאָך ערי מקלט'ס פאר אָרימע און געפּייניגטע אויף דער אַנדערע זייט איז אין מיטעלאלטער זעהר שטארק און דער מאָנאסטיר איז די איינציגע פאָרם אויף צו באפרידיגען אָט דעם פארלאַנג. און בעת מען האלט זיך אין איין באקלאָגען אין דער גאנצער צייט, אז די דיסציפּלין און די גוטע מדות פון מאָנאכען פארשווינדען, הערט מען נישט אויף צו מאכען פארשידענע פאר־

זוכען דאָס צו ענדערען, סיי דורך רעפאַרמען אין די אַלטע מאָ־נאַסטירען, סיי דורכ'ן גרינדען פון נייע.

די מעטאָדען פון די רעפאָרמען זיינען געווען די פאַרשיידענ־סטע. דער איינפאַכסטער און פאַר'ן רעפאָרמאַטאָר דער לוינענד־סטער איז געווען דער, צו קאָנפיסקירען ביים מאָנאַסטיר דאָס גאַנצע איבערפליסיגע פאַרמעגען.*) אָבער נישט תמיד גיט זיך איין די רעפאָרמאַציע, ווייל די מאָנאַכען פון יענער צייט וועהרען זיך גאָר שטאַרק. נישט איין גלח, וואָס האָט זיך צו שטאַרק פאַרקאָכט אין רעפאָרמען, איז דורך זיי גע'הרג'ט געוואָרען. אָפטמאָל אויך דורך נערוונגענע מערדער.

און אפילו וואו די רעפאָרמאַציע גיט זיך איין, ברענגט זי אויך ווייניג נוצען. אין אַ קורצער צייט אַרום זעהען מיר ווידער די אַלטע צושטאַנדען.

נישט אַנדערש געהט עס אויך צו ביי די נייגעגרינדעטע אָר־דענס פון מאָנאַכען. די גרינדער באַמיהען זיך אויסצואַרבייטען אַלץ נייע כללים כדי נאָר צו פאַרטרייבען דאָס גשמיות פונ'ם מאָנאַסטיר. אַלע תאוות דאַרפען ווערען קינסטליך פאַרטריבען דורך זעלבסט־פּייניגונג. אַלץ שטרענגער ווערט דער אַסקעטיזם, אַלץ מעהר שליסט מען זיך אָפּ פון דער אַרומיגער וועלט. אָבער אַזוי ווי מען האָט נאָר באַקעמפט די איינצעלנע סימפּטאָמען און נישט געגאַנגען צום שורש, זיינען אָט די אַלע קוועלערייען געווען אָהן אַ ווירקונג און מייסטענס געבליבען — צום גליק — נישט אויסגעפירט.

די מייסטע אָרדענס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין 12טען און 13טען יאָרהונדערט. דעמאָלט האָבען די שטעט פון איטאַליען און דרום פראַנקרייך געהאַלטען אין איין אויפבליהען. דאָס עקאָ־נאָמישע בליהען האָט אָבער מיט זיך געבראַכט דאָס וואַקסען

*) באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט אויף דעם אופן דער דייטשער קיסר היינריך דער 2טער (1002—24) (פגל. ל אַ מ פּ ר ע כ ט, „דייטשע געשיכטע“, 2, ז. 280 און ג י ז ע ב ר ע ט, „די דייטשע קאַיזער־צייט“, 2, ז. 84 און ווייטער). דער דאָזיגער גרויסער קאָנ־פיסקאַטאָר פון קלויסטער־גיטער איז געוואָרען ערקלערט פאַר היילוג. אַ מוסטער פאַר פרומע קריסטען...

פונ׳ם פראָלעטאַריאַט, פון אַן ארבייטענדען, אָבער אויך פון א לומפּענפּראָלעטאַריאַט. אין מאַנכע שטעט האָט ער גענומען כח, אום ארויסצורופען סאָציאַלע באַוועגונגען. זיי דריקען זיך אויס אין א שטאַרקערער ניינונג צום מאָנאַכישען וועזען און טראָגען אין זיך אריין מער פּראָלעטאַרישען כאַראַקטער, ווי ער האָט געהאַט אין דער גאַנצער צייט פונ׳ם זעקסטען ביז צום עלפֿטען יאָרהונדערט. נישט תמיד זיינען די מאָנאַכישע טענדענצען פריינדליך צו דער הערשענדער קירכע. אָפט פאַרבינדען זיי זיך מיט אפּיקורסים, שונאים פון דער קירכע, וואָס הויבען אָן אין דער צייט צו באַווייזען זיך אין איטאַליען און אין דרום־פראַנקרייך.

אָבער אָפט געלינגט עס די פּויפּסטען אויסצונוצען פאַר זיך די מאָנאַכישע פּראָלעטאַרישע טענדענצען. באַזונדער וויכטיג זיינען דורך דעם געוואָרען די בעטלער־אָרדענס פון ד אָ־מ י נ י ק אַ נ ע ר און פ ר אַ נ צ י ס ק אַ נ ע ר. דער לאַטעראַנישער קאָנצול (1215) האָט פאַרבאָטען צו גרינדען נייע אָרדענס, כדי אַמאָל אַן עק צו מאַכען מיט די שטענדיגע „גרינדאַכצער". אָבער דער פּייפּסט איז עובר אויף דעם פאַרבאָט לטובה פון די צוויי דערמאָנטע אָרדענס, וואָס זיינען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרען.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז דער אָנפאַנג פון די פראַנציסקאַנער. זייער גרינדער, דער הייליגער פ ר אַ נ צ י ס ק פ ו ן אַ ס י ז י, איז געבוירען געוואָרען אינ׳ם יאָר 1182 איז געווען א זון פון א רייכען סוחר און האָט פאַרבראַכט א לוסטיגע יוגענד. דערנאָך, בשעת דעם געווענליכען קאַצעניאַמער, האָט ער באַקומען אַן עקעל פאַר׳ן רייכטום און א דראַנג צו העלפען ארימע. ער פאַרקויפט זיין האָב און גוטס, פאַרטיילט זיין געלט צווישען די אָרימע און באַשליסט מקריב צו זיין פאַר זיי זיין לעבען. ער ציהט צו זיך צו נאָך חברים און אָרגאַניזירט אַן אָרדען, וועלכען א י נ אָ צ ע נ ץ דער 3טער באַשטעטיגט מינדליך אינ׳ם יאָר 1215 און מאָנאָריוס — שריפטליך אינ׳ם יאָר 1232.

דער הייליגער פראַנציסק האָט געגלויבט, אז עס וועט אים געלינגען צו פאַרהיטען, דער אָרדען זאָל ווערען אַן אויסבייטער־געזעלשאַפט, ווי די פריהערינע. ער האָט דאָס געקלערט אויף דעם אופן צו דערגרייכען, וואָס ער האָט דעם אָרדען פאַרבאָטען צו

ערווערבען אייגענטום. ביז איצט איז דאָס גווען פארבאָטען נאָר פאר'ן יחיד, פאר'ן איינצעלנעם מאָנאסטיר־מיטגליד, אָבער נישט פאר'ן כלל, פאר'ן גאנצען אָרדען. דער אָרדען פון די פראנציס־קאנער האָט נישט געטאָרט גאָר נישט ערווערבען, ער האָט אויך נישט געטאָרט קיין ארבייט אויספירען, וואָס ברענגט רייכטום, נאָר לעבען פאר די אָרימע און קראנקע און זיין צופרידען מיט די נדבות, וואָס מען שענקט זיי.

אָבער דוקא ווייל דער אָרדען האָט זיך ארויסגעוויזען אזוי ניצליך צו באַקעמפען דעם עלענד און אויך ווייל ער האָט דורך זיין שטענדיגער הילף געוואונען דעם צוטרויען פון די אָרימע קלאסען, זיי אָפּגעהיט פון רעוואָלוציאָנערע „נארישקיי־טען" און זיי געהאַלטען טריי צו דער קירכע, האָבען אים גאָר באַלד אָנגעהויבען צוצוקומען אַ סך גרויסע נדבות און געשענקען. נאָך ביים לעבען פונ'ם הייליגען פראנציסק איז אין זיין אָרדען אנט־שטאַנען די נויגונג אָט דעם פארבאָט צו באַזייטיגען. „דער גרויסער גרינדער פונ'ם בעטלעראָרדען איז שוין באַגראָבען געוואָרען אין אַ קירכע, וואָס האָט געפינקעלט פון גאָלד און מאַרמאָר". (ג ר ע־ג אָ ר אָ ו ו י א ו ס, געשיכטע פון דער שטאָט רוים, 5, ז. 114.) נישט גאַנצע 20 יאָר נאָך זיין טויט (וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1226) זיינען די שטרעבונגען שוין געווען אזוי שטאַרק, אז אינאָצענץ דער 6טער האָט אינ'ם יאָר 1245 געענדערט די תקנה און באַשטימט אז די פראנציסקאנער מעגען איינהאנדלען גיטער, אָבער נישט אַלס א י י ג ע נ ט ו ם, נאָר אַלס ב א ז י ץ, און פון זיי ג ע נ י ס ע ן. דאָס אייגענטום רעכט געהערט צום פויפּסט.

פון איצט אָן האָט דער פראנציסקאַנער אָרדען (און גראָד אזוי איז דאָס געווען מיט די דאָמיניקאנער) דעם זעלביגען סוף, וואָס די אַנדערע מאָנאַסטירען פאר אים. ער ווערט אַן אויסבייטער־געזעלשאַפט.

אָבער די ענדערונג האָט נאָך אַן אנדער ווירקונג. איין טייל פון די פראַנציסקאַנער האָט גאָר ערנסט גענומען זיינע אויפגאַבען אַלס פאַרטרעטער פון די אינטערעסען פון די אָרימע. צו דעם טייל האָבען געהערט די ט ע ר צ א ר י ע ר. דער הייליגער פראַנציסק האָט נעשאַפען אַ דעמאָקראַטישע איינריכטונג. צו דעם

אָרדען פון מאָנאַכען אלס ערשטען און אַ ווייבליכען אָרדען אַלס צווייטען *), גרינדעט ער אַ דריטען, די ט ע ר צ אַ ר י ע ר, וואָס האָבען געהאָלפען ביי דער ארבייט פונ׳ם אָרדען, נישט מוזענדיג זיך דערביי אָפּזאָגען פון דער הייראט און פון זייער געוועגליכער באַ־שעפטיגונג. די דאָזיגע טערצאַריער זיינען געוועזען מייסטענס בעל מלאָכות אָדער סתם מענשען פון פאָלק, זייערע פאראיינען קאָן מען באַצייכנען אלס ארבייטער־פאראיינען, זיי זיינען עס געוועזען די, וואס האָבען אַם שטארקסטען באַקעמפט דאָס פאַרוואַנדלען זיך פונ׳ם אָרדען אין אַן אויסבייטער־געזעלשאַפט. צווישעןביידע פאַר־טייען קומט עס צו הייסע קאַמפען, וואָס דויערן צעהנדליגע יאָרען. וואָס מער די אויסבייטערישע ריכטונג ווערט אונטערשטיצט פונ׳ם פויפסט, אַלץ שאַרפער ווענדען זיך די אָנהענגער פון דער צווייטער ריכטונג (די ספּיריטואַלען אדער פראטציצעלען) געגען פויפסט און געגען דער קירכע אפילו, אַלץ מער זוכען זיי זיך אָנצושליסען אָן אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען שונאים פון דער קירכע. און אַז דער פויפסט יאָהאַן דער 22טער האָט סוף כל סוף געגען זיי איינ־געפירט די אינקוויזיציע, ספּעציעל אין דרום־פראנקרייך (אינ׳ם יאָר 1317 אין נארבאָן, בעזיער), האָט דאָס געפירט צו א פולשטענדיגען בראָך מיט דער קירכע. פון יענער צייט רעכענט מען זיי צו די אפּיקורסישע קאָמוניסטישע סעקטען, די בעגאַרדען, צווישען וועלכע מיר געפינען די פארלויפער פון די ווידערטויפער.

מען זעהט, די שטרענגע פראנציסקאַנער זיינען געוועזען אַ מיטעלגליד צווישען דעם מאָנאַכישען קאָמוניזם, וואָס איז געוועזען אין מיטעלאַלטער איינער פון די יסודות פון דער געזעלשאַפט, און דעם פּראָלעטאַרישען קאָמוניזם פון יענער צייט, וואָס האָט גע־טראַכט שטירצען די עקזיסטירענדע געזעלשאפט.

אין דער צייט טרעט שוין אויף אַ טעאָרעטיקער פון קאָמו־ניזם, פונ׳ם מאָנאַכישען, נאַטירליך: דער גלח יאָאַכים פון פיאָרע אין קאַלאַבריען, געבוירען בערך אינ׳ם יאָר 1145 אין דאָרף צעליום אין דער נאָהענט פון קאזענצא. נאָך א רייזע אין דעם הייליגען

*) ער איז געגרינדעט געוואָרען פון אַ איבערגעבענער פריינדין און פאַרעהרערין פונ׳ם הייליגען פראַנציסק, דער אַכצען־יעריגער ק ל אַ ר אַ ס צ י פ י; דערפאר הייסט ער דער אָרדען פון די קלאַריססער.

לאנד, קומט ער צוריק קיין קאלאבריען ווערט א מאנאך, שפּעטער, ארום דעם יאָר 1178, לייטער פונ׳ם ציסטערציענזער מאָנאַסטיר אין קאָראַסאָ. דאן גרינדעט ער אן אייגענעם מאָנאַסטיר אין פּיאָרע און שטאַרבט אינ׳ם יאָר 1201 אָדער אינ׳ם יאָר 1202.

טיף דערשיטערט פון די סאָציאַלע צרות פון יענער צייט, בפרט פון דער שרעקליכער אויסבייטונגס ווירטשאַפט און קאָ־רופּציע, וואָס האָט געהערשט אין דער קירכע, זוכט ער א רעטונג פון דעם אומגליק און האָפט זי צו געפינען אין קאָמוניזם — פארשטעהט זיך, אין יענער פאָרם, וואס איז געווען אין יענער צייט, אין דער פארם פון מאָנאַסטירישען קאָמוניזם. ער זעהט קומען א רעוואָלוציע און א נייע געזעלשאפט: דאָס טויזענדיאָריגע רייך, פון וועלכען די אפּאָקליפּסע דערצעהלט.

ער טיילט פאַנאַנדער דריי תקופות: „קודם איז געווען די צייט, ווען די מענשען האָבען געדינט צום פלייש; זי האָט זיך אָנגעהויבען מיט אדם׳ן און פארענדיגט מיט קריסטוס׳ן. דערנאָך איז געקומען די צייט, אין וועלכער זיי דינען צו ביידע, סיי צום פלייש סיי צום גייסט; זי דויערט ביז היינט. אן אנדער תקופה איז עס אָבער, אין וועלכער מען לעבט נאָר פאר׳ן גייסט; זי הויבט זיך אָן אין די טעג פונ׳ם „הייליגען בענעדיקט". דער דריטער געזעלשאפטליכער מצב איז דער מאָנאַכישער מצב (status monachorum) . דאָס קלויסטערלעבען וועט ארומנע־מען די גאנצע מענשהייט. „עס איז נויטיג, מיר זאָלען אזוי לע־בען ווי די אפּאָסטאָלען, נישט שטרעבען נאָך ערדישע גיטער, נאָר זיי פארשענקען", א. א. וו. דער דריטער געזעלשאפטליכער צושטאנד זאָל רעאליזירט ווערען אין דעם 22טען דור נאָך דעם הייליגען בענעדיקט, אלזאָ אין דער גאָר נאָהנטער צייט. די רוימישע קיר־כע וועט אונטערגעהן, און אויף אירע חורבות וועט אויפשטעהן א נייע געזעלשאפט, דער אָרדען פון צדיקים, וואָס נעבען אויף דאָס פריוואט אייגענטום. דערמיט הויבט זיך אָן א צייט פון פולער פרייהייט און פולער דערקענטניש.

יאָאכים׳ס לעהרען האָבען געמאַכט א גרויסען רישם. בפרט אין דער שטרענגערער ריכטונג פונ׳ם פראַנציסקאַנער אָרדען, ביי די פראַטיצעלען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאר׳ן „אָרדען פון

צדיקים", וואָס איז באַרופען צו באַנייען די געזעלשאַפט. דורך זיי זיינען די לערען שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרען. זיי האָבען געווירקט אויף דעם איטאַליענישען מינצער פון ד אָ ל צ י נ אָ; זיי זיינען מ י נ צ ע ר 'ן אַליין אויך נישט געבליבען פרעמד.*)

אזוי טיף איז געווען דער רושם פון יאָאכים'ס נביאות נישט בלויז אין איטאַליען, נאָר אויך אין דייטשלאַנד, און זיי זיינען ארויסגערופען געוואָרען פון אזא לעבעדיגער באַדערפניש פון די מאַסען, אַז, ווינבאַלד די נביאה איז נישט מקוים געוואָרען, האָט דאָס פאָלק ליבער די נביאה געענדערט, איידער דעם גלויבען אויפ־צוגעבען. יאָאכים האָט נביאות געזאָגט, אַז די סאָציאַלע איבערקער־עניש וועט זיך ענדיגען לערך 1260. גראָד אין דער צייט האָט זיך געפירט אַ הייסער קאַמף צווישען דעם פּויפּסטום און דעם קאַיזער פרידריך דעם 2טען. יאָאכים'ס תלמידים האָבען געהאָפט, אַז דעם קאַיזער וועט געלינגען צו באַזיגען דעם פּויפּסט און זיין מפּלה זאָל זיין דער אָנהויב פון אַ נייער געזעלשאַפט, אָבער אויס־געלאָזט האָט זיך עס גאַנץ אַנדערש.

„פרידריך'ס טויט (אינ'ם יאָר 1250) איז געשטאַנען אין אַ ווי־דערשפּרוך מיט דער נביאות פון יאָאכים פון פיאָרע; ווייל לויט איר האָט ער נישט געטאָרט שטאַרבען, ביז ער האָט נישט פאַרענדיגט זיין שליחות. אזוי איז אין די דאָזיגע קרייזען צוערשט אַנטשטאַנען די מיינונג אַז פרידריך דער 2טער קאָן נישט זיין טויט, ער האָט זיך נאָר באַהאַלטען, כדי אַמאָל צוריקצוקומען און צו פאַרענדיגען זיין ווערק... אזוי איז אַנשטאַנען די דייטשע קאַיזער לעגענדע, וואָס ערשט שפּעטער האָט מען זי צוליב אַ מיספאַרשטענדניס באַצוי־גען אויף קאַיזער פרידריך דעם 1טען (באַרבאַראָססאַ), פון ווע־

---

*) לוטהער האָט מינצער'ן פאָרגעוואָרפען, אַז ער האָט זיינע „שטאָלצע געדאַנקען" גענומען פון יאָאכים'ס פירוש צו ירמיהו. מינ־צער אַליין שרייבט צו צעיס'ן איבער זיין פאַרהעלטניש צו יאָאכים'ן, דעם 2טען דעצעמבער, 1523 : „איר זאָלט אויך וויסען, אַז די שריפט־געלערטע זאָגען, אַז דאָס איז די לערע פון יאָאכים'ען און רופען עס אָן מיט גרויס שפּאָט אַן אייביגע עוואַנגעליע. איך האָב נאָר זיין רעדע איבער ירמיהו געלעזען. אָבער מיין לערע איז הויך אויבען, פ ו ן א י ם, נאָר פון גאָט'ס רייד האָב איך זי גענומען, ווי איך וועל עס מיט אַלע פסוקים פון דער ביבעל באַווייזען".

מענס צוריקקומען מען האָט ערוואַרט „דאָס הערליכקייט פונ׳ם רייך״ *).

אונטער דער „הערליכקייט פונ׳ם רייך״ האָט דאָס פאָלק, ווי מיר זעהען, פאַרשטאַנען די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע.

---

*) ה. פ ר ו ט ץ, „די געשיכטע פון די מערב־לענדישע מלוכות אין מיטעל־אַלטער״, בערלין, 1855, 1, ז. 657.

## צווייטער קאַפּיטעל

# דער אַפּיקורסישער קאָמוניזם, זיין אַלגעמיינער כאַראַקטער

### 1. דאָס פּויפּסטום.

**דער צענטראַלער קאַמף־פּונקט פונ׳ם אַפּיקורסישען קאָמוניזם.**

דער ביישפּיל מיט׳ן פּראַנציסקאַנער־אָרדען ווייזט אונז, אַז די שנאה צום פּויפּסטום איז געווען אַ פּועל יוצא פון מאַנכע פאָרמען פונ׳ם מאָנאַסטירישען קאָמוניזם, און פאַקטיש איז אַ גרויסער טייל פון די מאָנאַכישע רעפאָרמען און ניי־גרינדונגען פונ׳ם 11טען יאָרהונדערט געווען פאַר דער פּויפּסטליכער ממשלה אַ שטענדיגער פאָרוואורף, וועלכער פלעגט אָפט אָננעמען נאָר בולט׳ע פאָרמען.

עס האָט כמעט געמוזט קומען, אַז קעגען דער פּויפּסטליכער קירכע האָבען זיך געווענדעט אַלע די יעניגע, וואָס האָבען נאָר געהאַט אַן אינטערעס פאַר די באַזיצלאָזע קלאַסען, ווייל די קירכע האָט אינ׳ם מיטעל־אַלטער פאַרנומען דעם אויבען־אָן צווישען די באַזיצענדע קלאַסען, זי האָט געהאַט די גרעסטע רייכטימער און האָט באַהערשט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען נישט נאָר גייסטיג, נאָר אויך עקאָנאָמיש.

איר הערשאַפט וואָלט מען אפשר געקאָנט פאַרגלייכען מיט דער הערשאַפט פון דער הויכער פינאַנץ אין אונזער יאָרהונדערט, פון דער בערזע, אָדער — ווען מיר זאָלען זיך אויף איין מינוט באַנוצען מיט די געדאַנקען און דעם אופן פון רעדען פון די אַנטיסעמיטען — מיט דער מאַכט פונ׳ם אידענטום. אַזוי ווי די אַנ־

טיסעמיטען באהויפטען, אז די גאנצע נעזעלשאפט איז היינט „פאראידישט”, אזוי איז זי אין אין מיטעל־אלטער געווען באמת „פארפויפסטעלט”. דאס פויפסטום האט באהערשט דאס גייס־טיגע לעבען, אזוי ווי היינט ווערט די פרעסע באהערשט פון דער בערזע; אזוי ווי היינט די בערזע, האט דעמאלט דאס פויפסטום אויך באשטימט דעם גורל פון מיניסטארען און פון קעניגע, גע־גרינדעט און צושטערט מלוכות.

אבער די ממשלה פונ'ם פויפסטום האט געהאט גראד אזוי פיל געגנער, ווי היינט די הויכע פינאנץ־וועלט, ביידע האבען נאך איין שותפות'דיגע אייגענשאפט: זיי מאכען זיך אלע אנדערע קלאסען פון דער געזעלשאפט פאר שונאים; נישט נאר די באזיצ־לאזע, נאר אויך די קלענערע אויסבייטער, וואס מוזען פון זייער רויב אזוי פיל אוועקגעבען צו די העכסטע אויסבייטער. עס איז א גרוי־סער טעות צו מיינען, אז מען איז אין מיטעל־אלטער געווען דעם פויפסט געהארכזאם מיט שמחה אדער אויס טעמפקייט. מען האט איהם געפאלגט מיט פארביסענע צייהן און זיך געווערט ביי יעדער געלעגענהייט. מער ווי די העלפט פונ'ם מיטעל־אלטער איז פול מיט פארביטערטע קאמפען פון די פארשיידענסטע קלא־סען און לענדער קעגען דער פויפסטליכער הערשאפט, אבער כל זמן עס זיינען נישט געשאפען געווארען קיין יסודות פאר א נייער געזעלשאפט און מלוכה־ארדנונג, האט דאס פויפסטום נישט געקאנט באזיגט ווערען, גראד אזוי ווי דער פינאנץ־קאפיטאל האט אין אונזער יארהונדערט נישט געקאנט באזיגט ווערען. יע־דער פון די קאמפען, יא, יעדע סאציאלע קאטאסטראפע בכלל, יעדער קריג, יעדע מגפה, יעדע הונגער־נויט, יעדע רעוואלוציע האט נאר דערצו געדינט דעמאלט ווי היינט, צו פארשפרייטען און צו באפעסטיגען דאס רייכטום און די מאכט פון דעם גרעסטען עקס־פלואטאטאר פון אלע עקספלואטאטארם.

די דאזיגע סיטואציע איז געווען גינסטיג פאר דער פרא־פאגאנדא פון קאמוניסטישע אידעען. פון דער אנדערער זייט זעהר אומגינסטיג פאר דער אנטוויקלונג פון א באזונדערען קלא־סענקאמף פון די באזיצלאזע. זאיב מיר פירען ווייטער דעם פארגלייך מיט דער הויכער פינאנץ־וועלט, זעהען מיר אז די

פארהעלטעגישען זייגען געווען ענליך, ווי בשעת דעם בורזשואזען קעניגטום אין פראנקרייך (1830—48). א דאנק איר פינאנצי־עלער מאכט צוליב דעם אומגערעכטען וואהל־געזעץ און דער פּאָ־ליטישער אָפּגעשטאַנענקייט פון די ארבייטענדע קלאסען, האָט רעמאָלט געהערשט אין פראנקרייך די הויכע פינאנץ כמעט ווי אבסאָלוט, הגם זי האָט דאָס געטאָן דורכ'ן פּארלאמענט און דורך דעם קעניג. אקעגען דעם פינאנץ־קאפּיטאל שטעהט אויף די אָפּאָ־זיציע נישט בלויז פון די פּויערים און לוינארבייטער, נאָר אויך פון די אינדוסטריעלע קאפּיטאליסטען און פון דעם קליינביר־גערטום. דער קאמף קעגען דעם בשותפות'דיגען שונא פאראיי־ניגט זיי און פארווישט אין א געוויסען מאָס די קלאסען־געגענזאצען. דער פּועל יוצא איז געווען, אז דער פּראָלעטאריאט האָט נאָר שווער געקאָנט קומען צו א באזונדערען קלאָסענבאַוואוסטזיין, ער איז געבליבען על פּי רוב אונטער דער פּאָליטישער פירערשאפט פונ'ם קליינבירגערטום און אפילו פון דער בורזשואזיע; דאָס האָט אָבער אויך געווירקט, אז די בורזשואזיע האָט איינגעשלעפערט איר מיסטרוען צום פּראָלעטאריאט, זי איז גרייט געווען צו פארגע־סען, אז דער יסוד פון איהר באזיין איז די באזיצלאָזיגקייט, זי האָט רחמנות געקראָגען אויף די צרות פון די ארימע און געפּייניגטע, זי האָט אונטערשטיצט די שטרעבונגען אויף צו באזייטיגען די נויט, און א סך פון אירע רייהען האָבען אָנגעפאנגען צו קאָקעטירען אפילו מיט'ן סאָציאליזם. די אם מייסטען געלעזענע בעלעטרים־טען פון יענער צייט זיינען געווען סאָציאליסטען. מיר דערמאָ־נען נאָר יוזשען סיו און זשאָרזש זאנד.

און אין דער סיטואציע איז געקומען די רעוואָלוציע פון 1848. דאָס קעניגטום פון דער הויכער פינאנץ ווערט געשטירצט. די פינאנץ־מאגנאטען פארלירען זייערע פּאָליטישע פּריווילעגיעס. די פּאָליטישע מאכט געהט איבער צום פאָלק, דאָס הייסט צו די אינדוסטריעלע קאפּיטאליסטען, די קליינבירגער, קליינע פּויערים און ארבייטער. קוים איז אָבער נאָר געשטירצט דער בשותפות'־דיגער שונא, ווערט דער באוואוסטזיין פון זייערע באזונדערערע קלאסענאינטערעסען און קלאסענגעגענזאצען גאנץ קלאָר. אם בולט'סטען אָבער און אם שארפסטען אנטוויקעלט זיך דער גע־

גענזאַץ צווישען דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. די רעװאָלוציע האָט באַוויזען זיין כח, זי האָט אָבער אויך באַוויזען, אַז דער סאָציאַליזם איז נישט קיין חלום פון אַ פּאָר טרוימער ליטעראַטען, אַז ער האָט זיינע וואָרצלען אין דעם רעוואָלוציאָנער־סטען קלאַס, אַז ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ שפּילעכעל און דראָהט צו ווערען אַ אומברחמנות'דיג כלי זין.

פון איצט אָן ווענדעט זיך די בורזשואַזיע מיט דער גרעסטער ענערגיע נישט נאָר קעגען יעדען זעלבסשטענדיגען פּאַרזוך פון דעם אַרבייטער קלאַס, נאָר אויך קעגען אַלץ, וואָס זעהט אויס ווי סאָציאַליזם — און אין איר דערשראָקענער פאַנטאַזיע זעהט זי אָפּט דעם סאָציאַליזם אין דעם, וואָס איז נישט מער ווי בכבוד'ע פילאַנטראָפּיע. אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט ווערט דער סאָציאַליזם באָיקאָטירט; די בירגערליכע סאָציאַליסטען האָבען פאַר זיך אַ דילעמאַ: בלייבען זיי טריי דעם סאָציאַליזם, ווערען זיי אויסגעשטויסען פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, פון זייער נאָמען וועט קיין זכר ניט בלייבען. ווילען זיי דאָס אָבער אויסמיידען, מוזען זיי זיך גרינטליך אָפּזאָגען פונ'ם סאָציאַליזם. אַזוי ווערט דער סאָציאַליזם טויט, — פּאָליטיש און ליטעראַריש, ביז ערשט דער אַרבייטער־קלאַס ווערט גענוג שטאַרק און צווינגט די געזעלשאַפט דורך דעם אייגענעם כח צו דרך ארץ פאַר זיך און פאַר'ן סאָציאַליזם.

ענליך, הגם עס דויערט לענגער, איז געוועזען די אַנטוויקלונג אינ'ם מיטעלאַלטער. די ראָלע פונ'ם יאָהר 1848 שפּילט די רעפאָרמאַציע. מיר זעהען דייטליך די דאָזיגע אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד אינ'ם 15טען און צום אָנהויב פונ'ם 16טען יאָרהונדערט.

ביי די פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען פון דעם גוסס'דיגען מיטעל־אַלטער קאָנען מיר נאָך ווייניגער ריידען פון אַ קלאַסען־באַוואוסטזיין, ווי ביי די באַוועגונגען פון דער ערשטער העלפט פונ'ם 19טען יאָרהונדערט. פון איין זייט געפינען מיר אפילו ביי די לומפּענפּראָלעטאַריער דאָס שטרעבען אויף צו גרינדען צעכאָווע אָרגאַניזאַציעס און באַשאַפען פאַר זיך ספּעציעלע פּריווילעגיעס; פון דער אַנדערער זייט באַמערקען מיר ביי די קאָמוניסטען פון

דעם ארבייטער קלאס, בפרט פון די וועבער, אז זיי איגנאָרירען בכלל די קלאסען־אונטערשיידען. זיי ארבייטען פאר דער גאנצער מענשהייט. די פּראָלעטארישע באוועגונגען גיסען זיך צוזאמען מיט די רעוואָלוציאָנערע באוועגונגען פון די אנדערע אונטער־דריקטע קלאסען, פון די פּויערים און קליינע בעלי־מלאכות.

דערפאר אָבער איז די גאנצע געזעלשאפט געווען אין דער צייט א בעסערער באָדען פאר קאָמוניסטישע טענדענצען, ווי בשעת דער ערשטער העלפט פון אונזער יאָרהונדערט.

## 2. דער געגענזאַץ צווישען אָרים און רייך אין מיטעלאלטער.

דער אונטערשיד צווישען אָרימע און רייכע איז אין מיטעל־אלטער און אויך אין דער רעפאָרמאציאָנס־צייט ניט געווען אזוי גרויס ווי אין דער אנטוויקעלטער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. ער איז אָבער געווען בולט'ער פאר יעדען מענשען און האָט געווירקט פּראָוואָצירענדיגער. היינט, געפינט מען די גרעסטע געזעלשאפט־ליכע אונטערשיידען אין די גרויסע שטעט, שטעט מיט א באפעל־קערונג פון מיליאָנען, וואו די וואוינונגען פון די אָרימע ליגען ווייט פון די וואוינונגען פון די רייכע. אין דער צייט, פון וועלכער מיר ריידען איצט, איז די לאָקאלע אָפּגעזונדערטקייט פון איינצעלנע קלא־סען און אפילו פון איינצעלנע פּראָפעסיעס געווען אין די שטעט א סך שארפער דורכגעפירט, ווי היינט, אָבער די שטעט זיינען געווען קליין — א שטאָט פון 10 ביז 20 טויזענט איינוואוינער האָט שוין געהייסען א גרויסע שטאָט — און מען האָט געוואוינט געדיכט איינער לעבען אנדערען. דערצו דארף מען צוגעבען, אז דאָס לעבען שפּילט זיך אָפּ אין יענער צייט א סך מער אין דער עפענטליכקייט, סיי די ארבייט, סיי דאָס געזעלשאפטליכע לעבען, די פריידען און ליידען פון איין קלאס בלייבען נישט קיין סוד פאר דעם צווייטען. דאָס פּאָליטישע לעבען און די אונטער־האלטונגען קומען צומייסט פּאָר אויף עפענטליכע פּלעצער, אויפ'ן מארק און אין הויף פון דער קירכע, אין קירכען און אין אפענע זאלען. אויפ'ן מארק ווערט געקויפט און פארקויפט, אָבער אפילו

די בעלי מלאכות ארבייטען אויף די גאסען, ווען מעגליך, אָדער לכל הפחות ביי אָפענע טירען.

אָבער וויכטיגער איז אן אנדער מאָמענט. די הויפט־אויפ־גאבע, וואָס דער קאפיטאליסט שטעלט זיך היינט, איז די אקומו־לאציע, די אָנזאמלונג פון קאפיטאל. א מאָדערנער קאפיטאליסט קאָן גאָר ניט האָבען גענוג קאפיטאל. אם ליבסטען וואָלט ער פארוועגדט זיין גאנצע הכנסה, אויף צו פארמערען זיין קאפיטאל, אויף צו פארגרעסערען זיינע פאבריקען, איינצוקויפען נייע, צו רואינירען די קאָנקורענטען א. אז. וו. און אז ער פארמאָגט טויזענט מיליאָנען, וועט ער שטרעבען נאָך דעם צוווייטען מיליארד, כדי זיך דער ערשטער צו זיכערען און נישט צו דערלאָזען, אז א קאָנקור־רענט זאָל אים איבערשפרינגען. דער מאָדערנער קאפיטאליסט פארוועגדט קיינמאָל ניט זיין גאנצע הכנסה פאר'ן פערזענליכען געברויך — סיידען ער איז א נאָר אָדער א בטלן, אָדער די הכנסה איז שוין גאָר קליין. און אויך דער רייכסטער מיליאָנער קאָן היינט פירען דאָס באשיידענסטע לעבען און זיין אָנזען ווערט ניט קלענער. דערלויבט זיך א לוקסוס, טוט ער עס בסתר, אין באל־האָלם chambers separes, יאגד־שלעסער, שפיל־צימער א. אז. וו. אין גאס ווייזט זיך דער מיליאָנער ניט אנדערש, ווי די מאסע פון זיינע מיטבירגער.

גאנץ אנדערש האָט דאָס אויסגעזעהן אונטער דעם סיסטעם פון דער נאטוראל ווירטשאפט און פון איינפאכער סחורה־פראָדוק־ציע. דער רייכער און מעכטיגער האָט נישט געקאָנט דעמאָלט אריינ־לעגען זיינע הכנסות אין אקציעס אָדער אין מלוכה־פאפירען. ער האָט זיי געקאָנט פארוועגדען נאָר פאר'ן געברויך אָדער—אויף ווי־פיל זיי זיינען אין געלט—פאר'ן אָנזאמלען פון אן אוצר פון טייערע און נישט פארדערבליכע סחורות, פון איידעלע מעטאלען און איי־דעלע שטיינער. וואָס מער עס וואקסט די עקספלואטאציע מצד די וועלטליכע און גייסטליכע פירשטען און פריצים, פאטריציער און סוחרים, וואָס גרעסער עס ווערען זייערע הכנסות, אלץ א גרעסערען לוקסוס־לעבען פירען זיי. אליין קאָנען זיי דאָך ניט פאר־צערען דעם איבערפלוס, פארוועגדען זיי אים אויף אנדערע זאכען. זיי האלטען קנעכט און דינסטען, קויפען טייערע פערד און הינט,

פאַרפּוצען זיך און זייער סביבה מיט די קאָסטבאַרסטע שטאָפען, בויען זיך הערליכע פּאַלאַצען און ריכטען זיי איין אויפ'ן פּראַכטפולסטען אופן. די תאוה צו זאַמלען אוצרות ווירקט אויך דערויף, אז דער לקסום שטייגט. די שטאָלצע הערען פונ'ם מיטעלאַלטער פאַרגראָבען ניט זייערע אוצרות אין דער ערד, ווי דער איבערגעשראָקענער הינדו, זיי באַהאַלטען זיי אויך ניט פאַר גנבים אָדער שטייער־עקזעקוטאָרען, ווי אונזערע קאַפּיטאַליסטען. זייער רייכטום איז געווען א סימן און א פונדאַמענט פון זייער מאכט: שטאָלץ און באַרימעריש ווייזען זיי אים ארויס; זייערע קליידער, זייערע געשיר, זייערע הייזער גלענצען פון גאָלד און זילבער, פון איידעלע שטיינער און פּערעל. עס איז איצט א גאָלדענע עפּאָכע אויך פאַר דער קונסט.

אָבער גראַד אזוי ווי דאָס רייכטום, זעהט זיך אויך דער עלענד באַשיינפּערליך אַרויס. דער פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך ערשט אין זיין אָנפאַנג־סטאַדיע; ער בילדעט שוין א געגנוג גרויסע מאַסע, כדי ווירקען אויף די טיפער דענקענדע און פיינער פיהלענדע מענשען, אַז זיי זאָלען זוכען מיטלען און וועגען, ווי אזוי אָפּצושאַפען די נויט פון דער וועלט; ער איז אָבער נאָך נישט גענוג מאַסענהאַפט, אז ער זאָל באַטראַכט ווערען אַלס סכנה פאַר'ן שטאַט און פאַר דער געזעלשאַפט. אַזוי פאַרשפּרייט זיך דער געדאַנק, וועלכען דאָס קריסטענטום האָט לכתחילה אָנגענומען, בעת דער לומפּענפּראָלעטאַריאַט איז געווען זיין הויפּט שטיצע, דער געדאַנק, אַז אָרימקייט איז ניט קיין פאַרברעכען, נאָר אַ צושטאַנד וואָס גאָט האָט איהם באַזונדערס ליב. לויט דעם עוואַנגעליום איז דאָך דער אָרימאַן אַ פאָרשטעהער פון קריסטוס, ווייל „וואָס איר האָט געטאָן פאַר איינעם פון די דאָזיגע מיינע קלענסטע ברידער, דאָס האָט איהר מיר געטאָן." (מאַטהעאוס 25, 40). אין דער פּראַקטיק האָט דאָס, פאַרשטעהט זיך, דעם פּראָלעטאַריאַט נישט א סך געהאָלפען; קריסטוס'עס פאַרטרעטער ווערען אָפט גאָר אומקריסטליך באַהאַנדעלט, אָבער מען האָט דאָך ניט געקאָנט אַלע די פיינע ערפינדונגען פון דער מאָדערנער פּאָליציי, וואָס באַמיהען זיך אָפּצורוימען פונ'ם וועג פון די רייכע דעם געזעלשאַפטליכען, און אויך יעדען אנדערען שמוץ, — טוען דאָס אָבער

ניט, כדי צו באַזייטיגען די אָרימקייט, נאָר, כדי זי צו פאַרבאַהאַלטען. אין מיטעלאַלטער ווערען די אָרימע נישט פאַרמאַכט אין ספּעציעלע הייזער פאַר אָרימע לייט, און ארבייטס־הייזער, אין געפענגניסען און; אין נאָך אַזעלכע וואוילע אַנשטאַלטען, — מען האָט אַ רעכט אויף צו בעטלען. צו יעדען גאָטעס־דינסט, בפרט אין פייערטאַג, פאַרזאַמעלט זיך אין דעמזעלבען פּלאַץ, אין דער קירכע דער העכסטער רייכטום און דער גרעסטער עלענד.

דעמאָלט, ווי היינט, האָט מען געקאָנט אָנווענדען בנוגע דער געזעלשאַפט דאָס וואָרט פון פ ל אַ ט אָ נ ׳ע ן פון די צוויי נאַציעס. אָבער די צוויי נאַציעס פון אָרימע און רייכע זיינען אין סוף פונ׳ם מיטעל־אַלטער וועניגסטענס נאָך צוויי שכנות׳דיגע נאַציעס, וואָס קאָנען איינע די צווייטע און פאַרשטעהען זיך. היינט זיינען זיך די צוויי נאַציעס געוואָרען גאַנץ פרעמד. ווען די בורזשואַזיע קריגט אַמאָל חשק עפּעס געוואָר צו ווערען וועגען דער פּראָלעטאַרישער נאַציע, באַדאַרף מען דערצו אַ באַזונדערע עקספּעדיציע, גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם אויספאָרשען פונ׳ם אינערען פון אַפריקאַ. אָבער דאָס לעצטע איז פאַר׳ן בורזשואַ וויכטיגער, ווי דאָס ערשטע. דורכ׳ן אויספאָרשען פון אַפריקאַ האָפט ער צו באַקומען אַ נייעם אָפּזאַץ־מאַרק, נייע רוחים; דאָס אויספאָרשען פון די פּראָלעטאַרישע פאַרהעלטענישען וואָלט דאַגעגען געפירט צו דער שרעקליכסטער אָנקלאַגע געגען דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג; דאָס וואָלט קיינעם קיין נוצען ניט געבראַכט, אַ חוץ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. קיין וואונדער, וואָס די אייראָפּעאישע רעגירונגען גיבען הונדערט מאָל מער אויס פאַר דער אויספאָרשונג פון אַפריקאַ, ווי פון אונזער סאָציאַלען צושטאַנד — אויב זיי גיבען דארויף בכלל עפּעס אויס — און אַז ניט איין „געבילדעטער" איז בעסער אינפאָרמירט איבער די פאַרהעלטענישען אינ׳ם ווייטען, טונקעלען וועלט־טייל, איידער איבער די פּראָלעטאַריער־באַצירקען פון דער שטאָט, וואו ער וואוינט. ערשט אין דער לעצטער צייט הויבט אָן, אַ דאַנק דער וואַקסענדער מאַכט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, בעסער צו ווערען אין דער באַציהונג. זייט מען האָט אָנגעהויבען פאַר איהם מורא צו האָבען, הויבט מען אָן איהם צו שטודירען.

אינ'ם מיטעל־אלטער האָבען די באַזיצענדע גישט געדארפט מורא האָבען פאר'ן פּראָלעטאריאט, זיי האָבען אים אָבער אויך ניט געדארפט שטודירען, אום צו באַקענען זיך מיט זיין לאַגע. אומעטום באַגעגענט מען דעם גרעסטען עלענד און דערצו נאָך אין אַ שארפען נעגענזאַץ צום לייכטזינ־גסטען און פארשווענדערישסטען לוקסוס. עס איז קלאָר, אַז דער געגענזאַץ צורייצט ניט נאָר די אונטערשטע קלאַסען, נאָר ער רייצט אויך אויף געגען דער אומגלייכהייט די בעסערע מענשען ביי די העכערע קלאַסען און ווירקט אויף די שטרעבונגען ווידער איינצופירען די גלייכהייט.

## 3. דער איינפלוס פון דער קריסטליכער טראדיציע.

די טראדיציעס, וואָס זיינען אנטשטאנען אין פריהערע געזעלשאפטס־צושטאנדען, ווירקט אויפ'ן שפּעטערען מצב, און דאָס איז אַ וויכטיגער פאקטאָר אין דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. אָפט ווירקען זיי שטערענד און מאכען שווערער פאר די מענשען צו דערקענען די נייע געשעזעלשאפטליכע טענ־דענצען און די באדערפנישען פון דער צייט. צום סוף פון מיטעל־אלטער האָבען זיי אָבער אנדערש געווירקט.

נאָך די שטורעמס פון דער פעלקער־וואנדערונג און נאָך דער בארבאריי, וואָס איז געקומען נאָך איר, בפרט זייט די קרייצ־ציגע, האָבען די פעלקער פון דעם קריסטליכען מערב דערגרייכט ווידער אַ קולטור מדרגה, וואס איז — טראָץ איר איינענארטיגקייט — געשטאנען אין אַ סך פּרטים אויף דער הויך פון דער גריכישער און רוימישער געזעלשאפט פאר איר צו־זאמענברוך. די ליטעראטור, די געדאנקען־אוצרות, וואָס די גע־זעלשאפט האָט איבערגעלאָזט, איז געווען ווי צוגעפּאסט צו די באדערפנישען פון די אויפשטייגענדע קלאסען פונ'ם מיטעל־אלטער, די אנטיקע ליטעראטור און וויסענשאפט האָבען שטאַרק געווירקט אויף דעם זעלבסטבאוואוסטזיין און אויף דער זעלבסט־ערקענטניש פון די אויפשטייגענדע קלאסען און במילא אויך אויף דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. די טראדיציע, וואָס ווירקט

געוויינליך קאָנסערוואַטיוו, ווערט אונטער די תנאים אַ רעוואָלו־ציאָנערער פאַקטאָר.

יעדער קלאַס נעמט פאַר זיך ארויס פון די אַ׳בערליפערטע גערזאַנקען־אוצרות נאַטירליך נאָר דאָס, וואָס נוצט אים אָם בעסטען. דאָס בירגערטום און די פירשטען נעמען ארויס דאָס רוימישע רעכט, וואָס איז געווען אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו די באַדערפנישען פון דער איינפאַכער סחורה־פּראָדוקציע, פונ׳ם האַנדעל און פון אבסאָלוטער מאָנאַרכישער מלוכה מאַכט. זיי שעפּען תענוג פון דער הייד־נישער אנטיקער ליטעראַטור, וואָס איז אַ ליטעראַטור פון לעבענס־לוסט און פון פרייד.

דער פּראָלעטאַריאַט און זיינע סימפּאַטייזער האָבען ניט גע־האַט קיין אינטערעס ניט פאַר דעם רוימישען רעכט און ניט פאַר דער קלאַסישער ליטעראַטור. וואָס זיי האָבען געזוכט, געפינען זיי אין אַן אנדערען פּראָדוקט פון דער רוימישער געזעלשאַפט, אין דעם עוואַנגעליום. דער קאָמוניזם פונ׳ם אור־קריסטענטום איז געווען ווי צוגעפּאַסט צו זייערע באַדערפנישען. ווייל עס זיינען נאָך ניט געווען קיין יסודות פון אַ העכערער קאָמוניסטישער פּראָדוקציע, דער קאָמוניזם האָט נאָך ניט געקאָנט זיין עפּעס אנדערש, ווי אַ מין גלייך־מאַכען־קאָמוניזם, ווי אַ טיילען, אראָפּ־נעמען עפּעס פונ׳ם איבערפלוס פון די רייכע און פאַרטיילען צווי־שען די אָרימע, ווען עס האָט געפעלט דאָס נויטיגסטע.

די קאָמוניסטישע לערען פונ׳ם עוואַנגעליום און פון דער אַפּאָסטעל־געשיכטע האָבען ניט געשאַפען די קאָמוניסטישע טענ־דענצען פונ׳ם מיטעלאַלטער, אָבער זיי האָבען מיטגעהאָלפען צו זייער אנטשטעהונג און פאַרשפּרייטונג, ווי דאָס רוימישע רעכט האָט געשטיצט די אנטוויקלונג פונ׳ם אבסאָלוטיזם און פון דער בורזשואזיע.

אויף אַזאַ אופן איז דער יסוד פון די קאָמוניסטישע טענדענצען געווען אַ קריסטליכער אַ רעליגיעזער; פונדעסטוועגען ווערען זיי פיינטליך צו דער הערשענדער קירכע, וואָס איז די רייכסטע צווישען די רייכע. זי האָט שוין לאַנג ערקלערט, אַז די פאָדערונג פון אַלגעמיינעם קאָמוניזם איז אַ טייוולישער טעות און האָט זיך באַמיט דורך אַלערליי פּלפּולים צו פאַרדרעהען און צו פאַר־

טונקלען דעם קאָמוניסטישען אינהאַלט פון די אור־קריסטליכע שריפטען.

און אזוי ווי דאָס שטרעבען, צו אָרגאַניזירען די געזעלשאַפט אויף א קאָמוניסטישען אופן, האָט געמוזט פירען צו אפּיקורסות, צו א צוזאַמענשטויס מיט דער פויפּסטליכער קירכע, אזוי האָט פון דער אנדערער זייט די אפּיקורסות, דאָס הייסט דער קאַמף געגען אָט דער קירכע, געהאָלפען צו פאַרשפּרייטען די קאָמוניסטישע אידעאַלען.

נאָך איז ניט געקומען די צייט, אז מען זאָל קאָנען קלערען צו באַגעהן זיך בכלל אָן א קירכע. עס איז אפילו אנטשטאַנען צום סוף פון מיטעלאַלטער אין די שטעט א קולטור, וואָס איז געווען א סך העכער, ווי יענע קולטר, וועלכע די קירכע האָט פאַרטראַטען. די אויפשטייגענדע קלאַסען — דאָס פירשטענטום מיט זיינע פּריצים, די סוחרים, די רוימישע יוריסטען, די ליטעראַטען, זיינען געווען אַלץ, נאָר ניט קיין גלויביגע קריסטען, בפרט וואָס נעהענטער צו רוים זיי האָבען געוואוינט. די הויפּט־שטאָט פון׳ם קריסטענטום איז אליין געווען דער הויפּט־זיץ פון אומגלויבען. אָבער פון א נייער אָרגאַניזאַציע פון דער מלוכה־פאַרוואַלטונג, פון א וועלטליכער ביוראָקראַטיע, וואָס זאָל קאָנען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די קירכלי־כע אָרגאַניזאַציעס זיינען ערשט געווען קוים שוואַכע אָנפאַנגען. אלס הערשאַפטס־אָרגאַניזאַציע, איז די קירכע נאָך נויטווענדיג פאַר די הערשענדע קלאַסען, דאָס האָט דוקא פאַר די אומגלויבינע. ניט צו צושטערען די קירכע איז געווען די אויפגאַבע פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסען אין סוף פון מיטעל־אַלטער, נאָר זי צו ערקבערען און דורך איר צו באַהערשען און אי־בערצובויען די געזעלשאַפט. אזוי איז אויך היינט די אויפגאַבע פון׳ם פּראָלעטאַריאַט צו עראָבערען דעם שטאַט און אים איבער־צובויען.

וואָס אומגלויבינער די העכערע קלאַסען ווערען, אלץ מער זאָרגען זיי זיך וועגען גלויבען פון די נידריגע קלאַסען, אלץ מער שליסען זיי זיי אָפּ פון יעדער בילדונג, וואס וואָלט געקאָנט זייער גייסטיגען האָריזאָנט ברייטער מאַכען. און זיי דאַרפען זיך דער־צו ניט א סך אָנשטרענגען, ווייל די סאָציאַלע לאַגע פון די פּויערים.

בעל־מלאכות און פראלעטאריער איז דאך געווען אזעלכע, אז זי האט שוין א פריארי פאר זיי אוממעגליך געמאכט צו דערגרייכען א העכערע בילדונג. זיי בלייבען אלזא אינ׳ם פאר׳כישופ׳טען קרייז פון די קריסטליכע אנשויאונגען.

די פויפסטליכע קירכע געווינט דאדורך גאר ווייניג. ווייל טראצדעם האבען זיך אנטוויקעלט גרויסע פאלקס־באוועגונגען קעגען דער קירכע; עס האט נאר געפירט דערצו, אז די באַוועגונגען זאלען זיך שטיצען ס׳רוב אויף רעליגיעזע ארגומענטען, כדי זייערע פאדערונגען צו באגרינדען.

די ליטעראַרישע פראדוקטען פונ׳ם אורקריסטענטום האבען אנטהאלטען א גאנצע זאמלונג פון וואפען פאר די, וואס האבען געוואלט קאנפיסקירען די קירכענגיטער; ווייל אין די שריפטען איז בפרוש געשטאנען, אז יעזוס און זיינע תלמידים זיינען געווען ארים און האבען פארלאנגט פון זייערע שפעטערע תלמידים א פרייוויליגע ארימקייט, און אז די גיטער פון דער קירכע געהערען ניט צו די גלחים, נאר צו דער גאנצער עדה.

צוריקקערען צום אור־קריסטענטום, צום עוואנגעליום, ווידער איינפירען „גאט׳ס ריין ווארט״, וואס איז פארפעלשט געווארען דורך דער פויפסטליכער קירכע — דאס ווערען די צילען פון אלע קלאסען און פארטייען, וואס זיינען פיינדליך געשטימט קעגען פויפסטום. דערביי טייטשט זיך אויס יעדע פון די פארטייען „גאט׳ס ריין ווארט״ אזוי, ווי עס פאסט צו אירע אינטערעסען. איינִיג זיינען זיי נאר אין דעם, וואס זיי פארלאנגען די באזיצלאזיגקייט פון די קירכליכע פריצים. אבער אויב זיי זאלען פארלאנגען אויך די דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון דער קירכענגעמיינדע אדער אפשר גאר בשותפות׳דיקייט פון די גיטער, דעריבער זיינען באשטאנען צווישען די אפאזיציאנעלע — „פראטעסטאנטישע״ — ריכטונגען, שטארקע חילוקי דעות, אזוי ווי אבער די דעמאקראטישע ארגאניזאציע און די שותפות׳דיקייט פון גיטער האבען פאקטיש עקזיסטירט אינ׳ם אור־קריסטענטום, האט א פארערער פונ׳ם אור־קריסטענטום שוין געמוזט זיין שטארק פאראינטערעסירט אינ׳ם היפוך, אז ער זאל אוים „גאט׳ס ריינעם ווארט״ עפעס אנדערש ארויסלייענען. יעדער ערליכער מיטגליד

פון די באַזיצענדע קלאַסען, וואָס האָט זיך באַטייליגט אין א אפּיקורסישער באַוועגונג און איז פעהיג געווען זיך גייסטיג צו דער־הויבען איבער די אינטערעסען און פאָראורטיילען פון זיין קלאַס, האָט געקאָנט לייכט געוואונען ווערען פאַר'ן דעמאָקראַטישען קאָ־מוניזם. ספּעציעל כל זמן די באַזיצענדע קלאַסען, וואָס זיינען פיינדליך געווען צום פּויפּסטום, האָבען אין אים געזען דעם מעכטיגען שונא און אינ'ם קאָמוניזם נאָר אַן אומשולדיגע שפּילעריי פון איבערהיצטע אידעאָלאָגען, כל זמן עס איז נויטיג געווען צו פאַראייניגען אין איין פראָנט אַלע אָפּאָזיציאָנעלע כחות געגען פּויפּסטום. דער הערעטישער קאָמוניזם איז לכתחילה געווען געפעהרליך נאָר פאַר דער פּויפּסטליכער אויסבייטונג. דער־פאַר האָבען אים געדולדעט די באַזיצענדע קלאַסען, וואו זיי זיינען געווען הערעטיש געשטימט, דערפאַר איז עס געווען מעגליך, אז דער לאָזונג: „צוריק צום קריסטוסטום“, האָט ארויסגערופען קאָ־מוניסטישע טענדענצען ניט בלויז אין די קרייזען פון דער אָרימער באַפעלקערונג, נאָר אויך ביי פיל מיטגלידער פון די באַזיצענדע קלאַסען.

ווען מיר באַטראַכטען אַלע די מאָמענטען, וועלען מיר ערשט פאַרשטעהן, ווי אזוי די קאָמוניסטישע אידעען האָבען געקאָנט — אין דער צייט פון די הערעטישע באַוועגונגען, וואָס האָבען זיך געשטעלט אַלס ציל צו שטירצען דאָס פּויפּסטום — באַקומען אזא קראַפט און א פאַרשפּרייטונג, וואָס האָבען לחלוטין ניט אַנט־שפּראָכען דער קראַפט, דער אויסשפּרייטונג און דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין פונ'ם פּראָלעטאַריאַט.

דערפאַר האָבען אָבער אויך די הערעטיש קאָמוניסטישע באַ־וועגונגען געמוזט על פּי רוב שנעל צוזאַמענברעכען, וויבאַלד זיי האָבען גאָר געמאַכט א פאַרזוך אָנצוגרייפען די גאַנצע געזעלשאַפט פון די באַזיצענדע, אָנשטאָט זיך צו פאַראייניגען מיט די באַוועגונגען פון די באַזיצענדע קלאַסען אויסשליסליך געגען פּויפּסטום.

אַלע די מאָמענטען: דער מאַנגעל אין קלאַסען־באַוואוסטזיין ביי די באַזיצלאָזע, א רעלאַטיוו גרויסער אינטערעס פון די באַ־זיצענדע — סוחרים, ריטער, בפרט אָבער נידריגערע גייסטליכע —

פאר קאָמוניסטישע באַשטרעבונגען, א שטאַרקע באַאיינפלוסונג דורך קאָמוניסטישע טענדענצען פון א פריהערען פעריאָד — דעם אור־קריסטענטום — אליין דאָס האָט געווירקט, אז אין דער גאַנצער צייט פונ׳ם 12טען יאָרהונדערט ביז צו דער צייט פון רעפאָר־מאַציע אין 16טען יאָרהונדערט, האָט דאָס רעליגיעזע מענטעלע, אין וועלכען ס׳איז אויפגעטראָטען די קאָמוניסטישע באַוועגונג, נאָך שטאַרקער פאַרדעקט איר קלאַסען־כאַראַקטער, ווי ביי די אנדערע פאָלקס־באַוועגונגען פון יענער צייט.

אָבער פאָרט איז עס דער פראָלעטאַריאַט געווען, וואָס האָט שוין דעמאָלט ארויפגעלעגט זיין שטעמפעל אויף די קאָמוניסטישע באַוועגונגען. און אזוי ווי דער מיטעלאַלטערליכער פראָלעטאַריאַט אונטערשיידט זיך פונ׳ם פראָלעטאַריאַט פון דער צופוילטער רוימישער געזעלשאַפט, אָבער אויך פון דעם מאָדערנעם, אזוי איז אויך דער קאָמוניזם, וועמעס טרעגער ער איז, אן אנדערער ווי דער אור־קריסטליכער און דער קאָמוניזם פונ׳ם 19טען יאָרהונדערט.

גראַד אזוי ווי דער אור־קריסטליכער און צוליב דיזעלבע סבות איז ער א קאָמוניזם פון געברויך, ניט פון פראָדוקציע, און אונטערשיידט זיך דורך דעם אויך פונ׳ם מאָדערנעם. נאָך אַלעם דעם, וואָס מיר האָבען ביז איצט אויסגעפירט, דאַרפען מיר דאָס ניט נעהענטער דערקלערען.

דער קאָמוניזם פונ׳ם מיטעלאַלטער און פון דער רעפאָרמאַ־ציאָנס צייט איז אָבער גראַד אזוי ווי דער אור־קריסטליכער אן אסקעטישער און מיסטישער, א קאָמוניזם פון אנטזאָגען זיך, א קאָמוניזם, וואָס האָפט אויף דעם איינגרייפען פון געהיימניספולע, איבערמענשליכע כחות. אויך דאדורך שטעהט ער אין א היפוך צום קאָמוניזם פונ׳ם ניינצענטען יאָרהונדערט.

## 5. די מיסטיק.

לאָ׳מיר קודם באַטראַכטען דעם לעצטען פונקט, דעם מיסטיציזם.

מיר האָבען שוין דערמאָנט זיין ערשטען שורש: די אומ־וויסענהייט פון די גרויסע פאָלקסמאַסען. וואָס מער עס

אנטוויקעלט זיך די סחורה־פּראָדוקציע און דער סחורה־האַנדעל, אַלץ שטאַרקער ווערען די געזעלשאַפטליכע כחות, אַלץ אומ־פאַרשטענדליכער און געהיימניספולער ווערען די געזעלשאַפטליכע צוזאַמענהאַנגען און אַלץ שרעקליכער די געזעלשאַפטליכע נויט, וואָס פאַרשפּרייטען זיך צווישען די מענשען. ווי אויף אַ וואונ־דער קוקען זיי אויף דעם סאָציאַלען פּראָצעס, אָהן אַן עצה און אָהן אַ הילף, און אַם מערסטען די אונטערשטע, די עקספּלואַטירטע פאָלקס־קלאַסען.

די הערשענדע און די אויפשטייגענדע קלאַסען, בפרט די סוחרים און פירשטען האָבען זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען; אַ סך העלפט זיי דערביי די קענטניש פון דער אַנטיקער שטאַטס־חכמה און פון׳ם רוימישען רעכט, וועלכעס זיי נעמען ווידער אָן. די נידריגערע קלאַסען האָבען קיין צוטריט ניט צו די וויסענשאַפטען — נאָך וועניגער, ווי היינט, ווייל די וויסענ־שאַפט האָט צו דער צייט אירע אייגענע שפּראַכען, וואָס זיינען פאַרשיידען פון דער פאָלקס־שפּראַך: די לאַטייניש׳ע און די גריכישע.

ניט דאָס איז אָבער געווען די אַנטשיידענע סבה, פאַרוואָס די וויסענשאַפט האָט ניט געקאָנט אַריינדרינגען אין די נידריגע פאָלקס־מאַסען. די אַנטשיידענע סבה איז געווען די, וואָס די פאָלקס־מאַסע האָט זיך צו איר פאַרהאַלטען נעגאַטיוו, ווייל זי איז געשטאַנען אין אַ היפּוך צו אירע באַדערפנישען.

די אַנטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט ווי פון דער קונסט איז אָפּהענגיג פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. כדי די וויסענשאַפט זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען, מוזען עקזיסטירען ניט בלויז באַשטימטע פ אָ ר ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן וואָס דערמעגליכען ערשט די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג, נאָר עס מוזען אויך עקזיסטירען באַשטימטע ב אַ ד ע ר פ נ י ש ע ן, וואָס ט ר י י ב ע ן צו אַ וויסענשאַפטליכע פאָרשונג. ניט יעדע געזעלשאַפט און ניט יעדער געזעלשאַפטליכער קלאַס האָט די באַ־דערפניש טיפער אויסצופאָרשען די אמת׳ע צוזאַמענהאַנגען אין דער נאַטור און אין געזעלשאַפט, אפילו ווען עס זיינען פאַראַן די נויטיגע פאָרבאַדינגונגען. אַ קלאַס אָדער אַ געזעלשאַפט, וואָס

האַלט אין אונטערגעהן, וועט זיך שטענדיג ווערען צו דערקענען די ווירקליכקייט; זי וועט איר אינטעליגענץ ניט אויסנוצען דערצו, כדי קלאָרער צו מאכען די עקזיסטירענדע אָרדנונג, נאָר דערצו, כדי אויסצוגעפינען נייע ארגומענטען, מיט וועלכע זי קאָן זיך אליין בארוהיגען טרויסטען און — באטריגען; שוין ניט ריידענדיג פון דער נויטיגקייט, אָפּצונארען אירע געגנער וועגען איר כח און לעבענס־פעהיקייט.

דער פּראָגרעס פון דער וויסענשאפט קאָן נאָר געשטיצט ווערען פון געזעלשאפטליכען און געזעלשאפטליכע קלאסען, וואָס פּראָגרעסירען, צו וועמען די צוקונפט געהערט באמת. נאָר דער האָט אַן אינטערעס, אויסצופאָרשען די ווירקליכקייט און צו באזייטיגען יעדען טעות.

אַז די אַנטיקע געזעלשאפט צעפאלט זיך, געהט אויך אונטער איר וויסענשאפט, די מענשען אַנטלויפען אַלץ מער פון דעם לאַנד פון ווירקליכקייט, וועמעס עלענד עס דריקט זיי, אין דעם לאַנד פון אַבסטראַקציעס, פון פאַנטאַזיע, פון מיסטיק, וועלכעס זיי קאָנען זיך צופאַסען צו זייערע באַדערפנישען. וואו זיי פארצווייפלען פון זייער אייגענעם כח, דאָרט מוז העלפען די קראפט פון איבערנאַטירליכע וועזענס. עס אַנטוויקעלט זיך אַ גלויבען אין ניסים און אַ מיסטיק.

די גערמאנען, וואָס האָבען אין א גרויסען מאָס גע'ירשנ'ט די רוימישע וועלט־אימפעריע, האָבען אויך איבערגענומען די לערע פונ'ם קריסטענטום, וואָס איז אַרויסגעוואקסען פון דער אטמאָספער, אָבער זיי גיבען זיי אַן אנדער אינהאַלט. די מוטיגע און לעבענס־פריידיגע בארבארען פארשטעהען נישט דאָס פינסטערע און פאר'מרה־שחורה'דיגע אפּזאָגען זיך פון דער ווירקליכקייט. דאָס זוכען און גריבלען זיך אינ'ם אייגענעם איך, מיט וואָס עס צייכנען זיך אזוי אויס די מיסטיקער פונ'ם אור־קריסטענטום. זיי זיינען ניט ביכולת, וויסענשאפטליך גובר צו זיין דאָס קריסטענטום, אָבער זיי פאַסען עס אויף אזוי נאַאיווזינליך, אַז דער מיסטיציזם הערט אויף צו זיין א לעבעדיגער כח. עס בלייבט פון אים קוים א זכר אין אייניגע מאָנאַסטירען.

אָבער מיט אמאָל קומען אויף אין דער קריסטליך־גערמאַנישער

וועלט די סחורה־פּראָדוקציע און דער סחורה־האַנדעל און רעוואָ־לוציאָניזירען זי, און איצט אנשטעהט ווידער — און דאָס קודם אין די שטעט, די ערטער פון דער אויפשטייגענדער קולטור — א באָ־דען פאר דעם ווידעראויפלעבען פון די אפאקאליפּטישע אידעען און פונ׳ם מיסטיציזם בכלל. ער וואקסט ארויס פון די בארערפ־נישען פון דיזעלבע קלאסען, פון וועלכע דער אור־קריסטליכער קאָמוניזם איז ארויסגעוואקסען. דער ערשטער א פועל יוצא פונ׳ם אנדערן.

ניט צו די ארימע און אונטערדריקטע האָט רעמאָלט געהערט די צוקונפט, נאָר צו די רייכע און מעכטיגע, צו די פירשטען און קאפּיטאַליסטען. און זייער אינטערעס איז עס געווען צו שטיצען די וויסענשאפט, וועלכע אונטערשטיצט ווידער פון איר זייט אליין מער די מעכטיגע, וואָס מער זי באגרייפט די ווירקליכקייט. אָבער אפילו דאָרט, וואו זי ווערט ניט זייער ווערקצייג, וואו זי קאָן זיך יאָ פריי אנטוויקלען, איז זי א שטיצע פון דער מאכט פון די פירש־טען און קאפּיטאַליסטען.

די צייט, אין וועלכער די נאָהענטע צוקונפט זאָל קאָנען גע־הערען דער קאָמוניזם, דעם פּראָלעטאַריאט, איז נאָך געווען זער וויט. וואָס בעסער די אָרימע און אונטערדריקטע האָבען זיך באַ־קאנט מיט דער ווירקליכקייט, אליין טרויעריגער, אליין שווארצער האָט זי זיך געמוזט זיי אויסווייזען, נאָר א נס האָט געקאָנט שיצען דעם כלל פון די „גרויסע העכט“, זייערע אונטערדריקער און עקספּלואטא־טאָרס און ברענגען די הונגעריגע מאסען פרייהייט און ברויט. אָבער געגאַרט האָבען זיי נאָך דעם מיט זייער גאנצען הארצען, זיי האָבען געמוזט אין דעם גלויבען, אויב זיי האָבען ניט געזאָלט פארצווייפלען. זיי הויבען אָן צו האסען די ניי־אויפגע־קומענע וויסענשאפט, גראַד אזוי, ווי דעם אלטען קירכען־גלויבען; זיי הויבען אָן זיך אָפּצואווענדען פון דער ווירקליכקייט, וואָס איז אזוי פול מיט יאָמער און אָהן טרויסט און פארטיפען זיך אין זייער אינטערעס, כדי פון דאָרט צו שעפּען טרויסט און האָפנונג. אַנטקעגען די ארגומענטען פון דער וויסענשאפט, שטעלען זיי די שטים פון זייער איך, „גאָט׳ס שטים“, די „אָפּענבארונג“, די „אינערע ערלייכטונג“. דאָס הייסט, באמת די שטים פון זייער

בענקען און האָפען. די דאָזיגע שטים קלינגט אליץ העכער און זיגרייכער, וואָס מער דער גריבלענדיגער זונדערט זיך אָפּ פון דער געזעלשאפט, דערלאָזט ניט צו צו זיך קיין שום אויסערע שטע־רענישען און צוהיצט זיין פאַנטאַזיע דורך די פארשיידענסטע מיטלען פון עקסטאַז, בפרט דורך הונגער און תפילות. אזוי קו־מען בעלי־חלומות צום גלויבען אין א וואונדער, וועלכער ווערט ביי זיי לסוף אזוי שטאַרק, אז זיי פילען דאָס באדערפניש אים איבערצוגעבען אויך אַנדערע, ווען די גלייכע באדערפנישען און בענקשאפטען האָבען דערצו מסוגל געמאכט.

א כאראַקטעריסטישען ביישפיל פון דעם אופן פון דענקען ווייזען אונז די שריפטען פון מינצער'ן. מיר ווילען דאָ אייניגע ציטירען, קודם כל זיין אויסטייטשונג פון'ם 2טען קאפיטעל דניאל, וואו עס ווערט באשריבען דעם חלום פון'ם קעניג נבוכדנצר — פון'ם מאָנומענט פון גאָלד און אייזען, וואס ווערט צושמעטערט דורך א שטיין — א חלום, וואָס איז זעהר באקוועם פאר רעוואָלו־ציאָנערע אויסטייטשונגען.*)

מינצער שרייבט דאָ: „קריסטוס איז געמאכט געווארען צו א פשוט'ער פאַנטאַסטישער געטשקע"; „ער איז געוואָרען דאָס פוסבענקעלע פון דער גאנצער וועלט"; דערפאר ווערען מיר אויס־געלאכט פון די טערקען און היידען; קריסטוס'עס ליידען ווערען גע־קויפט און פארקויפט. דערפאר מוזען מיר ארויס פון דעם שמוץ, ווערען גאָט'ס תלמידים, פון אים ווערען געלערנט און באַשאַנקען מיט קראפט, כדי נקמה צו נעמען אן גאָט'ס שונאים. מיר מוזען זיך פאָרכטען פאר גאָט, און ניט פאר מענשען. מען קאָן ניט דינען צו צוויי הערען. די שריפט־געלערטע באהויפטען אפילו, אז גאָט אנטפלעקט זיך היינט ניט מער צו זיינע ליבע פריינד דורך חלומות און מינדליכע ווערטער, מען מוז זיך האלטען אָן דער שריפט. זיי פארשפאָטען די ווארנונגען פון די, צו וועמען גאָט האָט זיך אנטפלעקט, אזוי ווי די אידען האָבען פארשפאָט ירמיהו'ן, וואָס האָט נביאות געזאָגט וועגען גלות בבל.

---

*) אויסטייטשונג פון'ם צווייטען בוך דניאל א. א. וו., אלטשטעדט, 1524.

און איצט קומט מינצער צו נבוכדנצר'ס חלום. די ביז־איצ־טיגע אויסטייטשער האָבען דעם חלום ניט געקאָנט מסביר זיין. „דאָס זיינען געווען גאָטלאָזע שמייכלער, וועלכע האָבען גערעדט, וואָס די פּריצים הערען גערן, גלייך ווי עס טוען איצט, אין אונזער צייט, די שריפטגעלערטע, וואָס עסען גערן ביים פּריץ א גוטען ביסען." די דאָזיגע געלערטע ווערען פארפירט דורך דער מיינונג, אז זיי קאָנען אָפּשיידען דאָס גוטע פונ'ם שלעכטען, אויב אפילו דער הייליגער גייסט איז צו זיי ניט געקומען. „אָבער דאָס ווארט קומט אראָפּ אין הארץ אריין נאָר פון גאָט." דערפאר דערמאָנט דער הייליגער פּאוועל משה'ן און ישעיה'ן (רוימ. 10) און רעדט פונ'ם אינערליכען וואָרט, וואָס לאָזט זיך הערען אינ'ם אפגרונט פון די נשמות דורך גאָט'ס אנטפּלעקונג. און דער מענש וואס איז דאָס ניט געוואָר געווארען דורך דעם לעבעדיגען צייגניס פון גאָט אליין (רוימ. 8), דער ווייסט גאָר ניט פון גאָט צו זאָגען, אפילו ווען ער וואָלט פארשלונגען הונדערט טויזענט ביבעלס.

כדי דער מענש זאָל געוואָר ווערען דאָס וואָרט און זאָל ווערען פיין עמפינדליך, מוז ביי אים גאָט צונעמען זיינע תאוות הגוף, און גאָט מוז אים קומען אין הארץ אריין און טויטען די גאנצע תאוה פונ'ם פלייש, כדי ער זאָל האָבען א ווירקונג. ווייל א טיערישער מענש הערט ניט; וואָס גאָט רעדט אין דער נשמה, (1. קארינטה. 2) נאָר ער מוז באלערנט ווערען דורך דעם הייליגען גייסט, זאָנסט איז ער בלינד אין זיין הארצען און שאפט זיך א האָלצערנעם קריסטוס און פארפירט זיך אליין... ווען דער מענש וויל אלזא פארשטעהן גאָט'ס אנטפּלעקונג מוז ער זיך אפּזונדערען פון דער יעדער שטיפעריי און טראָגען אין זיך אן ערנסטען מוט צו ווארהייט (2, קארינטה 6), און מוז דורך איבונג פון דער ווארהייט דערקאָנען אמת'ע וויזיאָנען פון פאלשע."

דער אויסדערוויילטער, וואָס וויל וויסען, וועלכע וויזיאָן אָדער חלום עס קומט פון גאָט, וועלכע פון דער נאַטור אָדער פונ'ם טייוועל, דער מוז מיט זיין געמיט און הארץ, און אויך מיט זיין נאַטירליכען שכל „זיין אָפּגעזונדערט פון יעדען זייטיגען טרויסט פון

זיין פלייש". האָט ער באַזייטיגט פון זיין הארץ אַלע דערנער דאָס איז די תאוות, אזוי, אז עס וואקסען איצט שוין גוטע קרייטער, „דעמאָלט ערשט ווערט דער מענש געוואר, אז ער וועט כל ימיו זיין א דירה פאר גאָט און פאר דעם היילינען גייסט."

אין אן אַנדער שריפט ווידער דערצעלט מינצער אין א זאפ־טיגער שפּראך וועגען דעם גענענזאץ צווישען אן אויפריכטיגען קריסט, וואָס זוכט די אנטפלעקונג אין כפקות און דאגות אונטער די גרעסטע נשמה שמערצען, און צווישען דעם זעלבסט־צופרידענעם שריפטגעלערטען, וואָס פּרעדיגט רעליגיעזע גלייכגילטיגקייט און לאַכט אויס אַלע נשמה־קאמפען.

מינצער זאָגט אז דער אמת'ער גלויבען רייסט זיך דורך פריער אָדער שפּעטער ביים „אנפאנגענדען קריסט", און דער לעצטער זיפצט ארויס: „אך! איך בין אן אומגליקליכער מענש, וואוהין רייסט זיך אזוי מיין הארץ? מיין געוויסען נעמט ביי מיר צו די כחות, מיינע עצמות, מיך אינגאנצען. אָ, וואָס זאָל איך איצטער טאָן? איך צווייפעל אין גאָט און אין זיינע שאפונגען און איך האָב ניט קיין טרייסט. און גאָט מאַטערט מיך מיט מיין געווי־סען, מיט אומגלויבען, מיט פארצווייפלונג און גאָט־לעסטערונג. פון דרויסען זיינען אויף מיר אָנגעפאלען קראנקהייטען, ארימקייט און דחקות און אלערליי צרות פון שלעכטע מענשען א. אז. וו. נאָר מיין אינערליכער וועהטאָג איז שרעקליכער פון דעם אויסערליכען. אך, ווי וואָלט איך געוואלט גלויבען באמת, ווען איך זאָל נאָר וויסען דעם ריכטיגען וועג."

אין דער צרה ווענדט זיך דער צווייפלער נאָך אן עצה צו די געלערנטע. „און דעמאָלט ענטפערען די געלערנטע, וועמען עס איז זעהר שווער צו עפענען דאָס מויל, ווייל יעדער וואָרט זייערס קאָסט א שלל מיט געלט: נון, מיין ליבער מענש, אויב דו ווילסט ניט גלויבען, געה צום טייוועל". „אך, הויכגעלערנטער הער דאָק־טאָר, איך וואָלט געגלויבט, נאָר מיין אומגלויבען דערשטיקט מיין גאנצען ווילען צו גלויבען; וואָס טוט מען דערצו?" דעמאָלט ענטפערט דער געלערנטער: „דו קימער זיך וועניגער וועגען אזעל־כע הויכע זאכען. דו גלויב פשוט און פארטרייב פון זיך די גע־דאנקען. דאָס זיינען אַלץ פאנטאזיעס; געה צווישען מענשען,

פרעה זיך, און דו וועסט פארגעסען אלע דאגות". דו זעסט, ליי־בער ברודער, אין דער קירכע האָט דאָס נאָר אליין געהערשט, קיין אנדער טרייסט. דער הייליגער פעטער זאָגט דיר, ווער עס זיינען די אָפּגעפרעסענע חזירים: דאָס זיינען די אומגלויביגע, פאלשע געלערנטע פון וואס פאר ניט איז סעקטען; זיי פרעסען און זויפען און פארברענגען זייער לעבען אין תענוגים און ווען מען רעדט זיי אנטקעגען, קנאקען זיי מיט זייערע שארפע ציין, ווי די הינט."

מינצער טרעט שארף ארויס געגען די געלערנטע פונקט ווי געגען די קערפערליכע באפרידיגונגען.

די נייע צוקונפטיגע געזעלשאפט האָט זיך פארגעשטעלט מינ־צער'ן אין א כיליאסטישען גייסט — ווי אן אמת'ער גן עדן אויף דער ערד. „יאָ — שרייט ער אויס, — מיר אלע מיט'ן קומען פונ'ם גלויבען, מיר קערפערליכע, שטערבליכע מענשען, וועלען פארוואנ־דעלט ווערען, דורך דער פארמענשליכונג פון קריסטוס'ן, אין גע־טער, און אזוי צוזאמען מיט אים וועלען מיר ווערען געטליכע תלמידים; ער אליין וועט מיט אונז לערנען און אונז מאכען פאר געטער. און אפילו נאָך מער — מיר וועלען פאלקאָמען פארוואנ־דעלט ווערען אין אים, אזוי אז דאָס ערדישע לעבען וועט זיך ארויפ־טראָגען אויף די הימלען."

דאָס איז א מאָדעל פון דער אַפּאקאליפּטישער מיסטיק; אגב, האָט זיך מיט איר גאנץ פיין צוזאמענגעלעבט דער רויער רעאליזם. ווען מיר זאָלען גלויבען מעלאנכטאָנען וואָס דערצעהלט וועגען דעם פשוט מיט פחד, זאָל מינצער, אויב גאָט וועט ניט באפרידיגען די דורשט נאָך אַנטפּלעקונג, זיך האָבען אויסגעדריקט אין דער עפענט־ליכקייט זעהר ניט עדעל: „ער זאָגט בפני כל עם ועדה זאכען, וואָס זיינען פשוט א שרעק צו הערען; ער, זאָגט ער, וועט א שפּיי טאָן אויף גאָט, אויב דער לעצטער וועט צו אים ניט ריידען פונקט אזוי, ווי ער האָט גערעדט צו אברהם'ן און צו די אנדערע אבות."

אָבער דער איבערטריבענער מיסטיציזם, וואָס געהט האנט אין האנט מיט דעם אסקעטיזם, איז פרעמד דעם מאָדערנעם פּראָ־לעטאריאט. היינט זעהט יעדער, וואָס איז נאָר ניט בלינד פאר די סימנים פון דער צייט, אז דעם פּראָלעטאריאט געהערט די צו־קונפט, אז אין פארלויף מיט אים געפינען זיך אלע אנדערע קלאַ־

סען פון דער געזעלשאפט אין א צושטאנד פון ירידה, פארלירען זייער סאציאלע באדייטונג און דארום אויך זייער פאליטישע מאכט, אינטעליגענץ און מאראלישע קראפט. היינט איז עס די ווירקליכקייט, וואס זאגט אן די בשורה פונ׳ם נצחון פונ׳ם פראלעטאריאט; און וואס טיפער זי ווערט אויסגעפארשט און וואס קלארער עס ווייזען זיך ארויס די טענדענצען פון דער היינטיגער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג אלץ בולט׳ער ווערט די ערשיינונג. די וויסענשאפט, וואס האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע אומ׳ברחמנות׳דיג אויסצופארשען די ווארהייט, ארבייט איינציג און אליין אין די אינטערעסען פונ׳ם פראלעטאריאט; און דער קלאס איז דער איינציגער, וואס איז פאראינטערעסירט אויסצופארשען דעם אמת.

אמת, אז עס בליט היינט ווידער אויף דער מיסטיציזם, דער פארלאנג נאך איבערערדישע כחות, אבער ניט מער ביים פראלעטאריאט, ניט מער ביי די קאמוניסטען — זיי זיינען געווארען פילזאפען פון דער ווירקליכקייט, מאטעריאליסטען — נאר ביי די באזיצענדע קלאסען, וועלכע פילען, אז זייער שעה האט געשלאגען.

אבער עס פעלט זיי דער גלויבען און די איבערגעבענקייט צו א גרויסער אידעע, וועלכע האט געגעבען די קאמוניסטישע מיסטיקער פון מיטעלאלטער דעם כח, אויסצושטעהן די שווערסטע פארפאלגונגען און מיט פרייד צו ווארטען אויפ׳ן טויט. דער בירגערליכער מיסטיציזם און אבערגלויבען אין אונזערע טעג שאפט ניט מער קיין העלדען און מארטירער; ער איז גראד אזוי ווייניג בכח צו זיין קריטיש, ווי עס איז די בירגערליכע וויסענשאפט. ער באַרגט זיך גערן ביי איר אוים א מענטעלע, כדי צו ווערען סאלאנפעהיג און בווינט זיך פאר די קאפריזען פון די רייכע.

## 5. די אסקעטיזם.

דער צווייטער כאראקטעריסטישער מאמענט וואס אונטערשיידט די קאמוניסטען פונ׳ם מיטעל־אלטער און פון דער רעפארמאציאנס־צייט, פון די היינטיגע — דער ערשטער איז געוועזן דער מיסטיציזם — איז זייער אסקעטישער כאראקטער.

אין מיטעל־אלטער, ווי אויך אין דער צייט פון דעם אונטערגאנג פון רוים, איז די פראדוקציע נאך ניט געווען אזוי ווייט אנטוויקעלט, אז עס זאל מעגליך זיין פאר אלע צו באשאפען די מיטלען פאר א בעסערען און פיינערען לעבען. ווער עס האט פארלאנגט, אז אלע זאלען זיין גלייך, דער האט געמוזט האלטען פאר א זינד ניט נאר דאס ברייטליכע, באקוועמע לעבען, נאר אויך די קונסט און וויסענשאפט, וועלכע פלעגען טאקע אפט אויפטרעטען אלס קנעכט פון אט דער באקוועמליכקייט. אבער די קאמוניסטען געהען נאך ווייטער. זעהענדיג דעם אומגעהייערן עלענד, באטראכטען זיי פאר א זינד ניט בלויז דעם איבערמוט און די אומאנשטענדיגקייט, נאר בכלל יעדע פרייד, יעדען תענוג, אפילו דעם אומשולדיגסטען. פיליפ מעלאנכטאן שרייבט וועגען דעם אין זיין „טאמאס מינצער'ס געשיכטע" מלא כעס*) „און ער לערנט, צו אמת'ער קריסטליכער פרומקייט קען מען דערגרייכען אויף דעם פאלגענדען אופן. קודם מוז מען אוועקלאזען אלע עפענטליכע עבירות, ווי זנות, הריגה, חלול השם וכדומה. נאכדעם מוז מען פייניגען דאס לייב און זיך אפמוטשען מיט פאסטען, שלעכטער קליידונג, וויינינג ריידען, זויער קוקען, די בארד ניט שערען. אזעלכע קינדישע זאכען רופט ער אן: אפטויטען דאס פלייש און מיינט, אז דאס איז דער צלם, פון וועלכען עס רעדט זיך אין עוואנגעליע. מיט'ן פולען ערנסט פרעדיגט ער וועגען דעם אין זיינע דרשות". מיט דעם פינסטערען פוריטאניזם זיינען די קאמוניסטען ארויסגעטראטען ניט נאר געגען די הערשענדע, נאר אויך געגען די ארבייטענדע קלאסען פון זייער צייט, וואס זיינען נאך געווען פול מיט פרימיטיווער לעבענספרייד און לוסטיגקייט. דערפאר ווערען די קאמוניסטען אפט פארהאסט פון די פויערים און האנט־ווערקער. ערשט ווען די אנטוויקלונג פון דער רעפארמאציע האט געפירט צו דער אונטערדריקונג און עקספלואטאציע אויך פון דיזע קלאסען און דער ניי־אויפגעקומענער פירשטליכער

---

*) פיליפ מעלאנכטאן.

אפגעדרוקט אין די שריפטען און כתבים פון „גאט'ס טייערען מאן, דר. מארטין לוטהער", לייפציג, 1729, 19, ז. 295.

אבסאָלוטיזם האָט אומ'ברחמנות'דיג צוטטערט יעדען ווידער־שטאנד, ערשט ווען דער קאפיטאליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן איז געקומען און געמאכט פאר דער הויפּט טוגענד פון די קליינע אויסנוצער דאָס שפּאָרען — דאָס „אָפּזאָגען זיך" פון אלץ — ווייל דאָס איז פאר זיי געווען דער איינציגער מיטעל, כדי צו קאָנען אוואנסירען אין די רייהען פון די גרויסע עקספּלואטאטאָרס,— ערשט דעמאָלט הויבט אָן דער פּוריטאנישער גייסט צו באקומען וואָרצלען צווישען דעם פּויערטום און קליינבירגערטום.

אָבער דערזעלבער קאפיטאליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָס האָט ארויסגערופען דעם פּוריטאניזם ביי די פּויערים און קליינ־בירגער, שטופּט ארויס דעם פּוריטאניזם פון די קעפּ פון די פּראָלעטאריער: ער רופט ביי אים ארויס גלייכצייטיג האָפנונג און האָפנונגסלאָזיגקייט. ער לערנט אים, אז יעדער פּארזוך צו פארבעסערען זיין לאגע אלס יחיד, איז האָפנונגסלאָז; ער רויבט ביים איינצעלנעם יעדע אויסזיכט אויף א בעסערער צוקונפט און גיט אים צו פארשטעהן, אז עס איז א נארישקייט מקריב צו זיין די געגענוואָרט פאר דער צוקונפט. Carpe Icin — נוץ אויס דעם טאָג, פארזוים ניט קיין שום געלעגענהייט פון תענוג, וואָס עס טרעפט זיך דיר נאָר, — דאָס ווערט זיין מאָטאָ; זיין לאגע מאכט אים זאָרגלאָז — הגם ניט זאָרגענלאָז — און לייכטזיניג, אין די אויגען פון'ם פּוריטאנישען פיליסטער די צוויי גרעסטע עבירות.

אָבער גלייכצייטיג וועקט דער קאפיטאליסטישער אופן פון פּראָדוקציע אויך האָפנונגען ביים פּראָלעטאריער; בשעת ער ווייזט אים זיין אינדיווידועלע צוקונפט אלס האָפנונגסלאָז, מאָלט זיך אים אָבער די צוקונפט פון זיין קלאס אין אלץ גלענצענדערע פאר־בען. פון טאָג צו טאָג וואקסען ביים פּראָלעטאריאט די האָפנונגען און דער גלויבען פון נצחון: אלץ נאָהנטער זעהט ער אָנקומען דעם טאָג, וועלכער וועט אים פארוואנדלען אין א הערשער איבער אלע אוצרות, וואָס ער פּראָדוצירט. און וואָס פאר אוצרות!

וואָס עס רעגט אויף די היינטיגע פּראָלעטאריער, איז ניט אזוי דער לוקסוס פון די רייכע; מיר האָבען שוין דערויף אָנגעוויזען, אז ער טרעט היינט אויף ווייניגער פּראָוואָצירענד, ווי מיט א האל־

בען טויזענט יאָר צוריק. וואָס זיי רעגט אויף איז דער פאַקט, וואָס זיי מוזען ליידען מאַנגעל, בשעת ארום זיי געפינט זיך אַן איבערפלוס פון אַלעמען. זיי ווייסען, אַז די אומגעהויערע פּראָדוקטיווע כחות, וואָס זיינען ארויסגערופען געוואָרען דורך דעם מאָדערנעם פּראָדוקציאָנס אופן, האָבען צוגעגרייט אַן עפּאָכע, וואו מען קאָן שאַפען איבערפלוס פאַר אַלעמען.

בשעת דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס אופן באַשאַפט ביי דעם יעניגען פּראָלעטאַריער, וואָס האָט נאָר אין זינען זיין אינדיווידועלען גורל, זאָרגלאָזיגקייט און לייכטזין, באַשאַפט ער ווידער העכערע פאָרמען פון פרייד און לעבענס־דורשט פאַר די, וואָס באַטייליגען זיך אינ׳ם קאַמף פון זייער קלאַס, וואָס פילען און דענקען פאַר דעם כלל פון זייער קלאַס און מיט אים.

די פּראָלעטאַריער אינ׳ם מיטעל־אַלטער האָבען אַנדערש געדענקט און געפילט — אויף וויפיל זיי זיינען בכלל געקומען צו דענקען און צו פילען זעלבסטשטענדיג. אָבער ווי נאָהנט עס זאָל זיך ניט באַרירען זייער פּוריטאַניזם מיט דעם אסקעטיזם פונ׳ם קריסטענטום, ספּעציעל אין זיינע ערשטע יאָרהונדערטען, איז ער אָבער אין עצם פון אים פאַרשיידען.

דעם כאַראַקטער פון דעם אסקעטיזם פונ׳ם קריסטענטום האָט לכתחילה באַשטימט צומייסט דער לומפּען־פּראָלעטאַריאַט. זיינע כאַראַקטעריסטישסטע אייגענטימליכקייטען — ווער עס וויל מאָראַליזירען, מעג זיי אָנרופען פעלערן — זיינען אָבער פוילקייט, שמוץ און טעמפּקייט. דער קריסטליכער אסקעטיזם איז אייגענטליך אין תוך ניט געווען גאָר אַנדערש, ווי אַ סיסטעם פון אָט די ראַפינירטע אייגענטימליכקייטען. זי טרעפט זיך אין דעם פּרט צונויף מיט דעם אינדישען (בראַהמאַנישער און בודהיסטישער) אסקעטיזם, וועלכער האָט זיך אַנטוויקעלט אין ענליכע געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטנישען.

יאָרען, אָפּט צענדליגע יאָרען, האָבען זיך די פרומע מענער און פרויען ניט גערירט פון פלעק, טעמפּ גלייכגילטיג קעגען יעדער ווירקונג פון דער אויסענוועלט, קעגען היץ און קעלט, רעגען און ווינד, ניט געוואַשען, קיין האָר ניט געשוירען און קיין נעגעל ניט גע־

שניטען, ניט פארטריבען פון זיך חלילה דעם אומפלויט. מאַנ־כע פון דיזע הייליגע בעל־תשובות — הייליג זיינען זיי אַלע געווען מען אָדער ווייניגער — האָבען זיך אבגעזאָגט צו עסען און האָבען געמוזט קינסטליך גענערט ווערען דורך פרומע נשמות.

די פּראָלעטאַריער פונ׳ם מיטעל־אַלטער זיינען צום גרויסען טייל אַרבייטער; זיי טאָרען זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס פון אַזא „ענטזאגונג״; זיי לעבען ניט פון צדקה, דאָס הייסט פון אויסנוצען אַנדערע, ווי די אַנאַכאָרעטען, נאָר פון זייער אייגענער אַרבייט; זיי מוזען זיך רירען, זיך קימערן וועגען דער וועלט, אויב זיי ווילען ניט פאַרהונגערן. טעמפּקייט און פוילקייט קאָן זיך ניט פאַרטראָגען מיט זייער עקזיסטענץ; זיי האָבען נאָך ניט פאַרלוירען אויף אַזוי פיל זייער ווערדע, אַז זיי זאָלען זיך קאָנען באַפריינדען מיט׳ן שמוץ! צו נאָהנט שטעהען זיי נאָך לעבען אַ געזונטען, בליהענדען פויערים־ און האַנטווערקער־שטאַנד. און אַם ווענינגסטען קומט אָט דאָס פּאָר ביי די, וואָס שטעהען אַזוי הויך, אַז זיי זיינען מסוגל צו באַגרייפען קאָמוניסטישע אידעען. אַלע באַריכטען זיינען דערין איינשטימיג, אַז גראַד די מיטגלי־דער פון די קאָמוניסטישע סעקטען פון מיטעל־אַלטער און פון דער רעפאָרמאַציע, האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך פלייס, ערליכ־קייט און ריינקייט פון זייער סביבה, צוליב די מעלות האָט מען זיי אָפט אַפילו געזוכט אַלס אַרבייטער.

אַ גוטען באַווייז דערפאַר האָבען מיר אין די ווידער־טויפער אין מעהרען, וואו עס איז זיי געלונגען זיך צו באַ־זעצען אין פאַרשיידענע פונקטען און צו גרינדען אַ פרידליכע סעקטע, איינינגע קאָלאָניעס. זיי זיינען געווען אויף אַזוי פיל קאָ־מוניסטיש, אויף וויפיל עס האָט דאָס דערלויבט די סביבה, אין וועלכער זיי האָבען געלעבט. וועגען זיי שרייבט גינדעל, וועלכער סימפּאַטיזירט מיט זיי לחלוטין ניט:

„די ווידערטויפער האָט מען געקאָנט אָנטרעפען ערטערווייז אין בעהמען, אָבער אין מעהרען זיינען זיי געווען אין גרויסע מאַסען און אין אַ סך געמיינדען. זיי האָבען איינגע־וואַנדערט קיין מעהרען נאָך פאַר׳ן יאָר 1530 און האָבען זיך דאָרט

שנעל פארשפרייט און געגרינדעט מער ווי 70 קעמיינדען. די מלוכה־מאכט האָט זיי אַמאָל מער אַמאָל ווייניגער פארפאָלגט, אָבער זיי האָבען זיך דערהאַלטען אַ דאַנק דעם שוץ פון אייניגע פריצישע דורות, וועלכע האָבען געהאַט זייערע סבות, פאַרוואָס זיי טוען עס.

אַזוי האָט אָנגעטראָפען מאַקסימיליאַן אין מעהרען די ווידערטויפער, וועלכע מען האָט שוין אַזוי אָפט און אָהן ערפאָלג ארויסגעשיקט. געטריי די געוואוינהייטען פון זיין פאָטער, מאַכט ער, אינ׳ם יאָר 1567, צו דעם לאַנדטאַג (סיים) דעם פאָרשלאַג זיי אין אַ קורצער צייט צו פאַרטרייבען. וואָס איז אָבער קיינמאָל ניט געשעהן מצד דעם אַדעל, איז איצט געשעהן. דער שטאַנד פון די הערען און ריטער — דער שטאַנד פון די גלחים און פון די שטעט האָט זיך ניט באַטייליגט אין דער בקשה — בעט ביים קאַיזער, אז ער זאָל לאָזען די ווידערטויפער אין זייערע וואוינערטער. און ניט חלילה דאַרויף שטיצען זיי זייער בקשה, אַז עס איז נאָך ניט באַוויזען אַז זיי זיינען אפיקורסים אָדער אַז מען וועט זיך באַמיהען זיי צו באַקערען — די בקשה שטיצט זיך דאַרויף, וואָס די ווידערטויפער זיינען זעהר ניצליכע אונטערטאַנען, אַז זיי צו פאַרטרייבען וואָלט געבראַכט נאָך מער מאַטעריעלען שאַדען, ווי צו פאַרטרייבען די אידען; און קאַטאָליקען, אוטראַקוויסטען ווי (בעהמישע) ברידער בויגען זיך פאַר דער וויכטיגקייט פון אַזאַ אַרגומענט. און באמת זיינען די ווידערטויפער אומעטום געוועזען פלייסיג, שפאַרזאַם, ניכטער, און אַ חוץ דעם די געשיקטעסטע אַרבייטער אין מעהרען״*).

עפעס ענליכעס קאָן מען וועגען די אַפּאָקאַליפּטישע שוואַרמער און אַסקעטען ביים אַנהויב פון קריסטענטום לחלוטין ניט באַהויפּטען.

---

*) אַ. גינדעלי, „געשיכטע פון די בעהמישע ברודער״, פראַג, 1857, 2, ז. 19.

## 4. די אינטערנאציאָנאַליטעט און דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דעם מיטעלאַלטערליכען קאָמוניזם.

אין איין וועזענטליכען פּונקט זיינען איינשטימיג אַלע דריי מינים פון קאָמוניזם, וואָס מיר האָבען דאָ באַטראַכט, דער אור־קריסטליכער, דער מיטעל־אַלטערליכער און דער מאָדערנער: אין זייער אינטערנאַציאָנאַליטעט, וואָס שיידעט זיי שאַרף אָפּ פון׳ם פּלאַטאָנישען, וועלכער איז געוועזען אַ לאָקאַלער. דער לעצטער איז געווען באַשטימט נאָר פאַר איינצעלנע שטאָט־געמיינדען מיט זייער געגענד. פון׳ם קריסטענטום אָן ווירקט להיפך יעדער קאָמוניזם פאַר דער גאַנצער מענשהייט, אָדער לכל הפחות פאַר דעם גאַנצען אינטערנאַציאָנאַלען קולטור־קרייז, אין וועלכען ער לעבט. די לאָקאַלע באַגרעניצקייט פון׳ם פּלאַטאָנישען קאָמוניזם איז אַ פּועל יוצא פון דער ספּעציפישקייט פון דער פויערשער און האַנטווערק־פּראָדוקציע. די פויערישע פּראָדוקציע קניפּט די מענשען צו צו דער ערד און נעמט אַוועק זייער גאַנצען ארבייטס־כח. דאָס ארום־וואַנדערען פון דער פריהער נאָמאַדישער באַפעלקערונג הערט אויף, דער האָריזאָנט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג ווערט ענגער; די „שטעטיל״־פּאָליטיק ווערט ספּעציפיש פאַר׳ן פויער, ער אינטע־רעסירט זיך נאָר מיט זיין מאַרק־געגנאָסענשאַפט און מיט זיין גע־מיינדע.

ניט בעסער געהט עס דעם שטאָטישען קליינבירגער אין מי־טעלאַלטער. אויך ער איז מייסטענס אַ ערד־ארבייטער אַ חוץ זיין שטאָטישער מלאָכה; אָבער אפילו, וואו ער לעבט נאָר פון זיין מלאכה באַרוף, איז ער צוגעבונדען צו דער ערד, צוליב דער אָפּ־הענגיגקייט פון אַ באַשטימטען לאָקאַלען קונדען־קרייז, און אויך אָפט אלס הויז־באַזיצער.

די קאַפּיטאַליסטען און די פּראָלעטאַריער זיינען גובר אָט די לאָקאַלע באַגרענצטהייט, דער סוחר לעבט ניט בלויז פון זיינע לאָקאַלע קונדען, נאָר אויך אין אַ גרויסער מאָס פון׳ם פאַרקעהר מיט דער פרעמד. וואָס לייכטער און פאַרקניפּטער ס׳איז דער פאַר־קער, אַלץ בעסער געהט עס איהם. דערפאַר איז דער סוחר אינ־

טערנאציאָנאַל, אָדער בעסער געזאָגט, אינטערלאָקאַל. וואו ער קאָן מאַכן רוח, איז ער אין דער היים.

צוליב אַנדערע טעמים באַקומט דער פּראָלעטאַריער אַן אינ־טערנאַציאָנאַלען חוש. ער באַזיצט גאָר ניט, וואָס זאָל אים צובינדען צום באָדען; זיין היימאַט גיט אים גאָר ניט, וואָס ער זאָל ניט קאָנען געפינען אויך ערגעץ אַנדערש; עקספּלואַטאַציע און אונטער־דריקונג געפינט ער אומעטום. אים איז גענוג די קלענסטע אויס־זיכט, אַז ער קאָן זיך ערגעץ אַנדערש פאַרבעסערען זיין לאַגע און ער וואַנדערט אַהינצו.

אָבער דער אינטערלאָקאַליזם פון׳ם סוחר איז אַ גאַנץ אַנ־דערער ווי דער פון׳ם פּראָלעטאַריער. דעם סוחר׳ס פּאַרקער מיט דער פרעמד און זיין שטעלונג אויפ׳ן אויסוועהרטיגען מאַרק זייַ־נען אָפּהענגיג פון דער מאַכט פון דעם שטאַט — צי איז דאָס אַן אַנטיקע שטאַט צי אַ מאָדערנע נאַציע — צו וועלכען ער באַלאַנגט. ער נויטיגט זיך אין אַ שטאַרקער מלוכה־קראַפט, בפרט אין אַ שטאַרקער קריגסמאַכט. ער איז דערפאַר שטענדיג אַ פּאַטריאָט; פון דעם מיטעלאַלטער אָן טרעפען מיר אים אויף דער זייט פון די פירשטען און פון׳ם שאָוועניזם.

אַנדערש איז דער פּראָלעטאַריער. די מלוכה־געוואַלט שיצט אַמ־מערסטען די, וואָס אונטערדריקען אים און עקספּלואַטירען אים. און דער פּראָלעטאַריאַט האָט זייט דעם אונטערגאַנג פון דער רוימי־שען רעפּובליק ביז צו די ערשטע יאָרצענטען פון אונזער יאָרהונ־דערט ניט געהאַט קיין שום אויסזיכט, צו עראָבערן דעם שטאַט אָדער לכל הפּחות אויף אים ווירקען צו זיין זיך לטובה. דער שטאַט איז געווען דער גרעסטער שונא פון׳ם פּראָלעטאַריער, קיין חידוש נישט, וואָס ער אַנטשליסט זיך לייכט, צו ציהען די קאָנסע־קווענצען. ניט בלויז גלייכגילטיגקייט, נאָר כמעט אַ שנאה צום שטאַט, אַן אומווילען זיך צו באַטייליגען אין דער פּאָליטיק אוי אין דער פאַרטיידיגונג פון׳ם לאַנד — דאָס איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר אַלע קאָמוניסטישע סעקטען פון׳ם אורקריסטענטום ביז צו אונזער יאָרהונדערט. דער אַנאַרכיזם איז דער לעצטער אָפּקלאַנג דערפון. נאָר זעלטען ווערט באַזיגט דער דאָזיגער אומווילען, למשל אין רעוואָלוציאָנערע צייטען; ווען עס האָט זיך געדאַכט,

אז די מלוכה־מאַכט פאַלט, און אז דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין ביכולת זי איבערצונעמען. דערפאַר זאָגען זיי זיך דער־נאָך אָפּ אין דער צייט פון רעאַקציע נאָך ראַדיקאַלער פּון יעדער פּאָליטיק. אזוי, די בעהמישע ברידער נאָך דעם פאַל פון טאַבאָר, די ווידערטויפער נאָך דעם פויערים־קריג, די מענאָניטען נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם מינסטער'שען אויפשטאַנד — ווי מיר ווע־לען דאָס נאָך שפּעטער זעהן.

שטענדיג אָבער און אונטער אַלע אומשטענדען האָבען די קאָ־מוניסטען זייט די צייטען פון'ם אורקריסטענטום באַטאָנט די פליכ־טען פון אינטערנאַציאָנאַלער אָדער אינטער־לאָקאַלער סאָלידאַריטעט.

דער סוחר טרעט אויף אין אויסלאַנד אַלס קאָנקורענט, אַלס געגנער פון די תושבים. ער פאַרלאָזט זיך ניט אויף זייער יושר, נאָר ער שטיצט זיך אויף זיין מאַכט, ד. ה. אויף דער מאַכט פון זיין שטאַט, וואָס שיצט אים.

דער פּראָלעטאַריער איז אין דער פרעמד דער קעמפער נעגען דער גלייכער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, וועלכע ער האָט געהאַט אין דער היים. ער קאָן דערביי ניט אַרויסקוקען אויף דער שטיצע פון זיין שטאַט, נאָר אויף דער הילף פון די פּראָלעטאַ־ריער פון דער געגענט, וואו ער געפינט זיך איצט, און מיט וועלכע ער פירט דעם גלייכען קאַמף בשותפות.

דאָרט אָבער, וואו דער פּראָלעטאַריער פיהלט זיך מער אַלס פאַרקויפער פון זיין אַרבייטס כח, ווי אַלס קעמפער, דאָרט זעהט ער אין'ם פרעמדען מיט־פּראָלעטאַריער גיכער דעם קאָנקורענט איי־דער דעם קאַמפסגענאָסע און דאָ ווערט אָפּגעשוואַכט זיין נייגונג צו אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט.

אָבער דאָס באַציהט זיך ניט אויף די קאָמוניסטען. זיי זיי־נען פריהער פון אַלץ קעמפער געגען אונטערדריקונג און עקספּלו־אַטאַציע און אומעטום טרעפען זיי אָן אויף דיזעלבע געג־נער, ליידען דעמזעלבען דרוק. דאָס בינדט זיי צונויף ווי מיט קייטען. זייט די טעג פון'ם אורקריסטענטום איז עס די פּאָר־שער פון'ם קאָמוניזם אויפגעפאַלען אַלס א באַזונדערע אייגענטימ־ליכקייט, אז די קאָמוניסטען בילדען איין גרויסע פאַמיליע, אז דער

פרעמדער געגאַסע איז זיי פּונקט אַזוי אַ ברודער, ווי דער היימי־שער און אַז ער איז אומעטום אין דער היים, וואו ער געפינט נאָר געגאַסען. אַ דאַנק דער אייגענטימליכקייט און אַ דאַנק דער באַ־זיצלאָזיגקייט פון די קאָמוניסטען — דער באַזיצענדער. וואָס האָט זיך צו זיי אָנגעשלאָסען, האָט געמוזט פאַרטיילען זיין פאַרמעגען צווישען די אָרימע — איז עס געווען לייכט פאַר זייערע פאַרקעמ־פער, זייערע אַגיטאַטאָרען, צו רייזען פון אָרט צו אָרט. שטענדיג זיינען זיי געווען אויף רייזען און האָבען דורכגעמאָסטען דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. אַזוי זיינען למשל די וואַלדענזער פון בעהמען געשטאַנען אין אַ שטענדיגער פאַרבינ־דונג מיט די פון דרום פראַנקרייך.

דורך דעם האָבען זיי דערגרייכט די גרעסטע באַדייטונג פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון די נידעריגסטע קלאַסען פון זייער צייט. די גרעסטע מניעה ביי דיזע באַוועגונגען איז געווען די לאָקאַלע באַגרעניצטקייט פון די פויערים און קליינבירגער, בשעת זייערע געגנער זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט. וואו עס איז געלונגען גובר צו זיין די מניעה און צו פאַרבינדען די רעוואָלו־ציאָנערע אויפשטאַנדען פון איינצעלנע לאָקאַליטעטען, דאָרט איז דאָס געשעהען הויפּטזעכליך דורך דעם ווירקען פון די קאָמונים־טישע וואַנדערפרעדיגער. דער פויערשער אויפשטאַנד פונ'ם יאָר 1381 אין ענגלאַנד און די טאַבאָריטישע באַוועגונג אין בעהמען האָבען צו פאַרדאַנקען זייערע ערשטע ערפאָלגען אין אַ גרויסער מאָס אָט דעם קאָנצענטרירענדען איינפלוס. בשעת דעם גרויסען דייטשען פויערים־קריג פון 1525 זיינען זיי געווען אַקטיוו אויף אַן ענליכען אופן; צווישען זיי האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכענט טאָמאַס מינצער, אָבער דער דייטשער פּאַרטיקולאַריזם איז געווען צו שטאַרק, אַז זיי זאָלען געווען קאָנען אים גובר זיין. דער אויפשטאַנד האָט זיך ניט איינגעגעבען ווייל די צושפּאַלטונג איז געווען צו גרויס.

און דאָ קומען מיר צו אַ ווייטערער, וויכטיגער אייגענטימ־ליכקייט פונ'ם הערעטישען קאָמוניזם, דער לעצטער, וואָס מיר ווי־לען באַהאַנדלען אין דעם צוזאַמענהאַנג, אַן אייגענטימליכקייט, וואָס שיידט אים אָפּ פונ'ם אורקריסטליכען קאָמוניזם, אָבער איז

אים מקרב צו מאָרענעם: *זיין רעוואָלוציאָנערען גייסט*.

דער לומפּענפּראָלעטאַריער איז פייג און קריכעריש. דאָס חייסט ניט, אז ער האַסט ניט דעם רייכען. דער האַס איז ביי אים לכל הפּחות אַזוי שטאַרק אַנטוויקעלט, ווי ביים אַרבייטענדיגען פּראָלעטאַריער. אויך אין די עוואַנגעליען געפינען מיר סימנים דערפון. לאָמיר דערמאָנען נאָר דעם משל מיט לאַצאַרוס׳ן *).

וועגען עטישע אייגענטימליכקייטען פון די רייכע און אַרימע געפינען מיר קיין וואָרט ניט אין דעם משל. לאַצאַרוס קומט אין אברהם׳ס שויס, ניט ווייל ער איז געווען אַ גוטער מענש, נאָר ווייל עס איז אים שלעכט געגאַנגען. פון׳ם רייכען ווערט אויך קיין שלעכטס ניט געזאָגט — זיין עשירות אַליין איז גענוג, ער זאָל פאַר׳משפּט ווערען צום אייביגען גיהנם. אברהם קאָן אים זיין

---

*) „און עס איז געווען אַ רייכער מאַן, ער האָט זיך געקליידט אין פּורפּור און אין קאָסטבאַרער לייווענט און האָט געלעבט אַלע טעג הערליך און אין פריידען. עס איז אָבער געווען אַן אָרימאַן, מיט׳ן נאָמען לאַצאַרוס, ער איז געלעגען פאַר זיין טיר פול מיט געשווירען און האָט באַגערט זיך צו זעטיגען מיט די ברעקלאַך, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלען פון׳ם רייכענ׳ס טיש; זיינען אָבער געקומען די הינט און האָבען געלעקט זיינע וואונדען. און עס איז געשעהן, אַז דער אָרימאַן איז געשטאָרבען און איז געטראָגען געוואָרען פון מלאכים אין אברהם׳ס שויס אַריין. דער רייכער אָבער איז געשטאָרבען און באַגראָבען געוואָרען.

„און אַז ער איז געווען אין גיהנום און אין פּיין האָט ער זיינע אויגען אויפגעהויבען און דערזעהן פון דער ווייטען אברהם׳ן און אויף זיין שויס לאַצאַרוס׳ען, האָט ער אויסגערופען און געזאָגט,: פאָטער אברהם, דערבאַרם זיך איבער מיר און שיק לאַצאַרוס׳ען, אַז ער זאָל זיין שפּיץ פינגער איינטונקען אין וואַסער און קילען מיין צונג, ווייל איך לייד פּיין פון די פלאַמען.

„אברהם אָבער האָט געענטפערט: געדענק, זון, אַז דו האָסט שוין געהאַט גוטס אין דיין לעבען, לאַצאַרוס אָבער האָט געליטען שלעכטס; איצט אָבער ווערט ער געטרייסט און דו ווערסט געפּייניגט. און אַ חוץ דעם איז דאָ אויסגעגראָבען צווישען אונז און אייך אַ גרויסער תהום, אַזוי אַז די, וואָס ווילען פון דאַנען אַראָפּפאָרען צו אייך, קאָנען ניט, און אויך ניט פון דאָרטען אַהער". (לוקאַס, 16, 19—26).

פּיין ניט לינדערען, ער וויל עס אויך ניט. אויב דאָס איז ניט דער האָס געגען דעם רייכען אַלס רייכען, אויב דאָס איז ניט אָפענער קלאַסען־האָס, דאַן איז איבערהויפּט ניטאָ קיין קלאַסען־האָס.

אָבער דער משל מיט דעם אָרעמען לאַצאַרוס ווייזט אונז אויך, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס דריקט זיך אויס דער האָס פונ׳ם לומפּענפּראָלעטאַריער: א י ן ח ל ו מ ו ת. ער קלערט זיך אויס די שרעקליכסטע קוואַלען פאַר דעם רייכען און קוועלט אָן קוקענדיג אויף זיי — אָבער נאָר אין די מחשבות. ער האָסט דעם רייכען, אָבער ער ווייס, ווי איבערפליסיג ער אַליין איז אין דער געזעלשאַפט, אַז ער לעבט נאָר פון דער גנאָד פונ׳ם רייכען, און וואָס מער ער האָסט אים, אַלץ מער קריכט ער פאַר אים, פייג און אונטערטעניג. אַס בולט׳סטען האָט זיך דאָס נעמוזט אַרויס־ווייזען אין דער רוימישער קאַיזערצייט, אין אַ געזעלשאַפט, וואו אַלע רעפּובליקאַנישע בירגער־טוגענדען זיינען אונטערגעגאַנגען, אין וועלכער קיין שום קלאַס האָט שוין אין זיך ניט געגלויבט, פייגהייט און קריכעריי זיינען אומעטום געווען פאַרשפּרייט. קיין וואונ־דער, וואָס אָט די אייגענשאַפטען דרינגען אויך אַריין אין קרים־טענטום פון יענער צייט און וואָס די דעמאָלטיגע שריפטען ווייזען אַרויס דייטליכע סמנים דערפון.

פאַר דעם אַבסאָלוטיזם, וועמעס אָנהויב מיר געפינען שוין אין סוף פונ׳ם מיטעלאַלטער, זיינען — טראָץ זיין מאַ־טעריאַליזם, — די שריפטען פונ׳ם נייעם טעסטאַמענט געווען אַ באַקוועם געצייג, גראַד אַזוי ווי דאָס רוימישע רעכט, וועלכעס שטאַמט פון דערזעלבער צייט. ד י רעליגיאָן, האָבען זיי גע־טענה׳ט, מוז דערהאַלטען ווערען פאַר׳ן פ אָ ל ק .

אָבער דאָס פאָלק, די עקספּלואַטירטע קלאַסען, פּויערים, קליינ־בירגער, פּראָלעטאַריער, האָבען אַנדערש געדענקט. אָט דאָס פאָלק איז ניט געווען ענליך צום פאָלק פון דער זינקענדער רוימישער גע־זעלשאַפט. באוואָפענט און פּויעריש־חוצפּה׳דיג, האָט דאָס פאָלק ניט פאַרשטאַנען די לערע, וואָס שרייבט פאָר דעם מענ־שען, אַז ער זאָל, ווען ער באַקומט איין פּאַטש, אויך אונטערשטעלען די צווייטע באַק; וואָס פאַרדאַמט זעלבסטשוץ, „ווייל די נקמה געהערט צו מיר, זאָגט דער הער” און „וועך עס ציהט דאָס שווערט,

וועט אויך אומקומען דורכ'ן שווערד", וואָס דערקלערט אלס א קריסטליכע פליכט שטיל צו ליידען און צו דולדען. וויבאלד דאָס פאָלק האָט נאָר אליין אָנגעהויבען צו לייענען די ביבעל — די קאַטאָלישע גייסטליכקייט האָט געוואוסט, פאר וואָס זי האָט די קענטשאפט פון דער ביבעל געוואָלט מאַכען פאַר איר פריווילעגיע — האָט עס ארויסגענומען פון דער ביבעל ניט די לערען פון אונטערטעניגקייט און אנטזאָגען זיך, נאָר פון האס קעגען די רייכע. דאָס באַליבטעסטע שטיק פונ'ם נייען טעסטאַמענט ווערט ביי די נידריגערע הערעטישע פאָלקס קלאַסען די אפאָקאַליפסע, יענע רעוואָלוציאָנערע און בלוטדורשטיגע פאַנטאַזיעס פון אן אורקריסט, אין וועלכע ער זאָגט נביאות, אַז די עקזיסטירענדע געזעלשאַפט וועט אונטערגעהן אונטער גרוילטאַטען, געגען וועלכע עס ערשיינט אליז אומשולדיג, וואָס דער ראַדיקאַלסטער אַנאַרכיזם קאָן ביז איצט אויפווייזען אין מעשים און דראָהונגען. א חוץ דער אפאָקאַליפסע האָבען די נידריגערע פאָלקס-קלאַסען א סך געהאַלטען פונ'ם א ל ט ע ן טעסטאַמענט, וואו עס געפינען זיך סמנים פון א פויערישער דעמאָקראַטיע און וועלכעס לערענט ניט נאָר האס, נאָר אויך אום'ברחמנות'דיג צו באַקעמפען די טיראַנען, רייכע און מעכטיגע.

אויף די אָנהענגער פון די קאָמוניסטישע סעקטען האָט דאָס אויך געהאַט א ווירקונג. זיי זיינען אָבער צו שוואַך, זייער עקזיסטענץ איז צו פיל אָפּהענגיג פון די רייכע און מעכטיגע, אז זיי זאָלען אין פרידענס-צייטען קומען אויפ'ן געדאַנק מיט געוואַלט צו שטירצען די היינטיגע געזעלשאַפט און אויף איר אָרט אוועקשטעלען די קאָמוניסטישע. הגם ניט קריכעריש און אונטערטעניג, ווי די לומפּענפּראָלעטאַריער פונ'ם אַלטען רוים, זיינען אָבער די קאָמוניסטען ביז צו דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע געוועזן פרידליך און די כראָניקער גיבען איבער איינשטימיג סיי זייער פליים און ריינליכקייט, סיי זייער געדולד.

ווען עס קומען אָבער רעוואָלוציאָנערע צייטען, ווען עס רעוואָלטירען ארום זיי די פויערים און בעל מלאכות, דעמאָלט פאַלען אויך די קאָמוניסטען אריין אין א רעוואָלוציאָנערען ענטוזיאזם; דעמאָלט דאַכט זיך זיי — אָדער לכל הפחות א טייל פון זיי, ווייל אָפט שפאַלטען זיי זיך צוליב אָט דער פראַגע— אז עס איז געקומען

די צייט, ווען גאָט ווערט גרויס אין די קליינע און קיין נס איז נים אומוומעגליך. דאַן ווארפען זיי זיך אריין אין דער רעוואָלו־ציאָנערער באוועגונג, כדי זי אויסצונוצען פאר דעם קאָמוניזם; און אזוי ווי זיי לאָזען זיך ניט אויף קיין קאָמפּראָמיסען מיט דער רעגירונג, ווייל פאר זיי עקזיסטירט נים קיין בעסערונג אין דער באשטעהענדער געזעלשאפט, באקומען זיי באלד די אויבער־האנט איבער די וואקעלדיגע און שוואנקענדע עלעמענטען, ווערען די אָנפירער פון דער באוועגונג — ווי למשל די טאבאָריטען ביי די הוסיטען, ווי מינצער ביי די רעבעלען אינ'ם טורינגישען פּויערים־קריג— און גיבען צו דער באוועגונג א קאָמוניסטישען כאראקטער. צוליב דעם זעהט מען אינ'ם קאָמוניזם א קראפט, וועלכע ער באזיצט באמת ניט, און דאָס איז די סבה, פאר וואָס אלע באזיצענדע פאלען אריין אין א מורא און כעס, פאראייניגען זיך אלע קעגען אים און צושמעטערען אים.

דער דאָזיגער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון די קאָמוניסטישע באוועגונגען פון די נידריגערע פּאָלקסמאסען ביים סוף פון מיטעל־אלטער איז דעריעניגער סמן, וואָס שיידט זיי אָפּ אם בולט'סטען פונ'ם אורקריסטליכען קאָמוניזם און ווייזט אויף אם דייטליכסטען זייער קרובה'שאפט מיט די מאָדערנע פּראָלעטאריש־קאָמוניסטישע באוועגונגען.

דער אורקריסטליכער קאָמוניזם איז געווען אפּאָליטיש און ניט אקטיוו. דאגעגען באווייזט זיך ביים פּראָלעטארישען קאָמו־ניזם אין מיטעלאלטער דאָס באשטרעבען, אין א פּאסיגען מאָמענט צו ווערען פּאָליטיש און רעוואָלוציאָנער. עגליך ווי די היינטיגע סאָציאל־דעמאָקראטיע שטעלט ער זיך אויך אלס ציל די דיק־טאטור פונ'ם פּראָלעטאריאט אלס דעם בעסטען מיטעל צו באגרינדען די קאָ־מוניסטישע געזעלשאפט.

דריטער קאפיטעל.

# דער אפיקורס'ישער קאמוניזם אין איטאליע און דרום־פראנקרייך.

## 1. ארנאלד פון ברעסציא.

מיר האבען שוין אין אנהויב פון דער אפטיילונג רעארויף אנגעוויזען, אז דער שטאטישער כאראקטער האט זיך אין מיטעל־אלטער קודם אנטוויקעלט אין איטאליען און אין דרום־פראנקרייך און אז דארט טרעפען מיר אן די ערשטע סמנים פונ'ם מיטעל־אלטערליכער קאמוניזם. אבער אויך די ערשטע סמנים פון אפיקורסות, די ערשטע רעפארמאטארישע באוועגונגען טרעטען דארט אויף.

דייטשע געלערטע האבען אויסגעטראכט די געשמאקלאזע באהויפטונג, אז נאר די גערמאנישע פעלקער פארמאגען די דאזיגע אינטימקייט, די דאזיגע אמת'ע רעליגיאזיטעט, וואס איז געווען נויטיג, כדי עס זאל זיך קאנען ארויסבילדען דער דראנג צו רעפאר־מירען די קירכע. אבער מיר טרעפען אן אין איטאליען רעפארמא־ציאנס־באוועגונגען אין א צייט, ווען אין דייטשלאנד האט מען דערפון נאך ניט גע'חלום'ט אפילו.

קודם ווייזען זיי זיך ארויס אין רוים גופא, די הויפטשטאט פון קריסטענטום. רוים איז געווען אין מיטעלאלטער דאס „הארץ פון אייראפא", ענדליך, אבער נאך אין א גרעסערער מאס, ווי דאס איז געווען פאריז אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציע ביז צום קריג פון 1870־71. ניט נאר אלע קירכליכע אנגעלעגענ־הייטען — און דיזע פילען אויס אין מיטעלאלטער דאס גאנצע לעבען — ווערען אנגעפירט פון רוים און אנטשיידען אין דער לעצטער אינסטאנץ. רוים איז אויך דער זיץ פון קונסט און וויסענ־

שאפט, פון דעם העכסטען ריכטער אין אלע סכסוכים, אויף וועלט־
ליכע, און — last but not least — דער זיץ פון די ראפי־
נירסטע תענוגים און פרייד. קיין רוים איז געגאנגען
יעדער, וואס האט זיך געפילט אונטערדריקט און האט
אין דער היים ניט געקאנט געפינען זיין רעכט; ווער ס'האט
געוואלט הנאה האבען פון העכערער חכמה און פון אמת'ער קונסט;
און ווער עס האט זיך אין דער היים געלאנגווייליגט און האט גע־
האט איבעריגע געלט. זיי אלע האבען זיך אין רוים צונויפגע־
טראפען און ווי פארשידען עס זאלען ניט געווען זיין זייערע מאטי־
ווען און ווי פארשידען די רעזולטאטען, וואס זיי דער־גרייכען, אין
איין פרט איז זייער אלעמענס גורל גלייך: זיי פארלירען אלע
זייער געלט — און אפט אויך דאס געלט פון אנדערע.

אזוי ווי היינט, און דעמאלט נאך מער ווי היינט, איז רוים
שוין אין מיטעלאלטער געווען א פרעמדען־שטאט, וואס האט גע־
לעבט פון פרעמדע, און איז דורך זיי גרויס געווארען. שטיצען דעם
פרעמדענפארקער אין רוים, איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע
אויפגאבען, וואס די פויפסטען האבען אויף זיך גענומען.

די וועלט־אויסשטעלונגען, אלס א מיטעל, צוצוציהען די פרעמ־
דע, זיינען נאך ניט באקאנט געווען אין מיטעלאלטער. די פויפ־
סטען האבען אויסגעפונען אן אנדער מיטעל, וואס האט ניט ווע־
ניגער געווירקט: די יובל־מחילה אדער דאס הייליגע יאר. ווער
עס האט געמאכט א רייזע אין א באשטימט יאר קיין רוים, דער האט
באקומען א מחילה אויף אלע זינד. און דאס האט געווירקט. אזוי
ווי אין יאר 1889 האבען די מענשען טויזענדער־ווייז געוואנ־
דערט קיין פאריז, כלומר'שט, כדי עפעס צו לערנען, אבער באמת,
כדי זיך צו אמוזירען, אזוי האבען זיי אין די הייליגע יארען גע־
וואנדערט קיין רוים וואו זיי האבען געקאנט פארזוכען אלע דע־
מאלט באקאנטע תענוגים און זינד, און ערשט נאך אלעמען אהיימ־
פארען ריין, אהן אן עבירה. די ערשטע יובל מחילה האט דער פויפסט
באניפאציוס דער אכטער באשטימט אויף דעם יאר 1300. די בא־
רעכנונג פון דער צאל פון פרעמדע, וואס זיינען דעמאלט געלא־
פען קיין רוים, „האט ניט געקאנט זיין לייכט און ניט גענוי; די
זעהר געשיקטע גייסטליכע האבען מסתמא די צאל מגזם געווען, ווי־

סענדיג ווי אנשטעקענד אַ ביישפּיל ווירקט; פונדעסטוועגן איז אונז מבטיח אַן ערנסטער היסטאָריקער, וואָס איז געווען דעמאָלט אין רוים, אַז עס האָבען זיך קיין מאָל ניט געפונען וועניגער ווי צוויי מאָל הונדערט טויזענט פּרעמדע, און אַן אנדערער עדות שאַצט די צאָל פון׳ם גאַנצען יאָר אויף צוויי מיליאָנען. נאָר אַ קליינע נדבה פון יעדען איינעם און דאָס האָט געמוזט אויסמאַכען אַ קעניגליכען אוצר. צוויי פּריסטער זיי־נען געשטאַנען טאָג און נאַכט מיט גראַבליעס אין די הענט, כדי צונויפצושאַרען אומגעצעלט אַלע די הויפענס גאָלד און זילבער, וואָס מען האָט געוואָרפען פאַר דעם אַלטאַר פון׳ם הייליגען פּאולוס. צום גליק איז עס געווען אַ צייט פון פרידען און פון איבערפלוס, און אויב עס איז אפילו געווען אַ מאַנגעל אין פּוטער, און די דירות און אכסניות זיינען געווען זעהר טייער, האָט דאָך באַניפאַציוס, אַלס קלוגער פּאָליטיקער און די גאַסטפריינדליכע רוימער — נאַסט־פריינדליך צוליב רוח — אָנגעגרייט גרויסע זאַפּאַסען פון ברויט און וויין, פלייש און פיש". (גיבבאָן, געשיכטע פון דער מרידה און אונטערגאַנג פון דער רוימישער וועלט־אימפּעריע, דייטש פון ספּאַרשיץ, לייפּציג, 1837, ז. 2573).

אין אָנפאַנג האָט עס געהייסען, אַז נאָר יעדעס הונדערטסטע יאָר וועט זיין אַ „הייליגעס", אָבער דאָס געשעפט איז געגאַנגען צו גוט. קיין חידוש ניט, וואָס סיי די פּויפּסטען סיי די רוימער באַ־קומען חשק עס אָפטער איבערצו׳חזר׳ען. די צווישענצייט פון איין „הייליגען יאָר" צום צווייטען, ווערט וואָס אַמאָל מער פאַר־קירצט, אויף 50, 33, און צום סוף אויף 25 יאָר.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פון די מיטלען, מיט וועלכע מען האָט צוגעצויגען די פרעמדע און זייער געלט. אבער שוין לאַנג פאַר דער עפינדונג פון דער יובל־מחילה, האָט זיך די אייבינע שטאָט אין מיטעלאַלטער דערהויבען פון איר דערנידערונג, און פריהער, ווי וועלכע ס׳איז אנדערע שטאָט פון׳ם מיטעלאַלטער איז זי געקור־מען צו מאַכט און עשירות. אָבער גלייכצייטיג מיט רוים׳ס וואויל־שטאַנד און מאַכט, וואַקסט אויך דער זעלבסט־באַוואוסטזיין און דער גייסט פון אומאָפּהענגיגקייט ביי זיינע איינוואוינער. און גלייך ווי די אנדערע שטעט, שטרעבען אויך די רוימער זיך צו

באפרייען פון זייערע הערען, אמאָל פונ׳ם פויפסט, אמאָל פונ׳ם קאיזער, אמאָל גאָר פוןביידע גלייכצייטיג. ניט נאָר אַלס האר פון אייראפא איז דאָס מיטעלאַלטערליכע רוים געווען ענליך צו פאַריז פון דער צייט פון 1789 ביז 1871, אזוי ווי פאַריז איז זי אויך געווען די הויפטשטאָט פון רעוואָלוציעס.

„ווען איז ניט באקאנט", רופט אויס אין 12טען יאר־הונדערט דער הייליגער בערנאַרד פון קלערוואָ, וועלכער האָט זיך געשראָקען פאר דעם רעבעלישען פאָלק, „די חוצפה און גאוה פון די רוימער, א פאָלק, וואָס ווייסט ניט פון קיין רוה, וואָס איז אויפגע־וואקסען אין גערודער, ווילד און אומבאזיגבאר, וואָס פאראכטעט דעם געהאָרכזאמען, סיידען עס איז צו שוואך צום קאמף? אז זיי פארשפרעכען צו דינען, שטרעבען זיי צו הערשען; אז זיי שווערען טריישאפט, ווארטען זיי נאָר אויף א געלעגענהייט, צו מאכען אן אויפשטאנד. זיי זיינען שטענדיג גענויגט צום שלעכטען, האָבען קיינמאָל ניט פארשטאנען גוט צו זיין. פארהאסט ביי דער ערד און ביי דעם הימעל, אָהן דרך ארץ קעגען גאָט, רעבעליש צווישען זיך אליין, פול קנאה קעגען זייערע שכנים, ווערען זיי פון קיינעם ניט געליבט; און בשעת זיי ווילען ארויסרופען ביי יענעם שרעק, לע־בען זיי אליין אין שטענדיגען פחד. זיי ווילען זיך ניט אונטערוואַרפען און פארשטעהען דאָך ניט, ווי צו הערשען, זיינען פאַלש צו זייערע העכערע, קאָנען זיך ניט פארטראָגען מיט זייער גלייכען, אומדאנק־באר קעגען זייערע וואוילטעטער און גלייך אומפארשעמט אין זייערע טענות ווי אין זייערע תירוצים".*)

עס דאכט זיך, מען הערט איינעם פון אונזערע בורזשואס שימ־פען אויף די פאַריזער פונ׳ם יאָר 1871.

אין דערזעלבער צייט, ווען די מאכט פון די פויפסטען איבער דער קריסטליכער וועלט איז געווען אם גרעסטען, זיינען זיי אין רוים גופא געווען מאכטלאָז. „יענע פויפסטען, וועלכע האָבען מיט זייערע אנאטעמא׳ס (חרם׳ס) געשראָקען די פירשטען און פעלקער, וועלכע האָבען געהאט אומבאשרענקטע מאכט איבער דער גאנצער מערב־

*) ציטירט ביי גיבבאָן, ז. 2557: „דאָס שוואַרצע בילד איז זיכער ניט געמאָלען מיט׳ן פענזעל פון קריסטליכער ליבע", מיינט גיבבאָן.

לענדישער קירכע, האָבען אין רוים זועלטען געהאַט אַ רוהיגען אָרט; אין ערגיץ איז זייער מאַכט ניט געווען קלענער, ווי אין זייער אייגענער שטאָט. ווי פליכטלינגע האָבען זיי צו־מערסט אַרומגעבלאָנזשעט איבער דער וועלט, פאַרפאָלגט פון די קללות פון זייער אייגען פאָלק.״*)

דער באַקאַנטעסטער, אָבער זיכער ניט דער איינציגער, ביישפּיעל פון דער מאַכטלאָזיגקייט פון די הערען פון דער וועלט לגבי די באַוואוינער פון זייער שטאָט, איז גרעגאָר 7טער, וועלכער האָט געצוואונגען דעם דייטשען קאַיזער היינריך 6טען, צו טאָן תשובה אין קאַנאָסאַ, אָבער מיט די רוימער האָט ער ניט געקאָנט פאַרטיג ווערען. ער האָט פאַרלאָזען רוים, ווייל ער האָט זיך דאָרט ניט זיכער געפילט און איז געשטאָרבען אין סאַלערנאָ.

ערשט אינ׳ם 15טען יאָרהונדערט, וועלכעס צייכענט זיך בכלל דערמיט אויס, וואָס די אבסאָלוטע פירשטענמאַכט פאַרשפּרייט זיך אומעטום, געלינגט עס די פּויפּסטען, זייער מאַכט אויך אין רוים צו באַפעסטיגען. אוידזשען דער פערטער איז געווען דער לעצטער פּויפּסט (אַ חוץ פּיוס דעם עלפטען, אינ׳ם יאָר 1848), וואָס האָט געמוזט אַנטלויפען פאַר אַן אויפשטאַנד פון די רוימער.

אזא פרייע און נישט־קירכליכע באַפעלקערונג האָט געקאָנט לייכט פאַסען אַן אַנטשלוס, צוריקצופירען די גייסטליכע צו דער עוואַנגעלישער אָרימקייט, דאָס הייסט, זיך צו נעמען די עשירות, וואָס די קירכע האָט אין רוים אָנגעזאַמעלט. און עס איז לייכט צו באַגרייפען, אַז עס זיינען גענוג געווען איינינגע יאָר פון אבוועזענהייט פונ׳ם פּויפּסט, כדי זיי זאָלען פאַרשטעהן, פון וועמען מען מוז אָנהויבען.

קיין חידוש, אַז גראָד רוים איז עס געווען, וואו עס איז געקומען צום ערשטען ערנסטען פאַרזוך פון אַ קירכען־רעפאָרמאַציע — שוין אין דער מיט פונ׳ם 12טען יאָרהונדערט — וואָס איז פאַרבונדען מיט׳ן נאָמען א ר נ אָ ל ד  פ ו ן  ב ר ע ס צ י אַ . אַ תלמיד פון אַבעלאַר׳ן איז ער ענערגיש אויפגעטראָטען קעגען דעם וועלטליכען באַזיץ פונ׳ם קלערוס (גייסטליכקייט) און האָט זיך

*) ג י ז ע ב ר ע כ ט, „דייטשע קאַיזער־צייט״, 3, ז. 550.

פארדופען אויפ'ן אורקריסטענטום, ווי אלע שפּעטערע רעפאָרמאַ־טאָרען. קיין קאָמוניסט איז ער אָבער ניט געווען. גישט צווישען דעם פאָלק זאָלען פארטיילט ווערען די קירכען־גיטער, נאָר איבער־געגעבען ווערען צו די וועלטליכע הערשער.

אוים פראנקרייך, וואו ער האָט אין פאריז געהערט אבע־לאר'ן, פארטריבען צוליב זיין אפּיקורסות, אנטלויפט ער אין דער שווייץ אריין. אין יאָר 1145 לאָזט ער זיך אוועק קיין רוים, און שטעלט זיך אין דינסט פון דער רעבעלישער בפעאלקערונג, וועלכע באשיצט אים.

אָבער אָט די באוועגונג האָט קוים געדויערט צען יאָר. די רוימער האָבען באלד פארשטאנען, אז זיי טאָרען זיך ניט צו שטארק נעמען צום פּויפּסטום, אויב זיי ווילען ניט קוילען די הוהן, וואָס לעגט זיי גאָלדענע אייער. רוים'ס גרויסקייט און רייכטום זיינען דאָך ניט געווען קיין פּועל יוצא פון איר אינדוסטרי אָדער האנדעל, נאָר האָט זיך געשטיצט אויף דער עקספּלואטאציע פון די קריסטען דורך דעם פּויפּסט. די רוימער פון מיטעלאלטער האָבען גע־לעבט פון דער עקספּלואטאציע פון דער וועלט גלייך ווי אין די צייי־טען פון דער אנטיקער רעפּובליק. בלויז די מעטאָרען האָבען זיך גע־ביטען. אין יאָר 1154 שליסען די רוימער שלום מיט'ן פּויפּסט און ווייזען אוים ארנאָלד פון ברעסציא'ן. דער פילבארימטער פרידריך דער ערשטער באַרבאַראָסאַ, אין וועמעס הענט ער פאלט אריין, ליפערט אים אוים צו די פּויפּסטליכע אינקוויזיטאָרען, וועלכע פארברענען אים אלס באקאנטען הערעטיקער גאָר אָן שום טענות.

## 2. די וואַלדענזער.

טיפער איז אריינגעדרונגען די הערעזיע אין די שטעט פון צפון־איטאליען, ספּעציעל אָבער אין דרום־פראנקרייך. דאָרטען האָט זיך צוערשט אין מיטעלאלטער אנטוויקעלט א האנדעל און שטאָ־טישע אינדוסטריע,*) האָט זיך צוערשט געבילדעט א בירגערטום

*) פון דרום־איטאליען רעדען מיר דאָ ניט, ווייל עס האָט אין מיטעל־אלטער באלאנגט מער צום אָריענט, ווי צו די אייראָפּעאישע מערב־לענדער. זיין קולטור איז געווען מער ביזאַנטיניש אוי סאראַצעניש. איידער קריסטליך־גערמאניש.

האָט זיך אַנטוויקעלט צוערשט ניט בלויז אַ האַנטווערק פֿאַר דעם לאָקאַלען באַדאַרף, נאָר טאַקע באַלד אויך דער אָנהויב פֿון מאַסען־אינדוסטריען, פֿון עקספּאָרט־אינדוסטריען און דאַדורך במילא שוין אַ קאַפּיטאַליסטיש עקספּלואַטירטער פּראָלעטאַריאַט.

די פּויפּסטען האָבען גאָר שנעל געקראָגען חשק צו דעם רייכטום פֿון די שטעט. אָבער גראָד דאָס רייכטום האָט זיי געגעבען דעם כח צו שטרעבען נאָך זעלבסטשטענדיגקייט און זעהר אָפט טאַקע איהר צו דערגרייכען און אַראָפּצואוואַרפען פֿון זיך די פּויפּ־סטליכע אונטערדריקער.

פֿאַר די צפֿון־איטאַליענישע שטעט איז אָבער געווען אַ ריי פֿון אומשטענדען, וועלכע האָבען ביי זיי געוועקט סימפּאַטיע צום פּויפּסטום. נאָך די רייכטימער פֿון די איטאַליענישע שטעט האָ־בען געגאַרט ניט בלויז די פּויפּסטען, נאָר אויך זייערע קאָנקורענ־טען אין דער עקספּלואַטאַציע פֿון איטאַליען, די דייטשע קיסרים. וואָס וועניגער זיי האָבען געקאָנט אַרויסבאַקומען פֿון דעם עקאָנאָ־מיש־אָפּגעשטאַנענעם דייטשלאַנד, אַלץ מער האָבען זיי געטראַכט אַרויסצורייסען פֿון די רייכע איטאַליענישע שטעט. און ווי שוואַך זיי האָבען ניט געמעגט זיין אין דייטשלאַנד, — פֿאַר זייערע רויבע־רישע עקספּעדיציעס קיין איטאַליען, — די אַזוי אָנגערופענע רוימער־ציגע, וועלכע אונזער נאַציאָנאַלע געשיכט־שרייבונג האָט פֿאַרפּוצט מיט דעם גאַנצען צויבער פֿון אידעאַליזם, וועלכען זי פֿאַרמאָגט נאָר — פֿאַר אָט די עקספּעדיציעס האָבען זיי תמיד באַ־קומען גענוג מענשען.

די צפֿון־איטאַליענישע שטעט האָבען עס אַלזאָ געהאַט צו טאָן מיט צוויי עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס האָבען געקעמפּט צווישען זיך. אַזוי לאַנג ווי די שטעט זיינען ניט גענוג שטאַרק צו שיצען זייער זעלבסטשטענדיגקייט אַקעגען ביידע צדדים, זיינען זיי גענויטיגט זיך צו פֿאַרבינדען מיט איינעם, כדי צו העלפֿען פֿון דערוואַיטען דעם צווייטען.

די גרויסע פֿראַגע איז געווען די, וואָס פֿאַר אַן עקספּלואַטאַטאָר עס איז געפֿערליכער, דער אָרימער־אין־וואָפֿען אָבער נאָהנטער פּויפּסט, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע שטיצע אין יעדער שטאָט אין די גייסטליכע, וואָס זיינען פֿון אים אָפּהענגיג, אָדער דער וואַ־

פענ־רייכער אָבער צו מייסט ווייטער קאַיזער. אַלעמאָל האָבען די שטעט געביטען זייערע סימפּאַטיעס אַמאָל צו איינעם, אַמאָל צום אַנדערען; זיי פאַרבינדען זיך היינט מיט׳ן קאַיזער, כדי מאָרגען אויף אים און אויף זיינע פריינד אָנצופאַלען, אָדער פאַרקערט, אָבער אויך אין יעדער שטאָט האָט עקזיסטירט אַ קאַיזערליכע פּאַרטיי, זייט דעם 13טען יאָרהונדערט, מיט׳ן נאָמען גיבעלינישע, און אַ פּויפּסט־ליכע, די גוועלפישע פּאַרטיי. די קלאַסען־ און פּאַרטיי־געגענזאַצען אין די שטעט ווערען אידענטיש מיט דעם געגענזאַץ צווישען קאַי־זערטום און פּויפּסטום; ווייל ווען איין קלאַס אָדער פּאַרטיי ווערט געוואונען פון׳ם קאַיזער אָדער זוכט ביי איהם שוץ, קאָן מען זיכער זיין, אַז די פּאַרטיי, וואָס איז איהר פיינדליך, וועט איבערגעהן אויפ׳ן זייט פון׳ם פּויפּסט.

שוין דאָס אַליין איז געווען אַ סבה, פאַרוואָס אין די צפון־איטאַליענישע שטעט זיינען די סימפּאַטיעס צום פּויפּסטום אָפט געווען זעהר שטאַרק און זיינען קיינמאָל אינגאַנצען ניט אויסגע־שטאָרבען. דערצו קומט נאָך צו אַ צווייטער מאָמענט. דער וועג פון די פרומע וואַנדערער קיין רוים האָט געפירט איבער צפון־איטאַ־ליען, אָבער אויך די פרומע וואַנדערער קיין ירושלים אין דער צייט פון די קרייצציגע, וועהלען גאָר גערן דעם וועג איבער צפון־איטאַליען, די איינע ווי די אַנדערע האָבען שטאַרק געווירקט אויף דער עקאָנאָ־מישער אַנטוויקלונג פון צפון־איטאַליענישע שטעט. אָבער סיי די ערשטע, סיי די אַנדערע זיינען אַ פּועל־יוצא פון דער פּויפּסטליכער הערשאַפט איבער דער קריסטליכער וועלט, און באַלד אַנטשטעהט אין די שטעט נאָך אַ גרעסערער אינטערעס פון דער פּויפּסטליכער עקספּלואַטאַציע פון אייראָפּאַ. אין די שטעט פון צפון־איטאַליען ביל־דען זיך אויס די אָנפאַנגען פון דעם וועקסעל־ און באַנק־געשעפט. די צפון־איטאַליענישע סוחרים ווערען די ערשטע באַנקירען פון די פּויפּסטען. צו זיי שטראָמען צו אַלע די סומען, וועלכע די פּויפּ־סטען פרעסען אַרויס, זיי פאַרוואַלטען זיי פאַר די פּויפּסטען און — פאַר זיך. אויס דעם געלט ווערען אין זייערע הענט מעכטיגע קאַפּיטאַלען, וואוכער־קאַפּיטאַלען און האַנדעלס־קאַפּיטאַלען; זיי באָרגען עס אויס צו קעניגע און שטעט, צו פריצים און מאָנאַסטירען, זיי האַנדלען און שפּעקולירען דערמיט.

אזוי ווערט די פּויפּסטליכע עקספּלואַטאַציע איינע פון די יסודות פון דער ווירטשאַפטליכער אַנטוויקלונג פון צפון־איטאַליען.

ענליך ווי די רוימער, האָבען אויך די צפון־איטאַליענישע שטעט אַן אינטערעס אין דער הערשאַפט פונ׳ם פּויפּסט; גלייך ווי די רוימער, ווייזען זיי זיך אָפּט אַרויס רעבעליש קעגען פּויפּ־סטום; אָבער גלייך ווי די רוימער היטען זיי זיך, דעם אויפשטאַנד צו טרייבען אַזוי ווייט, אַז סע זאָל צעשטערט ווערען די פּויפּסט־ליכע עקספּלואַטאַציאָנס־מאַשינערי, פון וועלכען זיי האָבען אַליין געהאַט נוצען.

ווי אין רוים, געפינען מיר דאָרום אויך אין איטאַליען גאָר פריה רעפאָרמאַציאָנס־באַוועגונגען, הערעטישע קאַמפּען קעגען דער פּויפּסטליכער מאַכט, אָבער אין ערגעץ ניט קיין גרינטליכע רע־פאָרמאַציע. די ג י י ס ט י ג ע אומאָפּהענגיגקייט פון די לעהרען פון דער קאַטוילישער קירכע האָבען זיי באַלד דערגרייכט — נאָך לאַנג פאַר דער דייטשער רעפאָרמאַציע — עס פעלען אָבער די עקאָנאָמישע פאָרבאַדינגונגען פאַר אַן אָפּזאָגען זיך פונ׳ם פּויפּסטום.

דעם ערשטען ערנסטען אויפשטאַנד ניט בלויז קעגען איינ־צעלנע אונטערדריקונגען, נאָר קעגען דעם גאַנצען פּויפּסטליכען סיסטעם, טרעפען מיר דערפאַר אָן ניט אין צפון־איטאַליען, נאָר אין דרום־פראַנקרייך, וואָס איז עקאָנאָמיש אַזוי הויך אַנטוויקעלט, ווי דאָס ערשטע, נאָר האָט אָבער קיין אינטערעס ניט אין דער דערהאַלטונג פון פּויפּסטום.

„אין דעם שענעם לאַנד צווישען די אַלפּען און פּירענעען" —זאָגט שלאָסער אין זיין „דרום־פראַנקרייך פאַר דעם אַלביגענזער־קריג"—זיינען געבליבען אַ סך רעשטלאַך פון דער רוימישער און בפרט פון דער גריכישער קולטור. דאָרט אַנטוויקלען זיך צוערשט אין מיטעל־אַלטער די וויסענשאַפטען, די שענע און נוצליכע קונסט, דאָרט קומט די ראָמאַנטישע, די לאַטיינישע, די שפּאַנישע דיכטער־קונסט אין באַרירונג מיט דער אַראַבישער, און סע אַנשטעהט דערפון אַ באַזונדערער, אייגענאַרטיגער מין, דאָרט באַקומט דאָס בירגערליכע לעבען בכלל אַ ספּעציפישען אויסזעהן. עס איז באַקאַנט, אַז די אַזוי אָנגערופענע, פרעהליכע קונסט און די געריכטען פון דאַמען איבער

ליבע, געזאַנג, איידעלקייט און געשיקטליכקייט שטאַמען אַרויס פון דאָרטען, אַז די פּאָעזיע איז דאָרט, ווי צו האָמער׳ס צייטען אין גריכענלאַנד, געווען אַ שטענדיגער גאַסט ביי אַלע פעסטליכ־קייטען און מאָלצייטען, אַז דאָרט האָבען זיך אויסגעבילדעט די זינגער פון טאַפּפערקייט און ליבע, און אַז דאַנטע און פּעטראַקאַ האָבען געשעפּט פון די קוואַלען, איידער זיי האָבען זיך דערהויבען איבער׳ן מצב פון זייער נאַציע. פון די וויסענשאַפטען איז עס באַזונדערס די מעדיצין געווען, וועלכע האָט געבליהט אין דרום־פראַנקרייך, און אייגענטליך — אַ חוץ אין פּאַלערמאָ — נאָר דאָ געבליהט. אַ חוץ דעם האָבען דאָרט די אידען איינגעאָרדענט אַ גרויסע צאָל ישיבות.... די שטעט פון דרום־פראַנקרייך האָבען שוין פון פריה־אָן געהאַט אַ פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע איז נאָך ניט געווען באַקאַנט אין די אַנדערע לענדער פון אייראָפּאַ, אפילו אין טולוז, דעם זיץ פון אַ מעכטיגען גראַף, איז די שטאָט פאַרוואַלטעט געוואָרען פון אַן אומאָפּהענגיגען מאַגיסט־ראַט און אַ פרייע בירגער־קאָמיסיע; און אין מואַססאַק האָט דער לאַנד־הער געמוזט מיט אַ שבועה קודם באַשטעטיגען די רעכט פון דער שטאָט, איידער זי האָט אים אַנערקענט. ביי די אומשטענדען וועט עס קיינעם ניט וואונדערען, וואָס אין דרום־פראַנקרייך איז צו־ערשט אַנטשטאַנען אַן אומצופרידענקייט מיט דעם נייעם, פאַרדאָר־בענעם קריסטענטום, און וואָס אַ רעפאָרם פונ׳ם גאַנצען קולטוס און די איבערזעצונגען פון די עוואַנגעליעס אין דער לאַנד־שפּראַך, זיינען געוואָרען אַן אַלגעמיינע באַדערפניש. צוליב דעם איז אַנטשטאַנען אַ שרעקליכער קריג מיט דער קירכע, וועלכע האָט לסוף ניט נאָר פאַרניכטעט די פרייהייט פון יענער געגענד, דאָס בליהענדסטע לאַנד פון אייראָפּאַ אויף אַ לאַנגער צייט פאַרוואַנדעלט אין אַ מדבר און פאַרשפּרייט די הערשאַפט פונ׳ם פראַנצויזישען קעניג ביז צום מיטעללענדישען ים, נאָר איז אויך געווען די סבה פונ׳ם איינפירען די אינקוויזיציע אין די מערב־לענדער״ *).

שוין אין אָנפאַנג פון 12טען יאָרהונדערט איז די אפיקורסות געווען אַזוי שטאַרק אין דרום־פראַנקרייך, אַז דער פּויפּסט קאַ־ליקסטוס דער צווייטער האָט אין יאָר 1119, אויף דער פאַרזאַמלונג

*) „וועלט־געשיכטע״, פראַנקפורט א. מ., 1847, 13, ז. 251, 252.

אין טולוז, געהאַלטען פאַר נויטיג צו שאַפען מיטלען דאַגעגען, אָבער די אַפיקורסות וואַקסט אין משך פונ'ם יאָרהונדערט אַלץ מער און וואָרצעלט זיך איין אַלץ טיפער.

ווי אין יעדער גרויסער רעפאָרמאַציאָנס־באַוועגונג, באַטיי־ליגען זיך אויך אין אָט דעם די פארשיידענסטע קלאַסען מיט פאַר־שיידענסטע אינטערעסען און צילען. נאָר איין זאַך פאַרבינדט זיי: דער האַס געגען רוימישער עקספּלואַטאַציע. אָבער זיי אַלע באַמיהען זיך צו דערגרייכען זייערע פארשיידענע צילען אויף דעם גלייכען וועג: צוריק צום אורקריסטענטום. אודאי האָט יעדע פון די הערעטישע ריכטונגען עפּעס אַנדערש דאַרונטער פאַרשטאַ־נען, אָבער ווי לאַנג עס הייסט צוזאַמענצוהאַלטען געגען דעם בשותפות'דיגען שונא, שטרייכען זיי נאַטירליך אונטער דאָס בשותפות'דיגע, און ניט דאָס, וואָס שיידט זיי אָפּ פון אנאַנדער. בשעת קאַמף איז עס זיי אָפט אפילו ניט באַוואוסט געוועז, און אַז מען נעמט נאָך אין אנבאַטראַכט, אַז די נעמען פאַר איינצעל־נע ריכטונגען זיינען לחלוטין ניט געווען קיין סטאַבילע, נאָר פאַר־שיידענע, לויט דער צייט און דעם אָרט, און אַז די דעמאָלטיגע היסטאָריקער זיינען נאָך ווייניגער פאַרלעסליך, ווי ווען עס איז — און די געשיכט־שרייבער זיינען ביז איצט כמעט נאָך תמיד גע־ווען אומפאַרלעסליך, ווייל זיי האָבען זיך תמיד באַשעפטיגט מער מיט די אילוזיעס און מיט די אַרגומענטען פון די קעמפענדע צדדים, איידער מיט די פּאַקטישע פאַרהעלטנישען, פון וועלכע זיי זיינען ארויסגעוואַקסען, און מיט די פאַקטישע באַשטרעבונגען, צו וועלכע זיי האָבען געשטרעבט — נעמט מען דאָס אַלץ אין אנ־באַטראַכט, וועלען מיר זיך ניט וואונדערען, וואָס עס זיינען פאַראַן גרויסע חלוקי דעות איבער די באַשטרעבונגען פון די דרום־פראַנ־צויזישע הערעטיקער. בשעת איינע באַהויפּטען, אַז זיי — די קאַטאַרער *), ווי מען פלעגט זיי רופען (דערפון שטאַמט דער דייטשער נאָמען קעצערן — האָבען אַלע, אָהן אַ חילוק, געפּרעדיגט

*) וועגען דער אָפּשטאַמונג פונ'ם וואָרט זיינען פאַראַן ספקות, אפשר האָט מען עס גענומען פון גריבישען. „קאַטהאַראָס" איז אויף גרי־כיש — ריין, די קאַטאַרער זיינען געווען אַלזאָ די ריינע, ענליך ווי די פּוריטאַנער. אָבער עס איז שווער צו גלויבען, אַז אין 12טען יאָר־

קאָמוניזם און בשותפות'דיגקייט פון די ווייבער, פאַלען אריין אַנ־
דערע ווידער אין אַ להיפוך'דיגען עקסטרעם, און דערציהלען, אַז
מען קאָן ביי זיי בכלל ניט געפינען קיין קאָמוניסטישע טענדענ־
צען. די ערשטע אַנשויאונג איז אנטשיידען פאַלש, אָבער אויך
די צווייטע, דאַכט זיך אונז, איז ניט באַגרינדעט. ספּעציעל ביי
די וואלדענזער קאָן מען נאָכווייזען דייטליכע סמנים פון קאָמו־
ניזם.

די באַגרינדונג פון דער סעקטע ווערט צומערסט פאַרשריבען
אויפ'ן חשבון פון פּעטער וואלדוס. אַנדערע ווידער גלויבען, אַז
זי האָט שוין עקזיסטירט פאַר וואלדוס'ען.*) די כראָנאָלאָגישע
פראַגע האָט פאַר אונז ניט קיין גרויסע וויכטיגקייט. זיכער איז,
אַז וואלדוס איז געווען אַ רייכער סוחר אין ליאָן, וואָס האָט זיך
אינמיטען פון דער גרויסער אָרימקייט געשעמט מיט זיין עשירות,
אַזוי אַז ער האָט פאַרטיילט זיין האָב און גוטס צווישען די אָרימע
(ארום דעם יאָר 1170) און האָט פאַרזאַמעלט ארום זיך חברים, וועל־
כע האָבען געלעבט גלייך מיט אים אין אַ פרייוויליגער אָרימקייט און
האָבען זיך אין גאַנצען מקריב פאַר די אָרימע און עלענדע. אויב ער
האָט אפילו ניט געגרינדעט די סעקטע, וואָס טראָגט זיין נאָמען, האָט
ער לכל הפחות זעהר אַ סך געהאָלפען פאַר איר פאַרשפּרייטונג און

---

הונדערט איז גריכיש אין דרום־פראַנקרייך שוין געווען אַזוי שטאַרק
פאַרשפּרייט. אַם מייסטען ביטרע זיינען יענע קאָמענטאַטאָרס, וואָס
זאָגען אַז דאָס וואָרט שטאַמט פון דייטשען „קאדע" אָדער „קאַטער".
צווייי „געלערנטע" יעזואיטען, יאַקאָב גרעטער און גאָטפריד הענשען,
באַהויפּטען, אַז מען האָט די ניט־גלויביגע אָנגערופען קאַטער, וויי
זיי האָבען אָפּגעהאלטען זייערע פאַרזאַמלונגען ביינאַכט, ווי קעץ. אַן
אַנדערער געלערטער מיינט, אַז זיי האָבען דעם נאָמען דערפון, וואָס זיי
בוקען זיך צום טייוועל אין געשטאַלט פון אַ קאַץ, וועלכען זיי קושען
דעם הינטערן (''Catari dicuntur a Cato quia osculautur posteriora
cati, in cujus specie, ont dicunt, apparet cis Lucifer,'' Alauns,
Lib. I. coutra Waldeuses, p. 4)

ביי מאָסהיים, פּרואוו פון אַן אומפּאַרטייאישער און גרינט־
ליכער קעצער געשיכטע, העלמשטעדט, 1746, ז. 363.

*) פגל. דאַריבער פ. בענדער, „געשיכטע פון די וואלדענ־
זער", אולם, 1850.

אָרגאַניזאַציע און האָט זי באַקאַנט געמאַכט אין דער עפנטלעכ־קייט. די מיטגלידער פון דער סעקטע האָט מען אָנגערופן די הומיליאַטען (די דערנידעריקטע) אָדער די אָרימע פון ליאָן, זיי זייַנען געווען ס׳רוב בעל מלאכות, אַ מייסטען וועבער*).

אין אָנהויב האָט די סעקטע ניט געהאַט קיין כוונה, זיך אָפּ־צוזונדערן פון דער קירכע. ווען דער ערצבישאָף פון ליאָן האָט זיי פאַרבאָטען דאָס פּרעדיגען, ווענדען זיי זיך צום פּויפּסט אַלעק־סאַנדער דעם 3טען נאָך אַן ערלויבניש. אָבער זייער לעהרע ווייזט זיך אַרויס אַלס צופיל געפערליך, אַז דאָס פּויפּסטום זאָל איר קאָנען דולדען, בפרט ווען זיי ערקלערען, אַז זיי ווילען זיך אים ניט אונטעראָרדנען, ווי דאָס האָבען געטאָן שפּעטער די פראַנ־ציסקאַנער און דאָמיניקאַנער. דערפאַר לעגט זיי לוציוס דער 3טער אין יאָר 1184 אַריין אין חרם. פון איצט אָן פאַרלירען זיי אויף תמיד יעדע שייכות צו דער פּויפּסטליכער קירכע.

זייער קאָמוניזם האָט אין אָנהויב אַ גאַנץ מאָנאַכישען כאַ־ראַקטער. זיי פאַרלאַנגען דעם קאָמוניזם, אָבער ניט יעדען איז עס געגעבען זיך אַרויפצואַרבייטען צו דער היילינער מדרגה פון גיטער־שותפות, וועלכע איז אויך ביי זיי פאַרבונדען מיט אַן אָפּ־זאָגונג פון הייראַט. די „פּאָלקאָמענע” (פּערפעקטי) זיינען פאַר־פליכטעט צו קאָמוניזם און מסתמא אויך צו הייראַטלאָזיגקייט; די „תלמידים” (דיסציפּולי) איז דאַגעגען ערלויבט די הייראַט און אויך וועלטליכער באַזיץ. דערפאַר האָבען דיזע דעם חוב אויס־צוהאַלטען די פּאָלקאָמענע, וועלכע דאַרפען זיך ניט קימערן וועגען די הבלים פון דער וועלט. דער מין קאָמוניזם דערמאָנט פון איין זייט דעם פּלאַטאָנישען, פון דער אַנדערער זייט אָבער אויך דעם פון די בעטלער־מאָנאַכען. פּונקט ווי ביים פּלאַטאָ׳נישען קאָמו־

---

*) אַ רוימישער אינקוויזיטאָר „פּסעוודאָ־ראַינער” האָט באַשריבען אינ׳ם יאָר 1520 די וואַלדענזער אין דער שריפט ‘‘De Cathariset Leourstis’’

און כדי זיי בטל צו מאַכען, באַטאָנט ער, אַז זייערע לערער זייַנען בעל מלאכות, שוסטער און וועבער. וועבער ווערען אָפּט אָנגע־רופען אַלס מיטגלידער פון דער סעקטע. פגל. ל. ק ע ל ל ע ר, די רעפאָרמאַציע און די עלטערע רעפאָרם־פּאַרטייען, ז. 18, 33, 120.

ניזם איז אויך ביי זיי די פרוי גלייכגעשטעלט מיט'ן מאן ; דאָס איז געווען איינע פון זייערע הערעטישע אַנזיכטען, וועלכע דער פויפּסט האָט מחרים געווען, אז די פרויען מעגען פּונקט אזוי גוט פּרעדיגען ווי די מענער. מענער און פרויען האָבען אינאיינעם ארומגעוואנדערט און געפּרעדיגט, און פרומע נשמות האָט עס פארדראָסען, וואָס ביי די אומשטענדען קאָן די הייראטסלאָזיגקייט ניט באדייטען דאָסזעלמבע, וואָס אייביגע אומבארירטקייט. *)

כאראקטעריסטיש איז אַ חוץ דעם ביי זיי דאָס אָפּזאָגען זיך פון קריגס־דינסט און פון דער שבועה, ווי אויך זייער שטרעבען נאָך אַ גוטער פאָלקסבילדונג. „אַלע אָהן אַן אויסנאַם", זאָגט דער שוין ציטירטער פּסעוודאָ־ראַינער „מענער און פרויען, גרויסע און קליינע לערנען זיך אין יענעם אָהן אַ הפסקה. דער ארבייטער, וואָס ארבייט ביי טאָג, לערענט ביי נאַכט ; ווייל זיי שטודירען אזוי פיל, בעטען זיי אזוי ווייניג. זיי לערנען און גיבען אונטעררריכט אָהן ביכער... ווער עס האָט געלערנט זיבען טעג, זוכט אַ תלמיד, וועלכען ער ווידער לערנט ווייטער.**)

וואָלטען די וואלדענזער געווען געמאַכט שלום מיט'ן פויפּסטום און געוואָרען אַ פּריווילעגירטער אָרדען, וואָלט זיך זייער אריסטאָקראַטישער קאָמוניזם געווען אַנטוויקעלט אין אַ קוואַל פון עקספּלואַטאַציע, גראָד אזוי ווי דאָס איז געווען ביי די אַנדערע מאָנאַכישע אָרדענס. אזוי ווי אָבער זיי זיינען געבליבען אַ פארפאָלגטע סעקטע, קאָן זיך דער אריסטאָקראַטישער, עקספּלואַטאַטאָרישער עלעמענט פון דעם קאָמוניזם ניט רעכט אַנטוויקלען. ער איז געשטאַנען אין אַ סתירה מיט די דעמאָקראַטישע טענדענצען פון די נידעריגסטע פאָלקסמאַסען פון וועלכע ער האָט געצויגען זיין יניקה. פריהער אָדער שפּעטער האָט עס ביי די וואלדענזער געמוזט קומען דערצו, אז זייער קאָמוניזם זאָל ענטוועדער ווערען אַ דעמאָקראַטישער, אָדער גענצליך פארשווינדען. עס פלעגט אויך פאָרקומען דאָס

*) ציטירט ביי גידעלער, „קירכענגעשיכטע", 2טער באַנד, 2טער אָפּטיילונג, ז. 325.

**) ציטירט ביי א. מ ו ס ט אָ ן, Histoire des Vandois פּאַריז, 1834, ז. 189, פגל. ז. 449. דער לעצטער זאַץ פונ'ם ציטאַט באַווייזט, אַז זיי האָבען איינגעפירט אַן אייגענעם לערן־מעטאָד.

ערשטע אָדער דאָס צווייטע, לויט די צייט־פאַרהעלטנישען און לויט דעם, וואָס פאַר קלאַסען סע זיינען געווען דאָרט פאַרטראָטען. וואו דער איינפלוס פון די פּויערים און בירגער איז געווען שטאַרקער, דאָרט ווערען די וואַלדענזער אַ בירגערליך־פּראָטעסטאַנטישע סעקטע; וואו עס זיינען שטאַרקער די פּראָלעטאַרישע עלעמענטען, פאַרוואַנדלען זיך די וואַלדענזער אין קאָמוניסטישע „שוואַרם גייסטער" (טרוימער).

וואַלדענזער זיינען דאָ ניט נאָר אין דרום־פראַנקרייך אַליין. מיר טרעפען אָן וואַלדענזער־געמיינדען אין די פאַרשיידענסטע געגענדען פון צפון־איטאַליען און פראַנקרייך און שפּעטער אויך אין דייטשלאַנד און אין בעהמען. אַלע די געמיינדען קומען צווישען זיך אין אַ שטענדיגער באַרירונג, ווייל די גלחים פון די וואַלדענזער (מען פלעגט זיי רופען באַרבען) זיינען געווען מחויב שטענדיג ארומצורייזען. יענע ענגע אינטערלאָקאַלע פאַרבינדונג פון די מיטעלאַלטערליכע קאָמוניסטען, אויף וועלכע מיר האָבען שוין אָנגעוויזען אין פאָריגען קאַפּיטעל, איז געווען שוין ביי די וואַלדענזער אַנטוויקעלט „ווי די אַפּאָסטעל האָבען די אַלטע וואַלדענזישע גלחים שטענדיג ארומגעוואַנדערט, באַזוכט די ווייטע געמיינדען און די גלויבענס־ברידער (די וואוינונגען פון די גלויבענס ברידער פלעגען זיי דערקאָנען אָן געוויסע סמנים אויף די טירען אָדער רעכער). אָפט ציהען זיך די רייזען אין ווייטע לענדער, קיין דייטשלאַנד, בעהמען... די וואַלדענזער אין בעהמען זיינען געשטאַנען אין אַ שטענדיגען פאַרקער מיט זייערע גלויבענס־גענאָסען אין פראַנקרייך און פּיעמאָנט. זיי אונטערשטיצען זיי מיט געלט; ספּעציעל פון די טאָלען פון פּיעמאָנט פלעגען קומען פרעדיגער צו די ברידער קיין בעהמען און זיי ווידער פלעגען שיקען זייערע זין אין די טאָלען, כדי זיי זאָלען זיך דאָרט באַקאָנען מיט'ן הייליגען גלויבען. *)

ווען די דרום־פראַנצויזישע אפּיקורסות איז געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט באַדראָהט די הערשאַפט פונם' פּויפּסטום, רופט עס צו הילף די צפון־פראַנצויזישע רויבריטער און אַנדערע רויבער

*) בענדער, „געשיכטע פון די וואַלדענזער", ז. 46, 116.

און אָרגאַניזירט די אַזוי גערופענע קרייצציגע. זיי האָבן זיך אַ לאַנג געטאָן אויף די רייכע הערעטיישע שטעט און דערפער, און זיי באַרויבט און חרוב געמאַכט אויפ'ן גרויזאַמסטן אופן. צענדליגע יאָרן דויערט דער ווידערשטאַנד פון דרום־פראַנקרייך. די אַלבּיגענזער־מלחמות, אַזוי אָנגערופן נאָך דער שטאָט אַלבּי, איינע פון די הויפּטשטעט פון די הערעטיקער, האָבן זיך געצויגן פון דעם יאָר 1208 ביז אין די דרייסיגער יאָרן פון'ם יאָרהונדערט. דעם רוח פון דעם ענדליכן נצחון איבער די „רעבעלן" האָט אָבער ניט געהאַט דאָס פּויפּסטום, נאָר די פראַנצויזישע קעניגע, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויסגעמוטשעטע לאַנד. דאָס איז אויך געוואָרן דער יסוד פון זייער גרויסקייט. דאָס פראַנצויזישע קעניגטום ווערט אָבער אומאָנגענעמער פאַר די פּויפּסטן, ווי די אַלבּיגענזישע הערעטיקער, ווייל עס ווערט אַזוי שטאַרק, אַז עס מאַכט די פּויפּסטן צו זיין ווערקצייג און אָפּט צו זיין געפאַנגענע.

אָבער ווי ווייניג די פּויפּסטן האָבן אויך געוואונען דורך די אַלבּיגענזער־מלחמות, די אפּיקורסות פונ'ם 13טען יאָרהונדערט פאַרלירט דאַדורך איר אָפּעראַציאָנס־באַזיס. אויך די וואַלדענזער מוזן דאַרונטער ליידן. אין די גרויסע שטעט קאָנען זיי נאָר נאָך עקזיסטירן פאַרבאַהאַלטענערהייט. דער וויכטיגסטער טייל פון דער באַוועגונג געהט איבער אין די אַלפּען־טאָלען, וואו ער מוז אָננעמען אַ פּויערישן כאַראַקטער. די סעקטע קריגט דאָרט אַ קליינפּויעריש־דעמאָקראַטישן אויסזעהן און האָט זיך אין דער פאָרם דערהאַלטען נאָך ביז היינט אין איניגע טאָלען פון סאַוואָיען און פּיעמאָנט.

## די אַפּאָסטעל־ברידער.

דורך דער מפּלה פון דער אפּיקורסות בכלל האָט אויך ערליטען אַ מפּלה דער הערעטישער קאָמוניזם. עס האָט אויסגעוויזן, ווי די פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישע טענדענצן וואָלטען נאָר געקאָנט געפינען זייער אויסדרוק אין אַ מאָנאַכיש־פּויפּסט־פריינדליכער פאָרם. אָבער מיר האָבן, ריידענדיג וועגן פראַנציסקאַנער אָרדען, געזעהן, אַז דער קאָמוניזם פון די בעטלער־אָרדענס האָט אין זיך

געהאט עלעמענטען, וועלכע זיינען שטענדיג געווען נוטה צו מאכען אן אויפשטאנד געגען דער רייכער און עקספּלואטירענדער קירכע. דער מיסטרויען פון׳ם פּויפּסטום און זיינע פאַרפאָלגונגען האָבען געשטעלט די פּראָלעטאַרישע עלעמענטען זעהר אָפט פאַר דער אַל־טערנאַטיווע: אָפּזאָגען זיך בכלל פון יעדער טעטיגקייט אָדער: אויפשטאַנד. ביי גינסטיגע אומשטענדען האָט אזא אויפשטאנד זיך געקאָנט גאָר ברייט פארשפּרייטען.

אויף דעם אופן איז אין איטאַליען אנטשטאַנען א גאָר שטאַר־קע הערעטישע קאָמוניסטישע סעקטע, די אַפּאָסטעל־ברידער אָדער פאַטאַרענער.

דער נאָמען פאַטאַריא, פאַר אַ באַוועגונג פון נידריגערע פּאָלקס־קלאַסען, פלעגט דאַמאָלט אין איטאַליען אָפט געברויכט ווע־רען. שוין אין 11טען יאָרהונדערט טרעפען מיר אָן פאַטאריען אין מאַילאַנד, בסעציא, קרעמאָנאַ און פּיאַצענצאַ. דער נאָמען שטאַמט פון׳ם דיאַלעקט וואָרט „פאַטעס“, אַלטע לייוונט, שמאַטעס. פּאַ־טארי פלגט מען רופען די שמאַטעס־קלויבער. נאָך אין פאָריגען יאָרהונדערט איז געווען אין מאַילאנד א „פאַטאַריא“ אָדער „קאָנ־טראַדאַ דע פאַטארי“, אַ קוואַטיר פון שמאטעס־קלויבער.

די וויכטיגסטע צווישען יענע פריהערע פאַטאַרענישע באַווע־גונגען איז געווען די אין מאַילאַנד, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אינ׳ם יאָר 1058. זי איז אנטשטאַנען ביי די נידריגערע פּאָלקס־קלאַ־סען און איז אויפגעטרעטען געגען דעם רייכען קלערוס און דעם שטאָ־טישען אַדעל. אחוץ דער פריהצייטיגקייט איז פאר דער שטאָ־טיש־דעמאָקראַטישער באַוועגונג כאַראַקטעריסטיש, וואָס זי זוכט און געפינט די אונטערשטיצונג פון׳ם פּויפּסטום. דער קלערוס פון מאַילאַנד, ניט ווּעניגער רייך פון דער רוימישער קירכע, האָט זיך ניט געוואָלט איר אונטעראָרדנען. ער איז דארום דער געמיינ־זאַמער שונא פון דער מאַילענדער דעמאָקראַטיע און פון׳ם פּויפּס־טום, און ביידע דערגרייכען זייער ציל. דער מאַילענדער קלערוס מוז זיך אונטערוואַרפען אונטער רוים און דעם אָרט פון אַן אַדעליג־קלעריקאַלער רעגירונג פאַרנעמט אַ בירגערליכע.

די היסטאָריקער רופען גערן אָן די באַוועגונג פון דער מאַי־לענדער פאַטאַריא, אַ פּראָלעטאַרישע. עס איז לחלוטין ניט צו

גלויבען, אז דער מאילענדער פראָלעטאריאט איז שוין אין דער מיט פון 11טען יאָרהונדערט געווען אזוי שטארק, אז ער זאָל קאָנען שפּילען אזא באדייטענדע ראָל. די באוועגונג פון די פּאטאריער איז יערענפאלס געווען א בירגערליכע באוועגונג געגען דער הערשאפט פון די ארעליגע פּריצים.

אין 12טען יאָרהונדערט האָט מען די וואלדענזער אָנגערופען פּאטאריער, ניט זעלטען רופט מען אזוי אויך אנדערע הערעטיקער. אין 13טען יאָרהונדערט געהט דער נאָמען איבער אויף די אפּאָסטעל־ברידער.

דער גרינדער פון דער סעקטע איז געווען ג ע ר א ר ד אָ ס ע ג ע א ר ע ל ל י, פון אלצאנאָ א דאָרף ביי פּארמא. ער האָט געוואָלט אריינטרעטען אין פראנציסקאנער אָרדען, איז אָבער אָפּגעוויזען געוואָרען. טאָ פארטיילט ער זיין פארמעגען צווישען די אָרימע און גרינדעט אליין א סעקטע, ארום דעם יאָר 1260, באלד געפינט ער א סך תלמידים ביים פשוט'ען עולם, בפרט אין דער לאָמבארדיי. „גלייך ווי די ערשטע קריסטען פלעגען זיי זיך רופען צווישען זיך ברודער און שוועסטער. זיי לעבען אין א שטרענגער אָרימקייט און טאָרען ניט באַזיצען קיין אייגענע הייזער, ניט קיין זאפּאסען אויפ'ן צווייטען טאָג, בכלל גאָר ניט, וואָס פארשאפט באקוועמליכקייט און פארגעניגען. ווערען זיי הונגעריג, ווענדען זיי זיך מיט א בקשה צום ערשטען בעסטען און עסען אלץ, וואָס מען זאָל זיי ניט געבען. די פארמעגליכע, וואָס שטעהען צו צו זיי, מוזען זיך אָפּזאָגען פון זייער אייגענטום און עס פארשענקען צו דער גאנצער עדה, פּא'ן בשותפות'דיגען געברויך" *). די הייראַט איז ביי זיי געווען פארבאָטען. „די ברידער, וואָס לאָזען זיך אין דער וועלט אריין כדי צו פּרעדיגען תשובה, מעגען מיט

---

*) מ אָ ס ה י י ם, „קעצערגעשיכטע", ז. 224. מאָסהיים האָט די אַפּאָסטעל־ברידער, אַזוי צו זאָגען, נײַ אַנטדעקט פאר דער געשיכטע און שרייבט וועגען זיי אין די דריי ביכער פון זיין „קעצערגעשיכטע" אויספירליך און מיט ליבשאַפט. „אפשר וועט מען מיר פארגינען דעם כבוד", זאָגט ער, „וואָס איך האָב די דאָזיגע אויסטערלישע באַנדע (דאָ ניט אינ'ם זין פון פאַראַכטונג, ביי אים האָט דאָס וואָרט באַנדע דיזעלבע באַדייטונג ווי „סעקטע") אַזוי צו זאָגען, מחיה מתים געווען און זי אָרויסגעצויגען צום ליכט", ז. 196.

זיך מיטפירעון א שוועסטער, גלייך ווי די אפּאָסטעל. אָבער ניט אַלס ווייב, נאָר בלויז אַלס געהילפין. זיי רופען אָן זייערע פריינ־רינען, וועלכע פלעגען זיי באגלייטען, בלויז שוועסטער אין קרים־טוס, און כאָטש זיי נעמען זיי צו זיך אין בעט, לייקענען זיי שטענ־דיג אָפּ, אז זיי לעבען מיט זיי געשלעכטליך, אָדער אין אַן אומ־ריינער געמיינשאפט *).

מאָסהיים מיינט, — דאָס איז ביי אים אָבער נאָר א סברה, ער האָט דערפאר ניט קיין באווייזען — אז דער פארבאָט פון הייראט און גיטער־באזיץ איז נאָר שייך צו די אפּאָסטאָל, צו די אגי־טאטאָרען, אָבער ניט צו אַלע ברידער פון דער געמיינדע. דאָס וואָלט זיי געשטעלט גאַנץ נאָהענט צו די וואלדענזער. זיכער איז נאָר, אַז זיי האַלטען דעם קאָמוניזם פאר אַן אומבאדינגטען תנאי, כדי צו ווערען פאָלקאָם.

די נייע אפּאָסטאָל טרעטען אין אָנהויב אויף גאָר פאָרזיכ־טיג. זיי היטען זיך עפּענטליך צו ערקלערען קריג דער קירכע. אויף געהיימע אסיפות, אָפּגעהאלטען ביי נאכט, לערנען זיי די נייע תורה. אין אַלע לענדער ווערען געשיקט אפּאָסטעל, קיין שפּאניען, פראנקרייך, דייטשלאנד. דאָרט ווערען זיי אזוי צאָל־רייך, אז א פארזאמלונג פון גייסטליכע — אָפּגעהאלטען אין ווירצ־בורג אינ׳ם יאָר 1287, אין געגענוואַרט פון קאַיזער רודאָלף — ניט אריום אקעגען זיי א באזונדער געזעץ, וועלכעס פארביט יעדען זיי אויפצונעמען, זיי צו געבען עסען אָדער טרינקען.

אָבער שוין פריהער ווערט מען אין איטאליען אויפמערקזאם אויף די קאָמוניסטישע בעלי־חלומות. אינם יאָר 1280 באקומט דער בישאָף פון פארמא וועגען זיי ידיעות, וואָס באוועגען אים, צו פארהאפטען סעגארעלי׳ן. דער פּויפּסט האָנאָריוס דער פערטער אָרדנעט אן אונטערזוכונג, וועלכע געפינט, אז דער אפּאָסטעל אָר־דען איז ניט צו געפערליך, ער איז בלויז א קאָנקורענט פון די ביי־דע פּריווילעגירטע בעטלער־אָרדען פראנציסקאנער און דאָמיניקא־נער. אינ׳ם יאָר 1286 ווערט דער אפּאָסטעל אָרדען פונ׳ם פּויפּסט

*) מ אָ ס ה י י ם, ז. 226.

פארבאַטען, סעגאַרעלי ווערט אָבער אַרויסגעלאָזט פריי, הגם אַרויס־
געשיקט פון פּאַרמאַ.

ווי שוין אין אַ סך אַנדערע פאַלען, האָט אויך די אויסווייזונג
ניט געבראַכט קיין פאַרבעסערונג, נאָר נאָך ערגער געמאַכט. סעגאַ־
רעלי פּאָרט אַרום אין גאַנץ צפון־איטאַליען און פאַרשפּרייט זיין
לערע. די אַפּאָסטעל ברידער וואַרפן זיך ניט אונטער דעם פּויפּסט,
דער פאַרבאַנד ווערט ניט צופאַלען. די פאַרפאָלגונגען ווערן ענער־
גישער, און דאָס גיסט אויל אויף די פלאַמען און מאַכט אַלץ טיפער
דעם תהום צווישן די אַפּאָסטאָל ברידער און דער קירכע.

סעגאַרעלי ווערט אין׳ם יאָר 1294 ווידער געפאַנגען
און פאַרברענט, לויט איינינגע אין׳ם יאָר 1296, לויט אַנדערע ווי־
דער אין יאָר 1300. אָבער דאָס איז בשום אופן ניט דער טויט
פון דער באַוועגונג. סעגאַרעלי׳ס פּלאַץ פאַרנעמט אַ מוטיגערער,
אַנטשלאָסענערער אַגיטאַטאָר, אַ מענש פון מעשים, ד אָ ל צ י ־
נ אָ . ער איז געבוירען געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם
13טען יאָרהונדערט אין פּראַטאָ ביי פּערצעלי. זיין פאָטער, דער
פּריסטער יוליוס, וואַרשיינליך אויס דער אַריסטאָקראַטישער משפחה
טאָרניעלי פון נאָוואַראַ, איז געווען אַ פרוש, אָבער ניט קיין אַס־
קעט, ווייל ער האָט געלעבט און געוואוינט אינאיינעם מיט דאָל־
צינאָ׳ס מוטער. ער האָט זיך ניט געשעמט מיט זיין זוהן, ער ניט
אים אַ גוטע ערציהונג און גרייט אים צו צום גייסטליכען שטאַנד.
אַן אומאיבערלעגטער שריט, די גנבה פון איינינגע מטבעות ביי זיין
לערער, באַוועגט דעם יונגען מאַן צו אַנטלויפען. ער לאָזט זיך
קיין טריענט, וואו ער טרעט אריין אין אַ פראַנציסקאַנער מאָ־
נאַסטיר.

ווי לאַנג ער איז דאָרט געבליבען איז אומבאַקאַנט, ווי בכלל
די כראָנאָלאָגיע פון זיין גורל איז אַ זעהר אומגענויע. זיכער איז,
אַז ער באַקענט זיך מיט דער לערע פון די אַפּאָסטעל ברידער נאָך
בשעת זיין אויפהאַלטען זיך אין מאָנאַסטיר, ווייל די לערע האָט
אַ סך ענליכקייט מיט דער לערע פון די פראַטיצעללען, די רעבעלי־
שע פראַנציסקאַנער, און האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער אין זייערע
מאָנאַסטירען. ער איז איר משיג מיט׳ן גאַנצען ברען פון זיין פייַ־
עריגער נשמה און ווערט באַלד איינער פון אירע ערשטע פאָר־

שטעהער. צו דער סעקטע שליסט ער זיך אָן בערך אין׳ם יאָר 1291.

אז זיין אין מאָנאסטיר ווערט אים אַלץ אומערטרעגליכער, באווייזט דער פאַקט, דאָס ער טרעט פון אים ארויס, נאָך איידער ער שווערט די ערשטע פאָרגעשריבענע שבועות. אין אַ קורצער צייט באַקאָנט ער זיך מיט מארגעריטע פון טרענק, וועלכע איז געווען אין אַ מאָנאסטיר פון דער הייליגער קאַטארינאַ. אַלע כראָניקער לויבען די קראַפטפולע שענקייט מאַרגאַריטאַ׳ס ווי דאָלצינאָ׳ס, וואָס איז ביי ביידע געווען פארבונדען מיט אַ הויכען פארשטאַנד, מיט זעלבסטלאָזען ענטוזיאזם, מיט מוט און אנטשלאָסענקייט. קיין וואונדער וואָס עס ציט ביידען איינעם צום אַנדערען. אום צו קאָנען זיין נענטער צו מאַרגאַריטאַ׳ן, טרעט דאָלצינאַ אריין אַלס קנעכט אין איר קלויסטער, געווינט זי פאַר זיינע אידעען און סוף כל סוף געלינגט עס אים זי איבערצוריידען, מיט אים צו אַנטלויפען. ביז צו זייער טויט קעמפּען זיי פון דעמאָלט אָן אינאיינעם פאַר זייער אידעע; לויט זייערע געגנער באַהויפּטען, האָבען זיי געלעבט ווי מאַן און פרוי, לויט דאָלצינאָ ערקלערט, תמיד נאָר ווי ברודער און שוועסטער. דאָס לעצטע וואָלט מער אנטשפּראָכען דער לערע פון די אַפּאָסטעל ברידער, דאָס ערשטע אָבער מער דער מענשליכער נאַטור.

דאָס פּאָר פּאָלק אַנטלויפט אין דער לאָמבאַרדיי, וואו דאָלצינאָ דערגרייכט באַלד די ערשטע שטעלע נאָך סעגאַרעללי׳ן און נאָך זיין טויט ווערט ער דער אָנפירער פון דער באַוועגונג. אָבער באַלד ווערט די פאַרפאָלגונג אזוי שטאַרק, אז ער קאָן ניט פארבלייבען אין איטאַליען. געיאָגט פון איין שטאָט אין דער צווייטער, געפינט ער ענדליך אַ מקום מקלט אין דאַלמאַציען, פון וואַנען ער שיקט מערערע בריף צו די ברידער אין איטאַליען, וועלכע ווערען פון זיי פאַרשפּרייט גלייך ווי פלוג־שריפטען.

אַ חוץ די לערען פון סעגאַרעללי׳ן האָבען אויף אים געווירקט די לערען פון דעם קאַנאָניק יאָאַכים פון פיאָרע, וועמען מיר האָבען שוין דערמאָנט (ז. 115). אבער בעת יענער אונטערשיידט דריי געזעלשאַפטליכע צושטאַנדען און באַטראַכט אַלס דעם דריטען, דעם העכסטען, דעם מצב פון׳ם אַלגעמיינעם מאָנאַכענטום, נעהט

דאָלצינא ווייטער. אין אָנפאנג פונ'ם 14טען יאָרהונדערט האָט מען שוין געמאכט געגוג ערפארונגען מיט די בעטלער־אָרדענס, אום צו וויסען, אז זיי זיינען ניט דער מיטעל, כדי צו רעאַליזירען די בשותפות'דיגקייט פון גיטער. דאָלצינאָ לויבט די פאָרדינסטען פונ'ם הייליגען פראנציסק און דאָמיניק, וואָס האָבען געלערענט זייערע תלמידים צו ליבען די אָרימע און אונטערדריקטע, און צו פאַראכטען דאָס געלט און די מאכט; אָבער ער ווייזט אויך אָן דאַרויף, אז זייער שטרעבען האָט סוף כל סוף קיין ממשות ניט געהאַט. פראנציסקאנער און דאָמיניקאנער האָבען געבויט הייזער און דאָרט אָנגעזאמעלט דאָס אויסגעבעטעלטע. דורך דעם זיינען זיי פאַרדאָרבען געוואָרען, גלייך ווי די גאַנצע קירכע. וויל מען דיזע רייניגען, מוז מען מבטל זיין די גאַנצע מאָנאַכישע אָר־גאַניזאַציע און צוריק איינפירען דעם לעבענס־אופן פון די ערשטע אַפּאָסטעל־געמיינדען.

אָבער ווער זאָל דאָס דורכפירען — די קאָמוניסטען אַליין? טראָץ אַלע מיסטישע חלומות און גלויבען אין נסים מוזען זיי מודה זיין, אז זייערע כחות זיינען דערצו צו שוואך.

פונקט ווי די תלמידים פונ'ם קאַנאָניק יאַאכים האָפּט אויך דאָלצינא אין אָנהויב אויף אַ משיח פונ'ם קעניגליכען שטאַנד, בעת יענע האָבען געהאָפּט אויף די האָהענשטויפען, אויף דעם צווייטען פרידריך, האָפּט דאָלצינאָ אויף אַן אַנדער פרידריך, דעם זוהן פון קעניג פּעטער דעם דריטען פון אַראַגאָניען. דיזער וועט ערא־בערן דעם פּויפּסטליכען טראָן, און טויטען דעם פּויפּסט און זיינע קאַרדינאַלען, די בישאָפס, פּריסטער, מאָנאַכען און מאָנאַשקעס. נאָר די וועלען בלייבען ביים לעבען, וואָס שטעהען צו צו דער אַפּאָסטעל געמיינדע, נאָר זיי וועלען געניסען פון די אַלע הערליכ־קייטען, וועלכע די וועלט וועט דאַן פאַרמאָגען.

דאָלצינאָ בארופט זיך אויף די אידישע נביאים און אויף דער אַפּאָקאַליפּסע. אָבער ער איז ניט געוועזען אזא נאַרישער פאַנאַ־טיקער, זיך צו פאַרלאָזען אויף די אַרגומענטען אַליין. ער קוקט זיך שארף צו צום גאַנג פון דער וועלט.

דער שכן פון דרום־פראַנקרייך, דאָס קעניגרייך אַראַגאָניען, האָט צוליב דיזעלבע סבות געהערט צו די לענדער, וואָס זיינען ארויס

אין קריג קעגען פויפסטום. בשעת דעם אלביגענזער קריג איז ארגאַניען געשטאַנען אויף דער זייט פון די הערעטיקער. פע־טער דער צווייטער פון אראַגאָניען האָט קודם געפּרואווט צו פאַר־גלייכען ביידע צדדים, לסוף האָט ער אָבער אָפען געשטיצט די אלביגענדער מיט וואפען, איז אינאיינעם מיט זיי ארויס קעגען די קרייצ־ריטער און אין קאַמף מיט זיי איז ער געפאַלען טויט (אין יאָר 1213, אין דער שלאכט ביי מירעט). אויך פע־טער'ס זוהן, יאַקאָב דער ערשטער, האָט געשיקט צו די אלביגענ־דער הילפס חילות. זיין זוהן ווידער, פעטער דער דריטער, איז אויך אריין אין א סכסוך מיט'ן פויפסטום, וואָס איז געוואָרען א ווערקצייג אין פראנקרייך'ס הענט. נאָך דער סיציליאנישער אווענט־תפלה, וואָס האָט געפירט צו דער פארטרייבונג פון די פראנ־צויזען אויס סיציליען, האָט פעטער ערעבערט סיציליען. דער פויפסט מארטין האָט ערקלערט, אז קעניג פעטער האָט פארלוירען זיין מלוכה און האָט איר פארשאָנקען דעם ברודער פון פראנצוי־שען קעניג, קארל פון וואלוא. אָבער פעטער האָט נובר געווען סיי דעם פויפסט סיי פראנקרייך.

נאָך פעטער'ן איז געקומען אינ'ם יאָר 1285, אין סיציליען, זיין צווייטער זוהן יאַקאָב דער צווייטער, און ווען ער האָט איבערגע־נומען די רעגירונג פון אראַגאָניען, איז איבערגעגאנגען סיציליען צו זיין יונגערען ברודער פרידריך דער צווייטער (1294).

גלייכצייטיג מיט פרידריך'ן האָט אָבער איבערגענומען די ממשלה איינער פון די נידערטרעכטיגסטע, קמצן'ישסטע און ענגער־גישסטע פויפסטען, באָניפאציוס דער אכטער. צווישען זיי ביידע פלאקערט זיך פאנאנדער א היציגער קאַמף, וואָס דויערט כמעט צען יאָר. דאָלצינאָ'ס האָפנונג אויף פרידריך'ן איז דערפאר לחלוטין ניט געווען קיין פאנטאסטישער חלום. זי האָט זיך געשטיצט אויף די טראדיציעס פונ'ם אראַגאָנעזישען קעניגסהויז ווי אויך אויף דער מאָמענטאלער לאַגע פונ'ם באהערשער פון סיצילען. זיין טעות איז נאָר געווען דער, וואָס ער האָט געגלויבט אין די שענע ווער־טער, וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרען, און וואָס ער האָט געמיינט, אז דער קאַמף פאר טאָג־אינטערעסען איז א פרינציפיעלער קאַמף, אז דער קאַמף וועגען פארטיילען צווישען זיך דעם רוח, באדייט

אַ קאַמף קענען רוח און עקספּלואַטאַציע גופא. דאָס איז אָבער אַן אילוזיע, וועלכע ס'האָט געהאַט ניט נאָר דאָלצינאָ, נאָר אַ סך אויפגעקלערטע דענקער.

אין זיין ערשטען בריף, געשריבען אינ'ם יאָר 1300, זאָגט דאָלצינאָ פאָראויס פרידריך'ס נצחון איבער באָניפאַציוס דעם אַכטען, אויפ'ן יאָר 1303. באָניפאַציוס איז טאַקע געשטאָרבען אין דעם יאָר, אָבער ניט גע'הרג'ט פון פרידריך'ען, נאָר צוליב אַ סכסוך מיט דער גרויסער אדעלס־משפחה, די קאָלאָנאַס און מיט פיליפּ דעם פערטען פון פראַנקרייך, וועלכער איז נאָך געווען ענערגישער, פאַרבי־סענער און גייציגער פון באָניפאַציוס'ען *).

דער פּועל יוצא איז אבער געווען ניט דער שטורץ פונ'ם פּויפּסטום בכלל, נאָר די וואַל פון אַ רוהיגערען פּויפּסט, בענע־דיקט דעם ניינטען, וועלכער שליסט פרידען מיט פיליפּ'ען.

ווען זיין נבואה איז ניט מקוים געוואָרען, פאַרפאַסט דאָלצי־נאָ צוויי ווייטערע בריף, פון וועלכע דער צווייטער איז פאַרלוי־רען געגאַנגען. אין דעם ערשטען ערקלערט ער (דעצעמבער, 1303):

*) באָניפאַצ'ס דעם 8טענס סוף איז אַ גוטער ביישפּיל דערפאַר, אויף וויפיל וועניגער זיכער עס זיינען געווען אין רוים די פּויפּסטען אין דעם פרומען מיטעל־אַלטער, איידער אינ'ם מאַטעריאַליסטישען 19טען יאָרהונדערט. פיליפּ האָט געשיקט אַ געוויסען ווילהעלם נאָגאַרעט מיט גרויסע סומען געלט קיין איטאַליען. ער פאַרבינדט זיך דאָ מיט די קאָ־לאָנאַס. אין אַנאַגני איבערפאַלען זיי באָניפאַציוס'ען און נעמען אים געפאַנגען, רופענדיג: „נידער מיט'ן פּויפּסט". ער פאַלט אַריין אין אַ מורא'דיגען כעס, און די שלעכטע באַהאַנדלונג, וואָס ער מוז ליידען, פאַרגרעסערט נאָך דעם כעס. אַן אויפשטאַנד באַפרייט באָניפאַציוס'ען, אָבער כדי זיכער צו זיין פאַר די קאָלאָנאַס, מוז ער זיך איבערגעבען אינ'ם רשות פון די אָרסיני'ס, וועלכע האַלטען אים אויך געפאַנגען. דעריבער ווערט ער משוגע און דאָס מאַכט אַן ענדע צו זיין לעבען. מיט רעכט זאָגט וואָלטער: „אויף דעם אופן האָט מען באַהאַנדעלט אין אי־טאַליען כמעט אַלע פּויפּסטען: זיי פאַרטיילען קעניגרייכען און אין אייגענעם לאַנד ווערען זיי פאַרפאָלגט

די פאַרעהרער פונ'ם פּויפּסטום אין 19טען יאָרהונדערט האָבען גאָר ווייניג סבות זיך צוריקצואווינשען מיטעל־אַלטערליכע צושטאַנדען, און די היינטיגע גלחים־פרעסער האָבען גאָר ווייניג סבות באַזונדער צו שטאָל־צירען מיט זייער מוט.

אינ׳ם יאָר 1303, איז „חרוב געוואָרען, ווי ער האָט פּאָראויס־געזאָגט, באָניפאַציוס. אין דעם נייעם יאָר וועט דער׳הרג׳עט ווע־רען, דורך פרידריך דעם צווייטען, דער נייער פּויפּסט מיט זיינע קאַרדינאַלען, דאָס יאָר 1305 וועט ברענגען דעם טויט פאַר די נידריגערע גייסטליכע.

די נבואה זאָל אָבער נאָך וועניגער מקוים ווערען ווי די ערש־טע. פאַרקערט, בענעדיקט דער נײַנטער שליסט אויך שלום אין יאָר 1304 מיט דעם קעניג פון סיציליען, נאָכדעם, ווי ער פאַרגלייכט זיך מיט פראַנקרייך. דער סיצילישער קעניג קאָן אַל־זאָ ניט מער קומען אין באַטראַכט פאַר דאָלצינאָ׳ן אַלס פאַרבינ־דעטער.

באַלד נאָך דעם בריף — אָדער אפשר נאָך פריהער — טרעפען מיר דאָלצינאָ׳ן אין איטאַליען. ער פאַרלאָזט זיין זיכער באַהעל־טעניש און ברעכט איין מיט אַ מחנה באַוואַפענטע קיין פּיע־מאָנט, כדי אָנצוהויבען אַן אָפענעם קאַמף קעגען קירכע, שטאַט און געזעלשאַפט — דער ערשטער פאַרזוך פון אַ באַוואַפענטען קאָמוניסטישען אויפ־שטאַנד אין די מערב לענדער.

די האָפנונג אויף פרידריך׳ען האָט אים באַטראָגען, אָבער אַן אַנדערער העלפער פון אַ גאַנץ אַנדערען רעוואָלוציאָנערען כח ווי אַ מאָנאַרך, וואָס האָט זיך צוקריגט מיט׳ן פּאַבסט, שטעלט זיך אין די רייהען פון די קאָמוניסטען: די פּויערים. אַ דאַנק זיי האָט דער אויפשטאַנד זיך געקאָנט האַלטען ביז דעם יאָר 1307. דער אויפשטאַנד פאַר אַ באַנייאונג פון דער געזעלשאַפט אינ׳ם זין פון אורקריסטענטום ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ פּויע־רים־קריג.

## 4. די עקאָנאָמישע יסודות פון די פּויערים-קריגען.

פּויערים־מלחמות זיינען קיין זעלטענהייט ניט אין די לעצטע יאָרהונדערטען פונ׳ם מיטעלאַלטער. אומעטום איז געווען אָננע־זאַמעלט גענוג ברענ־שטאָף, און עס איז גענוג געווען אַ פונק, עס זאָל זיך צעפלאַקערען אַ פייער.

כדי דאָס קלאָר צו מאַכען, מוזען מיר קודם באַלויכטען די ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער לאַגע פון דעם פּויערטום, אלס פועל־יוצא פון דער אַנטוויקלונג פון די שטעט.

אין די שטעט אַנטשטעהט אַ מאַרק ניט בלויז פאַר אינדוסטרי, נאָר אויך פאַר לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען. וואָס מער די שטאָט וואַקסט זיך פאַנאַנדער, זיינען די שטאָט־בירגער, — סוחרים און האַנט־ווערקער, — אַלץ וועניגער ביכלות צו פּראָדוצירען אַלע לעבענס־מיטעל און רוי מאַטעריאַלען, וועלכע זיי באַדאַרפען. זיי קויפען אָפּ ביי די קליינע און גרויסע פאַרמערס אין דער שכנה־שאַפט דעם איבערפלוס, וועלכען יענע פּראָדוצירען אַריבער דעם אייגענעם באַדאַרף און פאַרקויפען זיי אינדוסטרי־פּראָדוקטען, וועלכע זיי פּראָדוצירען אַליין אָדער אימפּאָרטירען, אָדער זיי גיבען זיי געלט. די פּויערים באַקומען איין האַנט אַריין געלט. דער נאַטירליכער רעזולטאַט דערפון איז, אַז זיי שטרעבען דערצו, צו פאַרבייטען זייער חוב פון נאַטוראַל־אָפּגאָבען און פּאַנשטשיזנע אויף מזומן. די פּריצים זיינען מיט דעם בייט אויך צופרידען, ווייל זיי הויבען אָן זיך צו נויטיגען אין געלט. ביי די פּויערים איז דער וואונש פאַרשטענדליך, ווייל זיי ווערען דאַדורך פרייע מענשען, וואָס קאָנען פריי שאַלטען און וואַלטען איבער זייער האָב און גוטס.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָס שטרעבען פוןביידע קלאַסען אין איין־און־דערזעלבער ריכטונג שאַפט אַ האַרמאָניע און צופרידענקייט, אַ טעות! מיר האָבען שוין דאַרויף אָנגעוויזען, אַז בשעת דעם סיסטעם פון נאַטוראַל־אָפּגאָבען, האָבען די פּריצים ניט געהאַט קיין גרויסען פאַרלאַנג זיי צו פאַרגרעבערען: דער חשק נאָך מער האָט געהאַט זיין גרעניץ אין די פיזישע באַדערפנישען פונ׳ם פּריץ און פון זיין סביבה. די תאוה אָבער נאָך געלט האָט קיין שיער ניט, ווייל צופיל געלט קאָן מען קיינמאָל ניט האָבען, סע ווייזט זיך איצט דערפאַר אַרויס ביי די פּריצים אַ פיל שטאַרקערער פאַרלאַנג צו פאַרגרעסערען די אָפּגאָבען פון די פּויערים. גלייכצייטיג וואַקסט אָבער אויך דער געגענדרוק, אַזוי לאַנג די פּויערים קאָנען ניט פאַרקויפען זייער איבערפלוס פון די פּראָדוקטען, איז פאַר זיי ניט שווער דאָס אָוועקצוגעבען דעם פּריץ. אַזוי ווי אָבער עס געפינט זיך דערפאַר אַ מאַרק, הייסט אָוועקגע־

בען דעם פּריז דעם איבערפלוס אָדער בכלל דאָס געלייזטע געלט, זיך אָפּזאָגען פון פאַרגעניגען.

צו דער באַדינגונג קומט צו נאָך אַ צווייטע. פ א ר דער אַנט־וויקלונג פון די שטעט האָט דער פּויער ניט געהאַט וואוהין צו אַנטלויפען פאַר דעם אונטערדריקער. די שטאָט ווערט אָבער איצט אַ מקום מקלט און ניט איינער נוצט אויס אָט די געלעגענהייט. אַנדערע, רייכערע פּויערים, פאַרשטעהען אויסצונוצען די פּי־נאַנציעלע דאגות פון זייערע פּריצים, כדי זייער אָפּגאָבען־פליכט געזעצליך אָפּצוקויפען, אַזוי ווערט די צאָל פון די אָפּגאָבען־פליכטיגע וואָס קלענער, און דער פּריצישער הויף ליידט דערפון. אין דערזעלבער צייט אַלזאָ, ווען ביי די פּויערים ווערט אונטער דעם איינפלוס פון דעם שטאָט־וועזען גרעסער דאָס באַשטרעבען, אַראָפּ־צוּוואַרפען פון זיך די עקזיסטירענדע שווערע לאַסטען אָדער זיך פון זיי אויסצוקויפען, וואַקסט ביי די פּריצים אַלץ מער דאָס באַשטרעבען, די פּויערים נאָך ענגער צו פאַרקניפּען מיט'ן „הויף" און זייערע אויפגאַבען צו פאַרמערען.

און דערצו קומט נאָך אַ דריטע סתירה. דורך דעם, וואָס די פּראָדוקטען פון דער לאַנדווירטשאַפט באַקומען אַ ווערט, באַ־קומט אויך אַ ווערט דער באָדען, פון וועלכען זיי שטאַמען. און ניט נאָר דער שוין באַאַרבייטער באָדען. בעת די שטעט ווערען מעכטיג און אָנגעזעהן, זיינען שוין פאַרביי די צייטען, ווען די באַ־פעלקערונג איז געווען אַזוי שיטער צעזייעט, אַז עס האָט זיך גע־דאַכט, ערד איז דאָ אָהן אַ שיעור; ווען יעדער, וואָס האָט נאָר געוואָלט דעם באָדען באַאַרבייטען — און דאָס האָט געמעגט זיין אַ פּויער אָדער אַ גרויסער פּרינץ מיט זיינע אייגענע פּויערים אָדער אַ פאַראייניגונג פון מאָנאַכען — האָט געקאָנט קריגען אַזוי פיל ערד פון דער מארקגענאָסענשאַפט אָדער פונ'ם לאַנד־הער, וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט און באַדאַרפט. כאָטש עס האָט נאָך אַ סך געפעלט דערצו, אַז דער גאַנצער באָדען זאָל שוין ווערען באַאַר־בייט, איז אָבער דאָך די באַפעלקערונג שוין געווען אַזוי געדיכט, אַז דער באָדען ווערט ניט מער באַטראַכט ווי אַ הפקר־זאַך. מען הויבט אָן צו באַטראַכטען דעם באַזיץ פון באָדען פאַר אַ פּריווי־לעגיע, און דערצו נאָך פאַר אַזאַ וויכטיגער, אַז עס געהען באַלד אָן

וועגען דעם די היציגסטע קאמפען. פון איין זייט שליסען זיך אָפּ די מאַרקגענאָסענשאַפטען און ערקלערען זייער גאַנצען באָדען פאַר א — בשותפות'דיג פּריוואַט־אייגענטום פון די פאַמיליען, פון וועלכע די גענאָסענשאַפט איז באַשטאַנען. פון דער אַנדערער זייט אָבער טראַכטען די גרונד־הערען, וועלכע האָבען דאָך אַזאַ באַדייטענדע מאַכט אין דעם מאַרק, צו פאַרכאַפּען דאָס אייגענ־טום פון דעם באָדען און עס צו פאַרוואַנדלען אין זייער פּריוואַט־אייגענטום. זיי נעמען צו ביי די מאַרקגענאָסען דאָס אייגענטום־רעכט און ווילען זיי אָפּ'פּטר'ען מיט באַנוצונגס־רעכט.

וואָס גרעסערע פאַרשריטען עס מאַכט די עקאָנאָמישע אַנט־וויקלונג, אַלץ שאַרפער ווערען אַלע געגענזאַצען, אַלץ גרעסער די פאַרביטערונג צווישען פּריצים און פּויערים, אַלץ לייכטער קומט עס צווישען ביידע צדדים צו צוזאַמענשטויסען, וועלכע טראָגען צומייסט א לאָקאַלען כאַראַקטער; ביי געוויסע אומשטענדען פאַר־שפּרייטען זיי זיך אָבער איבער גאַנצע פּראָווינצען, גאַנצע לענדער און פאַרוואַנדלען זיך ממש אין קריגען — פּויערים־קריגען.

דער קריגס־גליק בייט זיך בשעת די קאַמפּען. בכלל אָבער קאָן מען זאָגען, אַז אין 13טען און 14טען יאָרהונדערט — אין איטאַליען שוין פריהער — פאַרבעסערט זיך די לאַגע פון די פּויערים שטענדיג, הגם זיי האָבען דאָ אָדער דאָרט א מפּלה.

די סבות דערפון האָבען מיר שוין צום טייל דערמאַנט. אין די שטעט האָבען די פּויערים א שטיצע און זיי נוצען זי אויס. יוריסטישע פאַרשקלאַפונג און אפילו פיזישער צוואַנג נוצען ניט פיל, ווען דער פּויער קאָן צו יעדער צייט געפינען שוץ אין שטאָט. כדי זיך זייער ארבייטס־כח צו דערהאַלטען, מוז זיך שוין דער גרונד־הער מטריח זיין און זיי בעסער באַהאַנדלען און זייער לאַגע פאַר־בעסערען.

דערצו קומען נאָך די פינאַנציעלע דאגות פון די פּריצים. אין 12טען יאָרהונדערט זיינען שוין די קריסטען געוועזען גענוג שטאַרק, ניט נאָר אום זיך צו וועהרען געגען די שונאים, וואָס גרייפען זיי אָן, נאָר אויך אום אויפצוטרעטען אָפענסיוו געגען די יעניגע, וועמעס עשירות און קולטור עס ציהען צו זיך צו די רוי־בערישע אינסטינקטען פון די קריגער און פּריסטער: געגען די

אָריענטאַלען. אין די קרייץ־צוגען באַטייליגען זיך פון אָנהויב אָן די אוואַנטיוריסטישסטע פעאָדאַל־פּריצים פון אַלע לענדער. אָבער די קרייץ־צוגען האָבען א געוויסע ענליכקייט מיט דער היינטיגער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק: אָנגעהויבען מיט גרויסע אילוזיעס, ענדיגען זיי זיך גאָר מיאוס, זייערע רעזולטאַטען שטעהען ניט אין קיין שום פּראָפּאָרציע צו די קרבנות, וואָס זיי קאָסטען. אין איין פּונקט אונטערשיידען זיי זיך אָבער פון דער היינטיגער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. א דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער „שטאַטס־אידעע", איז עס היינט דער שטאַט, וועלכער באַצאָלט די קאָסטען פון דער פּאָליטיק, דאָס הייסט די שטייער־צאָלער, די מאַסע פון דער באַפעלקערונג. די נוצען אָבער האָבען איניגע אוואַנטוריסטען און סוחרים.

אין „פינסטערען" מיטעלאַלטער איז דאָס אַנדערש געווען. א שטאַטס־געוואַלט אין אונזער זין עקזיסטירט נאָך ניט. די פּריצים, וואָס געהען אין אָריענט, כדי רייך צו ווערען, טוען דאָס אויף אייגענע קאָסטען, ניט אויף שטאַטס־קאָסטען; און אַז די עקספּעדיציע ברענגט קיין רעזולטאַטען ניט, האָבען ז י י דעם פאַרלוסט, נימ דער שטאַט. די קרייץ־צוגען האָבען באַרייכערט אַ סך שטעט, בפרט אין איטאַליען, ווי מיר האָבען דאָס שוין אויבען דערמאָנט, האָבען אָבער רואינירט א גרויסען טייל פון'ם אייראָפּעאישען אדעל. ביים איבריגען אדעל ווערען אָבער געוועקט באַדערפענישען נאָך די פּראָדוקטען פון א העכערער קולטור, וועלכע מען קאָן אין איירָאפּא קריגען נאָר פאַר שווער געלט. קיין וואונדער, וואָס דאָס געלט־באַדערפניש ביים אדעל וואַקסט גאָר שנעל. דער פּועל יוצא דערפון איז א שטרעבען, דעם פּויער שטאַרקער צו עקספּלואַטירען, פון דער אַנדערער זייט פירט דאָס אָבער אויך דערצו, אַז דער גרונד־הער פאַלט אריין אין חובות און, כדי צו קומען צו געלט, מוז ער דערצו מסכים זיין, דער פּויער זאָל זיך אויסלייזען פון זיינע אָפּגאַבען מיט א סומע געלט. דער גרויסער אדעל ליידט פאַרהעלטנישמעסיג ווייניג פון די פאַרהעלטנישען, דער קלענערער אָבער קומט אין יענער צייט שטאַרק אַרונטער און פאַרלירט כמעט אזוי ווי אין גאַנצען זיין זעלבסטשטענדיגקייט.

ענדליך איז צו באַמערקען נאָך א זאַך. בשעת די באַפעלקע־

רונג וואקסט, פירט דאָס אָפּשליסען זיך פון די מאַרקגענאָסענשאַפטען און זייער אַנעקסיע דורך די גרונד־הערען דערצו, אַז פּאַר די פּויערים ווערט שווער צו באַקומען לאַנד. דער צואוואוקס פון דער באַפעלקערונג ווערט צוליב דעם געצוואונגען צו זוכען זיין חיונה אויסער דער לאַנדווירטשאַפט, הויפּטזעכליך אינ׳ם שטאָטישען האַנדווערק אָדער אין דער ק ר י ג ס ־ ד י נ ס ט. אחוץ די פינאַנציעל רואינירטע נידריגערע אַדעליגע, געהט די געזונטע דאָרפישע יוגענד אַלץ מער איבער צום סאָלדאַטען־דינסט. זי געהט איבער אין דינסט פון גרויסע פּריצים, וועלכע צאָלען איר גאַנץ גוט און זאָגען איר צו גאָלדענע בערג, פון די רייכע שטעט, פון פירשטען אָדער פון איינצעלנע גליקליכע קריג־אָנפירער, וואָס הויבען אָן צו מאַכען אַ געשעפט פון דעם קריגס־דינסט און פאַרדינגען זיך מיט זייערע באַנדען.

נעבען דעם חיל פון דער פעאָדאַלער קריגער־קאַסטע, דעם חיל פון די רייטער, דעם „ריטערהער", אַנטשטעהט איצט אַ חיל פון געדונגענע פּויערים — דאָס פוס־פאָלק באַקומט ווידער אַ מיליטערישע באַדייטונג.

אָבער די דאָזיגע געדונגענע פּויערים זיינען אין דער רעגעל נאָך ניט קיין פּראָלעטאַריער, נאָר פּויערים־זין, וואָס קערען זיך אום צוריק אַהיים נאָך דער פאַרענדיגונג פונ׳ם קריגס־דינסט, אויב זיי האָבען נאָר „פאַרדינט" אַ סך געלט און גוטס, אַהיים, כדי זיך ווידער צו באַטייליגען אין די ארבייטען פון זייער פאַמיליע אָדער צו גרינדען אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט. און מיט זיך ברענגען זיי מיט וואַפען און די פעהיגקייט זיך צו ווערען. די ריטער פונ׳ם 14טען און 15טען יאָרהונדערט האָבען גענוג אָפט געשפּירט די געפאַר פונ׳ם גענועזיישען און ענגלישען בויגען, פונ׳ם שווייצערישען שפּיז, פונ׳ם בעהמישען מאָרגענשטערן און אַנדערע וואַפען.*) די וועהר־פעהיגקייט האָט אָהן אַ ספק אַ סך געהאָלפען צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די פּויערים אין יענער צייט.

אין איטאַליען האָט זיך קודם אַנטוויקעלט דער שטאָטישער

*) וועגען דער טאַקטיק פון די שווייצער אין יענעם יאָרהונדערט, פגל. ק. ב י ר ק ל י, „דער אמת׳ער ווינקעלריד". צוריך, 1886.

כאראקטער אין מיטעלאלטער, ווי מיר ווייסען דאָס שוין. דאָרט אנטשטעהען אויך קודם כל געגענזאצען צווישען גרונד־הערען און פויערים, ווי מיר האָבען דאָס ערשט אויסגעפירט.

אָבער אין איטאַליען קומט אויך פאָר אַ כאראקטעריסטישע ערשיינונג, וועלכע איז מסוגל, באזונדערס צו פארשארפען די דאָזיגע געגענזאצען: ד ע ר א ב ס ע נ ט י ז ם.

אין אלטערטום האָבען די גרויסע גרונד־באזיצער פון איטאַליען (גראַד אזוי ווי פון גריכענלאנד) געלעבט מערסטענס אין די שטעט. די איטאַליענישע שטעט פונם מיטעלאלטער, וועמעס פארבינדונג מיט די אנטיקע טראדיציעס עס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, האָבען לכתחילה געהאט א נייגונג אריינצוציען דעם דאָרפישען אדעל אין זייערע מויערן. ווען זיי ווערען אזוי מעכטיג, אז זיי באהערשען דאָס פלאַכע לאנד, צ ו ו י נ ג ע ן זיי אים צו פארבייטען זיין דאָרפישע רעזידענץ אויף א שטאָטישער. מאנכע שטעט צווינגען אפילו די אדעליגע, צו וועלכע זיי אונטער־ווארפען זיך דערצו, זיי זאָלען זיך נעמען צו עפּעס אן ארבייט. די פּאָליטיק, וואָס האָט געטריבען דעם אדעל פון איטאַליען אין די שטעט אריין, איז געווען א פועל יוצא פון דיזעלבע מאָטיווען, צוליב וועלכע די פראנצויזישע קעניגען פונ׳ם 17טען און 18טען יאָרהונדערט האָבען געצוואונגען די אדעליגע פון זייער לאנד, זיי זאָלען פארלאָזען זייערע שלעסער און פארברענגען זייער לעבען אויפ׳ן קעניגליכען הויף. די זעלבסטשטענדיגקייט פונ׳ם אדעל ווערט צעבראָכען און גלייכצייטיג פארגרעסערט עס דעם גלאַנץ און דעם אָנזעהן — דאָ פונ׳ם הויף, דאָרט פון דער שטאָט. אָבער פאר דער איטאַליענישער דאָרפישער באפעלקערונג אנטשטעהען דורך דעם אָפט עהנליכע צושטענדען, ווי עס האָבען געהערשט אין פראנקרייך פאר דער רעוואָלוציע.

וואו עקספּלואטאטאָרס און עקספּלואטירטע לעבען צוזאמען, וועט נעוועהנליך די עקספּלואטאציע ניט אָננעמען אזעלכע מיאוס׳ע פאָרמען, ווי דאָרט, וואו זיי זיינען ווייט פאנאנדער. דאָס צוזאַמענלעבען שאַפט ניט נאָר א געוויסע געמיטליכע געמיינשאפט, נאָר אויך א אינטערעסענגעמיינשאפט, וועלכע איז גובר מאנכע געגענזאצען. פאר דעם פּריץ, וואָס לעבט אין דאָרף מיט זיינע פּוי־

ערים איז עס ניט גלייכגילטיג אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זיין סביבה געפינט זיך, אויב זי דערפרייט אָדער באַליידיגט זיינע חושים, אויב זי איז אַן אָרט פון פיעבער׳ן, וואָס זיינען אַ סכנה פאַר אים און זיין משפחה, אָדער אַן אָרט פון בליהענדער געזונדהייט.

דער גרונד־הער, וואָס לעבט אין שטאָט, האָט ניט קיין אינ־טערעס און ניט קיין פאַרשטענדניש פאַר זיינע פּויערים; פאַר איהם קומט ביי זיין באַזיץ נאָר אַ י י נ ס אין באַטראַכט, זיין רוח. מעג זיין לאַנד ווערען אומבאַוואוינבאַר און אַ מדבר, דערצו איז ער גלייכגילטיג, אויב עס הערט נאָר ניט אויף צו ברענגען אַזוי פיל רוח, ווי פריהער. די רוימישע קאַמפּאַניאַ איז דער בעסטער עדות דערפאַר, וואָס עס קומט סוף כל סוף אַרויס פון אַזאַ ווירט־שאַפט.

נאָך אינ׳ם 15טען יאָרהונדערט איז קאַמפּאַניאַ געוועזן גוט באַפעלקערט, באַזעצט מיט אַ סך דערפער. היינט איז זי אַ זומ־פּיגע מדבר, וואו עס לעבען אַ טאָג נאָר אָקסען און — די מאַלאַריאַ.

צו דעם אבסענטיזם קומט אין מיטעלאַלטערליכען איטאַליען נאָך צו דער אומשטאַנד, וואָס דער שטאָטישער לעבען פילט באַלד אָן דעם אַדעל מיט קאַפּיטאַליסטישען פיהלען און דענקען. קיין וואונדער, וואָס דער ערד־בוי ווערט אין איטאַליען אַ קאַפּיטאַליס־טישע אונטערנעמונג פריהער, ווי ערגעץ אַנדערש. וואו עס גע־לינגט ניט די פּויערים זיך אויסצוקעמפען דעם פרייען באַזיץ פון זייער גוט — און דאָס קומט פאָר גאָר זעלטען — ווערען זיי פעכטער אָדער טאָג־אַרבייטער אָהן וועלכען עס איז רעכט אויף דעם באָדען, וועלכען זיי פאַרבויען.

## 5. דער אויפשטאַנד פון דאָלצינאָ׳ן.

ווען דאָלצינאָ איז אריין קיין איטאַליען, האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבען די אַנטוויקלונג פון די צושטענדען, וועגען וועלכע מיר האָבען ערשט גערעדט, די געגענזאַצען זיינען שוין געוועזן. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז ער געווינט תיכף אַ סך אַנהענגער, ווי־באַלד ער גיט נאָר דעם סיגנאַל צום אויפשטאַנד.

מיר ווייסען ניט צי האָט דאָלצינאָ און זיינע חברים לכתחילה

געהאַט די כונה זיך צו פאַרבינדען מיט די פּויערים, אָדער צי איז ער דערצו געטריבען געוואָרען דורך די פאַרהעלטנישען. יעדענפאַלס, באַוואוסטזיניג, צי ניט, די לאָגיק פון די פאַקטען האָט זיי געטריבען דערצו, וויבאַלד זיי האָבען באַשלאָסען צו פאַרלאָזען דעם וועג פון מאָנאַכישער פּראָפּאַגאַנדאַ און באַטרעטען דעם וועג פון באַוואָפענטען אויפשטאַנד. מיט די קאָמוניסטישע פאַנטאַזיאָרען אַליין האָט מען דעמאָלט ניט געקאָנט מאַכען קיין פאַרזוך פון אַ געוואַלטזאַמער רעוואָלוציע. אַ חוץ זיי, זיינען די פּויערים געווען דער אומצופרידענסטער, רעוואָלוציאָנערסטער טייל פון דער באַפעלקערונג.

אָבער וויבאַלד די אַפּאָסטעל־ברידער פאַנגען אָן צו שטיצען זיך אויף די פּויערים פאַרלירען זיי אינגאַנצען דעם באָדען אונטער די פיס. עס ליגט אָן אומגעהייערע טראַגיק אין זייער שיקזאַל; דורך די צייט־אומשטענדען, דעם ראָזיגען פּאַטום, ווערען זיי געטריבען צו אַ שריט, וועלכער איז פאַר זיי אַ צווייישניידיג שווערט. בשעת ער באַדייט פאַר זיי די איינציגע מעגליכקייט פון אַ מיליטערישען נצחון, איז ער אָבער לכתחילה מבטל יעדען ווייטערען ערפאָלג און פירט קאָנסעקווענט צו אַ נידערלאַגע.

דאָס קלינגט אין ערשטען מאָמענט מיסטיש. אָבער אַ פּאָר ווערטער וועלען גענוג זיין דאָס קלאָר צו מאַכען.

די אַפּאָסטעל־ברידער זיינען געווען קאָמוניסטען און האָבען געוואָלט פאַרשפּרייטען זייער ווירקונג ווייטער אריבער די גרעניצען פון אַ צוויי־דריי געמיינדען. האָבען גע׳חלום׳ט וועגען עראָבערן רוים און איבערבויען די גאַנצע געזעלשאַפט לויט זייערע אידעאַלען. די פּויערים זיינען אָבער ניט געווען קיין קאָמוניסטען, לכל הפּחות ניט אינ׳ם זין פון די אַפּאָסטעל־ברידער. אין אַ געוויסען זין זיינען זיי אפילו יאָ געווען אָנהענגער פון בשותפות׳דיגען אייגענטום, אָבער נאָך פון פעלדער און וועלדער ; פאַר׳ן קאָמוניזם פון קאָנסום־מיטעל, דעם געגנצליכען אוועקגעבען האָב און גוטס פאַר דער געמיינשאַפט, ווערען זיי גאָר ווייניג נתפּעל. און בעת די קאָמוניסטען קאָנען זיך ניט אָפּשטעלען ביז זיי האָבען ניט איבערגעאַנדערשט די גאַנצע געזעלשאַפט, לאָזען זיך די פּויערים באַפרידיגען מיט אַ פּאָר קליינינקע קאָנצעסיעס מצד די גרונד־הערען — מיט דער פאַרניכטונג

פון געוויסע אָפּגאבען מיט דעם צוריקגעבען פון א פּאר שטיקלעך פעלד.

נאָך וויכטיגער איז אָבער, וואָס דער האָריזאָנט פון פּויערים איבערשטייגט ניט זייערע שמאָלע דאָרפישע און לאָקאלע אינטערע־סען. דאָס זעט מען באַשיינפּערליך ביי אלע פּויערישע אויפשטאנדען פון יענער צייט, וואו דער אינטערלאָקאלער צוזאמענהאנג פון די קאָמוניסטען איז ניט געווען גענוג שטארק גובר צו זיין אָט די ענגע פּאָליטיק, און דאָס איז געווען די סבה פון א סך זייערע מפּלות. יעדעס דאָרף מאכט אַן אויפשטאנד פאר זיך אליין און שליסט פרידען פאר זיך אליין, ניט קימערנדיג זיך לחלוטין וועגען די אנדערע. צוליב דעם ווערען זיי אין זייער אָפּגעזונדערטקייט לייכט באזיגט דורך דער צענטראליזירטער מאכט פון זייערע געג־נער.

די געשיכטע פון דאָלצינאָ'ס אויפשטאנד איז ניט קלאָר; ווען מיר ווילען זיך אָבער באנוצען מיט'ן רעכט פון אנאלאָגישע שלוסען, ווען מיר זאָלען אים פארגלייכען מיט אנדערע אויפ־שטאנדען, ווילען מיר באגרייפען א סך, וואס ווייזט אונז אויס אומ־באגרייפליך.

קודם באווייזט זיך דאָלצינאָ אין די אלפען פון פיערמאָנט. פון דאָרט לאָזט ער זיך אראָפּ אין טאָל און פארכאפּט די פעסטונג גאטינארא ביי פערצעללי. אחוץ אָרגאניזירטע גלויבענס־ברידער, א חוץ אוואנטיוריסטען און אנטלאָפענע סאלדאטען זיינען עס הויפּטזעכליך געווען די פּויערים, וואָס זיינען צו אים מאסענווייז געלאָפען. באלד האָט ער ארום זיך א חיל פון 5000 קעמפער, פאר יענער צייט שוין א בכבוד'ע ארמעע; ניט בלויז מענער, נאָר אויך פרויען, וואָס קעמפען ווי לייבען אונטער דער פירערשאפט פון מארגהעריטא'ן. *)

די עקספּלואטאטאָרס פון דער געגענט פארגעסען אלע זייערע

*) „די שוועסטער אָדער ווייבער זיינען געווען ניט ווייניגער מסוגל און ניט אומגעשיקטער צו העלדענטאַטען ווי די מענער. אָנגעטאָן אין מענער־קליידער, קעמפען זיי אין איין רייהע מיט די סאָלדאַטען און פעכטען פונקט אַזוי מוטיג און פארצווייפעלט, ווי די מענער".
מ א ס ה י ם, ז. 283.

סכסוכים; די בישאפען פון פערצעללי און נאַרוואַרא, ווי אויך די דאַרטיגע אדעליגע אין שטעדט באוואפנען א גאנצע ארמיי געגען די „בונטאָווטשיקעס"; אָבער די שלאכט ענדיגט זיך מיט א פולער נידערלאגע פון די עקספלואטאטאָרס, אזוי, אז זיי פילען זיך שוין אפילו ניט זיכער הינטער די מויערען פון דער שטאָט.

דאַלצינאָ'ס מאכט וואקסט געוואלטיג — אָבער דאַלצינאָ, דער אזוי ענערגישער, גלענצענדער פירער, נוצט ניט אויס דעם מאָמענט, ווען זיינע געגנער וואגען ניט, אים אקעגען געהן אויפ'ן פרייעם פעלד, כדי ווייטער צו מארשירען און דעם אויפשטאנד צו מאכען אלגעמיין, נאָר ער בלייבט אין סעזיא־טאָל, וואו דער אויפשטאנד האָט זיך אָנגעהויבען, און באנוגענט זיך דערמיט צו פלינדרען און צו צעשטערען מאָנאסטירען, שלעסער און שטעטלעך.

די דאָזיגע ערשיינונג איז דעמאָלט ניט קיין אומגעווענליכע, זי קומט פאָר אין אלע פויערים־קריגען. די פויערים פון וואלסעזיא האָבען ניט דעם מינדסטען אינטערעס צו פארשפרייטען די רעוואָלוציע אין אנדערע געגענדען. און מען קען זיי לייכט בארוהיגען, גלייך ווי אלע איבעריגע שכנ'ישע פויערים, וויבאלד מען מאכט זיי נאָר א פאָר קליינע קאָנצעסיעס. דאָס איז מסתמא אויך אין דעם פאל געשעהן, ווייל די עקספלואטאטאָרס אינ'ם געגענט זיינען שוין דורך זייער מיליטערישער מפלה אזוי געווען איבערגעשראָקען, אז זיי זוכען שוין אפילו צו פארנארען דאָלצינאָ'ן. זיי זאָגען אים צו ניט נאָר פולע אמנעסטיע (באגנאדיגונג), נאָר אויך דעם פאָסטען פון א קאָנדאָטיער (אָנפירער פון די טרופען) פון פערצעללי; דאָלצינאָ ווייזט אָבער דעם פאָרשלאג צוריק מיט פאראכטונג.

די פויערים האָבען אָבער אודאי יאָ באַקומען די קאָנצעסיעס, וועלכע זיי האָבען געוואָלט פועל'ן דורך זייער אויפשטאנד. פאר דעם זיינען ניטאָ קיין היסטאָרישע באווייזען, אָבער נאָר דורך ד ע ר השערה קאָן מען ערקלערען, פארוואָס דאָלצינאָ בלייבט אומטעטיג און די פויערים הויבען אָן אים צו פארלאָזען, בשעת זיינע שונאים זאמלען זיך.

דער קאָמוניסטישער אויפשטאנד בלייבט א לאָקאלער;

אָבער זיינע געגנער ווייסען גאַנץ גוט, אַז ער האָט מער ווי אַ לאָקאַלע באַדייטונג. עס מישט זיך אַריין די גרויסע אַינטערנאַ־ציאָנאַלע מאַכט פון יענער צייט, דאָס פּויפּסטום, און אָרגאַניזירט אַ קרייץ־צוג קעגען די רעבעלען.

און איצט איז זייער גורל פאַר'חתמ'עט. אַזוי ווי זיי קאָנען זיך ניט מער האַלטען אין טאָל, ציהען זיי זיך צוריק אין די בערג, און פון דאָרטען פירען זיי אָן אַ גאַרילאַ־קריג קעגען די קרייץ־צוגלער. דאָלצינאָ'ס גלענצענדער פירער־טאַלאַנט און דער העלדענטום פון זיינע חברים באַווייזען וואונדער אין דעם קאַמף.*) ניט איינמאָל נאָך געלינגט זיי צו באַזיגען זייערע געגנער אין אַ אָפּענער שלאַכט, אָפּט נאָך מאַכען זיי אָן שאָדענס דורך פּלוצים'דיגע איבערפאַלען. אָבער טראָצדעם שליסט זיך דער איי־זערנער רינג פון די געגנער אַלץ פעסטער אַרום די קאָמוניסטען, און גלייכצייטיג פאַרלירען זיי די גאַנצע סימפּאַטיע ביי דער דאָר־פישער באַפעלקערונג, וועלכע הויבט זיי אָן צו האַסען פאַר די אַלע צרות און ליידען, וועלכע דער קריג ברייינגט מיט זיך.

פונדעסטוועגען פאַרשטעהען עס די פּאַטאַרענער (ווי מען פלעגט אויך אָנרופען די אַפּאַסטעל־ברידער) צו פאַרשלעפען די אַנטשיידונג ביז צום יאָר 1307, און אויך דעמאָלט ווערען זיי באַ־זיגט נאָר פון דער נויט און דחקות. דאָס קרייץ־חיל זאָגט זיך אָפּ זיי צו באַזיגען מיט וואָפען, און באַנוגענט זיך מיט אויסהונגערען זיי (אין ווינטער 1306—1307).

„צו דעם צוועק האָבען קודם כל געמוזט אַלע בירגער און איינוואוינער פון די שטעדט און שטעטלאך נעבען דעם באַרג (אויף וועלכען די פּאַטאַרענער האָבען זיך באַפעסטיגט, לויט איינע צעבעללאָ, לויט אַנדערע מאָנטע רובעללאָ) פאַרלאָזען זייערע וואוינונגען, כדי די הערעטיקער זאָלען פון דאָרט ניט קאָנען מער־נעמען קיין געפאַנגענע און קיין לעבענסמיטעל", שרייבט מ אָ ס־ה י ם. דערנאָך האָט דער בישאָף ראַינערי פון פערצעללי, וואָס

*) נאָר איין ביישפּיל: איינמאָל האָבען 200 בירגער פון טרי־ווערא געוואָלט אָנגרייפען אַ פּלינדערנדע גרופּע פון דאָלציניסטען, זיי ווערען אָבער פאַרטריבען דורך 30 פרויען. ק ר אָ נ ע, א. אַ. אָ., ז. 80.

האָט אָנגעפירט די גאַנצע קריגס־אָפּעראַציע, געלאָזט אויפבויען פינף פעסטונגען אויף די ערטער, דורך וועלכע די אַפּאָסטעל וואָלטען געקאָנט אַם לייכטסטען אַנטלויפען. די פעסטונגען זיינען באַזעצט געוואָרען מיט שטאַרקע אָפּטיילונגען מיליטער. אַלע אַנדערע וועגען, סטעזשקעס און צוגאַנגען זיינען אַזוי גוט באַוואַכט געווען, אַז עס איז ניט געבליבען קיין לאָך אפילו, דורך וועלכען מען וואָלט געקאָנט אַריבערברענגען אויפ׳ן באַרג אַרויף פּראָוויאַנט, אָדער אַנדערע זאַכען.

אויף דעם אופן ערשט איז עס געלונגען צו ברעכען די קראַפט פון די „בונטאָוושטשיקעס".

פּראָסט און הונגער האָבען אַזוי אויסגעמאַטערט די באַלאַגערטע, אַזוי גרויס איז געוואָרען די נויט, אַז זיי נעהרען זיך פונ׳ם פלייש פון די געפאַלענע און געשטאָרבענע קאַמעראַדען. „די אַפּאָסטעל זיינען צולעצט געוואָרען אַזוי אויסמאַגערט, אַז זיי זיינען ענליכער געווען צו מתים, איידער צו לעבעדיגע מענשען" *).

זייער זאַך איז געווען פאַרלוירען, אָבער זייער ווידערשטאַנד דויערט ווייט. און אַזוי גרויס איז געווען דער פּחד פאַר די דאָזיגע מוטיגע קעמפּער, אַז די באַלאַגערער האָבען, טראָץ זייער גרויסער צאָל, ערשט דעמאָלט באַקומען מוט זיי אָנצוגרייפען, ווען איינגע אַריבערגעלאָפענע האָבען זיי פאַרראַטען, אַז די איינגעשלאָסענע זיינען פאַר שוואַכקייט ניט מער בכח צו האַלטען די וואַפען אין די הענט.

אַם 23טען מערץ, 1307, קומט פאַר דער שטורם. „אַ שלאַכטען איז עס געווען און ניט קיין שלאַכט". די באַלאַגערטע האָבען נאָך אַלץ גיך געוואָלט זיך אונטערגעבען, מיט די לעצטע כחות האָבען זיי געפירט אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף, אָבער די מערכטע פון זיי זיינען שוין געווען אַזוי שוואַך, אַז זיי האָבען שוין ניט געקאָנט מער אפילו שטעהן. אַ מורא׳דיג בלוט־באָד אַנטשטעהט. פון די 1900, וואָס האָבען אויסגעהאַלטען ביז צום סוף, ווערען כמעט אַלע אויס־גע׳הרג׳עט, נאָר ווענינע געלינגט עס צו אַנטלויפען און נאָר אַ פּאָר ווערען גענומען געפאַנגען. צווישען די לעצטע געפינט זיך דאָל־

*) מ אָ ס ה י י ם, ז. 287.

צינאָ און מארגהעריטאַ, וועלכע דער בישאָף האָט בפרש געהייסן שווינען, ווייל אַ שנעלער טויט אויפ׳ן שלאַכטפעלד האָט זיך איש אויסגעוויזן אַלס אַ צו קליינער שטראָף פאַר זיי.

די פרייד פון אַלע פויפּסטליכע פריינד איבער דעם ענדליכען דערשטיקען פון דעם געפערליכען פייער איז געווען נאָר גרויס. הגם דער אויפשטאנד איז געווען אַ ריין לאָקאַלער, האָט דאָך דאָס פויפּ־סטום בעסער פארשטאַנען זיין אינטערנאציאָנאַלע באדייטונג, איידער די פויערים פון וואַלסעזיאַ. דער בישאָף ראַינערי שיקט תיכף נאָך דעם נצחון אייניגע פון זיינע קריגס־קאָמאַנדירען מיט דער בשורה צום פּאַפּסט קלעמענס דעם 5טען. און ער האַלט זי פאַר אַזוי וויכטיג, אַז ער שיקט תיכף איבער די ידיעה צום קעניג פון פראַנקרייך, פיליפּ דעם שעהנעם, און מסתמא אויך צו די אַנדערע פירשטען.

א י י ן טריאומף איז אָבער ניט באַשערט געווען דער זיגרייכער קירכע. וואָס איר איז שוין אַזוי אָפט געלונגען, געלינגט איר דאָ ניט. דאָ באַמיהט זי זיך אומזיסט צו צווינגען די ערעטי־קער דורך פייניגונגען זיך אָפּצוזאָגען פון זייער פאַלשער לערע. „מוטיג דערטראָגען ראָלצינאָ און מארגהעריטאַ די פייניגונגען, וואָס די גרויזאַמע ריכטער טוען זיי אָן; קיין שמערץ־געשריי רייסט זיך ניט ארויס פון דעם גלויביגען ווייב, קיין וואָרט פון קלאָג אָדער פון מוטלאָזיגקייט פון איר שטאַרק־הארציגען ליידענס־חבר. ניט דאָס מאַטערן און שניידען פון איינצעלנע גלידער פון זייערע קערפּער, ניט דאָס צעקוועטשען און שטעכען מיט שפּיזען און צאַנגען האָבען געקאָנט ארויסרופען פון זייער צוזאַמענגע־פּרעסטע ליפּען אַ קול פון פּראָטעסט אָדער בקשה" *).

זיי ווערען פאַר׳משפט צו דער געוועהנליכער שטראָף פון די ערעטיקער, צום שייטערהויפען. דאָלצינאָ׳ס אורטייל איז אויסגע־פירט געוואָרען דעם 2טען יוני, 1307, אין פערצעללי. מארגהע־ריטאַ איז פאַר׳משפט געוואָרען צוצוקוקען צו דער עקזעקוציע. אויך אין דעם שרעקליכען מאָמענט בלייבט די העלדענהאַפטע פרוי

*) קראָנע, „פראָ דאָלצינאָ", ז. 91. פון דאָנען זיינען אויך ארויסגענומען די וויטערע ציטאַטען.

שנאַ[illegible] האפט. „נאָך אַמאָל ווערען ביידע אויפגעאָפּפּערט זיך אָפּצוזאָגען, אָבער ווידער אָהן ערפאָלג. כדי צו פאַרגרעסערען די זועלען־קוואל פון דעם אומגליקליכען, האָבען די קנעכט צוגעבונדען מאַרגהעריטאַ׳ן צו אַ סלופּ אַקעגען דעם פייער פון דאָלצינאָ׳ס שייטער־הויפען, און בשעת זיין גסיסה מאַטערען זיי זי און פייניגען״.

מאַרגהעריטאַ ווערט שפּעטער אין ביעללאַ פאַרברענט. הגם דאָס נידריגערע פאָלק איז פאַרשראָקען און געדריקט צוליב דער בלוטיגער פאַרניכטונג פון די פּאַטאַרענער, טראָץ דעם רופט דער טויט פון דער מוטיגער קעמפּערין פאַר זיינע אינטערעסען פאָרט אַרויס זיין שטאַרקען פּראָטעסט. „מען מוז אָנווענדען וואפען־געוואַלט, כדי זיי צו פאַרהינדערען צו צעשטערען דאָס געריכט, וואו דער אורטייל ווערט אויסגעפירט״.

אַזוי ענדיגט זיך דער ערשטער קאָמוניסטישער אויפשטאַנד אין דער מיטעל־אַלטערליכער געזעלשאַפט. ער איז לכתחילה געווען פאַר׳משפט אונטערצוגעהן. דער שטראָם פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג געהט אין יענער צייט אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג.

אָבער ער איז ניט אונטערגעגאַנגען אָהן קיין רושם. ווי די זיגער — די איינציגע, פון וועלכע מיר האָבען די ידיעות — האָבען זיך באַמיהט צו באַשמוצען די באַזיגטע דורך פעלשונגען און רכילות, איז זיי פאָרט ניט געלונגען אויסצולעשען איננאַנצען די ערינערונג אָן זייער גרויסען העלדענטום. אַפילו די נייערע געשיכטע־שרייבער זיינען געצוואונגען יענע באַוועגונג צו אַנערקענען, און צו באַוואונדערען, הגם זיי מוזען קאָנסטאַטירען מיט באַדויערען די אוממעגליכקייט צו לייקענען, אַז אין דאָלצינאָ׳ס פּלאַן איז געווען דער קאָמוניזם און אויך דער קאָמוניזם פון פרויען״. (ק ר אָ נ ע).

אין די פאָלקס־לידער און לעגענדען לעבט נאָך לאַנג די ערינערונג פון דעם אויפשטאַנד פון די פּאַטאַרענער און פון די פּויערים קעגען דער קירכליכער און אַדעליגער עקספּלואַטאַציע, בפרט אין די טאָלען פון פּיעמאָנט, אָבער אויך אין גאַנץ איטאַליען. נאָך אין יאָר 1372 גיט גרעגאָר דער 9טער אַרויס אַ בוללע קעגען

דעם כבוד, וועלכען מען טוט אָן אין סיציליען די ביינער און דעם שטויב פון די פּראַטיצעללען און דאָלציניאַנער, גלייך עס וואָלטן געווען רעליקוויען. די סעקטע גופא איז אויך ניט גאַנץ אויסגע־שטאָרבען. אין דרום־פראַנקרייך בלייבען נאָך אַ סך אָנהענגער, אַזוי אַז אין יאָר 1368 באַשליסט אַ קירכענפאַרזאַמלונג אין לאַטור אַ באַזונדער געזעץ וועגען זיי און לאָזט אַרויס אַ באַ־פעל, מען זאָל זיי כאַפּען אומעטום, וואו מען געפינט זיי נאָר און איבערגעבען די בישאָפען צו באַשטראָפען.

אָבער קיין באַדייטונג באַקומט די סעקטע קיינמאָל ניט. אין איטאַליען האָבען זיך געענדיגט די צייטען, ווען אַ הערעטישע באַוועגונג וואָלט זיך געקאָנט אַנטוויקלען. די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען זיינען פון'ם 14טען יאָרהונדערט אָן צו שטאַרק פאַרקניפּט מיט דעם פויפּסטום, און די מלוכה־געוואַלט פון די הערשענדע קלאַסען איז אין איטאַליען שוין צו דער צייט געווען אַזוי אַנטוויקעלט, אַז אַ קאָמוניסטישע, הערעטישע באַווע־גונג פון די נידעריגסטע פאָלקס קלאַסען זאָל קאָנען באַקומען אַ גרעסערע באַדייטונג.

אויסער איטאַליען אָבער פאַרשמעלצען זיך די רעשטען פון די אַפּאָסטעל ברידער באַלד מיט ענליכע סעקטען, וואָס שטעהען זיי נאָהענט, בפרט מיט די וואַלדענזער און מיט די בעגאַרדען.

3 1761 07368452 4